STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03714

SHOLEM ALEYKHEM'S VERKE

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם'ס ווערקע

ארעמע און פריילינכע

פינפטער באנד

טאגעבלאטט'ס פרעמיום אויסגאבע

נויארק

תרע"ב—1912.

אינהאַלט

— פון —

פינפטען באַנד

1) די גרויסע בהלה.
2) די פרעהליכע קאָמפּאַניע.
3) איין אַגענט.
4) דאס נייע כתרילעווקע.
5) אַלעמען גלייך.
6) די רעוואָלוציע אויף יענער זייט סמבטיון.
7) צוויי אַנטיסעמיטען.
8) אקדמות.
9) מיין ערשטער ראָמאַן.
10) מילכיגם.
11) מיין חסיד.
12) מענשען.

די גרויסע בהלה פון די קליינע מענשעלעך.

א פאעמע.

קאפיטעל א.

וואו דער מחבר שמועסט זיך אוים אביסעל מיט זיינע יודען.

אפנים, אז כתריליווקע איז שוין אנגעצייכענט געווארען מן השמים, אז די דארטיגע יודען בעדארפען האבען מעהר צרות פון דער גאנצער וועלט. וואו ערגיץ א מכה, וואו ערגיץ א שלאק, א פירעניות, אנ'אומגליק, אנ'אנשיקעניש, א ביזו בעגעגעניש, — בעדארף עם זיי ניט אויספעהלען, און פון איטליכער זאך בעדארפען זיי זיך נעהמען צום הארצען מעהר פון דער גאנצער וועלט. מילא, פון דרייפוסען, אויב איהר געדענקט, איז קיין חדוש ניט, וואס כתריליווקע האט אזוי געליטען: פארט א אונזעריגער, אנ'אייגענער; אייגענם איז, ווי זאגט איהר, ניט קיין פרעמדם. וואס־זשע פאר א תירוץ וועט איהר מיר אויסזוכען אויף די בורען, וואס די ענגלענדער האבען זיי איינגענומען און געמאכט פון זיי א תל? קארג האט זיך געטהון דעמאלט אין כתריליווקע? וועה ווע‌ה, קארג איז דענסטמאל בלוט פערגאסען געווארען אינ'ם אלטען כתריליווקער בית־המדרש איבער דעם? שאט, שרעקט זיך ניט, איהר מיינט טאקי בלוט ממש? חס וחלילה! די כתריליווקער זענען וויים פון בלוט; א כתריליווקער, אז ער דערזעהט פון דער וויטען א שניט פון א פינגער, פאלט ער חלשות. מיינען מיינט מען גאר עפים אנדערש; מיינען מיינט מען יסורים, הארצוועהטאג, בזיונות. און איבער וואס מיינט איהר? נאר איבער דעם, וואס מענשען קאנען זיך ניט אויסגלייכען מיט די דעות; זאגט דער אזוי, זאגט דער — טאמער פארקעהרט? האלט דער מיט די בורען און נעהמט זיך אן זייער קריוודע: סטייטש וואס האט מען נעבעך צו איין ארעם

פאלק, וואס טשעפעט קיינעם ניט, וואס וויל זיך זיצען שטיל און רוהיג ארבייטען די ערד? קומט דער אנדערער און ווערט א שתדלן פאר'ן ענגלענדער, באווייזט אוים מיט ראיות, אז די ענגלענדער זענען די ערשטע געבילדעטע לייט אויף דער וועלט. ממזר! וואס מיר געבילדעטע, אז מע בראקט מענשען אזוי ווי קרויט! — „ווער איז אייך שולדיג, אז איהר זענט א בהמה?“ — „א בהמה זענט איהר גאר אליין בצורת פערד!“... בקצור — פעטש, עדות, פאפירען, מיראוואי, אלדי חלשות! דאכט זיך אין פלוג וואס קעהר זיך אן מיט אייך, קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים, דלתים, שלעפערס, א לאנד וואס ליעגט ערגעץ פער-שטעקט אין אלדע שווארצע יאהר אין אפריקא? צי א שטייגער אייך דארף טאקי דארען דער קאפ פאר סערביע, וואס עטליכע אפיצירען האבען זיך מישב געווען און האבען איין מאל אין מיט'ן ביינאכט זיך אויפגעחאפט, אנגעפאלען און געהרג'ט דעם קיסר אלכסנדר און די קיסרינע דראגע און ארויסגעווארפען זיי דורכ'ן פענסטער אין דרויסען ארוים? סטייטש, זאגט איהר, אנפאלען אויף יענעם בשעת ער שלאפט און מאכען איהם די קץ, דאס פאסט, זאגט איהר, פאר פראים, ווילדע מענשענפרעסער, דארטען ערגיץ, אין די מדבריות? איך פרעג אייך, אבער אנ'אנדער זאך: וואס געהט דאס אייך אן מעהר פון אלעמען? איהר האט שוין טאקי מעהר קיין שום דאגות ניט? חתונה געמאכט און פערזארגט אלע קינדער און אנ'עק? איך פרעג אייך, למאי זאלט איהר האבען א טבע ארייננשטעקען אומעטום די נאז אייערע? גלויבט מיר, די וועלט וועט זיך באגעהן אהן אייך און איטליכער וועט זיך מסתמא באשטעהן זיין שטעדטיל!...

דער מחבר בעט דעם לעזער, ער זאל קיין פאראיבעל ניט האבען, וואס ער רעדט אזעלכע הארבע ווערטער מיט זיינע כתריליווקער לייט! איך בין, פארשטעהסט דו מיך, ליבער פריינד, אליין א כתריליווקער. דארט בין איך געבאהרען, דארט בין איך אויפגעוואכסען, דורכגעגאנגען אלע זייערע חדרים און שקאלעס, דארט האב איך חתונה געהאט למזל און זיך אוועקגעלאזט נאכדעם מיט מיין קליין שיפעל אויף דעם גרויסען ברייטען רעש'עדיגען ים, וואס מען רופט איהם „לעבען“ און וואס די חוואלעס זיינע ווארפען העכער הייזער, און חאטש מע איז שטענדיג אינ'ם דאזיגען טומעל פארטארעראמט און פארטראסקעט, פון דעסטוועגען האב איך נאך אויף קיין מינוט ניט פארגעסען מיין זיסע ליבע היים כתריליווקע זאל מאריך ימים זיין, מיט מיינע ליעבע זיסע ברידער די

כתריליוקער יודען, זאלען זיך פרובפערען און מעהרען; און אלע מאל, ווען עס טרעפט זיך דא ביי אונז עפּים אנ'אויסגאס, א צרה, א בראך, אנ'אומגליק, טראכט איך מיר בשעת מעשה: וואס טהוט זיך אצונד דארטען, אין מיין פאטערלאנד?... כתריליוקע, דארפט איהר וויסען, ווי קליין און ארעם און עלענד און פארווארפען דאס זאל ניט זיין, איז דאך געבונדען מיט דער גאנצער איבעריגער וועלט ווי מיט א מין דראט אזעלכען, וואס אז מען גיט א קלאפ אין איין עק גיט זיך עס אב באלד אינ'ם אנדערען עק! אדער איך קאן זאגען אזוי: כתריליוקע איז געגליכען צום קליינעם קינד אין דער מאמעס בויך, וואס איז געבונדען, צעניפגעוואכסען מיט דער מוטער דורכ'ן נאפעל און פיהלט אלסדינג גלייך מיט דער מוטער: טהוט וועה דער מאמען — טהוט וועה דעם קינד; טהוט וועה דעם קינד — טהוט וועה דער מאמען. א חדוש איז מיר נאר אויף איין זאך: פאר וואס פיהלט כתריליוקע אלעמענס צרות מיט אלעמענס וועהטאגען פון דער גאנצער וועלט, און קיינער, קיינער פיהלט ניט דעם וועהטאג פון כתריליוקע; קיינער, קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט די כתריליוקער? דאס כתריליוקע איז עפּים א מין שטיפ־קינד ביי דער וועלט, וואס ביי אנ'אומגליק, חלילה, ביי א חולה מסוכן אין שטוב דערפיהלט עס פריהער פון אלעמען, ווערט אויסגעריסען מעהר פון אלעמען, טאנצט ארום, שלאפט ניט קיין נעכט, קריכט אין דער ערד אריין שונאי־ציון! און לאז דאס שטיפקינד פאלען פון די פיס און אליין קראנק ווערען, מעג זיך עס ליגען נישקשה אליין ערגיץ אין דער קרייכק אין א ווינקעלע, גביהען ווי אנ'אוריוען, אויסגעהן פון הונגער, חלש'ן א טרונק וואסער — קיינער, זייט זיכער, וועט זיך אויף דעם נישט ארומקוקען...

קאפיטעל ב.

א קליין בריוועל און א גרויסער רעש.

נאך אזא מין הקדמה וועט שוין איטליכער גרינג פערשטעהן און זיך קענען פארשטעלען, וואס פאר א קאכעניש ס'איז געווען אין כתריליוו־קע דעמאלט נאך דער שענער חתונה, וואס האט זיך געטראפען דעם גוטען פסח, ניט היינט געדאכט... נאך איידער ס'איז אנגעקומען צו זיידלען

דאס „בלאט“ און מען האט נאך נישט געוואוסט פון גארניט. האט איינער א שוחט בעקומען פון זיינעם אנ'איידעם א בריוועל, וואס מיר געבען דאס איבער ווארט אין ווארט מיט דעם לשון ווי ס'איז געשריבען געווארען, איבערגעזעצט אויף פראסט זשארגאן בכדי אלע זאלען דאס פערשטעהן.

„לכבוד צו מיין געליעבטען טייערען שווער דעם בעריהמטען חכם. וואס זיין נאמען לאזט זיך הערען אין אלע עקען פון דער וועלט, און צו מיין געליעבטע טייערע שוויגער די עהרליכע און די קלוגע און די פרומע, ווי די שטערען זאלען זייערע נעמען טהון שיינען ביז'ן עק וועלט אריין, פריעד זאל זיין צו זיי און פריעד צו זייער הויזגעזינד און צו אלע ישראל, אמן.

„מיט ציטערדיגע הענד און מיט געשטרויכעלטע קניען טהו איך צו אייך שרייבען די דאזיגע ווערטער. הנה זייט וויסען אז די פאגארדע האט זיך ביי אונז שטארק געביטען, א האנד פון א מענטשען אונ א בלייענע פעדער איז גאר ניט אימשטאנד דאס צו בעשרייבען... רק מיר זענען אלע ברוך השם געזונד און שטארק, איך און זוגתי מרת דבורה'ל זאל לעבען און אלע קינדערלעך זאלען געזונד זיין, יוסילע און פייגעלע און עזריאליקעל און חנה'לע און גנענדיל, א חוץ נאר, וואס מען איז אנגעשראקען זעהר שטארק פונ'ם האגעל און פונ'ם שטורמווינט, וואס דא איז געוועזן, נאר דאנקען גאט ס'איז אלעס איבערגעגאנגען און מען האט שוין קיין מורא ניט מעהר פאר קיינעם, ווי אלע מענשען, און מיר בעטען אייך, איך און זוגתי דבורה'ל, איהר זאלט חלילה גאר ניט איבערטראכטען, מיר און אלע קינדערלעך יוסילע און פייגעל, און עזריאליקעל און חנה'לע און גינענדיל זענען ברוך השם אלע געזונד, און איהר זאלט אונז למען השם באלד ארויסשרייבען אלסדינג וואס הערט זיך ביי אייך, ווי אזוי איז ביי אייך די פאגארדע, און צו איהר זענט געזונד, און למען השם פון אלסדינג באריכות!“

* * *

שוין לאנג האבען קלוגע מענשען בעמערקט אין זייערע בעשרייבונגען, אז אזעלכע בריה'ס אויף צו לייענען צווישען די שורות ווי יודען געפינט איהר ניט אויף דער גאנצער וועלט. בעוויזט זיי א פינגער — וועלען זיי אייך טרעפען וואס איהר מיינט, זאגט זיי א ווארט — וועלען

זיי איך באַלד זאָגען אַנדערע צוויי, נישטאָ פאַר זיי קיין פערשטעלטע שווערע זאַך, נישטאָ פאַר זיי קיין פערבאָרגענע רעטענישען.

דעם שוחט'ס איידעמ'ס בריוועל איז געגאַנגען מיד ליד אונ דעם שוחט'ס איידעם אליין איז נישט אַרוים ביי זיי פון מויל אויף קיין מינוט, און אַלע האָבען דערצעהלט איינס דאָס אַנדערע שרעקליכע מעשיות מיט אַלע פּיטשעווקעס, גלייך ווי זיי זענען אַליין געווען דערביי, און אַ שוואַרצער שאָטען, אַ ביטערע מרה שחורה האָט זיך אויסגעצויגען איבער זייערע פּנים'ער, צוגענומען געוואָרען ביי זיי מיט אַמאָל דאָס פרייליכקייט אויף שטענדיג. איין שטיקעל נחמה, איין שטיקעל האָפנונג איז געווען ביי זיי — טאָמער איז דאָס אַ צו-צימעס, אַ ליגען — אַ קשיא אויף אַ מעשה, דעם שוחט'ס איידעם, אַ יונגערמאַן אַ משכיל און אַ שענער שרייבער אַ בעל-לשון קדש, אפשר צוליעב דער שענער מליצה איז ער פערקראָכען דער רוח ווייסט וואוהין? וויים איך פזמונות, סע קאָן ניט זיין! און בכדי צו שטאַרקען איינס דאָס אַנדערע און צוטרייבען די מרה שחורה האָט מען גענומען דערצעהלען שענע מעשיות פון די היינטיגע יונגע לייט די משכילים מיט זייער מליצה שרייבען, וואָס איין אַנדערש מאָל האָט מען זיך בעדאַרפט האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס אַצונד האָט קיינער ניט געלאַכט. עס האָט זיי נישט גענומען קיינעם קיין געלעכטער, עפּיס אַ משונה-מאָדנער אומעט האָט זיך אויסגעגאָסען אויף אַלעמען און דאָס האַרץ האָט איטליכען געזאָגט, אַז דאָרט האָט בעדאַרפט פאָרקומען עפּיס זעהר אַ מיאוסע מעשה, און דער עולם איז אַוועק צו זיידלען.

זיידעל, אונזער אַלטער בעקאַנטער זיידעל, דער איינציגער וואָס שרייבט אוים דאָס בלאַט, איז נאָר וואָס געקומען פון דער פּאָסט אַ צו-קאָכטער, אַ צוטראָגענער, דאָס פּנים פינסטער ווי די ערד און ווי אָנ-געברוגזט אויף דער גאַנצער וועלט. און מען האָט זיך דערוואוסט, אַז די מעשה איז טאַקי אַן'אמת.

„אַ גליק וואָס חאָטש דאָ אין כתריליווקע קאָן אַזאַ חתונה ניט פאַר-קומען, וואָס דאָ קאָן אַזאַ-נ־אומגליק ניט געשעהן".

אַזוי האָבען זיי זיך געטרייסט איינס דאָס אַנדערע, נאָר אין האַרצען האָבען זיי זיך געטראַכט: אַ קשיא אויף אַ מעשה — ביי גרויסע ווינטען קאָן פון איין פונק אויך ווערען אַ שרפה, זיך אויסלאָזען מיט אַ העליש פייער. און די כתריליווקער יודען האָבען זיך אָנגעהויבען פּוואָליניקע

ארומקוקען, וואו האלטען זיי אקארשט מיט זייערע שכנים, מיט די „אנדערע פעלקער"?...

קאפיטעל ג.

רעדט פון חוועדאר דעם שבת-גוי און פון ערלים בכלל.

איצט חוועדאר דער שבת-גוי, וואס פארלעשט די ליכט פרייטאג צו נאכטס פאר גאנץ כתריליוועקע, און האקט די געשטופעלטע, וואס שמירט די הייזער און מעלקט די ציגען פון דער גאנצער שטאדט, וכדומה נאך א סך אזעלכע ערלים קען מען אנרופען מיט'ן נאמען „אנדערע פעלקער", מוזען מיר קומען דערצו, אז כתריליוועקע האט כלל וכלל נישט געהאט וואס מורא צו האבען, און די דארטיגע יודען וואלטען זיך געקאנט זיצען רוהיג ביז משיח וועט קומען, ווארום זיי לעבען פון קדמונים מיט די דאזיגע „פעלקער" אזוי גוט, וואס בעסער קאן שוין, דאכט זיך, גאר ניט זיין. חוועדאר ווייסט וואויל, אז חאטש דער מיוחס, דער תושב אין כתריליוועקע איז ער, פון דעסטוועגען מוז ער הייצען שבת ביי די יודען די הרובעס, פארלעשען זיי די ליכט און ארויסטראגען די פאמיעניצע וכדומה אזעלכע גראבע ארבייט, וואס ער איז צו זיי געוויינט געווארען פון כמה וכמה יאהרען, און אויב איהר מיינט, אז עס פערדריסט איהם אפשר אויף די יודען, האט איהר א טעות: ער פערשטעהט גאנץ גוט, אז ער איז ער און זיי זענען זיי, די גאנצע וועלט קען ניט בעשטעהן פון סאמע געגעראלען, עס מוזען זיין אויך פראסטע סאלדאטען. אמת, א סך גענעראלען, דאס הייסט כתריליוועקער יודען, וואלטען זיך אפשר געביטען מיט חוועדאר דעם פראסטען סאלדאט; נאר צוריק, אז מע וויל שמועסען דאס אייגענע פארקעהרט, מוז מען האבען גענעראלען אויך, פון סאמע סאלדאטען קאן די וועלט קיין קיום ניט האבען — און ביידע צדדים זענען צופריעדען: זיי, די גענעראלען פון כתריליוועקע, וואס האבען וועער ס'זאל זיי באדיענען אז ס'קומט שבת, און ער, דער סאלדאט, וואס האט וועמען צו בעדיענען און חאפען דערפאר ביי וועמען א שטיקעל קוילעטש און ביי וועמען א טרונק בראנפען.

— אחאדי נא סיודי, חוועדאר סערדצע! נא פיי טשארקא לחיים, א סיבה דיר אין פנים! זאגט מען צו איהם שבת נאכ'ן קדוש, און

חוועדאר טהוט אויס דאס היטעל, האלט דאס גלעזיל מיט צווי פינגער, בייגט זיך און ווינשעוועט אלעמען א גוט יאהר:

— דאי באזשע זדראוסטוואוואט! און ער קערט איבער דאס גלעזיל מיט'ן קאפ אינאיינעם און פארקרימט זיך שטארק־שטארק, מאכט אזא תנועה'לע גלייך ווי ער טרינקט דאס ערשטע מאל אויף זיין לעבען אזא ביטערע משקה:

— דוזשע הירקע, נעחיי יאמו סטאטשארטיוו אי אדנא ווידמא! *)

— נא, זאקוסי מיט א קריינק דיר אין די ביינער אריין, שמאטאק שבת'קאווע בולקע, זאגט מען איהם און מען איז איהם מכבד מיט א שטיקעל קוילעטש.

ווערליג די כתריליוקער יודען שעלטען חוועדארען מיט טויטע קללות, קענט איהר אפשר איבערקלערען, אז מען מיינט דאס חלילה ערנסט? זאל אייך גאט היטען פון אזא געדאנק; זיי ווערען אייך פאר חוועדאר'ן ניט אוועקגעבען קיין זאק בארשטש, דערפאר וואס ער איז אַנ־ערל אַנ'עהרליכער; גאלד מעג ליגען — וועט ער זיך ניט צוריהרען, און טהון וועט ער אייך פאר צעהען רוחות: אויסהייצען די הרובע, ארויסגיסען די פאמעניצע, צוהאלטען די ציג ביז האפקע וועט זי אויסמעלקען, אריינטראגען שפענער, אנגיסען וואסער א פאס, איבערשווייכען דאס געפעס ווי א רעכטע בעל־הבית'טע. און אונטער א נויט זיך שטעלען צווינגען דאס קינד אויך. קיינער קען ניט אזוי פארשעפערן א קינד, ווי חוועדאר; קיינער קאן ניט אזוי זאבאווען, פארשפילען א קינד ווי חוועדאר, קנאקען מיט דער צונג, פייפען מיט די ליפען, קלאפען מיט די פינגער, חארחלען מיט'ן האלז און חריוקען ווי א חזיר ובדומה א זעלבע שטיק. און דערפאר האבען די כתריליוקער יודישע קינדער ליעב דוקא חוועדאר'ס שווארצע שטשעטינידיגע מארדע און דוקא חוועדארס גראבע שטעכענדיגע סוויטקע, און ווילען ניט אראב פון זיינע הענד. די כתריליווקער בעל־הבית'טעס זענען דערפון דוקא ווינציג וואס צופריעדען, ווייל עס מאכט זיך גאנץ אפט, אז די קינדער ווילען עסען און ס'איז ניטא וואס קאן זיי אונטערוקען חוועדאר בסוד א שטיקעל ברויט פון טארבע מיט עפעס נאך און אנהאדעווען זיי חס וחלילה מיט מי יודע וואס... נאר ס'איז א טעות: חוועדאר וועט אזא זאך נישט טהון: ער

*) שטארק ביטער, האב דעם זיבען שדים מיט איין מכשפה!

ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס וואָס זיי עסען — מעג ער, חוועדאָר, אויך עסען, און דאָס וואָס ער, חוועדאָר, עסט — טאָרען זיי ניט עסען. פאַר וואָס? — דאָס איז שוין ניט זיין עסק, למאי אַ בלאָז טהון דאָס ליכט אום שבת פון דער גרינג, אָדער אָנריהרען זיך בּיים לייכטער, אָדער אָבטראָגען דעם סדור אין שוהל אַריין וכדומה אַזעלכע גרינגע אַרבּייט, איז ער — מעג און זיי — ניט? קיין חקירות דערביי איז ניט שייך און איטליכער בּעדאַרף זיך האַלטען בּיי זיינעם, און טאָמער מאַכט זיך אַמאָל חוועדאָר קאָן ניט איינהאַלטען זיך און טהוט אַ לאַך, למשל פסח, פון דער טרוקענער מצה: „דוזשע טרעשטשיט נעחיי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָרנאַ ווידמאַ!"; האַקט מען איהם אָב די פליגעל און מען ענטפערט איהם: „אַ טוואָיאַ סווינאַ, חזיר, לוטשע?" — און חוועדאָר בּלייבּט שטיל.

חוועדאָר איז אָבּער שטיל נאָר דעמאָלט ווען ער איז ניכטער, בּיז ער פערטרינקט זיך ניט אַזוי ווייט, אַז ער פערגעסט ווי אַזוי מע רופט איהם. דאָס טרעפט זיך מיט חוועדאָרען זעהר זעלטען, נאָר אַז סע טרעפט זיך שוין מיט איהם איז דעמאָלט — חיות ניט זיכער! דעמאָלט דויבּט ער אָן זיך שלאָגען מיט די הענד אין האַרצען אַריין, וויינען מיט בּיטערע טרערען און שרייען: וואָס האָט מען צו איהם? פאַר וואָס זויגט מען זיין בּלוט? פאַר וואָס עסט מען זיין פליישׁ? אָט געהט ער און מאַכט אַ תל עולם פון גאַנץ כתריליוקע!...

— זשידי נעכריסטי, נעחיי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָרנאַ ווידמאַ!... ער שרייט אַזוי לאַנג, בּיז ער ווערט אַנשלאָפען, און אַז ער שלאָפט זיך גוט אויס און שטעהט אויף, קומט ער צוריק צו די יודען און איז ווידער דער אייגער שטילער, ערליכער „חוועדאָר סערדצע", וואָס פריהער; גלייך ווי גאָר ניט געווען.

— אַדע טוואָי טשאָבּיטע, אַ קריינק דיר אין פּנים? פרעגט מען איהם און מען הויבּט איהם אָן זאָגען מוסר און שעלטען בּשעת מעשה מיט כוידטע קללות, ווי געוויינטליך: שאָ טי סובּי דומאַיעש, דו בּאָסיאַק זיינער? דו וועסט דאָך פגר'ען ערגיץ, בּודעש זדאָכניט אונטער אַ פּלויט, האָב דיר אַבציג שוואַרצע יאָהר, די כפרה שטָב טי באווו פאַר כל-ישראל, רבונו של עולם!

חוועדאָר שטעהט און קראַצט זיך אין דער פּאָטיליצע און שווייגט; ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיי זענען גערעכט און ער איז אומגערעכט; ער קוקט אַראָב צו זיך אויף די בּאָרוויסע פיס און טראַכט זיך: ווען האָט ער געקאָנט פאַרקויפען די שטיוועל, נעחיי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָרנאַ ווידמאַ?!

אט אזא מין נפש איז חוועדאר.

אויך די אלע איבעריגע נפשות, וואס אין כתריליווקע האבען שטענדיג א פארקעהר מיט יודען, ווייסען וואויהל, אז מששת ימי בראשית זענען די יודען באשאפען געווארען זיי זאלען זיין קרעמער, סוחרים און איבערקויפערס; ווארום קיינער קאן אזוי ניט האנדלען, דרעהען מיט'ן קאפ ווי א יוד, כי לכך נוצרת, אויף זייער לשון קומט דאס אוים: „נא טא וואני זשידי שאב האנדליאוואלי"... און מע באגעגענט זיך גאנץ אפט אויפ'ן מארק, און מע קען זיך איינס דאס אנדערע זעהר גוט ביי די נעמען, און מע גיט זיך אב כבוד איינס דאס אנדערע: הריצקא זאגט הערשקען „מאשעניק", און הערשקע זאגט הריצקען „זלאדי", און דוקא אין גוטען מוט, און אז מען צעקריגט זיך שוין גאר שטארק, גערט מען ביידע „דא ראבינא", און רב יוזיפעל דער רב, וואס איז שטארק געחאפט אין דעם לשון, פסקעט אלע מאל אויף דער האלב: „נעחאי באולא פאלאווינע" — אבי נישט דערלאזען צו חלול השם.

קאפיטעל ד.

האפקע א יודישע נשמה און מאקאר א שונא ישראל.

האבען מיר גערעדט ביז אהער פון ערלים; א צונד וועלען מיר א ביסעל שמועסען מכח האפקע די געשטופעלטע.

האפקע רעדט יודיש ווי א יודיש קינד; אין איהר שפראך ווארפען זיך דורך א גוזמא לשון־קדש ווערטער, למשל: „מירטשען, נאכטייסע קענארע ניט, לאסאטע, לאוודל, גוטיאנטע, מאחריינוואסער" און נאך א סך אזעלכע ווערטער; און חוועדאר אונטער די אויגען האט ביי איהר קיין אנדער נאמען ניט א חוץ „כפרה'ניק". האפקע איז אזוי צונויפגע־וואכסען מיט די כתריליווקער ווייבער, אז ס'איז פארהאן צייטען וואס סיי זיי סיי זי אליין פערגעסען זיך וואס זי איז און ווער זי איז, און מען שאפט זיך מיט איהר אזעלכע ארבייט, וואס געהערען זיך אן צו לויטער יודישקייט, למשל: געהן צום רב מיט א שאלה, העלפען אויסזאלצען פלייש, כשר מאכען די עופות, העלפען אריינשלעפען דעם פסח אין שטוב אריין, וכדומה אזעלכע זאכען, וואס האפקע איז אין דעם געהיט מעהר ווי איין אנדער יודיש קינד. זי ציטערט פאר מילכיגס מיט פליישיגס

אימת מות און היט זיך פאר חמץ אלע זיבען טעג פסח, עסט גלייך מיט אלע יודישע קינדער מצה, רייבט דעם מרור וואס די וועלט שטעהט, און האט דערפון הנאה ממש ווי א יודישע טאכטער. א לאנגע צייט האט דער כתריליווקער פריסטאוו ניט געוואלט גלויבען, אז האפקע איז ניט קיין יודישקע ביז ס'האט זיך געטראפען מיט איהר א מעשה זעהר ניט קיין שענע... האט מען זי געפאקט און געוואלט פערשיקען וויים וויים, איז געוועזן איהר גליק, וואס אין דער מעשה איז געוועזן פערמישט א זייטיגער פארשוין, דער שרייבער פון דער מעשטשאנסקע אופראווע, מאקאר חאלאדנע, א גרויסער שונא ישראל, איין אמתער צורר היהודים, איינער פון די גרעסטע אינטעליגענטנע אנטיסעמיטען אין כתריליווקע. ווען ניט דער רחמנות פון האפקען וואלטען די דארטיגע יודען דערלעבט א נקמה אין דעם המנ'ען, נאר מחמת מיט מאקאר'ס מפלה וואלט בעדארפט אומגליקליך ווערען אויך האפקע, האבען די יודישע עדות זיך א נעהם געטהון צוריק און געזאגט פאר'ן סלעדאוואטעל, אז דאס וואס זיי האבען גערעדט האבען זיי געבילט — און דער עסק איז צוריבען געווארען... פון דעמאלט אן וואלט, דאכט זיך, מאקאר חאלאדנע בעדארפט שלום ווערען מיט די יודען און ווערען זייער דער בעסטער גוטער פריינד; נאר ווי עפים דורך א מין קאפריז פון דער נאטור איז ער אדרבה געווארען נאך מעהר שונא ישראל, נאך מעהר צורר היהודים, נאך מעהר אנטיסעמיט, ווי פריהער.

מאקאר האט פון קינדווייז אן, קאן מען זאגען, געליטען צרות פון יודישען פאלק און געטראגען א שנאה טיעף אין הארצען תחלת אויף די כתריליווקער יודען אליין און נאכדעם אויף אלע יודען פון דער גאנצער וועלט. נאך בשעת ער איז געוועזן גאר א קליינער, געטריבען א בארוויסער דעם טאטענס גענז אויף דער פאשע, פלעגט ער ניט איין מאל באגעגענען זיך מיט יודישע קינדער געהן פונ'ם חדר, און אנשטאט א „גוט מארגען" פלעגט ער זיי, אויף קאטאוועס געוויינטליך, איבערקרימען ווי זייריידען „טאטעלי-מאמעלי", טרייסלען בשעת מעשה מיט א פאלע, ניט צו מיינען דערביי חלילה עמיצען בעליידיגען, נאר גלאט אזוי אין גוטען מוט. יודישע קינדער אבער, צאן קדשים, יעקב'ס איינקליך, וואס לערנען חומש מיט רש"י, האבען זיך דוקא געפונען פאר אזא זאך באליידיגט און האבען איהם אבגעענטפערט מיט א יודיש לידעל, וואס חאטש מאקאר האט די ווערטער ניט געקאנט פערשטעהן, נאר פונ'ם נוסח און פון זייער לאכען האט ער גאנץ גוט ארויסגעזעהען. אז דאס מיינט מען

איהם דערלאַנגגעַן בּיז'ן בּיין אַריין, און מאַקאַר האָט קיין טעות ניט גע-
האַט. אָט האָט איהר דאָס לידעל אַליין:

קישקעס קאָכען
אין דער וואָכען!
מיר אַ ברויט
דיר אַ טוידט!
מיר אַ וואַגען
דיך באַגראָבען!
מיר אַ שליטען
דיך באַשיטען!

נאַרישע קינדער! ערשטענס — איז די מעשה פּונקט קאַפּויר: ברויט
האָט מאַקאַר, ניט זיי; אויף אַ שליטען פאָהרט מאַקאַר, ניט זיי! און
צווייטענס — ווי אַזוי שטעלען זיך דאָס איין יודישע קינדער, זיי מעגען
זיין אַ גאַנצער מנין, זאַטשעפּען זיך מיט מאַקאַרען, ער מעג זיין איינער?
מאַקאַר האָט, נישקשה, אַ פּאָר ידים. וואָס קאָן באַשטעהן פאַר צעהן
גוטע שאַרפע שפּיציגע קעפּליך פון די בעסטע צעהן יודישע חדר-יונג-
לעך. מאַקאַר האָט זיי דעמאָלט נאָך אוי אוי געגעבען צו פאַרשטעהן
דעם פשט פון'ם פסוק, וואָס זיי האָבען געלערענט אין חדר: „הקול קול
יעקב והידים ידי עשו"...

שפּעטער, אַז מאַקאַר האָט געשטודירט אין „פּריחאָדסקאָיע" האָט
ער געהאַט מיט זיי באַגעגענישען זומער אין פעלד אונטערען שטאָדט, און
ווינטער אויפ'ן אייז בשעת'ן גליטשען זיך, און אַלע מאָל האָט געמוזט
אַרויס עפּיס אַ מחלוקת צווישען ביידע צדדים. אויף דעם נאָמען „זשיד",
וואָס איינענטליך איז דאָך עס גאָר אַ געוויינטליך וואָרט, ווי למשל
„פּאַרך", האָבען זיי איהם גראָב געענטפערט: „סווינאַ", און אויף זייערע
איינגעגעסענע לצנות האָט ער זיי געענטפערט מיט קלעפּ און האָט זיי
גאַנץ אָפּטליך בעוויזען, ווי אַזוי די קינדער ישראל אַנטלויפען פאַר די
פּלשתים און ווי אַזוי די פּלשתים יאָגען זיי נאָך פון הינטען מיט שטע-
קענס און מיט שטיינער, הוקען און טיוקען און פייפען און סווישטשען:

„אַ טיו — טיו, זשידי, היי, —
טער — טער — טער!..."

קפיטעל ה.

בעווייזט ווי אזוי עס ווערט פון אן׳אנטיסעמיט א פילאזאף.

ווייטער פון דער „פריחאדסקאיע" איז מאקאר נישט געגאנגען; ער איז געבליבען, ניט דא געדאכט, א יתום, געירש׳עט פון די עלטערן א קליין שטיבעל מיט א שטיקעל גארטען, און א יודע־ספר איז ער דאך געוועזן, האט ער זיך באלד א ווארף געטהון צו דער „סלוזשבע", זיך גענומען צו דער פען, באקומען איין אויסגעשריבען הענטיל און געווארען אין דער כתריליווקער מעטשאנסקע אופראווע שרייבער און נאכדעם סעקרעטאר און נאכדעם כל וכך — און דארט האבען זיך ערשט אנגעהויבען זיינע באגעגענישען מיט זיין רעכט בעקאנט ווערען מיט די כתריליווקער יודען...

די סטיטשקעס, וואס ער האט מיט זיי געהאט, זענען תחילת געוועזן אפילו ניט אזוי געפעהרליך. ביידע צדדים האבען זיך בענוגענט נאר מיט שארפע אנצוהערעניש, מיט שטעכווערטלעך און מיט לצנות איינם אויף דאס אנדערע. ער זיי: „איצקא, בערקא, אי וועה, שבת, קוגעל!" און זיי איהם: „וואשע־בלאהאראדי" מיט א שנעל איבערען קאלנער און מיט איין אנצוהערעניש, אז דארט קריכט עפים ארום...

עס מאכט זיך אמאל, הערט איהר, איין אנצוהערעניש, וואס איז ערגער צעהן מאל ווי אין טאטען אריין געשאלטען, און פערהאן ווערטער, וואס זענען ערגער טויזענד מאל פון פעטש, און אויף ווערטער זענען דאך די כתריליווקער יודען די ערשטע בריות. די גרעסטע מזיקים אין דער וועלט! פאר א גלייכווארט ווערט אייך א כתריליווקער, ווי עס איז שוין בעוואוסט אויף דער גאנצער וועלט, ניט זשאלעווען געהן צעהן מייל צופוס, ריזיקירען מיט פרנסה, איינשטעלען כמעט דאס לעבען. א כתריליווקער עני, א מקבל, דער וואס געהט איבער די הייזער, אז ער קומט נאך א נדבה און מע גיט איהם ניט, בעט ער, מע זאל איהם חאטש לאזען זאגען א משל, און סע מאכט זיך אכטמאל, אז ער בעקומט פאר אזא משל א מאוסען פסק; ער עפענט טאקי מיט׳ן קאפ די טהיר, ס׳איז אבער אלץ כדאי — אבי אויסגעבראכט א גלייכווערטיל. אט אזעלכע לייט זענען מיינע כתריליווקער, און איהר האט א טעות אויב איהר רעכענט, אז מע וועט זיי איבערמאכען און אויב איהר מיינט אז איך מהו מיך מיט זיי שעמען... נאר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער מאקאר.

אומזיסט־אומנישט האבען זיך די כתרילעווקער יודען געקויפט א מסוכן'עם שונא. זיי האבען זיך פארגעסען אינ'ם פסוק: הזהר בגוי קטן. זיי האבען געמיינט, אז מאקאר וועט אייביג זיין א שרייבערל אין דער מעשטשאנסקע אופראווע. זיי האבען פארגעסען, אז ער איז א „טאטענס א קינד" און שניידט זיך אויף א משין; און כ'ערקוויידיג! זיי האבען גאר קיין צייט ניט געהאט זיך ארומקוקען, איז שוין מאקאר אויסגעוואקסען א גרויסער, א געזונדער, מיט געדיכטע שווארצע וואנסעם, מיט א רויטען אקארעשעק און מיט א קנעפיל אויפ'ן קאשקעט! און קוים האט ער אנגעטהון דאס קנעפיל, אזוי האט ער זיך באלד אויסגעבויגען, ארויסגעשטעלט דעם בויך, געווארען העכער און גרעבער ווי ער איז געווען, בעקומען א פאר ברייטע אקסלען מיט א מאדנעם שפאן — גאר נישט דער מאקאר! ער הייסט שוין גאר א נייעם נאמען — מאקאר פאוולאוויטש און איז א גוטער ברודער מיט אלע פריצים אין שטאדט: מיט'ן וועטערינאר ביט'ן פעלדשער און מיט'ן פאטשט־מייסטער, און מיט אלע.

דאס גוט ברודערשאפט זיינס מיט'ן פאטשט־מייסטער איז איהם מעהר צונוץ געקומען ווי אלע אנדערע בעקאנטשאפטען, מחמת דא, אויף דער פאסט, איז געווען א קוואל, פון וואנען ער האט געשעפט זיין השכלה און אלע וויסענשאפטען פון דער איינציגער גאזעט „די פאהן", וואס פריהער האט זי דורכגעקוקט געוויינטליך דער פאטשט־מייסטער אליין, נאכדעם מאקאר פאוולאוויטש, און נאכדעם שוין דער אבאנענט פון דער גאזעט, א פריצ'ל פון זלאדיעוויקע, ניט וויט פון כתרילעווקע, וואס איז ניט קראנק געווען צו לייענען די נייעס שפעטער מיט עטליכע טעג, דער רוח וועט איהם ניט נעהמען, ער שפירט סיי וסיי טאג ווי נאכט אין סטוקעלקע און באנעהמט די שבנים אלע ארום און ארום א וואו זיי האבען ערגיץ א גראשען. אזוי האט געזאגט דער פאטשט־מייסטער אליין, און מאקאר פאוולאוויטש האט דערווייל געהאט וואס צו לייענען און פון וואס צו ריידען. און מחמת „די פאהן", ווי ס'איז בעוואוסט, איז דאך א יודישע צייטונג, זי טראגט שטארק אויפ'ן קאפ די יודען, זארגט זיך פון זייערטוועגען, זוכט מיטלען ווי ארום מען זאל זייערער פטור ווערען, פארשטעהט זיך טאקי פון זייער טובה וועגען, האט דאס געגעבען אונזער מאקאר'ן שטאף אויף צו באקענען זיך גוט מיט יודען ארום און פון אלע זייטען, און ער איז געווארען מיט גאט'ס הילף א חריף א געזונטער אין יודישע ענינים, א גאון עולם אין תלמוד און אין שלחן ערוך און אין אלע יודישע דינים און מנהגים: מכח

פראָצענט געהמען, מכּח אָבגאַרען און אויסנאַרען, און אפילו מכּח בענוי־צען כּריסטליך־בלוט אויף פּסח. די אַלע זאַכען האָבען אונזער פילאָזאָף מאַקאַר אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז ער האָט דאָס געוואָגט דערגעהן טאַקי פוּנ׳ם מקור, פוּנ׳ם שורש, טאַקי ביי די כּתרילעווקער יודען אַליין, וואָס חאָטש ער האָט זיי פיינט, ווי אַ יוד חזיר, פונדעסטוועגען האָט ער צווישען זיי גוטע פריינד, וואָס ער לעבּט מיט זיי נאָך עד היום גאָר קיין מעשׂה ניט.

קאַפּיטעל ו.

מרדכי־נתן דער נגיד און טעמע־בּיילה זיין „פּרווי“.

איינער פון די ערשטע גוטע פריינד מאַקאַרס אין כּתרילעווקע איז מרדכי נתן דער נגיד און דער חשוב אין שטאָדט, וואָס איז שקול כּנגד אַ סך, אַ סך אַנדערע בעלי־בתּים.

דער נגיד מרדכי־נתן — ווי געוויינטליך אַ נגיד, האַלט די שטאָדט ביי זיך אין בוזעם, טהוט מיט איהר וואָס ער וויל, ווארום ער איז בעל־טאַקסע, ער איז גבּאי, ער איז ראש וראשון, ער איז דער רעדעל־פיהרער, ער איז אַלץ — מיט איינעם וואָרט, ער איז דער נגיד. חאָטש אַז מע וויל שמועסען אין תּוך אַריין: אין וואָס באַשטעהט זיין נגידות׳־שאַפט — דאָס ווייסט קיינער נישט. למשל, אַז איהר וועט אָנחאַפּען אַ כּתרילעווקער און אַ פרעג טהון איהם: וויפיעל אַ שטיינער פאַרמאָגט מרדכי נתן? וועט ער זיך אָבשטעלען, זיך אַ נעהם טהון ביים בערדיל, אַ מאַך טהון מיט׳ן קאָפּ און אויסציהען מיט אַ נגון און מיט אַ טיפען זיפץ דערביי:

— מרדכי נתן? חוץ זיין שאַדען אויף מיר געזאָגט געוואָרען, חאָטש האַלב, חאָטש אַ הונדערט חלק; איהר שפּיעלט זיך מיט מרדכי־נתנ׳ען? מרדכי נתן איז אַ יוד אַ נגיד!

— וואָס־זשע הייסט אַ נגיד? אין וויפיעל אַ שטיינער קאָן מען איהם שאַצען?

— שאַצען? שייך זאָגען שאַצען? עס לאָזט זיך דען אָבשאַצען?

— פאָרט וואָס האָט מרדכי־נתן?

— מרדכי־נתן? ערשטענס האָט מרדכי־נתן אַ שטוב אין אייגענע.

— נו?

— מיט אַ הויף אַין אייגענעם.
— נו ?
— מיט ציגען עטליכע.
— נו ?
— האַנט די קלייט ? אַ שאַרפע קלייט !
— נו ?
— האַנט די טאַקסע ?
— נו ?
— ווידער אַ מאָל נו און אָבער אַ מאָל נו, וואָס האָט איהר זיך צוגעקוקט ? אַ יודען איז דיר גאַר קאַרג ! וואָס האָט איהר געוואָלט ? ער זאָל עפּעס אַ באַנק ? שיטען מיט גאָלד ? פאָהרען אין קאַרעטעס ?

און דער כתרילעווקער געהט אַוועק פון אייך אַ ברוגעזער און איז גערעכט. וואָרום וואָס קאָן אַ מענש פערלאַנגען מעהר ווי מרדכי נתן איז, אַז ער איז פאָרט דער נגיד, פאָרט דער ראש וראשון, פאָרט דער חשוב אין שטאָדט ? ווער איז גבאי אין חברה־קדישא ? ווער איז תקיף ? ווער איז גבאי ? ווער איז ראש וראשון ? ווער איז תקיף אין שטאָדט ? מרדכי־נתן. ווער מאַכט אַלע שבת־צו־נאַכטס אַ מלוה־מלכה'לע פאַר די שבעה טובי העיר ? מרדכי־נתן. ווער איז אַ חשוב בייַ נאַטשאַלסטווע ? מרדכי־נתן. הכלל מרדכי נתן, מרדכי־נתן !

מרדכי נתן, פערשטעהט איהר, ווייסט ווי אַזוי מען בעדאַרף זיך בעגעהן מיט אַ וועלט, ווי אַזוי מען בעדאַרף זיך פיהרען מיט נאַטשאַלסטווע. אַלע פרייַטאָג צו נאַכטס האָט ער צו גאַסט בייַ זיך אויף פיש דעם פּריסטאַוו. דער כתרילעווקער פּריסטאַוו איז אַ גרויסער ליעבהאָבער פון יודישע פיש, און אַלע מאָל ווען ער עסט זיי, קאָן ער זיך גאַר ניט אָפּלויבען ווי אַזוי גוט מע קאָכט בייַ יודען פיש, ווי באַטעמ'ט זיי זענען, זיס ווי צוקער, ממש ער לעקט די פינגער.

— — נעמאַ לוטשע יאַק זשידאָווסקאַ ריבאַ סטיאַרטעם חרענאָם ! זאָגט ער אַלע מאָל מיט דעם אייגענעם נוסח.

דעם בעל־הבית און דער בעל־הבית'טע איז דער קאָמפּלימענט אַ פּנים שטאַרק געפעלען, מחמת זיי קוועלען בייַדע, ווערען ברייטער ווי לייַנגער, שוויצען אַזש פאַר תענוג, און מרדכי־נתן וויל אייַנרייַדען דעם גאַסט. אַז ס'איז פאַרהאַן בייַ יודען נאָך בעסערס פון פיש מיט חריין. דער גאַסט וויל ניט גלויבען.

— דהיינו ! דהיינו...

און מרדכי־נתן זוכט עפּיס אַזעלכעס בײַ יודען, וואָס זאָל זײַן נאָך בעסער פון פיש מיט חריין, און האָט מורא אַרויסזאָגען. צימעס? טאָמער בלײַבט ער וואַרטען ביז׳ן צימעס, וואָס דאַרף ער איהם? קוגעל? טאָמער הײסט ער עפענען דעם טשאָלענט אין מיטען פרײַטאָג צו נאַכטס? אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס עס קאָן זיך טרעפען מיט אַ יודישען קוגעל?... און מרדכי־נתן קומט אָב מיט אַ קלײן געלעכטעריל: „חע — חע". דערויף ענטפערט איהם דער גאַסט: חע־חע־חע, און מרדכי־נתן איז צופרידען וואָס יענער לאַכט, העלפט ער איהם לאַכען: חע־חע־חע־חע! און בשעת מעשה דערלאַנגט דער גאַסט דעם בעל־הבית מיט׳ן עלענבויגען אין זײַט אַרײַן און אַ שמײַכעל צו דער בעל־הבית׳טע און דער בעל־הבית מיט דער בעל־הבית׳טע ווערען צעשמאָלצען פאַר תענוג.

פּלוצים חאַפּט זיך אוי, דער גאַסט, ווישט זיך אויס די הענד און דאָס מויל מיט׳ן קלאָר ווײַסען טישטוך פונ׳ם טיש, פאַרשפּילעט זיך אויף אַלע קנעפּ און טהוט אַ זאָג שוין ערנסט, אָהן אַ שום סימן פון לצנות:

— צײַט אויף „סלוזשבע"!...

און מרדכי־נתן מיט טעמע־בײַלה׳ן שטעהען אויף לכבוד דעם גאַסט, איהם בעגלײַטען, קוקען איהם אין פּנים אַרײַן מיט אַזעלכע אויגען, ווי אַ הונט קוקט אויפ׳ן בעל הבית, וויל וויסען מיט וואָס ער שמעקט, בײַגען זיך און נײַגען זיך און בעטען איהם, ער זאָל חלילה ניט פאַרגעסען קומען איבער אַכטאָג שבת...

מיט׳ן קאָפּ אין דער ערד! בענטשט איהם די בעל הבית׳טע אויף דער זײַט טהיר און קאָכט און זידט און ברענט אויפ׳ן מאַן, וואָס טאָג ווי נאַכט און אפילו שבת האָט ער צו טהון מיט נאַטשאַלסטווע. מרדכי־נתן הערט און שווײַגט; ער האָט אָנגענומען אַ פולע מויל מיט וואַסער און שווײַגט. אַ מאָדנער מענש אָט דער מרדכי־נתן! דער מחבר פון דער געשיכטע קאָן זיך נישט אײַנהאַלטען און חאַפּט אַראָב דעם פּאָרטרעט פונ׳ם דאָזיגען פּאַריל, כּכדי בעקאַנט צו מאַכען מיט זײַ די גאַנצע וועלט.

מרדכי־נתן איז אַ יוד אַ הויכער מיט לאַנגע הענד, אַלײן איז ער דאַר און טרוקען, און מחמת די באַקען סטערטשען, קומט אויס דאָס פּנים פירעקעדיג ווי בײַ אַ חינעזער, און קוים קוים בעוואַכסען מיט אַ שיטער בערדיל. די ליפּען זענען בײַ איהם תמיד צו, דאָס מויל אַ ביסעל אויף אַ זײַט, זעהט אויס ווי ער האַלט אַ סוד בײַ זיך שטענדיג פאַרבאָרגען, און שטענדיג איז ער ערנסט און דער שטערען איז פול מיט

קנייטשען, און רעדט נישט קיינמאל הויך, קיין איבעריג ווארט נישט; נאר דעמאלט ווען ער קומט זיך צענויף מיט נאטשאלסטווע, איז דאס גאר איין אנדער מרדכי־נתן: די קנייטשען פונ'ם שטערען צוגעהען זיך, ווערען פארשוואונדען, דאס פנים הויבט אן צו שיינען און די ליפען ווערען אבגעשלאסען, און דאס מויל גלייכט זיך אויס, הויבט אן צו ריידען, — שוין גאר ניט דער, גאר איין אנדער מרדכי־נתן. טאמער ווייסט איהר, צוליעב וואס קאכעט ער זיך אזוי אין נאטשאלסטווע? נאר צוליעב כבוד צוליעב גדלות, בכדי טאמער וועט אמאל א כתריליוקער עפיס דארפען האבען, וועט ער קומען צוגעהן מיט א געבעט: „סטייטש רב מרדכי־נתן, ווער נאך איז אזא חשוב ביי נאטשאלסטווע ווי איהר?" צוליעב דעם איינעם ווארט „חשוב" איז ביי איהם כדאי סע זאל איהם קאסטען אי בזיונות, אי געלד — א מאדנער מענש אט דער מרדכי־נתן!

מרדכי־נתנ'ס ווייב — טעמע־ביילה די נגידית איז דוקא א יודינע א נידריגע און א גראבע, זעהט אויס ווי א מעשען שטייסיל אדער ווי א בייכיג סאמאוואריל מיט א קליין שפיציגס טשייניקעל אויף דער קאנפארקע. ווי גראב און קיילעכיג זי איז פון אונטען, אזוי קליין און שפיציג איז דאס קעפיל, און שטענדיג זידט דאס, דאס בייכיגע סאמאווארעל, זידט און זשומעט, אין כעס אויפ'ן מאן, אין כעס אויף דער דינסט, אין כעס אויף די כתריליוקער ציגען, אין כעס אויף די כתריליוקער ווייבער, אין כעס אויף דער גאנצער וועלט! דאס גאנצע גליק איז וואס סיי דער מאן, סיי די דינסט, סיי די כתריליוקער ציגען און ווייבער, סיי די גאנצע וועלט הערען זי ווי פסח דעם קאטער אדער ווי המן דעם גראגער. דער מאן האט צו טהון שטענדיג מיט קהל'שע געשעפטען, מיט נאטשאלסטווע, די דינסט טהוט איהר אויף צו להכעיס, ברענט צו די קאשע, פארשרפה'ט די קארטאפלים, זידט איבער די מילך אין אויוועץ; די כתריליוקער ציגען טהוען איהר צום טוידט, שפרינגען אויפן דאך און צופען איינציגוויי די שטרוי פון דער סטריכע; די כתריליוקער ווייבער דערגעהען איהר די יאהרען אין מארק ביי די פיש, אין יאטקע ביים פלייש, אין שוהל ביי די תחינות און להבדיל אין באד אפילו... ניין, די וועלט האלט ניט פון טעמע ביילה'ן! און מסתמא איז דא פאר וואס. א וועלט איז ניט משוגע...

אצינד, אז מיר האבען זיך א ביסעל בעקענט מיט'ן דאזיגען פאריל, קאנען מיר שוין, דאכט זיך, רוהיג געהן ווייטער, צו די

איבעריגע נפשות, וואָס מרדכי־נתן דער נגיד רייבט זיך אָרום זיי אַזוי שטאַרק.

קאַפּיטעל ז.

דער „אָדון בפקדך" ביים נגיד אין קלייט און אין שטוב.

דער אַנדערער גאַסט ביי מרדכי־נתן דעם נגיד איז אונזער בעקאַנטער מאַקאַר, מאַקאַר פּאַוולאָוויטש. נאָר ניט קיין שטוב־גאַסט, אַ קלייט־גאַסט, אַ גאַסט, ווי ס'קומט צו איהם אָפּט אין קלייט אַריין, אין דער שניט־קראָם. מרדכי־נתנ'ס שניט־קראָם, דאַרפט איהר וויסען, איז דאָס ערשטער געווענטשניט אין כתרילעווקע, וואָס דאָרטען קריגט איהר אַ חוץ דעמיקיטאָן, ריפּס, ליוסטריגע, פּאַרוסינע, ציץ און זאַנע און מאַדעפּאַלאַן, אויך דראַפּ און טריקאָ און שעוויאָט און סאַמעט און אַטלעס און סאַטין און מוסלין און אַלדינג. וואָס אַ האַרץ געלוסט, „נאָך די לעצטע מוסטערען, וואָס מע קריגט דאָס ניט אַפילו אין יעהופּעץ". אַזוי זאָגט מרדכי־נתן, און אַזוי זאָגט מרדכי־נת'ס ווייב טעמע ביילע, און אַזוי זאָגען מרדכי־נתנ'ס קלייט־משרתים, און געהט זאָגט זיי, אַז ניין! אַלע פּריצים פון כתרילעווקע און פון דער סביבה זענען מרדכי־נתנ'ס קונים, און דאָס רוב קריסטען גלויבען איהם אויף נאמנות. אַז מרדכי־נתן אַליין זאָגט זיי נאָר דאָס איינע וואָרט „בנאמנות", דינגט מען זיך שוין ניט. טעמע ביילע מעג זיך שווערען מיט כל השבועות שבעולם, איז דאָס אַרויסגעוואָרפען און מרדכי־נתנ'ס איין וואָרט „בנאמנות" איז קדש קדשים. אָט אַזוי איז דאָס, קיין קשיות פרעגט מען ניט.

אויך מאַקאַר איז איינער פון מרדכי נתנ'ס קונים, וואָס האַנדלען מיט איהם אויף נאמנות. מאַקאַר איז זיינער אַ קונה שוין פון לאַנג, נאָך פון יענער צייט, אַז ער איז נאָך ניט געווען מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, נאָר מאַקאַרקע, און ווי ס'דעמאָלט פלעגט מרדכי־נתן איהם ניט וועלען געטרויען אויף באָרג קיין פאָדעם אַפילו; ער פלעגט זיך ניט שעמען איהם זאָגען גאַנץ פשוט:

— נתן מעות לקח קמח, וואַשי הראָשי, נאַשי טאָוואַר.

שפּעטער, אַז מאַקאַר איז געוואָרען אַ שטיקעל מאַבער אין דער אופּראַווע, האָט איהם שוין מרדכי־נתן געעפענט אַ קרעדיט, געוויינטליך

אויף אַקוויטעלע, אַוועקסעלע, גענזאָגט איהם בשעת מעשה שוין מיט אַ שמייכעלע, האַלב אויף גויעש האַלב אויף לשון־קדש:

— נע וויבאַטשייטע פאַניטשע, שלום בבית משכון בקעשעני...

נאָך שפעטער, אַז מאַקאַר האָט אָנגעטהון אַ קנעפּל און אַ הייננ־קאָלנער האָט איהם מרדכי־נתן געעפענט אַ שענעם קרעדיט, און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, אַז ער קומט אַריין אין שניט־קראָם אַריין, טראָגט איהם מרדכי־נתן אַקעגען דאָס ביינקעל און בענשט איהם מיט אַ טיטול „וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע“, און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש צעלייגט זיך גאַנץ ברייטל.ך, פערוואַרפט אַ פוס אויף אַ פוס, פערדרייט אַ פאַפּיראָס און שמועסט זיך אוים מיט מרדכי־נתנ׳ן גאַנץ פראָסט, בלשון „דו“ גאָר פריינדליך:

— עי, פאָסלושאַי, מרדכי נאָס!

און מרדכי־נתן שטעהט פאַר איהם מיט אַ געמאַכטען דרך ארץ, מיט אַ געמלכה׳טען רעשפּעקט און טראַכט זיך בשעת מעשה: „פון וואַנען האָסט דו זיך גענומען אַהער, אָדון בפקדך?“ און דער „אָדון בפקדך“ מאַכט אַ רעד מכח יודען, יודישע געשעפטען, שאַכער־מאַכער, און לאָזט ארויס אַלע מאָל אַ הויכען געלעכטער מיט אַ מאָדנעם הוכט, וואָס דער־לאַנגט מרדכי־נתנ׳ען ווי מיט איין אַרשין אין דער זיבעטער ריפ, נאָר ער האַלט זיך איין און שמייכעלט מיט אַ פאַסקודנע געמאַכט שמייכעלע, וואָס ווען מרדכי־נתן זאָל זיך קאָנען אָנקוקען בשעת מעשה אין שפּיגעל וואָלט ער זיך אַליין נמאס געוואָרען.

דער שמועס פונ׳ם „אָדון בפקדך“ דרעהט זיך אַלץ אַרום אַזעלכע זאַכען, וואָס מרדכי־נתן הערט זיי אין דער לינקער פאה, פון איין אויער אַריין פונ׳ם אַנדערען אַרוים, וואָס ווייטער־ווייטער געהט ער אַריבער אויף אַזעלכע ענינים, וואָס מרדכי־נתן קאָן עס שוין ניט האָרכען, למשל: ער פרעגט ביי איהם צי ס׳איז אמת, וואָס די יודען שעלטען אַלע שבת אין שוהל די איבעריגע פעלקער מיט דער תוכחה, און שפּייען אויפ׳ן קלויסטער, און אַז אַ כריסט געהט צוועק פון אַ יודען בעדאַרף מען אויסגיסען נאָך איהם די פּאָמעניצע? וכדומה אַזעלכע שטות׳עריַיען, וואָס ניט געשטויגען ניט געפלויגען.

מרדכי־נתן וויל זיך אויסדרעהען פון זיינע הענד, פערשלאָגט איהם האַקע באַקע, מכח אופּראַווע, מכח קאַראָבקע, סוועטשנע סבאָר. וועך־וואָס? ער לאָזט זיך ניט פערדרעדען די צייהן, חאָטש גיב איהם אַ קריינק! ער טרעט צו צו איהם איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ער זאָל זיך

איהם נאָר מודה זײַן, מרדכי־נתן פּרובט זיך מיט אַ לצנות, פרעגט איהם „וואו האָט דאָס זײַן וויסאָקאָ־בלאַהאָראָדיע געשטודירט אַזעלכע דינים?" מאַקאַר קוקט איהם גלײַך אין די אויגען אַרײַן און פאַלט אויף אַזאַ מין המצאה: ער טהוט איהם אַ חאַפּ פּלוצים אומגעריכט, ווי זאָגט מען — צו־געקוועטשט צו דער וואַנט:

— נו, און בלוט?

— וואָסער בלוט?

— פּסח?... מצה?... האַ?...

און מרדכי־נתן פאַלט אויך אויף אַ גלײַכער המצאה; ער טהוט אַ ריהר דעם אָרון איבער דער פּלײַצע, אַ גלעט דעם העננ־קאָלנער, און מיט אַ פאַסקודנע געלעכטעריל פון אַ הונט אַ חונף'ניק טהוט ער איהם אַ זאָג, אַז דער אָרון איז אַ גרויסער ליץ, חע־חע־חע! און אַז דער אָרון הויבט זיך אויף און געהט אַיועק, זאָגט אויף איהם נאָכדעם מרדכי־נתן אַ שבח, אַז דער „אָרון בפקדך" איז אַ שווערער אָרון, דאָס הײַסט מע קען אויף איהם ניט זאָגען ער זאָל זײַן אַ רשע, חלילה! נאָר גלאַט אַ כלב שבכלבים...

איין מאָל — ס'איז געווען שבת בײַטאָג — איז מרדכי־נתן דער נגיד געזעסען אין שטוב און געלערענט פּרק, פּלוצים עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַרײַן... מאַקאַר חאַלאַדנע! פריהער האָט זיך אונ־זער נגיד אַ ביסעל ווי דערשראָקען, פאַרוואונדערט, ווי קומט דער „אָרון בפקדך" אַהער פּלוצים שבת נאָכ'ן שלאָף? נאָכדעם האָט ער איהם גע־מאַכט זעהר אַ פרײַנדליך פּנים און מיט אַ שמײַכעל געבעטען איהם זי־צען, אויסגעטהון דאָס שבת'דיגע היטעל און געבליבען אין דער יאַרמעל־קע און אַ געשרײַ געטהון צום ווײַב:

— טעמע בײַלע! הער נאָר, גיב אַהער עפּים אין מויל אַרײַן!

טהוט מאַקאַר אַ מאַך מיט דער האַנד:

— מען דאַרף ניט, איך בין געקומען צו דיר מכח אַנ'ענין, ס'איז אַ סוד...

דערהערט דאָס וואָרט „אַ סוד", חאַפּט זיך אויף מרדכי־נתן און וויל צוקײַטלען די טהיר, נעהמט איהם אָן מאַקאַר בײַ דער האַנד:

— מע דאַרף ניט, ס'איז ניט אַזאַ סוד, וואָס מע זאָל זיך דאַרפען פערשליסען. איך האָב דיך נאָר געוואָלט פרעגען אַ קלײניגקײַט. דו ביזט אַ קלוגער מענש און איין ערהליכער, בײַ דיר וועל איך וויסען דעם רעכטען אמת.

מרדכי־נתן גלעט זיך די פּאות מיט גרוים גדלות און איז שטאַרק

צופריעדען פונ'ם קאָמפּלימענט. די אויגען ווערען איהם אַזש ווי מיט פעטען איבער-געצויגען. ער ווערט צושמאָלצען פאַר תענוג, און סע טהוט איהם באַנג, וואָס ס'איז קיינער נישטאָ דערביי.

— מסתמא האָסט דו דאָך געהערט די מעשה מיט'ן מיידיל? פרעגט איהם מאַקאַר און קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין, ווי אַ סליעדאָוואַטעל.

מרדכי-נתן שטעלט אויף די אויהרען ווי אַ האָז.

— מיט וואָסער מיידיל?

— מיט'ן מיידיל, וואָס יודען האָבען זי געקוילעט און האָבען אָבגעצאַפּט פון איהר דאָס בלוט און בעהאַלטען דאָס אויף פסח.

פריהער צעלאַכט זיך מרדכי-נתן מיט זיין דריבנע געלעכטער, חעֶ-חעֶ! און נאָכדעם ווערט איהם דאָס פּנים בלייך און גרין, און די אויגען צינדען זיך אָן מיט פייער.

— שקרים וכזבים! זאָגט מרדכי-נתן און טרייסעלט מיט'ן קאָפּ און די פּאות שאָקלען זיך.

— סטייטש, מען שרייבט אין די גאַזעטען, זאָגט איהם מאַקאַר און לאָזט ניט אַראָב פון איהם קיין אויג.

— די גאַזעטען ליגען ווי די הינט! שרייט אויס מרדכי-נתן.

— די גאַזעטען שרייבען, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ פּראָטאָקאָל, פּרובט זיך מאַקאַר איהם איבערשפּאַרען: איך האָב אַליין געלייענט, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ פּראָטאָקאָל.

— שקר וכזב! שרייט מרדכי-נתן אין איין קול און טרייסעלט מיט דער יאַרמעלקע און די פּאות ציטערען.

— וואָס איז שקר וכזב? פרעגט איהם מאַקאַר שוין רויט פאַר כּעס: דאָס וואָס איך דערצעהל דיר? צי דאָס וואָס שטעהט אין פּראָטאָקאָל?

— אַלסדינג איז שקר וכזב! אַלסדינג! פון אָנהויב ביז'ן סוף! ניט געשטויגען ניט געפלויגען!

בשעת מעשה מאַכט מרדכי-נתן מיט די הענד, מיט'ן פּנים, מיט די אויגען, מיט די פּאות און מיט אַלע אברים און ציטערט אַזש פאַר כּעס. מאַקאַר האָט איהם קיין מאָל ניט געזעהען אַזוי אין כּעס און האָט דערפון אָבגעלערענט זיך אַ פּשט, אַז ניט אומזיסט איז דער יוד אַזוי אויפגעטראָגען, די משמעות, אַז ס'איז אמת די מעשה; אַ ניט וואָס שרייט ער אַזוי? וואָס וואַרפט ער זיך אַזוי? נאָר אַנ'עזות פון אַ

יודען—זאגען אויף אלסדינג, וואס סע שטעהט געשריבען, אז ס'איז שקר וכזב! און מאקאר חאלאדנע שטעהט אויף מיט גרויס גרימצארען, רוקט אן אויף זיך דאס היטעל מיט'ן קנעפעל און טהוט א זאג:

— פאר אזעלכע ווערטער וועסטו דו האבען צו געדענקען!

און ער לאזט זיך געהן צו דער טהיר, און תיכף נאך איהם שטעהט אויף מרדכי=נתן און האט שוין חרטה אויף דער גאנצער מעשה און וויל איהם איבער בעטען, פארקערעווען איהם צוריק און ער לויפט איהם נאך:

— פאני!... וואשע וויסאקע=בלאהאראדיע!... מאקאר פאוולא=וויטש!... מאקאר פאוולאוויטש!... בלאטע! מאקאר פאוולאוויטש איז שוין לאנג אויף יענער זייט טהיר, און מרדכי=נתן דער נגיד איז אוים מענש פאר הארצוועהטיג און פאר גריזאטע, טאמער האט ער טאקי גע=זאגט איין איבעריג ווארט, דער רוח האט איהם אנגעטראגען; און ווי אויף צו להכעים קומט אן טעמע ביילע און טשעפעט זיך צו צו איהם, ער זאל איהר זאגען, וואס האט דא געטהון דער „אדון בפקדך"? וואס איז ער אזוי גיך אוועק? און למאי האט ער אזא קלאפ געטהון מיט דער טהיר?

— געה פרעג איהם! האט איהר מרדכי=נתן געענטפערט מיט כעס.

— זעה נאר, זעה ווי ער איז דאס א ביסעל אין כעס! אויף וועלכער זייט ביזט דו דאס אויפגעשטאנען היינט, און וואס פאר א חלום האט זיך דיך געחלומט?

— הופטעל קרויט!!! שרייט אוים מרדכי=נתן דער נגיד אויף אזא קול, אז דאס ווייב איז שיער ניט געפאלען חלשות און ער אליין האט זיך איבערגעשראקען פאר זיין שטימע און אויך די דינסט, א שווארץ ווייבעל א ליטוועטשקע, איז אריינגעלאפען פון קיך ניט טוידט ניט לעבע=דיג מיט א גוואלד:

— א פלאג צו אייך! איהר האט דאך מיך איבערגעשראקען אויף טוידט!

איז טעמע ביילע אנגעפאלען אויף איהר און צעלאזט זיך מיטביידע קוראקעס, און מרדכי=נתן אויף זיי ביידע, און ס'האט זיך אויסגעלאזט מיט א סקאנדאל, וואס ס'איז גאר ניט כדאי דאס צו באשרייבען.

קאפיטעל ח.

כתריליוקע איילט זיך אין וועג ארײַן.

פון יענער צײַט האָט זיך אָנגעהויבען פאַר כתריליוקע אַ צײַט פון צרות, יסורים און אומזיסטע פחדים. קײַנער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס איז די מעשה וואָס מאַקאַר חאַלאָדני איז געוואָרען נאָך אַ גרעסערער שונא ישראל ווי ער איז געוועןֿ, און פאַר וואָס זעהט מען איהם ניט בײַ'ם נגיד אין קלײט? דער נגיד אַליין האָט זיך אַפּנים געשעמט און אַראָבגעשלונגען די מעשה, נישט דערצעהלט קײנעם, און מאַקאַר האָט געגראָבען ווי ווײַט ער האָט געקאָנט, זיך געריצט מיט די כתריליוקער יודען, זיי אָנגעזאָגט אַלע מאָל אַ נײַע בשורה, אַז ניט לאַנג נאָך וועלען זיי דאָ געוועלטיגען, מען וועט בײַ זיי נעהמען דין וחשבון: פון וואַנען נעהמט זיך צו זיי זייער גוטס? מענשען וואָס האָרעווען ניט, גראָבען ניט און זייען ניט און שנײַדען ניט, נאָר מע עסט פונ'ם גרייטען — פאַר וואָס קומט דאָס זיי? וכדומה אַזעלכע טענות וואָס ער האָט זיך מיט זיי אָנגעלײַענט אין דער גאַזעט „די פּאָהן", און פונקט אין יענער צײַט האָט זיך איהם געטראָפען דער בזיון מיט האַפּקען, וואָס ער איז דורך איהר געשטרויכעלט געוואָרען, שיער ניט אַרײַן אין אַ גרויסען אומגליק, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט פאַרבײַגעהענדיג אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל. און אַז גאָט האָט געהאָלפען, מאַקאַר איז אַרויס פונ'ם עסק ריין, האָט ער ערשט דעמאָלט אָנגעהויבען גראָבען אויף די כתריליוקער יודען, זיי געגעבען אָנצוהערעניש, אַז אָט־אָט וועט מען מיט זיי לערנען בלק, און גראָד דעמאָלט איז אָנגעקומען דאָס גוטע בריוועל פונ'ם שוחט'ס איידעם, וואָס איז געגאַנגען מיד ליד איבער דער גאַנצער שטאָדט, און זיידיל מיט זײַנע „בלעטער" האָט אונטערגעגעבען היץ, געגאָסען בוימעל אויפ'ן פײַער, און מעשיות זענען געגאַנגען איבער דער שטאָדט איינע שרעקליכער פון דער אַנדערער, און ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דאָ אין כתריליוקע וועט אין גיכען אויך זיין „דאָס אייגענע"...

פון וואַנען האָט זיך עס גענומען? ווער איז דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט דעם דאָזיגען קלאַנג? — דאָס ווייסט מען ניט עד היום און מע וועט דאָס ניט וויסען קיין מאָל, אייביג! דער היסטאָריקער, וואָס וועט זיך נעהמען אַמאָל בעשרײַבען די געשיכטע פון די כתריליוקער יודען, אַז ער וועט קומען צו דעם שטיקעל צײַט, לייענען די אַלע פּאַפּירען מיט די אַלע בלעטער, וועט ער געוויס בלײַבען שטעהן פער-

טראַכט מיט דער פּעדער אין האַנד, זײַנע מחשבות װעלען איהם פאַרטראָגען װײַט — װײַט...

מע װײסט ניט װי אַזוי דאָס איז געװאָרען און פון װאַנען דאָס האָט זיך גענומען, נאָר ס'איז אַרויס אַ נײַס אין שטאָדט, אַז מע געהט אויף כּתרילעװקע, דרײַ דערפער מיט אַמאָל... און אין איין פריהמאָרגען איז געװען כּתרילעװקע אויפגעשטאַנען װי איין מענש און מען האָט זיך גענומען פּאַקעװען, קינדער און בעטגעװאַנט און שמאַטעס — דאָס גאַנצע ביסעל כּתרילעװקער אָרעמקײט, ראַטעװען װי פון אַ שׂרפה און קלויבען זיך אין װעג אַרײַן — װאוהין? װאוהין די אויגען װעלען טראָגען! בשעת מעשה האָבען מוטערס אַרומגענומען זײערע ברעקליך קינדער, צוגעטוליעט צו דער ברוסט און מיט טרעהרען אויף די אויגען זײ געקושט און געהאַלזט און געהאַלובעט, גלײַך װי עמיצער האָט זײ געװאָלט חלילה אַװעקנעהמען, גלײַך װי עמיצער דאַרף זײ האָבען...

און כּתרילעװקע האָט אָנגעהויבען צושליסען איין קלײט נאָך דער אַנדערער, קוקענדיג איינס אויפ'ס אַנדערע און בעהאַלטענדיג זיך איינס פון דאָס אַנדערע, און מען האָט זיך געאײַלט, געהאַפּט איטליכער װאָס פריהער הײַס גיכער. חװעדאָר'ן האָט מען יענעם פריהמאָרגען שיער ניט צעריסען אויף שטיקלעך. איטליכער האָט איהם געשלעפּט צו זיך העלפען פּאַקעװען, אונטערגערוקט איהם פון אַלע זײַטען, אַז קײנער זאָל ניט זעהען, װער אַ גריװנע און װער אַ פּיטאַקיל. קײן מאָל איז חװעדאָר נישט געװען נאָך אַזאַ חשוב אין כּתרילעװקע װי יענעם טאָג, און קײן מאָל האָט נאָך חװעדאָר אַזוי ניט מאסף ממון געװען װי דעמאָלט, און מען האָט איהם אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט געלד ביז ער האָט אַ שפּײַ געטהון: „נעחײַ יאָמו סטאָ טשערטיװ אי אָדנאַ װידמאַ!" און איז אַװעק אַהין װאו אַלע מאָל, און געמאַכט אַ שענע כּוסה לכבוד די כּתרילעװקער בעלי־בתּים, װאָס פאָהרען אַװעק, און אַז ער איז געװאָרען רעכט פאַרטיג, האָט ער אָנגעהויבען אַרבײַטען, מאַכען מיט די קולאַקעס און שרײַען, אַז ס'איז שוין לאַנג צײַט מע זאָל פּטור װערען פון די כּתרילעװקער יודען — און מעשׂה שׂטן האָט בעדאַרפט דורכגעהן פאַרבײַ סאַמע מאַקאַר חאַלאָדני מיט'ן אָדון דעם פּאָטשטמײַסטער און דערהערען װי חװעדאָר אַרבײַט מעשים אויף די יודען, האָבען זיך בײדע אדונים אָבגעשטעלט און דערזעהען, אַז די יודען פּאַקעװען זיך, גרײטען זיך עפּיס זעהר שטאַרק אין װעג אַרײַן, איז דאָס זײ געװען קשה, און זײ האָבען זיך גענומען בײדע נאָכקוקען: װאוהין לויפען דאָס די יודען?

דאָס נאָכקוקען פון די אדונים האָט אָנגעמאַכט נאָך אַ גרעסערע בהלה צווישען די יודען און מע האָט איוועקגעיאָגט דעם פּאָקן זיך; חאַפּט דער רוח דאָס בעל הבתישקייט! דאָס לעבען, דאָס לעבען איז טייערער!... און מען האָט אָבגעדונגען וואו ס'איז געווען ערגיץ אַ פוהרעל, אַ פערדיל, אַ פּאָר אָכסען, און מע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין בעצייטענס, און גיך־גיך, בחפּזון, כמעט אַזוי האַפּענדיג ווי בשעת מע איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

פריהער פון אַלע זענען געפלויגען ווי די אָדלערס געוויינטליך די כתריליוועקער בעלי־עגלות מיט די גרויסע בוידען און ביידלעך; דאָרט זענען געזעסען רב מרדכי נתן דער נגיד מיט זיין גאַנצער משפחה און די אַלע איבריגע נגידים מיט זייערע משפחות. נאָך זיי האָבען זיך געשלעפּט די גויעשע פוהרלעך, אָנגעזעצט מיט ווייבער און מיט קינדער און מיט אַלע קראַנקע נפשות, און אונטען זענען געגאַנגען די מאַנסבילען, די געמיינע בעלי בתים, דאָס וואָס סע ווערט אָנגערופען דער המון נעבעך עולה רגל געווען מחילה צו פוס, און געגאַנגען גיך, מורא געהאַט זיך אַרומקוקען, טאָמער יאָגט מען זיי נאָך פון הינטען, טאָמער בעט מען זיי חלילה צוריק...

שטיל איז געוואָרען אין כתריליוועקע, ליידיג, פוסט ווי אויף אַ בית־עולם. ניט געבליבען קיין נפש. פון לעבעדיגע נפשות זענען געבליבען אין שטאָדט נאָר די ציגען, דאָס גאַנצע יודישע פאַרמעגען אין כתריליוועקע, און האַפקע די געשטופּעלטע, און דער בעדער מיט דער בעדערין, און להבדיל באלף אלפי הבדלות דער אַלטער רב רב יוזיפעל.

איבער די דאָזיגע אַלע לעבעדיגע נפשות וועלען מיר רעדען פון איטליכען אין אַ בעזונדער קאַפּיטעל.

קאַפּיטעל ט.

לאָזט זיך אַריין אַ ביסעל אין חקירה.

די געלעהרטע, וואָס גיבען זיך אָב מיט דער נאַטור, וואָס קוקען זיך צו און וויסען די טבע פון יעדער באַשעפעניש, פון איטליכס גרעזעלע, וויסען אויף מיט ראיות, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט גערהט נישט לאיבוד, ווערט ניט פאַרפאַלען, שטאַרבט ניט אַוועק. אָט דאָס

וואס מיר זאגען, למשל, אז דער בוים איז געוואכסען, די צווייגען האבען געבליהט, געגעבען אונז פירות; נאכדעם האבען מיר די פירות אבגעריסען און אויפגעגעסען, די צווייגען האבען אבגעבליהט, די בלעטליך זענען אבגעפאלען, דעם בוים האבען מיר אויסגעהאקט, דאס האלץ האט זיך אויסגעהייצט — דאכט זיך אנ'עק? אויס בוים? ניין זאגען די געלעהרטע — ס'איז נישט אזוי די מעשה! דער בוים, זאגען זיי, האט זיך נאר צעטיילט אויף זיינע יסודות; פון די פירות, זאגען זיי, האבען מיר געהאט חיות, די בלעטער האבען מיר געשמעקט, דאס האלץ האט אונז געווארעמט, און דער בוים האט געלעבט און מיר האבען געלעבט, און אז מיר זענען געשטארבען האט מען אונזער קערפער אריינגעלייגט אין דער ערד אריין, און מיר זענען זיך צוגאנגען אויף יסודות; אויף אונזער קבר איז אויסגעוואכסען א גרעזעלע, דאס גרעזעלע האט געגעסען די ציג און באקומען דערפון מילך, די מילך האט געטרונקען דאס קליינע קינד, געהאט דערפון חיות, געוואכסען, אויס-געוואכסען, אבגעלעבט און געשטארבען, צעטיילט זיך ווידער אויף יסודות, ווידער א גרעזעלע, ווידער ציגען, ווידער מילך, ווידער קליינע קינדער, און אזוי ווייטער און ווייטער ביז עק וועלט.

איהר שטויסט זיך שוין מסתמא וואוהין די חקירה געהט? דאס געהט אויף די אלטע צעווארפענע קברים פונ'ם אלטען כתריליווקער בית הקברות פון כמה וכמה יאהרען. די דאזיגע קברים, און די דאזיגע ציגען און די דאזיגע יודען אין כתריליווקע — דאס אלסדינג איז אינאיינעם א מין קייט, וואס קייטעלט זיך פון א סך, א סך יאהרען. און מי יודע וויפיעל יאהר עס וועט זיך נאך אזוי קייטלען...

אויב איהר ווילט וויסען, וויפיעל יאהר כתריליווקע איז א יודישע שטאדט, בעדארפט איהר נישט זוכען אין די אלטע בלעטער פון דער היסטאריע — איהר וועט זיי ניט געפינען, איהר דארפט זיך נאר מטריח זיין אויפ'ן אלטען כתריליווקער בית עולם און בעטראכטען די אלטע-אלטע קברים מיט די אלטע אבגעריסענע מצבות, פראסטע הילצערנע מצבות, פראסטע גרויע שטיינער, וואס שטעהען כורעים, אנגעבויגען פון א סך א סך יאהרען; וואו-ניט-וואו ווארפען זיך דורך אויף די שטיינער האלב אבגעריבענע בלייבע אותיות: „דא ליגט באהאלטען א יוד א רב, א צדיק אזעלכער און אזעלכער", „דא ליגט באהאלטען א אשה צנועה און חכמה אזעלכע און אזעלכע", דאס יאהר איז שווער איבערצולייענען — נאר מען פארשטעהט, אז ס'איז שוין לאנג, ווארום א סך מצבות זענען

שוין לאַנג צעפאַלען. און אַ סך קברים זענען שוין לאַנג פערוואַכסען מיט גראָז, און ציגען, די כתריליווקער ציגען וואָס האָבען ניט וואָס צו עסען, שפרינגען אַריבער דעם שוין לאַנג איינגעפאַלענעם פאַרקאַן און פאַשען זיך אויף דעם דאָזיגען גראָז, און ברײנגען אַהײם פולע אײטערס מיט מילך, און די אָרעמע יודישע קינדער אין כתריליווקע האָבען וואָס צו עסען, פון וואָס צו ציהען כח, און ויער ווײסט ווער די דאָזיגע ציגען זענען? אָפשר שטעקט אין זײ אַ נשמה פון אַ מענשען און נאָך פון אַ גאַנץ נאָהענטען מענשען? ווער ווײסט, ווי נאָהענט עס זענען געבונדען צווישען זיך די דרײ מינים: דאָס אַלטע כתריליווקער בית־הקברות, די דאָזיגע ציגען וואָס פאַשען זיך דאָ, און טאַקע זײ אַלײן במחילת כבודם, איך מײן די כתריליווקער יודען?

אויף אַזאַ מין חקירה האָט מיך צרויפגעטריבען דאָס אויסזעהען פון די דאָזיגע ציגען אין יענעם טאָג, וואָס די כתריליווקער יודען זענען זיך צעלאָפען און איבערגעלאָזט אויף גאָטס גענאָד זײער גאַנץ פאַר־מעגען, זײערע ציגען.

אין דרויסען איז געווען נאָך פסח, דער שנײ איז שוין לאַנג אַראָב פון דער ערד, געלאָזט דאָס יונגע גרעזעלע זאָל זיך שפראָצען, ציהען צו דער וואַרעמער זונן און בעגריסען און בעשײנען גאָטס וועלט אין יעדען אָרט, וואו מענשען לאָזען דאָס וואַכסען. כתריליווקע איז אָבער, אוי וועה! נישט קײן אָרט פון פריש גראָז אין נישט קײן אָרט פון שמעקענדיגע בוימער, כתריליווקע איז אײן אָרט פון בלאָטע, פון זאַמד און פון פאָראָך און פון געדיכטער פאַרעפּוש׳טער לופט, וואָס מען קאָן פון איהר דערוואָרגען ווערען, און פון נאָך אַ סך אַזעלכע גוטע ליעבע זאַכען. גרין גראָז קאָנט איהר געפינען נאָר סײדען אויפ׳ן בית עולם, און אַהין האָט דאָס מיך מײן כח הדמיון, מײן פאַנטאַזיע, אַוועקגעטראָגען אין יענעם טאָג פון דער גרויסער בהלה, און דאָרט האָב איך באַטראַכט די גאַנצע טשערעדע פאַרלאָזטע, פעריתום׳טע ציגען און עס האָט מיר פערקלעמט דאָס האַרץ, ווי אויף די ציגען נעבעך, אַזוי אויך אויף די קלײנע יודישע קינדער, וואָס זענען געבליבען דעם טאָג אָהן אַ ביסעל מילך. קוקענדיג אויף די אָרעמע ציגען, ווי זײ שטעהען מעלה־גרה׳ן, מאַכען מיט די בערדליך, קוקען משונה־מאָדנע נאַריש פערטראַכט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז זײ זאָגען צו מיר: „פעטער! אָפשר ווײסט איהר, וואו זענען אונזערע בעלי הבתים און בעלי בית׳טעם? צו וועלכע גוטע יאָהר זענען זײ זיך צעלאָפען?...“

איך לאָז איבער דאָס פעלד, דאָס היילינגע אָרט פון כתריליחקע, און געה מיך דורך מיט אייך אין שטאָדט אריין, זעהען די איבעריגע נפשות, וואָס זענען איבערגעבליבען פון דער גרויסער בהלה אין כתריליוועקע.

דאָס מיינט מען דעם בעדער מיט דער בעדערין און זייער קעסט־קינד, דעם אלטען שוואכען רב רב יוזיפעל.

קאפיטעל י.

שמועסט וועגען דעם רב רב יוזיפעל.

אַ סך מאָל האָב איך אייך דערמאָהנט און־אַרום געבראַכט אין מיינע אמת'ע ניט אויסגעטראַכטע מעשיות איינעם פון מיינע בעליעבטעס־טע פּאַרשוינען, דעם רב און דעם רבי'ן פון כתריליוועקע, רב יוזיפעל, און קיין מאָל האָב איך זיך ניט אָבגעשטעלט אויף איהם, איך זאָל אייך מיט איהם בעקענען ווי עס געהער צו זיין. איך ווייס, אַז ס'איז פון מיר אַ גרויסע עולה. לאָס איך האָטש אָט דאָ ממלא זיין דעם דאָזיגען חסרון.

רב יוזיפעל איז אַן'אַלטער מאַן, אַ זקן און אַ קראַנקער און פון תמיד אָן ניט קיין איבעריגער גבר, אַ צעבראָכענער גוף, דערפאַר אָבער מיט אַ נשמה אַ גאַנצע, אַ געזונדע און אַ ריינע; און דוקא אין דעם דאָזי־גען קראַנקען גוף האָט גאָט אַריינגעזעצט די דאָזיגע תמיד־יונגע און שטענדיג־פרישע נשמה און אָנגעזאָגט איהר, זי זאָל זיך האַלטען, לאַנג האַלטען, ביז עס וועט קומען די רעכטע צייט, וועט איהר גאָט אַליין זאָגען: „קום, שוין צייט אין גן־עדן אַריין"...

און געוויס אין גן־עדן אַריין, ס'איז גאָר קיין ספק ניט; וואָרום דעם גיהנם מיט'ן חבוט הקבר מיט די אַלע איבעריגע גוטע זאַכען, וואָס וואַרטען אויף אונז דאָרטען, האָט שוין אונזער רב יוזיפעל דאַנקען גאָט איבערגעלעבט דאָ אויף דער וועלט. נישמאָ אַיין צרה, איין שלאַק, איין פורעניות, וואָס רב יוזיפעל האָט דאָס ניט פערזוכט פון דעם וואָס לעבט אייביג. דער וואָס לעבט אייביג האָט אַ פנים געוואָלט אויספּרובען זיין געטרייען קנעכט ר' יוזיפעל, האָט ער געהאַלטען אין איין שיטען אויף איהם צרות פון דער ברייטער האַנד, כדומה למשל, ווי מע באַשיט

אַ חתן מיט ניסלעך. איינס נאָכם אַנדערע האָט ער ביי איהם צוגענומען די קינדער, פריהער געוויינטליך גוט אָנגעמוטשעט זיי; נאָכדעם דאָס ווייב פרומע־טעמע די רעביצין די צדיקית, וואָס זי איז געוועזן פאַר איהם אַ געטרייע מאַמע; נאָכדעם האָט ער איהם צוגעבויגען אַ ביסעלע צו דער ערד, איהם מזכה געוועזן מיט שענע עטליכע קרייניק אויף דער עלטער. איהם איבערגעלאָזט ווי אויפ'ן וואַסער עלענד און אָרעם און שוואַך; און בכדי ער זאָל פיהלען דעם אָמת'ן טעם פון גיהנם, האָט ער אַריינגעגעבען אַ זין די כתרילעווקער יודען, זיי זאָלען קריינען אַ נייעם רב, אַ יונגען רב, און איהם, דעם אַלטען רב יוזיפעל זאָל מען אויף דער עלטער בעטען מחילה און באַזעצען איהם ערגיץ ביים בעדער מיט דער בעדערין, ער זאָל דאַרטען דערלעבען דאָס איבעריגע ביסעל יאָהרען. דאָ האָט דער רבונו של עולם געקאָנט רעכענען פאַר זיכער, אַז דער דאָזיגער ר' יוזיפעל, וועט שוין מסתמא געוויס זינדיגען מיט'ן מויל חאָטש, אַזוי ווי איוב פאַרצייטען האָט זיך אויך געמוטשעט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך ניט געקאָנט מעהר איינהאַלטען און פערשאָלטען זיך דאָס געביין.

ניִשט אַזאַ מענש אָבער איז געוועזן אונזער אַלטער רב יוזיפעל. אַ סך, אַ סך זאַכען איז רב יוזיפעל דערגאַנגען מיט זיין אייגענעם שכל. ער איז דערגאַנגען מיט זיין אייגענעם שכל, אַז אַלע צרות און יסורים, וואָס דער אויבערשטער האָט איהם מזכה געוועזן איז — איינס פון די צוויי: אָדער דאָס איז נאָר אַ פּרוב, איין אַנשיקעניש פון זיין ליבען נאָמען, איין אָבקומעניש דאָ אויף דער נאַרישער זינדיגער וועלט, בכדי ער זאָל דאָרטען בעקומען דערפאַר זיין שכר בכפל כפליים, אָדער ער האָט דאָס טאַקע כשר פאַרדיענט; און טאָמער נישט ער אַליין פאַר זיינע אייגענע זינד, איז פאַר זיינע אָרעמע זינדיגע ברידער, די קינדער ישראל, וואָס זענען ערב איינס פאַר'ם אַנדערע און זענען מחויב אָבקומען איינס פאַר'ם אַנדערע, ווי אַ מין אַרטעל למשל, וואָס טאָמער האַפּט מען איינעם אין אַ גנבה, בעדאַרף ליידען דאָס גאַנצע אַרטעל, איט יכער ווערליג אויף זיין חלק... אַזוי איז ר' יוזיפעל דערגאַנגען מיט זיין אייגענעם שכל, און האָט זיך אויף זיין לעבענסטאָג קיין מאָל נישט באַקלאָגט, זיך אויסגעטהון פון דער וועלט מיט אַלע איהרע תענוגים, זיך לחלוטין מבטל געוועזן מיט אַ שמייכעל, פון אַ גרויסען־גרויסען פילאָזאָף, און דערמיט האָט ער זיך געקויפט גרויס ליבשאַפט ביי די כתרילעווקער לייט, וואָס חאָטש ער איז שוין קיין רב ביי זיי ניט געוועזן און די הכנסות, וואָס האָבען געקעהרט צו איהם האָט שוין צוגענומען

דער נײַער רב, פֿון דעסטוועגן האָט ער געהאַט דעם זעלבן כבוד וואָס תּמיד, דעם זעלבן אויבן־אָן אין בית־המדרש, און אפילו דער נאָמען „רבי" איז איהם אויך איבערגעבליבען ווי פֿריהער. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס מיט'ן נאָמען „רבי" אַליין קאָן מען נישט לעבען; דער גוף מאָהנט זיך זײַנס, וואָס ס'ניט איז, אַבי עפּיס אין מויל אַרײַן צו דערהאַלטען די נשמה... זענען די כּתרילעווקער לײַט געפאַלען אויף אַ המצאה: אַזוי ווי די כּתרילעווקער באָד איז דאָך אַ קהל'שע באָד, זאָל די הכנסה פֿון דער באָד געהערען צום אַלטען רב און דאָרטען טאַקי זאָל ער וואוינען, דאָס הייסט ניט אין באָד גופא. נאָר אַזוי ווי בײַ דער באָד איז פֿאַרהאַן אַ שטיבעל, דאָרט וואו סע זיצט דער בעדער מיט דער בעדערין, איז דאָרט פֿאַרהאַן איין אַלקערל, וועט ער זיך קאָנען דאָרטען רוהיג זיצען און לערנען.

לערנען? סע רעדט זיך אַזוי: ווי קאָן שוין רב יוזיפעל לערנען, אַז די ראיה איז איהם, ניט פאַר אייך גערעדט, אַזוי געשלאָגען, אַז קוים וואָס ער זעהט די ליכטיגע שײַן? פֿון דעסטוועגען האָט קיין יסורים ניט. אַ תלמיד חכם, ווי אַלט ער זאָל ניט זײַן, געפינט ער זיך איין אַרבייט. קאָן ער ניט לערנען אינוויינינג, לערענט ער אויסווייניג, זאָגט ער עפּיס, דאַווענט ער, אָדער גלאַט אַזוי ער טראַכט, און טראַכטען איז דאָ פֿון וואָס! פֿון דער וועלט טראַכט דער אַלטער רב יוזיפעל און פֿון דעם בורא פֿון דער וועלט, פֿון דעם באַשעפער, וואָס ער איז גערעכט און אַלע זײַנע טהועכצען זענען רעכט! און פֿון זײַן פֿאָלק ישראל, וואָס ער שטראָפט דאָס ווי אַ ליעב קינד; און פֿון אַלע איבעריגע פֿעלקער און פֿון אַלע באַשעפענישען אויף דער ערד, פֿונ'ם גרעסטען ווילדטיער ביז דער מינדעסטער מילב, ביז'ן קלענסטען ווערעמיל אונטער'ן שטיין, וואָס ער טהוט טהון שפּײַזען מיט זײַן ברײַטער האַנד. דערפֿון איז אָבצולערנען אַ קל־וחומר: „מאַי דאָך אַ מילב, אַ ווערעמיל אַזוי, הײַנט לא כל־שכן שוין אַ מענש און לא כל־שכן אַ יוד!..." אַזוי טראַכט זיך רב יוזיפעל און איז צופֿריעדען מיט גאָט און מיט דער וועלט און מיט'ן פֿאָלק ישראל און מיט זיך און מיט זײַנע געדאַנקען, וואָס ער זאָגט זיי אַרויס ניט איין מאָל גאַנץ הויך, אַלע זאָלע הערען. און ווי אומעדום, אַזוי זענען אויך אין כּתרילעווקע פֿאַרהאַן מענשען חקרנים, גריבלער, וואָס האָבען ליעב פֿרעגען קשיות, פּרובען זיי זיך אַביסעל אָבלצ'עווען פֿון אַלטען רבי'ן און פֿרעגען איהם אַ קלאָץ־קשיא:

— איהר זאָגט אַ מילב? אַ ווערעמיל זאָגט איהר? ענטפער זשע

אונז, רבי, אַ תירוץ דערויף: ווי באַלד, אַז דער אויבערשטער איז יאָ אַזאַ גרויסער גאָט און אַ גוטער גאָט און אַ דערבאַרעמיגער גאָט, וואָס שפּייזט אַפילו אַ ווערעמיל אונטערן שטיין, היינט למאי שפּייזט ער ניט זיינע כתריליווקער יודעלעך? שוין זשע זענען מיר קלענער פון אַ מילב, קלענער נאָך פון׳ם קליינעם ווערעמיל, וואָס אונטערן שטיין?...

— וואָס פאַר אַ קינדער איהר זייט! ענטפערט זיי דער אַלטער מיט אַ שמייכעלע. איך וועל אייך געבען אַ משל מיט אַ מלך. אַ שטייגער שטעלט אייך פאָר, דער מלך האָט אייך געלאָזט בעטען צו זיך אויף דער סעודה, זענט איהר געקומען אין פעדערשטען חדר און דערזעהן, אַז אין פעדערשטען חדר איז עפּיס ניט אַזוי גראַם און ליכטיג, האָט איהר גענומען און זיך אומגעקעהרט צוריק. אַזוי איז דאָס אויך. איך פרעג נאָר איין זאַך: וואָס פאַר אַ ווערט האָט פאַר אייך דאָס ביסעל יסורים און בזיונות דאָ אינם איינגען פּרוזדור, אינם פעדערשטען חדר, אַקעגען יענעם גרויסען טרקלין, דעם שענעם רייכען פּאַלאַץ פון עולם הבא דאָרטען, וואו די ווענט זענען ־ין גין־גאָלד, די ערד פון ריין זילבער און די שטיינער ברילליאַנטען? דאָרט וואו דאָס לעבען איז אייביג, דאָרט וואו די נשמות פון די צדיקים זיצען אויבען־אָן און טהוען זיך אָן וואוהלטאָג און האָבען הנאה פון דער לויטערקייט פון דער שכינה, און הקדוש ברוך הוא אַליין באַדיענט זיי, טראָגט זיי אונטער אין גילדענע בעכערס דעם בעסטען וויין און אויף גילדענע טעלערלעך די פיש פון׳ם לויתן מיט׳ן פלייש פון׳ם שור הבר...

די לעצטע ווערטער, דאָס הייסט „וויין" „לויתן" און „שור־הבר —, דאָס לייגט שוין צו געוויינטליך רב יוזיפעל ווי אַ צו־גאָב פאַר דעם פּראָסטען עולם, וואָס וויל ניט וויסען פון קיין רוחניות און פון קיין שכינה; אַ פּראָסטער יוד דאַרף האָבען אַ פּראָסט שטיקעל פיש, מיט אַ שטיקעל געבראָטענס — און דאָס איז אין כתריליווקע איינע פון די זעהר זעלטענע זאַכען, וואָס נאָר שבת און יום טוב קאָן מען זיך אַזעלכס פאַרגינען, און דאָס ניט אַלע מאָל. פאַר אַזעלכע וויכע גוטע רייד האָט מען ליעב אין כתריליווקע דעם אַלטען רב דאָס חיות, און מעהר פון אַלע דער פּראָסטער עולם און מעהר פונם גאַנצען פּראָסטען עולם דאָס בעריהמטע פּאָריל, דער בעדער מיט דער בעדערין פון דער אַלטער כתריליווקער קהל׳שער באָד, וואָס פון זייערטוועגען שענקען מי־ אַ באַזונדער קאַפּיטעל אינ׳ם דאָזיגען בעשרייבונג.

קאַפּיטעל יא.

אדם הראשון מיט חוה'ן אין גן-עדן.

אויב עס האָט אַ זין דאָס, וואָס שמעיה אָדער פישעל קאָרעספּאָנדענט — דער וואָס שרייבט קאָר־רעספּאָנדענציעס אין אַלע בלעטער און מען דרוקט זיי ניט — זאָגט אויף דער כתרילעווקער באָד, אַז זי איז אַ גן־עדן־התחתון, דאַרף איך נישט אויסווייזען אַזוי ווילד, דאָס וואָס די כתריליוווקער לצני הדור האָבען אַ נאָמען געגעבען בערקע דעם בעדער „אדם־הראשון" און חוה די בעדערין האָבען זיי געקרייגט מיט אַ צונעמעניש, „די מוטער חוה". פון וואַנען האָט זיך גענומען דער דאָזיגער נאָמען — איז שווער צו זאָגען. אפשר דערפאַר, וואָס די בעדערין האָט געהייסען חוה, האָט דעם מאַן איהרע שוין במילא געפּאַסט צו הייסען אָדם? און אפשר דערפאַר ווייל דאָס בעריהמטע פּאַריל האָט זיך געפונען אין'ם דאָזיגען גן־עדן פון כמה וכמה יאָהרען, אָבגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט און געלעבט ווי אין גן־עדן? צי אפשר דערפאַר, ווייל די כתריליוווקער יודען און ווייבער האָבען געהאַט מעהר פון אַלעמען די זכיה צו זעהען דאָס דאָזיגע פּאָריל אין דעם זעלבען קאָסטיום, וואָס אָדם מיט חוה'ן האָבען געטראָגען אין גן־עדן איידער זיי האָבען פאַרזוכט פונ'ם עץ־הדעת? אַזוי צי אַזוי — דאָס מוזען מיר מודה זיין, אַז די כתריליוווקער לצים זעצען צו עמיצען אַ נאָמען, איז ער ווי געבאָרען, ווי צוגעשניטען, אויפגענייט, אויסגעפּרעסט און אָנגעמאָסטען און פאַרניצט געזונד! עס האָט זיך אויסגעוויזען איטליכען בעזונדער, אַז קיין אַנדער נאָמען קאָנען זיי גאָר ניט האָבען. ווי אַזוי דען זאָל מען רופען אַ פּאָר־פאָלק וואָס פאַרברייננגען אַלע זייערע טעג און יאָהרען דאָרטען באַרג אַראָב, העט ווייט פון שטאָדט אַרוים, ווייט פון דער בעריהמטער כתריליוווקער שטענדיגער בלאָטע, סאַמע ביים ברעג טייך, דאָרט וואו גרינע ווערבעס שטעהען אָנגעבויגען, קוקען אַריין אין וואַסער אַריין; דאָרט וואו זומער צייט הערט מען זשאַבעס קוואַקען, גראַגערען זוין פער־גראַגערען דעם קאָפּ? אַזאַ ערטיל קאָן מען טאַקי אַנדערש ניט רופען ווי גן־עדן און אַזאַ פּאָר־פאָלק ווי דער בעדער מיט דער בעדערין — זענען באמת אָדם מיט חוה'ן אין דעם דאָזיגען גן־עדן, וואָס זענען ווי בעשאַפען געוואָרען איינס פאַר דאָס אַנדערע מששת ימי־בראשית: ער אַ הויכער אַ געזונדער, אַ ברייט־ביינגער, אַ יין אויבגעדריגנטער סאָלדאַט מיט אַ קאָלנענ־ואַטע באָרד, מיט אַ וואַטאָווע גלאַנצענדיגע קאַפּאָטע און מיט

שטענדיג אונטערגעבונדענע שטיוועל, און זי — א הויכע, א געזונדע, א פעטע יודענע מיט א שווארץ גלאנצענדיג געשטופעלט פנים, נאר מיט גוטע גרויע אויגען, מיט א קעסטעלדיגער פאטשיילע אויפ'ן קאפ און מיט שטענדיג איין אונטער־געשטעקט קליידיל, וואס ס'האבען זיך ארויסגעזעהען פון דעם א פאר גרויסע פיס אין מאנסבילשע גרויסע שטיוועל, קיין זאך, איף דער וועלט האט דאס פאריל ניט געוואוסט א חוץ דער באד. שטענדיג איז מען געווען פערנומען נאר מיט דער באד: אדער מען הייצט די באד, אדער מע ריינינגט די באד, אדער מע פערריכט די באד — קיין מאל, קיין מאל זיצט מען ניט ליידיג, סיידען ביי נאכט, אז אלע פייערען ווערען פארלאשען, דעמאלט זעצען זיך אוועק אדם מיט חוה'ן איבער א טעפיל קארטאפלים און מע פארקלויבט זיך ווינטער אויפ'ן אייווען און זומער אין דרויסען ביי דער פריזבע — און קיינעם, קיינעם איז אין כתריליווקע ניט אזוי גוט, ווי דעם דאזיגען פאריל. קיינער, קיינער האט ניט אזא שטענדיגע פארזארגטע פרנסה ווי אדם מיט חוה'ן, אז קיין ראטע צאהלען בעדארף מען ניט, און קונים איז מען קיין מאל ניט זשערגע, ווארום ווי ארעם די שטאדט זאל ניט זיין — אהן א באד קאן זיך א יוד ניט באגעהן. אמת, קיין גרויסע גליקען קאן מען דערפון ניט מאכען, קאפיטאלען קאן מען ניט קלויבען, און קיין הייזער אייגענע קויפען אודאי נישט, ווארום וואס צאהלט א כתריליווקער יוד משטיינס געזאגט, אז ער קומט שוין ערב־שבת אין מרחץ אריין? הײנט וויפיעל האלץ נעהמט צו די באד, אז דער קעסעל בסך־הכל איז שוין אלט, און די שטיינער זענען צעפאלען, און די ווענט לייכטען זיך דורך, און פון דער סטעלי קאפעט, יעדער קאפ וואס פאלט אויפ'ן הוילען לייב פון די נאקעטע בעלי־בתים טהוט א בריה, א ברען, ברענט אוים א שטיק פלייש, מע טהוט אזש א טאנץ אונטער און א מאך בשעת מעשה: „איף — אוי!" ווי די רשעים אין גיהנם בשעת מע טרייבט זיי אויף צעגליהטע צוועקעס, און דער עולם לאזט אוים דאס ביטער הארץ אויפ'ן בעדער, שעלט איהם אן א פולען קאפ, און ער, דער בעדער, טהוט זיך זיינס: גיסט וואסער אויפ'ן הייסען שטיין און וואָרטשעט זיך אין בארד אריין: „איהר פערשטעהט א מעשה? אויסגעבויט א באד נאך פאר חמעלניצקעס צייטען און ווילען ס'זאל זיי ניט קאפען!" און ער פארריכט אלע מאל מיט זיינע אייגענע הענד די אלטע באד, פארשטעקט די ווענט, פארלאטעט דעם דאך, שפארט איהם אונטער מיט איין אבאפעלעק און ריינינגט אפט די מקוה בכדי די כתריליווקער חכמים זאלען זיך ניט ווערטלען און ניט זאגען קיין המצאות, אז זיי הערען דארטען זשאבעס קוואקען... און אדם

הראשון שטעהט אויף גאַנץ פריה ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, שלעפט מיט די געזונדע גראָבע ידים אַנ׳עמער נאָך אַנ׳עמער און זעצט בשעת מעשה גאַנצע שטיקער תהלים אויסווייניג מיט אַ נגון, און דאָס קול זיינס קלינגט, הילכט, לאָזט זיך הערען פון דער באָד אַרוים און קיקעלט זיך מיט׳ן ווינט איבער די ברעגען פונ׳ם טייך און ווערט פאַרפאַלען העט ווייט דאָרטען אַזש אויף יענער זייט טייך, וואו אַ פייגעל האָט זיך פאַרקליבען אויף אַ צווייגעל פון אַ בוים, שאָרעכט שטילערהייד, שאָקעלט זיך און רייניגט דעם פיסק און טראַכט מכח אָנבייסען...

און אינווייניג אין שטיבעל וואָס ביי דער באָד איז נאָך שטאָק פינסטער. דאָרט זיצט חוה די בעדערין איבער אַ שנויץ און פאַרריכט דעם „רבינס" גרעט, וואָס זי אַליין טאַקי האָט דאָס איהם נעכטען אויסגעוואַשען, פערלאַטעט וואו ערגיץ אַ ריס און נייהט צו וואו מע דאַרף אַ קנעפעל, דער „רבי" זאָל האָבען וואָס אָנצוטון. אז ער וועט אויפשטעהן פונ׳ם שלאָף.

פונ׳ם שלאָף? משטיינס געזאָגט, דאָס שלאָפען וואָס דער אַלטער רב יוזיפעל שלאָפט, אַז אָט ניט לאַנג האָט ער אָבגעפּראַוועט חצות און אָקערשט ווי מע זעהט ניט חאַפּט ער זיך אויף, גיסט אָב נעגעל־וואַסער און נעהמט זיך צו עבודת הבורא, הויבט אָן „זאָגען"...וואָס זאָגען — ווייסט זי נישט אַקוראַט, נאָר אַז ער זאָגט, איז אַ מחיה צו הערען; איטליכס וואָרט ממש צעגעהט זיך אין אַלע אבריס!

און די בעדערין שטעהט אויף פּאַוואָלינקע, געהט אויף די שפּיץ פינגער, נעהמט זיך שטילער־הייד צו דער מולטער אויסמאַכען די חלה אויף שבת.

— קוקאַריקו! ציהט אוים אַ ווייסער האָהן מיט רויטליכע פליגלען שפרינגט אַראָב צוליעב דעם טאַקי פון די באַנטענעם גלייך אויף דער שוועהל, מיינט אַז ער האָט דאָ געטון עמיצען מי יודע וואָס פאַר אַ טובה דערמיט, וואָס ער האָט אויפגעוועקט דעם עולם צו דער אַרבייט.

אַ קעש אין דער ערד אַריין! — מאַכט צו איהם חוה און טרייבט איהם דורך מיט בזיונות און שיט איהם אָב מיט ווערטער — אַ קעש־קעש צו אַלדע שוואַרצע יאָהר! צי מע דאַרף צי מע דאַרף ניט, ער ווייסט נאָר קוקאַריקו! וואַרט וואַרט ווערסטו זיך נאָך אַ ביסעל ביי מיר אונטערהאָדעווען, וועל איך דיר אַוועק טראָגען צום שוחט, וועט דיר שוין זיין אַ קוקאַריקו! ווערסט שוין ביי מיר קוקאַריקען!

די דאָזיגע אַלע דבורים, וואָס חוה איז מכבד דעם האָהן דעם עזות

פנים זענען אָבער אַרויס־געוואָרפען: דער „רבי" איז שוין במילא אויפ־געשטאַנען, שוין לאַנג אָבגעגאָסען נעגעל־וואַסער און גענומען זיך צו עבודת הבורא, און ער „זאָגט" שוין...וואָס ער זאָגט, ווייסט נישט חוה אַקוראַט, נאָר אַז ער זאָגט איז אַ מהיה צו הערען! איטליכם וואָרט ממש צעגעהט זיך אין אַלע אבריס, און זי טראָגט איהם אונטער מיט גרויס דרך־ארץ אַ טעפּיל ציקאָריע, הייסע און געשמאַקע, און סע זעצט אַ פאַרע און סע שמעקט טעם גן־עדן.

קאַפּיטעל יב.

דער רבי רב יוזיפעל האָט אַ גוט עלטער.

די המציאה, אַז דער אַלטער רב רב יוזיפעל זאָל לעבען פון דער פרנסה פון דער כתריליוקער קהלשער באָד, איז געוועזן איינע פון יענע גליקליכע המצאות, וואָס נאָר אין כתריליוקע קאָן מען פאַלען אויף אַזאַ גלייכער זאַך. בערקע דער בעדער, אָדער אָדם הראשון, וואָס האָט אויף זיין איינענעם חשבון איינענטליך בעדאַרפט על פי כתב באַהייצען מיט'ן האָלץ פון דער באָד אויך דעם בית־המדרש להבדיל, האָט סיי וסיי געלאָזט פרוירען די בעלי־בתים אַ גאַנץ ווינטער, געפונען אַלע מאָל איין אַנדער תירוץ: דער פראָסט איז צו גרויס, דאָס האָלץ איז נאַס, אַ טומאַן אין דרויסען, וכדומה אַזעלכע פזמונות, וואָס ניט געשטויגען ניט געפלויגען— לאָז ער חאָטש אויסהאַלטען רב יוזיפעל דעם רב אויף דער עלטער, מען איז איהם שוין מוחל דאָס בית־המדרש! און וואָס דאַרף מישטיינס געזאָגט, איין אַלטער יוד און אַ רב ובפרט נאָך אַזאַ יוד און אַזאַ רב, ווי רב יוזי־פעל, וואָס אפילו אין די גוטע יאָהרען איז ביי איהם אַלסדינג געוועזן גוט? די רביצין אַליין פרומע טעמע עליה השלום, פלעגט דערציילען אויף איהר מאַן, אויף רבי יוזיפלען אַז ס'איז ביי איהם אַלסדינג רעכט. ווען למשל מע גיט איהם עסען הייסע קוילען, עסט ער; ער בריהט זיך, נאָר ער עסט, אַזאַ מין מפונק איז דאָס געוועזן, היינט בפרט נאָך איצט אויף דער עלטער! איין זאַך איז נאָר שלעכט: ס'וועט איהם זיין ביי זיי אַביסעל ענגליך; איז דאָ איין עצה: אָדם מיט חוה'ן קאָנען גאַנץ פיין שלאָפען אין באָד, און „דער רבי" אין שטוב. די באָד מיט דער שטוב איז במילא איין שטוב, שטעהען אונטער איין דאַך. נאָך אַ מעלה האָט די באָד,

וואָס ווינטער איז דאָרטען וואַרעם טאַקי ווי אין אַ גן עדן. אמת, די דאָזיגע מעלה איז אַמעלה נאָר ווינטער, און קומט זומער — ווערט פון דער מעלה אַ חסרון, ס'איז אַזוי היים, אַז ניט נאָר אין באָד, אין שטוב קאָן מען צעגאַנגען ווערען פאַר היץ, איז אָבער פאַרהאַן אַנ'אַנדערע עצה: שלאָפט מען אין דרויסען; זומער אין דרויסען איז דאָך טויזענד מאָל בעסער ווי אין שטוב, ובפרט נאָך דאָ ביים ברעג טייך איז דאָך טאַקי אַ גן עדן. אמת, די דאָזיגע מעלה האָט אין זיך אויך אַ שטיקעל חסרון, וואָס איבער די זשאַבעס איז דאָ ביים ברעג טייך אונמעגליך צו שלאָפען, איז דער תירוץ: למאי אין שטוב? אין שטוב ביי זיי איז דען ניטאָ קיין זשאַבעס? עס האָט זיך דען ניט געטראָפען חוה דער בעדערין וויפיל מאָל, אַז זשאַבעס זאָלען איהר שפּרינגען גלייך אין פּנים אַריין אָדער פון בעט, אַרער פון דער דייזשע, אָדער גאָר פון אויבען אַרוים?..

בקצור, מען האָט דעם „רבי'ן" באַלייגט אין שטוב, און אָדם מיט חוה'ן האָבען זיך באַזעצט אין גן עדן, דאָס הייסט אין באָד, און האָבען אַכטונג געגעבען אויפ'ן „רבי'ן" ס'זאָל איהם דאָ זיין גוט, ער זאָל האָבען אַלסדינג צו דער צייט, דאָס עסען צו דער צייט און דאָס טרינקען צו דער צייט, און מיט דער צייט זענען זיי צו איהם געוואָרען שטאַרק צוגעבונדען, ליעב געקראָגען אַזוי ווי עפּים אַיין אייגענעם.

גערופען האָט זיי דער אַלטער רב יוזיפעל „קינדערלעך" און זיי איהם — „רבי". און ניט אומזיסט, וואָרום זיי האָבען אויף זייער גאַנצען לעבען ביז אַהער ניט געהערט אַזוי פיעל תורה וויפיעל זיי האָבען זיך אָנגעהערט דאָ פונ'ם אַלטען רב רב יוזיפעל אין איין טאָג; און אַלסדינג, וואָס זיי האָבען פון איהם געהערט, איז ביי זיי געוועז אַ נייס; ער האָט אויסגעזעהן ביי זיי אין די אויגען, ווי אַ מענש וואָס איז נאָר וואָס געקומען צופאָהרען פון זעהר אַ ווייטער מדינה און דערצעהלט זיך אָן אַזעלכע חדושים, וואָס מע האָט זיי קיין מאָל ניט געהערט און אפילו נישט געזעהען אין חלום. מיט אָפענע מיילער און מיט האַרצקלאַפּעניש פלעגט דאָס דאָזיגע פּאָריל זיצען ווינטער ביי דער לעזשאַנקע, און זומער אין דרויסען אויף דער פּריזבע און קוקען אויפ'ן „רבי'ן" און האָרכען ווי דער „רבי" רעדט פון רוחניות, דערצעהלט חדושים פון גאָט, פון מענשען די אויף דער וועלט און פון מלאכים דאָרט אויף יענער וועלט, פון דער ערד און כ; אַלע באַשעפענישען וואָס אויף דער ערד, און פונ'ם הימעל מיט דער זון מיט דער לבנה מיט די שטערען און מיט די אַלע איבעריגע גלגלים, און ניט איין מאָל פלעגט זיך אויסוויזען אָדם הראשונ'ען

מיט חוה'ן, זיצענדיג אין דרויסען ביי דער באָד אין די װאַרעמע ליכטיגע זומ־־נעכט, אַז דער דאָזיגער זקן מיט דעם איינגעבויגענעם רוקען מיט דעם קליינעם ווייסען בערדעל און מיט די גוטע, גוטע אויגען איז אַליין עפּיס אַ מין רוחניות, וואָס אָט הויבט זיך עס אויף פון דער ערד און הויבט אָן שוועבען אין דער לופטען, שוועבט אַזוי לאַנג ביז סע ווערט פאַרשוואונדען דאָרטען ערגיץ צווישען די גלגלים... און זיי אַליין פיהלען אויך ווי עס ציהט זיי עפּיס אַהין אַרויף צו יענע ווייסע פאַסמעס און צו יענע קליינע שטערענדליך; צו די נשמות וואָס בלאָנזען דאָרט אַרום און געפינען ניט קיין רוה...

גאָט ווייסט, אויב ס'איז נאָך עמיצען אויף דער גאַנצער וועלט געווען אַזוי גוט, ווי אונזער פאַריל אָדם מיט חוה'ן אין גן עדן, און אויב עמיצער נאָך האָט געהאַט אַזאַ גליקליך עלטער, ווי דאָ ביי זיי אין גן עדן האָט געהאַט דער אַלטער רב רב יוזיפעל פון כתריליווקע.

קאַפּיטעל יג.

במעט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען איז רב יוזיפעל אין כעס.

הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אַז קיין אייביגע זאַך זאָל ניט זיין אויף דער ערד; און שטענדיג גוט — דאָס טאָר ניט זיין קיינעם ניט, אין ערגיץ ניט! פאַרהאַן אַ שטן מקטרג, וואָס מישט זיך אַריין, שטעהט ביי אונז שטענדיג אונטער די פּלייצעס און היט אונז די נשמה, ניט אַכטונג, מיר זאָלען חלילה נישט פאַרגעסען אָן גאָט... דער דאָזיגער שטן האָט זיך אַריינגעמישט אויך אַהער אין דעם גן־עדן, וואָס מיר האָבען אויבען באַשריבען, און האָט שיער־שיער ניט אַרויסגעטריבען פון דאַנען אָדם מיט חוה'ן און מיט זיי אינאיינעם נעבאָך דעם אַלטען עלענדען זקן; שיער־שיער ניט חרוב געמאַכט דאָס נעסט, שיער־שיער ניט צעשיידט די ליבע און געטריַיע, שיער־שיער ניט פאַרשטערט דאָס גליק אויף אייביג.

דאָס איז געווען דעמאָלט ווען, חוה די בעדערין איז געקומען פונ'ם מאַרק, געוואָלט קויפען פישלעך — איז ניט געווען, געוואָלט קויפען קאַרטאָפּליס — איז ניט געווען, אַ וואָר ציבעלקעלעך — איז ניט געווען, נישט געווען קיין לעבעדיגער נפש. פריהער האָט זי גערעכענט, אפשר איז זי צו פריה אַרויסגעגאַנגען אין מאַרק? האָט זי אַ ביסעל צוגעוואַרט.

דערזעהען, אַז ס'איז שוין גרויסער טָאָג און אין מאַרק — איהר זאָלט זאָגען אַ משוגענער הונד! וואו ניט וואו זעהט זי יודען לויפען. פּאַקעווען זיך, קלויבען זיך אין וועג אַריין. וואָס איז די מעשה? מע לויפט! וואוהין לויפט מען? אין דער וועלט אַריין!...

און ביז חוה איז געקומען אַהיים און איבער־געגעבען דאָס אָדם־הראשונ'ן, און ביז אָדם־הראשון האָט דאָס איבערגעגעבען דעם „רבי'ן", איז שוין העכער אַ האַלבע שטאָדט געווען אויף יענער זייט בית־עולם.

תחילת האָט רב יוזיפעל גאָר ניט געוואָלט גלויבען, אַז ס'זאָל זיין אֶמת: זיי לויפען? וואָס הייסט זיי לויפען? נאָכדעם האָט ער גענומען דאָס יאַמשאָווע שטעקעל מיט דער אויסגעבויגענער בלעכענער גאַלקין, וואָס איז שוין אַלט אֶפשר אַזוי פיעל וויפיעל ער איז רב אין כתריליווקע, און האָט זיך מטריח געווען מיט זיין עלטער אין שטאָדט אַריין, און האָט נאָך געפונען עטליכע יודען קלויבען זיך אין וועג אַריין, האָט ער זיי אָבגעשטעלט און מיט אַ זיס שמייכעל, האָט ער גענומען זיי שטראָפען, זאָגען מוסר.

עטליכע איבערגעבליבענע יודען האָבען זיהם אויסגעהערט מיט זעהר אַ טיעפען זיפץ און געזאָגט מיט אַ ביטער שמייכעל:

— יאָ, איהר זענט זעהר גערעכט, נאָר פון דעסטוועגען, רבי, זעצט זיך און פאָהרט אויך מיט אונז! פאָלגט אונז, רבי, פאָהרט מיט אונז און וואָס גיכער!

— פאָהרען? וואוהין? וואָס? צוליעב וועמען?

— אָבער אַלע זיינע רייד זענען געווען אומזיסט אַרויסגעוואָרפען, ווארום די עטליכע איבערגעבליבענע יודען זענען שוין אויך געווען לאַנג פון יענער זייט שטאָדט.

געקומען אַהיים אין גן־עדן, מיין איך צום בעדער מיט די בעדערין אין באָד אַריין, האָט ער געטראָפען אָדם מיט חוה'ן שטאַרק פערזאָרגט, כמעט אין טרעהרען און רופט זיך אָן צו זיי:

— וואָס זענט איהר, קינדערלעך, אַזוי פאַרצאָרענט?

— סטייטש, מאַכען זיי צו איהם, איהר ווייסט דען ניט, וואָס עס טהוט זיך? דאָ איז נאָר וואָס געווען האַפּקע?

— וואָסער האַפּקע?

— האַפּקע די ערלית'טע, די וואָס פערלעשט די ליכט שבת, דערצעהלט זי זיך אָן אַזעלכע מורא־דיגע זאַכען, וואָס די האָר שטעלען זיך קאַפּויר!

און אָדם מיט חוה'ן דערצעהלען איהם ביידע אינאיינעם, חאפּען איינס פאר דאס אנדערע, די אַלע מורא'דיגע זאכען, וואס האפקע דער־צעהלט זיך אָן וואס אויף דער וועלט טהוט זיך. און רב יוזיפעל דער רב זיצט אָנגעשפּארט אויפ'ן שטעקען און הארכט, הארכט מיט קאָפּ. ער זיצט און טראכט און ענטפערען ענטפערט ער גאר ניט. און נאָכדעם הויבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך ארום פון אַלע זייטען, לייגט אוועק נעבען זיך דאס אַלטע יאמשאָווע שטעקעל, טהוט אויס דאס היטעל און בלייבט אין דער יארמעלקע און רופט זיך אָן צו אָדם מיט חוה'ן:

— הערט זשע אויס, קינדערלעך, וואס איך וועל אייך זאָגען, אז דאס אַלסדינג, וואס איהר דערצעהלט אָט דאָ, איז דאס אַלץ פוסטע זאכען, ניט ווערט קיין שמעק־טאבּעקע! הנה זייט ווייסען, אז לא ינום ולא יישן שומר ישראל, גאט שלאָפט ניט. איך וועל אייך דערצעהלען א משל מיט א מלך. אמאָל איז געווען א מלך...

— וואס מיר מלך? ווער מיר מלך. איהר הערט בעסער, וואס האפקע דערצעהלט זיך אָן! — אזוי חאפּט זיך ארויס אָדם הראשון און האט באלד חרטה: ער פיהלט, אז ס'איז גראָבליך, זעהר גראָבליך פון זיין זייט, נאר פארריכטען האט ער שוין ניט געקאָנט: רב יוזיפעל האט זיך אָבגעקערעוועט פון איהם, זיך אָנגעטהון אין טלית ותפלין, גענומען א ספר, דאס אַלטע יאמשאָווע שטעקעל נעבען זיך, און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש אויבען־אָן, ווי א מלך בשעת מלחמה אנגעוואָפּענט פון קאָפּ ביז פיס און געקוקט מיט גרויס גדלות, ווי איינער רעדט:

— א נו לאָז א שטייגער עמיצער פּרובען צו־טרעטען אהער?...

און פון זיינע אַלטע שווארצע אויגען און פון זיינע אַלטע גרויע האָר האט ארויסגעקוקט אזוי פיעל גבורה און רוהיגקייט, אז אָדם מיט חוה'ן האבען זיך געפיהלט, אז ניט־שט־קשה — זיי האבען אויף וועמען זיך אָנצושפארען.

קאפיטעל יד.

צוויי שטעדט בעגעגנען זיך און צעפאהרען זיך מיט גאר ניט און א סוף.

געשניטען האט זיך דער עולם אויף דעם טראקט, וואס געהט קיין מאזעפּעווקע אין דער סביבה פון יעהופּעץ, און דער ערשטער פּונקט אויף

אָבשטעלען זיך איז געווען קאָזאָדאָיעווקע, אויך אַ יודישע שטאָדט, וואָס איז בעוואוסט מיט איהרע בעריהמטע ציגען, וואָס דער נאָמען אַליין באַווייזט שוין דערויף. קאָזאָדאָיעווקער ציגען מעלקען זיך גאָר אַנדערש און זענען אָבגעשיידט פון די כתריליעווקער ציגען מיט זייערע הערנער, דאָס הייסט דערמיט, וואָס זיי האָבען נישט קיין הערנער. אויפ'ן אָרט פון הערנער איז ביי זיי עפּיס אַ מאָדנע צאַצקע פון פאָרינט, אַ מין על־ראש להבדיל, און זיי זענען בטבע זעהר פלאָחעניסטע, געלאַסען הייסט דאָס און נאַריש, אַ סך מעהר ווי די כתריליעווקער ציגען. אַ קאָזאָדאָיעווקער ציג קאָנט איהר באַגעגענען אין מיטען גאַס, איהר ווייזען אַ ביסעל שמרוי און זאָגען איהר: קאָז־קאָז־קאָז, — שטעלט זי זיך אַנידער, צענעהמט די פּיסלעך, חאָטש נעהמט מעלקט זי אויס...

אויך די יודען להבדיל זענען דאָרטען גאָר נישט די יודען, וואָס אין כתריליעווקע, דאָס הייסט די יודען זענען דאָרטען די זעלביגע יודען, וואָס דאָ, מיט די זעלביגע נשמות מיט די זעלביגע מאָגענס און אַפילו די זעלביגע אָרימע לייט וואָס יענע. דער גאַנצער חלוק איז נאָר אין'ם „ברוך שאָמר“, דאָס הייסט, וואָס די כתריליעווקער יודען זאָגען אין'ם דאַווענען פריהער „הודו“ און נאָכדעם „ברוך־שאָמר“ און די קאָזאָדאָיעווקער יודען זאָגען פאַרקעהרט פריהער „ברוך־שאָמר“ און ערשט נאָכדעם „הודו“. דאַכט זיך, וואָס איז אייגענטליך דער נפקא מינה: דאָס פריהער, יענץ פריהער? סאַי־וסאַי אַ תפלה פון גאָט. ניין, זאָגט דאָס ניט! אין אַמאָליגע גוטע יאָהרען, אַז די כתריליעווקער און קאָזאָדאָיעווקער יודען האָבען געהאַט פּרנסה בכבוד און ס'איז זיי אָבגעגאַנגען ווי מע זאָגט נאָר קאַפּוועהטיג, האָט זיך פאַר דעם „ברוך־שאָמר“ מיט דעם „הודו“ געגאָסען בלוט. עס חאָט זיך וויפיעל מאָל געמאַכט, אַז אַ קאָזאָדאָיעווקער איז געקומען קיין כתריליעווקע אין בית־המדרש אַריין דאַווענען און דער חזן האָט זיך אַוועק־געשטעלט צום עמוד, אָנגערוקט דעם טלית, זיך צעשאָקעלט און אַ זאָג געטהון מיט אַ נגון:

— הודו לד' קראו בשמו...

האָט זיך דער קאָזאָדאָיעווקער צעלאָזט אויף דער הויכע אָקטאַווע:

— ברוך שאָמר והיה העולם!

און פאַרקעהרט, אַז אַ כתריליעווקער איז געקומען קיין קאָזאָדאָיעווקע אין שוהל אַריין און דער חזן האָט זיך פאַרדבקה'ט, נאָר וואָס פאַרמאַכט די אויגען, אויפגעהויבען דעם קולאַק און אָנגעהויבען דעם „ברוך־שאָמר והיה העולם“, האָט זיך דער כתריליעווקער צעלאָזט אויפ'ן געלייַנקעל:

— הודו לד' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילו—ו—ו—ו—תיו!

דער „הודו" אליין איז פאר די קאזאדאיעווקער ניט געווען אזוי פריקרע נאך ווי דער „עלילותיו", וואס דער כתריליווקער האט אויסגעצויגען אפשר אויף אנדערהאלבען קלאפטער. ממה־נפשך, ווילסט זאגען „הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו?" שטעל זיך אוועק און זאג דיר דארטען אב: „הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו". צו וועלכע גוטע יאהר נוצט דאס דיר, אז דו זאלסט אזוי אויסציהען אויף אקול דעם „עלילו—ו—ו—ו—ותיו"? טהוסט דו דאך עס אפנים אויף צו להכעים? איז ווי באלד דו ביזט אזא צו להכעים'ניק, קומט דיר פעטש! און מען האט איהם דעמאלט ארייגעלייגט וויפיעל ס'איז אין איהם אריין, און עס האט זיך אנגעהויבען צווישען די כתריליווקער און קאזאדאיעווקער יודען א שנאה און געצויגען זיך לאנגע־לאנגע יאהרען. אנגעהויבען האט זיך עס מיט פעטש און אויסגעלאזט מיט מסירות און מיט יאבעדעס און מיט גראבעניש און מיט באגראבעניש, — די וועלט האט מיט זיי דעמאלט געהאט צו טהון, ווילד־פרעמדע האבען זיך ארייגעמישט אין זייערע משפטים, געמאכט חוזק פון זיי מיט זייערע יודישע מנהגים און פוסטע געננ, זיי געגעבען א שענעם נאמען „פאנאטיקער" — בקצור, ס'איז געווען פע, חולשי חלשות!

אמת, יענע נארישע נאר גליקליכע יאהרען זענען שוין לאנג אוועק און גאט ווייסט אויב זיי וועלען זיך אמאל אומקעהרען; אמת, עס האט זיי אלעמען אזוי פארדרעהט דעם קאפ, אז זיי האבען גרעסערע מכות פון „הודו" מיט'ן „ברוך שאמר"; נאר די שנאה צווישען די כתריליווקער מיט די קאזאדאיעווקער איז פארבליבען א שנאה, וואס מיט'ן שכל קאן מען זי ניט געבען יענעם צו פארשטעהן בשום אופן...געה א שטייגער גיב צו פארשטעהן דעם שכל, פאר וואס למשל, אז א קליין שייגעציל אין כתריליווקע אז סע דערזעהט א יודען מוז דאס חאפען דאס היטעל אין די ציייהן און אנהויבען טרייסלען דאס אהין און אהער און זינגען בשעת מעשה א לידעל: „זשיד זשיד! חאלאמיד! זאהוביוו טשערעוויק! אי יא שאוו! טאי נאשאוו! טאי פידניאוו! טאי פישאוו!" אדער פארקעהרט, געהט זייט א חכם און גיט צו פארשטעהן דעם שכל, פון וואנען נעהמט זיך דאס א שטייגער וואס ביי א כתריליווקער יודען, ווי באלד ער רעדט פון ניט קיין יודען, אזוי הויבט ער אן אויסנוצען וויפיעל ער האט לשון־קודש ווערטער: „גיב דעם ערל אין די ידים א צנצנת יי"ש, נאר ניט מלא מיט א שטיקעל לחם, ווארום ער האט נאך היינט גאר ניט געאכל'ט, און זיי

איהם משלם צוויי זהובים, און לאָז ער הלכנ'ען. נאָר גיב אכטונג מיט די עינים ער זאָל עפּיס ניט לקחנען"... דאָס זענען פון די זאַכען, וואָס פערשטעהען מיט'ן שכל קאָן מען דאָס ניט, מען בעדאַרף עס פיהלען... נאָר מיר קעהרען זיך אום צו די כתריליווקער און קאָזאָדאָיעווקער יודען.

פאַרהאַן אזעלכע מאָמענטען אינ'ם מענשענס לעבען, וואָס אלסדינג ווערט פערגעסען, אלסדינג ווערט אָבגעמעקט גלייך ווי גאָר ניט געווען; און ס'איז אַ גליק, וואָס עס איז אזוי. זאָגסט וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט! גאַנץ גלייך האָבען אונזערע חכמים מתקן געווען, אז ערב יום כפור בשעת מלקות שלאָגען איז מען זיך איינס דאָס אנדערע מוחל...

אויך די שנאה פון די כתריליווקער מיט די קאָזאָדאָיעווקער, אז זיי האָבען זיך באַגעגענט אין וועג אין אזא שיין שטיקעל צייט פון בהלות און לויפעניש, איז מיט אמאָל אוועקגעפלויגען, ווי מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך — אוים שנאה! און באַגעגענט האָט זיך כתריליווקע מיט קאָזאָדאָ-יעווקע פונקט אויף דער מיט-וועג אין פעלד, ניט ווייט פון יענעם אָרט, וואו ס'איז אמאָל געשטאַנען אַ יודישע קרעטשמע, וואָס מען האָט זי גע-רופען „די דעמבענע" און וואָס האָט איבער'ן מאַנאָפּאָל געמוזט צומאַכען זיך. עס האָט איהר גאָר ניט געהאָלפען...

אז כתריליווקע מיט קאָזאָדאָיעווקע האָבען זיך בעגעגענט, האָבען זיי זיך ביידע אָבגעשטעלט און ס'איז צווישען די צוויי שטעדט פאָרגע-קומען אזא מין געשפּרעך:

כתריליווקע: — וואוהין פאָהרען ד'זס אַ שטייגער יודען?

קאָזאָדאָיעווקע: — וואוהין פאָהרט איהר?

כתריליווקע: — מיר? מיר פאָהרען גלאַט אזוי, איטליכער מכח זיין עסק, פאַ דיעל! הייסט עס...

קאָזאָדאָיעווקע: — אַ גאַנצע שטאָדט פאָהרט מכח עסק?

כתריליווקע: — און וואָס זענט איהר? ניט קיין גאַנצע שטאָדט?

קאָזאָדאָיעווקע: — מיר זענען עפּיס אנדערש; מיר פאָהרען ניט — מיר לויפען.

כתריליווקע: — פון וואַנען-זשע ווייסט איהר, אז מיר ניט?

קאָזאָדאָיעווקע: — אָט אזוי זשע רעדט. וואוהין-זשע לויפען דאָס יודען?

כתריליווקע: — וואוהין לויפט איהר?

קאָזאָדאָיעווקע: — מיר? מיר לויפען... צו אייך.

כתריליווקע: — און מיר צו אייך.

קאָזאָדאָיעוקע: — וואָס וועט איהר טון ביי אונז?

כתריליוקע: — דאָס אייגענע וואָס איהר ביי אונז?

קאָזאָדאָיעוקע: — הערסט! וואָס זשע דאַרפען מיר לויפען צו אייך און איהר צו אונז?

כתריליוקע: — בכדי אַפּנים מיר זאָלען זיך בייטען מיט די ערטער?

קאָזאָדאָיעוקע: — ווערטליך אויף אַזייט? איהר זאָגט אונז בעסער דעם שכל: וואָס לויפט איהר!

כתריליוקע: — וואָס לויפט איהר?....

. . . .

. . . .

* *

*

ערשט אָט דאָ, אַז די צוויי שטעדט האָבען זיך צערעדט, זיך רעכט בעטראַכט איינס דאָס אַנדערע און אָנגעקוקט זיך אַקוראַט ווי עס געהער צו זיין, מיט זייטיגע אויגען, האָבען זיי אַרויסגעזעהען, וואָס פאַר אַפּנים זיי האָבען...

— געזעהען אַביסעל? זיך צעלאָזט! מע לויפט! וואָס לויפט מען? וואוהין לויפט מען? אַלויפעניש אויף זיי!

און מע האָט אָנגעהויבען ווישען די אויגען, וויינען און קרעכצען:

— אַז אָך און אַז וועה איז צו אונז אַלעמען אויף וואָס מיר זענען איבערגעקומען!

און מען האָט זיך צערעדט, אָנגערעדט ווי די פויקען, זיך אויס-גערעדט דאָס האַרץ... און נאָכדעם האָט מען זיך געגעבען די הענד, מע האָט זיך גאַנץ פיין אָבגעזעגענט און צעקושט זיך נאָר פריינדליך, ווי אמת'ע גוטע פריינד ווי מחותנים, וואָס האָבען זיך נאָר וואָס משדך געווען, אָדער ווי מאַן און ווייב, וואָס האָבען זיך גע'גט און צוריק גע-נומען זיך, און מען האָט אויסגעבטל'ט אַלע בייזע וויסטע חלומות אויף די שונאים'ס קעפ, און מען האָט זיך געווינשעוועט איינס דאָס אַנדערע, אַז דערמיט זאָל מען שוין אָבקומען, געזאָגט מיט אַביטערען געלעכטער: יהי רצון... און מען האָט אַווינק געטהון צו די ערלים זיי זאָלען מוחל זיין פאַרקערעווען די פערדליך צוריק.

און די צוויי שטעדט זענען זיך צעפאָהרען צוריק אויף זייערע ערטער:

כתריליוועקע קיין כתריליוועקע און קאָזאַראָיעווקע קיין קאָזאַראָיעווקע. שטיל, אָהן ווערטער, האָט מען זיך אַריינגעגנב'עט צו זיך אַהיים, ווי די פיינעלעך אימליבער אין זיין נעסט אַריין. שטיל, אָהן ווערטער, האָט זיך איטליכער גענומען צו זיין אַרבייט, און נאָך לאַנג נאָכדעם פלעגט מען איבערחזרן, איבעררעדען, דערמאָהנען זיך נאָך אַמאָל פון דער שענער כהלה, וואָס ס'איז אויף זיי געוועזן, און בכדי די שפּעטערדיגע דורות, אונזערע קינדס־קינדער זאָלען אויך וויסען דעם וויסען, האָבען מיר זיך מטריח געוועזן בעשרייבען די דאָזיגע שיינע עפּאָפּעע אין אונזער פּראָסטער יודישער שפּראַך און אַרויסגעגעבען זי בעזונדער אין אַ ביכעל, ס'זאָל בלייבען נאָך אונז אַ זכר אויף דור־דורות.

ענדע.

II.

די פרעהליכע קאמפאניע.

די פְרֵייליכֶע קָאמפַּאניֶע.

(ערצעהלונג).

קאפיטעל א.

אין אַ הייסען זומערטאָג, אין איינע פון די גרויסע גאַסען פון דער גרויסער שטאָדט, וועלען מיר זאָגען אין יעהופּעץ, האָט געשפּאַצירט מיט אַ ציגאַר אין די צייהן אַ שוואַרצער יונגער מאַן מיט רויטע בעקליך פון אַ יאָהר... איך קען אייך ניט זאָגען אַקוראַט פון וויפיל יאָהר, ווארום איך האָב זיין פּאַס ניט געזעהן. אַמאָל, אַז מען האָט נאָך ביי אונז געטראָגען בערד, האָט מען נאָך דער באָרד גרינג געקאָנט שאַצען יענעמס יאָהרען. היינט, אַז שערען און גאָלען די באָרד איז געוואָרען ביי יודען ברוך־השם אַ וואָכעדיגער גאַנג — אַדרבה, נאַט אייך אַ געגאָלטע מאָרדע און זייט אַ בריה, טרעפט וויפיעל איז זי אַלט?... אַנדערע איז גאָר שווער צו דערקענען אַפילו, צי זיי זענען יודען, דאָס הייסט אַז מען קוקט זיך גוט צו צו זיי דערקענט מען זיי אַפילו גרייליך. מען דערקענט זיי נאָך דער נאָז, נאָך די אויגען, נאָכ'ן קוק; אַ יוד קיקט גאָר אַנדערש, אַ יוד אַז ער קוקט אויף אייך, לייענט איהר איבער אין זיינע אויגען: „ווער זענט איהר? עפּעס זענט איהר מיר קענטליך? און וואָס איז אייער טהועכטס? זאָגט — אפשר קאָנען מיר איינס דאָס אַנדערע צו ניטץ קומען"?... אָט אַזוי קוקט אַ יוד... נאָר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער פּאַרשוין, צום שוואַרצען יונגערמאַן.

דער שוואַרצער יונגערמאַן איז זיך געגאַנגען פּאַוואָלינקע, ניט אַרויסגעלאָזט די ציגאַר פון מויל, ווי אַ מענש וואָס האָט נאָר וואָס אָבגעגעסען אַ פיינעם מיטאָג, פערראויכערט אַ ציגאַר און מאַכט „מאָציאָן". אויך דאָס פּנים זיינס איז געווען זעהר פיין אויסגעפוצט, די בעקליך

רויט, די וואנסעס ארויפגעדרעהט ארויף, נאר די מלבושים זענען געוועזען צוביסעל געהאפט, דהיינו: די ארבעל פונ'ם פידזשאק האבען אביסעל צופיעל געגלאנצט, די הויזען זענען געוועזען אביסעל ויסגעטרעטען. און די שטיבלעטין, חאטש זיי זענען אמאל געוועזען גרויסארטיגע, לאקירטע שטיבלעטין מיט שענע קנעפעליך, האבען איצטער, אויף דער עלטער, אביסעל אונטערגעפוצעוועט, חלילה נישט צעריסען, נאר שטארק צעטריסקעט, און די אפצאסען אביסעל אויסגעדרעהט. אויך דאס קאפעלושעל האט אויסגעזאגט דעם סוד, אז דאס בעדארף זיין נישט קיין גרויסער נגיד, ווארום א חוץ וואס דער פאסאן איז שוין לאנג ארוים פון דער מאדע, איז דאס קאפעלושעל אליין געוועזען צוגעלעגערט און אבגעבארעט אביסעלע און די טאשמע פערשמאלצט מיט פעטען — זעהר־זעהר א געמיין קאפעלושעל.

דער דלות האט שוין אזא טבע, אז קוים האפט ער זיך אריין צו איינעם, איז קודם כל לעגט ער זיך ביי איהם אויפ'ן קאפעלוש און אויף די שפיץ־שטיוועל, און נאכדעם פערקלויבט ער זיך צו איהם אין ביטעלי אריין, רייניגט אוים פון דארטען וואו ערגעץ א מטבע איין אלטע איין אבגעריבענע, לאזט איבער א צוויי קנעפליך מיט א „רעצעפים" פון דער פאסט און רייבט אוים א לעביל, אז טאמער וועט זיך מאכען א מאל א מטבע זאל זי אויך ארויסקריכען...

ווערליג דער דאזיגער פארשוין איז געגאנגען רוהיג, געצעהלטע טריט און געדרעהט מיט'ן שטעקיל און צוגעזונגען שטילערהייד א גאנץ פיינעם נגון און אלץ געקוקט ארויף אין די פענסטער אריין, האט מען געקאנט זיכער מיינען אז דאס איז אדער א רייזענדער, וואס איז אראבגעקומען אהער פון א פרעמדער מדינה און האט ניט וואס צו טהון — איז ער זיך ארויסגעגאנגען אביסעל אנקוקען די שטאדט, אדער דאס איז א היגער תושב, וואס זוכט א געראטען פלאץ אויף צו שטעלען א מויער, וואס זאל האבען א ברייטען הויף מיט א פאנטאן און מיט חאטש א שטיקעל גארטען צו דער גאס... אבגעשטעלט האט ער זיך נעבען א טויער, דערזעהן א צוגעקלעפט צעטיל מיט זיבען גרייזען:

„עס גיט זיך אב ביליג א צעזאמעניוואהנונג, גילטיג פאר א בחור".

אויפן פנים פון אונזער העלד האט זיך בעוויזען א צופרידען שמייכעלע. די משמעות אז ער איז א בחור און זוכט א וואלוועל וואהנונג און עס ארט איהם ניט צו וואהנען מיט נאך עמיצען.

אנגעקלונגען צום „סטרוזש" און ארויפגעקלעטערט מיט איהם אויפ'ן

פינפטען שטאק, איז ער אריינגעקומען אין א קליין פינסטער חדר'ל, וואס האט אויסגעזעהן ווי א טויבענשלאק אויף א בוידעם און האט געטראפען א הויבען, טרוקענעם פארשוין מיט א בראנזען גלאנצענדיג פנים, מיט א ליסינע אויפ'ן קאפ און מיט א גרוי געשארען בערדיל זיצען בײם פענסטער אויף א צעבראכען בײנקיל און דרעהען פאפיראסען. דער אלטער פארשוין איז געגאנגען אנגעטהון... דאס הייסט, ער איז ניט געגאנגען און ניט אנגעטהון, ער איז געזעסען אויסגעטהון, — כמעט, קאן מען זאגען, ווי אדם הראשון אין גן עדן, אויב איהר וועט ניט רעכענען פאר קיין מלבושים א צעבראסטעט, צעריסען העמדיל ביז די קניה, און אויף די לאנגע טרוקענע בעוואכסענע בארויסע פיס א פאר מאדנע מעשטעס, וואס זענען געמאכט געווארען אדער פון בינבולע פאפיר, אדער פון איין אלטען זאק — פון לעדער געווים נישט.

דער דאזיגער אלטער איז ניט אויפגעשטאנען פאר'ן אריינגעקומענעם גאסט, האט ניט געטראגען אקעגען דעם שלום-עליכם, און אפילו ניט אויפגעהויבען די אויגען, נאר געבעטען זיצען און אויסגעצויגען א לאנגע, א טרוקענע, בעוואכסענע און א ציטערענדיגע האנד און האט א זאג געטהון גיט קוקענדיג אויפן אורח:

— זיצט.

דער אריינגעקומענער פארשוין פון זיין זייט האט אויסגעטהון דעם קאפעלוש און האט זיך א נייג געטהון צום הלב נאקעטען בעל-הבית.

נאכדעם האט ער אנגעהויבען זוכען מיט די אויגען, וואו ער זאל זיך א נידערזעצען, און מחמת ס'איז מעהר ניט געווען ווי איין בײנקיל און דאס בײנקיל איז דאך געווען פערנומען — לכן האט ער זיך אביסעל ארומגעדרעהט און געפאלען אויף א שכל, אז איידער בלייבען שטעהן איז גלייכער זיך זעצען אויף א בעטיל פון די דריי בעטליך, וואס שטעהען ביי די ווענט. דער דאזיגער פלאן איז געפעלען דעם בעל-הבית אויך, וואס האט גיט אבגעריסען די אויגען פון דער ארבייט, און ער האט זיך געווענדט צום אריינגעקומענעם פארשוין מיט די דאזיגע ווערטער:

— האט נאר קיין פאראיבעל ניט, וואס איך נעם אייך אויף „אין חאלאט”, ס'איז שרעקליך הייס אין דרויסען, און דא אונטערען דאך איז נאך הייסער, א ריינער גיהנם: איהר ווילט מסתמא דינגען ביי מיר די קווארטיר? פיער קארבען א חודש, מיין בעטיל, אייער בעטגעוואנט, איין מאל אין טאג הייס וואסער פונ'ם סאמאוואר. געלד אלע וואך אויף צופריהער. וואס איז אייער טהועכטס?

מיין טהועכטם? מאכט צו איהם דער אורח אונטער דער נאז, המ... איין מאל אין טאג הײס וואסער? און איך האב גערעכענט צוויי מאל.

— וואס דארפט איהר צוויי מאל? איהר זענט דען א שטוב מענש? איהר דרעהט זיך דאך ארום מסתמא אין גאס...

— דרעהען דרעהט מען זיך, מאכט צו איהם דער אורח, עס טרעפט אבער, מען קומט אמאל אהיים פאר פריה, גלוסט זיך אטרונק.

— טרינקט מען וואסער.

— א דאנק אייך פאר דער עצה.

— נישטא פאר וואס.

אזוי ענטפערט איהם דער האלב נאקעטער בעל־הבית, ווארפט נישט אוועק די ארבייט אויף קיין רגע און האט נאך אין קוק נישט געטהון אויפ'ן גאסט.

— וויפיעל זענען מיר דא, הייסט עס? פרעגט איהם דער גאסט און קוקט, ווי אזוי האבען אהער געקאנט אריין דריי בעטליך?...

— מיר וועלען זיין, הייסט דאס, אזוי גרויס ווי דריי שכנים און איינער אבעל־הבית.

— דריי שכנים און איינער אבעל־הבית? איך זעה נאר דריי בעטליך, וואו זשע שלאפט איהר?

— פאר מיר זארגט איהר זיך? עהע־העע! איך וועל מיר שוין געפינען איין ארט, איך קאן שלאפען אויפ'ן טיש אויך.

דער אורח איז געבליבען זיצען איבערראשט. ער איז געוועזען זעהר נייגעריג צו וויסען ווי אזוי וועט זיך דאס דער דאזיגער אלטער לעגען אויפ'ן טיש און וואו וועלען זיך, למשל, אהינטהון זיינע לאנגע פיס? ער האט איהם בעטראכט ווי אמענשען וואס רעדט פון וועג און האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען און האט איהם טאקי פארט א פרעג געטהון:

— איך וואלט אבעלן געוועזען וויסען, ווי אזוי קאן אזא הויכער מענש שלאפען אויף אקורצען טיש?

— איהר ווייסט ניט ווי אזוי? מען רוקט צו צו דעם טיש נאך א צוויי טישען קומט שוין אויס גוט.

— איהר האט דאך אבער נאר איין טיש.

— איז טאקי נישט גוט.

„איין אלטער ליץ"! טראכט זיך דער גאסט און מהוט א פרעג דעם בעל־הבית:

— ווען, הייסט דאס, בעדארף מען צאהלען די ערשטע ראטע פאר דער ערשטער וואך?

— אויב די קווארטיר איז פאר אייך, איז טאקי באלד קלאפ און צעהל, ווי זאגט ער א מיתה משונה אויפ׳ן ארט.

דער גאסט, וואס איז אליין אויך געווען נישט קיין מרה־שהורה׳ניק און האט אליין אויך ניט פיינט געהאט צו טרייבען קאטאוועס, איז געווען ענטציקט פון דעם דאזיגען מארנעט נפש, וואס האט זיי גאנצע צייט נישט אויפגעהויבען די אויגען א קוק טהון אויף איהם, און אפילו דעמאלט, ווען ער האט ארויס בעקומען א זילבערנעם קערביל און אנידערגעלעגט איהם דעם אויפגאב, האט דער בעל־הבית דאס קערביל צוגערוקט מיט איין פינגער צו זיך און אלץ נישט אויפגעהויבען די אויגען אויפן גאסט און זיך גענומען ווידער צו די פאפיראסען.

דאס האט שוין דעם גאסט פערדראסען און ער איז אויפגעשטאנען און אבגערעקאמענדירט זיך פאר איהם:

— ארקאדי שווייצער.

— בראנזענטאלער! האט איהם דער בעל־הבית אבגעענטפערט קורץ, נישט אויפגעהויבען די אויגען אויפן גאסט און דערלאנגט איהם אויף צו געזעגענען זיך צוויי לאנגע, דארע, טרוקענע האריגע פינגער.

שוין געשטאנען ביי דער טיר האט זיך ארקאדי שווייצער אומגעדרעהט צום בעל־הבית:

— זאגט זשע מיר, מיין ליבער בראנזענטאלער, ווער זענען יענע צוויי שכנים מיינע?

בראנזענטאלער האט אלץ געדרעהט די פאפיראסען און נישט געטהון דעם גאסט צוליעב א קוק טהון אויף איהם.

— איהר דארפט טאקי נויטיג וויסען דעם יחום זייערען? אז איהר וועט ווערטה זיין ביי גאט און האבען די זכיה, וועט איהר אויף דערנאכט זיך בעקאנען מיט זיי, איינער הייסט „נאל״, דער אנדערער „שמאל״, און מיט אייך און מיט אונז בײדען אינאיינעם וועט דאס אויסקומען „נאל שמאל עט קאמפאניע״, זענט איהר שוין צופריעדען? אדיעו! איהר קאנט זיך מטריח זיין ברענגען אייער באגאזש.

קאפיטעל ב.

ארקאדי שוויִצער איז אוועקגעגאנגען אויף דער אַלטער סטאנציע נאָכ'ן באגאזש, וואס איז בעשטאנען פון אקליין רענציל, גאר פעסט געפּאקט, אַנגעשטאָפּט מיט... וואס קאן זיך, למשל, געפינען ביי אַמ אזא מין חברה-מאַן אין רענציל? איך ווייס ניט ווי אזוי איהר, איך האָב פון תמיד אָן שטאַרק חשק אַ קוק טהון יענעמס אין רענציל אריין, און פון זינט איך האָב געלייענט די מעשה פון דעם פּאריזער פּאריל, איז ביי מיר דער חשק געוואָרען נאָך גרעסער, אויב איהר האט צייט, וועל איך אייך דערצעהלען די דאזיגע מעשה אין קורצען:

די געשיכטע קומט פאר אין פאריז.

איין „ער" מיט אַ „זי".

ער פון בערלין, זי פון ווין.

ער אַ חתן, זי אַ כלה, דאס הייסט זיי האבן געזאָלט ווערען חתן-כלה, זענען זיי זיך צונויפגעפאָהרען קיין פאריז אויף אָנקוקען זיך.

געקומען צופאָהרען אין איין צייט, זענען זיי פארפאָהרען אין איין האָטעל און אָבגעשטעלט זיך אין פערשיעדענע נומערען געוויינטליך, און מהמת זיי האָבען זיך ניט געקענט, האבען זיי גארנישט געוואוסט איינס פונ'ם אנדערן.

בעדארף זיך טרעפען אַ מעשה, (אויף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא): זיי האבען ביידע געהאט אַלץ איינע רענצליך פון איין פאבריק מיט אלץ איינע שליסעליך, און די מענשען וואס האבען אראָבגעטראָגען דעם באגאזש, האבען זיך פארביטען מיט די יוצרות, אריינגעטראגען צו איהם איהר רענציל, און צו איהר — זיין רענציל.

אויסגעטהון זיך און איינגעוואשען זיך ווי עס געהער צו זיין, האט זיך יעדער פון די צוויי אָבגעשלאָסען דאס רענציל, געוואָלט איבערטהון זיך ווי עס פּאסט פאַר חתן-כלה און שטעלט אייך פאר זייער איבערראשונג, אז זיי האבען אָנגעהויבען ארויסנעמען פון דארטען די מלבושים: ער — נקבה'שע און זי — מאנסבילשע! זיי זענען ביידע שיער ניט געפאַלען חלשות! נאר אַלע מענשען אויף דער וועלט זענען דאָך נייגיריג... אז דער ערשטער שרעק איז איבער-געגאנגען, האבען זיי אָנגעהויבען אריינקוקען אין די רענצליך אריין נאך טיעפער און האבען אנגעהויבען ארויסנעמען פון דארטען משונה מאָדנע זאכען, ארויס-שלעפען פעק מיט פאפירען, בריוועליך אַלערליי — און פרעמדע

בריוועליך ווילט זיך דאך דוקא לייענען! — און מען איז געוואָהר געוואָרען איינם אויפ'ן אַנדערען אַזעלכע סודות, וואָס ווען זיי געפעלען זיך, טהוען אַ שדוך, האָבען חתונה און לעבען אָב אַ האַלבע מאה יאָהרען, וואָלטען זיי ניט דערגאַנגען קיין צעהנט חלק אפילו... בקצור זיי האָבען זיך צעפאָהרען, ער קיין בערלין זי קיין וויען — אוים שדוך.

אַצונד וועלען מיר זיך נעהמען צו אונזער ארקאדי שווייצערס רענציל.

דאָרט איז געווען אַביסעל וועש, אַפּאָר פּאַפּירענע קאָלנער מיט מאַנקעטען. עטליכע פודעלעך פון אויסגעדרויכערטע פּאַפּיראָסען, אַסדור'ל מיט אַ תהלים'ל מיט אַפּאָר קליינע תפילים'לך (אַ יודישע נשמה מאָר מען ניט שאַצען!) און אַגאַנצער פּאַק מיט צונויפגעטאַשטע, גוט צענויפגעלייגטע און מיט רויטע פּאָדעם־זייד פערבונדענע טעשליך קאָרטען.

פון דעם דאַרפען מיר לערנען דעם פשט, אַז אַרקאַדי שווייצער האָט נישט פיינט קיין קערטיל, נאָר צו וואָס טויג האַלטען ביי זיך אין רענציל אַזאַ משא מיט קאָרטען? איז די משמעות, אַז אַרקאַדיעס געשעפט, דאָס הייסט זיין פרנסה איז קאָרטען — און מיר האָבען נישט געהאַט קיין טעות. זיך גוט נאָכגעפרעגט ביי זיינע בעקאַנטע, זענען מיר געוואָהר געוואָרען, אַז ער דרעהט זיך אַרום קאָרטען און דערפון טאַקי לעבט ער... דער פירוש פון די דאָזיגע ווערטער איז ניט גלאַט, מען בעדאַרף עס פערשטעהן און מיט דער צייט וועלען מיר דאָס אם ירצה השם וויסען; מיר וועלען זיך נאָך אומקעהרען שפּעטער צו זיין פּראָפעסיע, דערווייל וועלען מיר זיך בעקענען מיט די איבעריגע שכנים.

אַז אַרקאַדי האָט געבראַכט צו טראָגען דאָס רענציל אויף דער נייער קוואַרטיר, איז שוין געווען פאַר נאַכט. אין חדר האָט שוין געטשאַדעט אַ פערדרויכערט לעמפּיל און ביים טיש איז געזעסען און געשריבען אַ מאָדנער נפש מיט אַ בלאַס פנים, מיט הונגעריגע אויגען, מיט אונטערגעבויגענע שיטערע שטאַרק אָנגעשמירטע האָר, אָנגעטהון איז ער געווען אין אַ טשעשונטשאָווע פידזשאַקיל מיט מאָדנע ברייטע אַרבעל, אַ קלאָר ווייסען קאָלנער פון פּאַפּיר מיט אַ שניפּס אַ שאַרף רויטען ווי פייער, מיט דינע שמאָלע ווייסע הויזען אויף אַ פּאָר קליינעטשקע פיסעליך.

„אַ פנים דאָס מוז זיין איינער פון די דריי שכנים, פון דער חברה „נאָל שמאָל עט קאָמפּאַני" — האָט זיך אַרקאַדי געטראַכט.

אַריינגעקומען און אָבגעלעגט דאָס רענציל אויף אַ בעטיל, האָט זיך אַרקאַדי שווייצער פאָרגעשטעלט פאַרן נפש מיט'ן רויטען שניפּס און מיט

די ווײַסע תחתונים, און דער נפש מיט׳ן רויטען שניפּס און מיט די ווײַסע תחתונים האָט זיך אויפגעהאָפּט, אויסגעטהון אויף דער גיך די ברילליען, אַ טרייסיל געטהון מיט די אונטערגעבויגענע אָנגעשמירטע האָר.

— דאָס זענט איהר, אונזער נײַער שכן? זיצט, זיצט, זעצט זיך, פאַר וואָס זיצט איהר ניט? — און ער טראָגט איהם אונטער דאָס איין־און־איינציג בענקיל.

דער רויטער שניפּס, די פעטע אונטערגעבויגענע נאָר שיטערע האָר, די מאָדנע ברייטע אַרבעל פון׳ם טשעשונטשאָווען פּידזשאַק, די ווײַסע תחתונים, דאָס הייזעריגע קול פון׳ם נפש און דערצו נאָך דאָס אונטער־שפּרינגען זײַנס — דאָס אַלסדינג אינאיינעם האָט געהאַט דעם זיבעטען חן, און אונזער אַרקאַדי האָט בעדאַרפט זײַן שטאַרקער פון אײַזען ער זאָל זיך איינהאַלטען פון אויסצושיסען איהם אַ געלעכטער גלייך אין פּנים אַרײַן.

— איהר שרײַבט אַ בריוועל? שרײַבט שרײַבט, האָט ער צו איהם געזאָגט, און אָבגערוקט פון זיך דאָס בענקיל.

— איך שרײַב נישט קיין בריוועל, איך שרײַב אַ בוך, איך שרײַב בסדר. איך בין אַ שרײַבער, פערשטעהט איר מיך, אַ מחבר — האָט איהם יענער געגעבען צו פערשטעהן אויף זײַן הייזעריגע שטימע, אונטערגע־טאַנצט און צוגעטרייסעלט מיט די שיטערע אונטערגעבויגענע הערליך. און דאָ האָט אַרקאַדי בעמערקט אַ פּאָר קליינע, ווײַסע הענטליך מיט דינע קליינע פינגערליך, וואָס האָבען אויסגעזעהן נאָך קלענער אונטער די ברייטע אַרבעל פון׳ם טשעשונטשאָווען פּידזשאַק.

— איהר זענט אַ שרײַבער? וואָס זשע שרײַבט איהר איצטער? זעהט נאָר איהר זאָלט אונז דאָ ניט בעשרײַבען.

דער שרײַבער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ צעשאָטען הייזעריג געלעכ־טער און אַרויסבעוויזען קליינע שוואַרצע צייהנדליך ווי בײַ אַ קינד, וואָס האָט קאַלי צייהן דערפאַר, וואָס סע עסט אַ סך צוקערקיס.

— איך בין ניט פון די שרײַבער, וואָס בעשרײַבען יענעם. איך בין גערן אַז יענער טשעפּעט מיך ניט.

אַזוי האָט איהם געענטפערט דער מחבר, און איך מיין, אַז ס׳איז געווען לחלוטין איבעריגע ווערטער, דען ווען אַפילו ער זאָל דאָס ניט זאָגען וואָלט מען אַליין געקאָנט פערשטעהן, אַז דאָס איז אַ מענש, וואָס איז גערן, אַז יענער טשעפּעט איהם ניט. אַזעלכע מענשליך בעווייזען זיך גיך אַרויס מיט זייער כאַראַקטער: „אָט אַ דאָס בין איך און אַזוי מאָלט מיך". אַזעלכע מענשליך זענען געטרײַ איבערגעגעבען דער

גאַנצער וועלט און די גאַנצע וועלט שאַפט מיט זיי, עקספּלאָאַטירט זיי; איהר קאָנט פון זיי פלעכטען שטריקליך, טהון מיט זיי וואָס איהר ווילט, אַזעלכע מענשליך זענען גרויסע בּישנים, זיי וועלען אייך קיינמאָל ניט בּעקלאָגען זיך אויף זייער פינסטער מזל; זיי, אַז זיי וויינען, וויינען זיי נאָר אויף יענעמס צרות, קומען אָב פאַר פרעמדע זינד, האָבען ניט מיט וואָס אַ טאָג איבּערצוקומען, קאָנען אויסגעהן אין מיטען העלען טאָג פאַר אַלעמען אין די אויגען, חאַפּען זיך אָן זיך אַ שאַרף פון אַ שווערד, טולען זיך צו יענעם און קלעפּען זיך אָן אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז שווער זיי אָבּצורייסען און אָבּטרייבּען פון זיך, ווי איין אמת געטריי הינטיל...

קאַפּיטעל ג.

דאָס איז אַ כלל אויף דער וועלט, אַז הילף קומט מעהרסטענטהייל אומגעריכט. גאָט ווייסט וואָס מיט אונזער פאַרשוין וואָלט געווען, ווען סע קומט ניט אָן פּלוציים בּראָנזענטאָלער און דער מחבר הערט נישט אויף צו לייענען איהם גאַנצע שטיקער פון דער „חלירע“. איך ווייס אַ מעשה וואָס אַ יונגער מענש, אַ געזונטער, אַ שטאַרקער האָט געחלשט בּיי אַ מחבר אונטער די הענט. פון דעמאָלט אָן, אַז דער מענש דערהערט דעם נאָמען מחבר, אַנטלויפט ער וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַכסט...

— טשיידעלי! גאָט האָט אייך שוין צוגעשיקט אַקרבּן און איהר מוטשעט איהם מיט אייערע מעשיות? אַנו לייגט נאָר אַוועק די „חלירע“ און לאָמיר בּעסער נעהמען עפּעס זין מויל אַריין.

מיט די דאָזיגע ווערטער האָט דער בּעל־הבּית זיך געווענדט צום מחבר און האָט אַוואָרף געטהון אויפן טיש אַפּעקיל — דאָרט איז געלעגען אַ פלעשיל „מאָנאָפּאָלקע“*, אַ בּרויטעל מיט אַטאַראַנקע מיט אַ פּאָר ציבּעלקים. און אַרקאַדי האָט איהם בּעטראַכט, כמעט גאָר ניט דערקענט אינ'ם אָנטהון, אויף איהם איז געווען אַשוואַרצע שבּתדיגע קאַפּאָטע, אַ ווייס העמד, געלע שיך מיט רויטע שפּראָנצקעס און אויפן קאָפּ אַ בּרייטער, ווייסער, שטרויענער קאַפּעלוש מיט אַפּענסנע אויף די אויגען, אַגאַנצער פראַנט! דאָס טונקעל בּראָנזענע פּנים מיט די שאַרפע ווינקלען האָט געגלאַנצט אונטערן ווייסען קאַפּעלוש און אויסגעזעהן ווי איין אויסגעגאָסענע סטאַטויע.

דער בעל הבית בראָנזענטאָלער האָט אראָבגעוואָרפען פון זיך די יום-טוב'דיגע מלבושים און געבליבען אינ'ם אין דערפריהערדיגען קאָסטיום פון אָדם הראשונ'ן, אריינגעשטעקט די לאַנגע, דאַרע, האָריגע פיס אין די משונה מאָדנע מעשטעס און בשעת מעשה אַזאַ געטהון :

— אַנו, טשײַדעלי, זײַט אַ בעל-הביתטע, מאַכט טײַ !

דער מחבר מיט'ן רויטען שניפּס און מיט די ווײַסע תחתונים, וואָס דער בעל-הבית רופט איהם „טשײַדעלי". האָט במחילת כבודו זיך אָנגעבויגען און אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט אַ קליין בײַכיג סאַמאָ-וואַריל און איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם דאָס אויפשטעלען און דאָס סאַמאָוואַריל האָט אויסגעזעהן בײַ איהם אויף די הענט ווי אַ קליין קינד בײַ אַ געטרײַער מוטער. בשעת געהן האָט דער מחבר אונטערגעטאַנצט און צוגעטרײַסעלט מיט די שיטערע אונטערגעבויגענע הערליך, און אַרײַנגעקומען האָט ער זיך גענומען צו די גלעזער, אַוועקגעשטעלט איטליכע זאַך אויף זײַן אָרט מיט די קלײַנע ווײַכע הענטליך, ווי אײַן אָמת'ע בעל-הביתטע. גיך איז געוואָרען אויפגעשניטען דאָס ברויט מיט'ן פישעל און אַלע דרײַ האָבען זיך געזעצט אַרום טיש, דער בעל-הבית אויפן בענקיל און זײַנע צווײַ שכנים אויף די בעטלעך אין מען האָט זיך געזעצט טרינקען טײַ, פריהער גענומען צו קאַפּליך „מאָנאָפּאָל" און פערביסען מיט טאַראַן גאַנץ געמיטהליך, גלײַך ווי מען וואָלט געווען צווישען זיך אַלטע בעקאַנטע שוין פון כמה וכמה יאָהרען.

— אַצינד, טשײַדעלי, דערצעהלט אונז, וואָס הערט זיך עפּעס נײַס אויף דער וועלט ?

אַזוי האָט זיך אָנגערופען בראָנזענטאָלער צום מחבר, נאָכדעם אַז ער האָט פריהער געטרונקען פערבאַוואַרט אַ פּאַפּיראָס, דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געטהון אויף דעם נײַעם שכן, וואָס האָט פעררויכערט אַ גראָבע ציגאַר, וואָס דער רויך פון איהר וואָלט געווען אַ גוטע סגולה אויף אַרויסצוטרײַבען פליגע.

— הערט איהר ? מאַכט דער בעל-הבית צום נײַעם שכן, איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב אייך געזעהען בײַ כּ'מאַרעניין אין „ביליאַרד" ?

אונזער שכנים רויטע בעקלעך זענען געוואָרען נאָך רויטער. ס'איז איהם אפנים ניט אָנגעשטאַנען דאָס אָרטיל, וואו מע האָט איהם דאָרטען געזעהן, האָט ער זיך ווי פערענטפערט :

— מעגליך, עס קאָן זעהר שוין געמאָלט זײַן. בײַ טאָג מאַכט זיך,

ניטא וואס צו טהון, חאפט מען זיך אריין אויף א האלבע שעה זעהן ווי מען שפילט אין ביליארד

— און מיר דאכט זיך, אז איך האב אייך אליין געזעהן עטליכע מאל מיט אלאנגען שטעקען אין די הענט ארומדרעהען זיך ארום גרינעם טיש און דוקא אהן א קאפאטע. איך פערשטעה ניט וואס איז דא פערהאן צו שעמען זיך? א פרנסה גלייך מיט אלע פרנסות.

דא האט אונזער בעל־הבית געטראפען, ווי מען זאגט פונקט אין קארב אריין. אין דער לעצטער צייט האט ארקאדי שווייצער נעבעך געלעבט נאר פונ'ם ביליארד. דאס הייסט, אייגענטליך איז זיין פרנסה געווען, ווי מיר האבען שוין אויבען געזאגט, קארטען, נאר קארטען מיט ביליארד, בעדארפט איהר וויסען, קעהרען זיך אן שטיקליך אייגענע, אפטמאל גאנץ נאהנטע מחותנים, למשל ווי א מלמד שמעקט מיט שדכנות, א בעל טאקסע מיט קצב, א קרעמער מיט באנקראט, א באנקיר מיט גנבה, וכדומה, וכדומה, וכדומה...

ווי א מענש א בעל פרנסה, האט אונזער ארקאדי שווייצער פיינט געהאט אליין צו שפיעלען אין ביליארד. די שפיעל אליין איז איהם שוין לאנג נמאס געווארען, דען זי קאסט איהם געגוג געלד. זיין עובדא איז געווען זיצען און קוקען ווי יענער שפיעלט און „האלטען מאזא פאר יענעם".

„האלטען מאזא" אויפ'ן ביליארד — דאס איז א מין געשעפט ווי אלע געשעפטען אויף דער בערזע, און מיר רעכענען נישט פאר איבעריג זיך אבשטעלען דערויף אויף א צוויי מינוט.

שטעלט אייך פאר א גרוים שטארק אנגערויכערט און פערברודיגט חדר מיט עטליכע לאנגע טישען מיט גרינם בעצויגען און מענשען, צו מיינסטען יונגע לייט, דרעהען זיך ארום פון אין דער פריה ביז שפעט אין דער נאכט מיט לאנגע גלאטע שטעקענס, צילען זיך אין די געטאקטע, וויסע, ביינערנע גאלקעס, דער האט „געענדיגט די פארטיע" און נעמט צו דאס געלד.

שפיעלען — שפיעלען צום מיינסטענס נאר צוויי און דער גאנצער איבעריגער עולם, פערשידענע מינים פארשוינען, זיצען ארום און ארום ביי די ווענט און קוקען אויף דער שפיעל און מען לעגט איין געלד פאר די שפיעלערס, ווער פון די צוויי וועט פריהער ענדיגען די פארטיע, — אט דאס ווערד אנגערופען האלטען מאזא.

צווישען די שפיעלערס זענען פערהאן גרויסע ספעציאליסטען, וואס געבען יענעם עטליכע אויגען „פאר", געווינען די ערשטע פארטיע און

נאָכדעם הויבען זיי אָן שטאַרק פערשפּילען, געבען פּאַ׳שע געגג („קלאָפּ־שטאָס״), מאַכען כלומרשט אומגעהרען אַ ציטער מיט רער האַנד („מענדראַזשע״) און דערמיט חאַפּט מען „פּיזשאָנעס״ (אומשולדיגע טײַבעליך) און מען נאַרט אויס בײַם עולם דאָס ביסעל מינץ. די חברה, וואָס פיהרען צענויף די דאָזיגע שפּיעלערם, ווערען אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „בעל־הבתים״, אָדער „נאַוואָדטשיקעס״.

איינער פון די דאָזיגע „נאַוואָדטשיקעס״ איז געווען, עס זאָל אַייך צו קיין חרפּה ניט זײַן, אונזער פײַנער אורח אַרקאַדי שווײַצער, וואָס איז די לעצטע צײַט ניט אַרויסגעקראָכען פונ׳ם ביליאַרד, געוויײַקט דאָרטען טאָג ווי נאַכט, זיך אָנגעגעסען מיט׳ן רויך און זיך אָנגעהערט מיט די שענע ווערטליך, מיט׳ן נבול פּה און מיט די מחלוקת׳ן, און מיט די קללות און די סקאַנדאַלען, וואָס דאָרטען קומען פאָר. דאָס איז געווען פאַר אונזער אַרקאַדין אַ גרויסער אַראָבפאַל, איין אמת׳ע ירידה קאָן מען זאָגען, דען ער איז געווען איינענטליך אַ קאָרטען־שפּיעלער, דאָס האָבען איהם די צרות זײַנע געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך אַראָבלאָז׳ן אַזוי נידעריג און ווערען אַ „נאַוואָדטשיק״ צווישען ביליאַרדטשטשיקעס, נאָר וואָס טהוט ניט אַ יוד צוליב פּרנסה? און דערמאַהנט זיך אונזער אַרקאַדי שווײַצער אָן יענע גוטע יאָהרען, בשעת ער האָט „געפיהרט אַ גרויסע שפּיעל״, געפאָהרען מיט חברה אויף די פּאַראַהאָדען, געהאַפּט אַ האָז און איהם אויסגערײַניגט די קעשענעס עד לפּק... און נאָכדעם אין די האָטעלען געלעגען וואָכען־לאַנג, ניט אָנגעקוקט די ליכטיגע שײַן און נאָר געשפּיעלט און געשפּיעלט... און נאָכדעם אין די קלובען, געוואָרפען אַ באַנק אין „דיאַבעלעק״: פינפאונצוואַנציג פאַר צוואַנציג, פופציג פאַר פערציג, און הונדערט פאַר אַכציג, און צוויי הונדערט פאַר הונדערט זעכציג און פיער הונדערט פאַר דרײַ הונדערט צוואַנציג... און אונזער אַרקאַדי לאָזט אַרויס אַ טיפען זיפץ פונ׳ם האַרצען.

— וואָס זיפצט איהר אַזוי? אויף גלות ישראל—צי אויף דעם, וואָס סע געהט אײַך ניט אין דער שפּיעל?

— וואָסער שפּיעל? ווער שפּיעלט הײַנט? מאַכט אַרקאַדי מיט אַזאַ מינע, ווי אַ מענש, וואָס איז אַמאָל געווען קיסר און האָט פערלאָרען די מלוכה—מיט׳ן מלאך המות שפּיעלט מען זיך הײַנט! אַמאָל איז געווען אַ שפּיעל, אוי אַ שפּיעל! וואו זענען אַהינגעקומען די יאָהרען, וואָס מען פלעגט „פּאָנטירען״ הונדערט קאַרבען אויף אַ קאָרט? צוויי הונדערטער אויף אַקאָרט? דרײַ הונדערטער אויף אַקאָרט?

— אַזוי גרויס האָט איהר געשפּיעלט? פרעגט איהם בראָנזענטאָלער און הויבט ערשט אָן איהם רעכט בעטראַכטען.

— אָט דאָס הייסט ביי אייך גרויס? מאַכט אַרקאַדי מיט גדלות, גלייך ווי מען וואָלט גערעדט פון זיינע שיפען, וואָס זענען געגאַנגען אויפ'ן ים, אָדער פון זיין יובילייע, וואָס ער האָט זיך אויסגעפּייניט געגען דער וועלט — אָט דאָס ווערד אָנגערופען ביי אייך גרויס? און פינף מאות אויף איין קאָרט פּאָנטירען האָט איהר אַמאָל געזעהן? אַזוי ווי היינט געדענק איך עס: מיר זענען געזעסען אַגוטע חברה קראָפּערס איך טהו אַקוק — אין „בענקיל" ליגט אַ פּויטיקע פון כמעט טויזענד „איינציגע". מיין חברה־מאַן קוקט אויף מיר: „טשטאָ אוגאָדנאָ"? זאָג איך צו איהם: „קאַרטו"! מאַכט ער צו מיר נאָכדעם: „סקאָלקאָ פּריקאַזשעטיע"? טהו איך אַ קלאַפּ אין טיש אַריין: „קאַרטו"!..

און אַרקאַדי שטעלט זיך פאָר אַז ער איז אין קלוב און „פּאָנטירט" אויף אַקאָרט, און דאָס פּנים פלאַמט איהם און די אויגען פייערען און ער טהוט אַ זעץ מיט'ן קולאַק אין טיש אַריין אַזוי שטאַרק אַז דער מחבר פאַלט שעור ניט אַראָב פונ'ם בעט אויף דער ערד, ער האַפּט זיך אויף אַ טויטער און קוקט מיט שרעק אויפ'ן נייעם שכן... דאָס געפעלט בראָנזענטאָלערן אַזוי שטאַרק, אַז ער צעלאַכט זיך און רופט זיך אָן צו אַרקאַדין:

— וואָס זאָגט איהר, איך בעט אייך, אויף אונזער מחבר? „טשיידעלי" האָב איך איהם אָנאָמען געגעבען, ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל ער געהט מיר תמיד אויסגעפּוצט ווי אַ דייטשעלי, איז פון דייטשעלי ביי מיר געוואָרען דייטשעל, און פון דייטשעל — טשיידעלי. אַיאָ, סע פּאַסט איהם?

— אָנגעמאָסטען, ווי איך בין אַ מענש! מאַכט אַרקאַדי און ווענדט זיך צו טשיידעלין: טראָגט געזונד און פערניצט געזונד און זאָלט איהם צערייסען געזונדערהייד, ווי מיין באָבע מאַלצע פלעגט זאָגען בעת מען האָט מיר איבערגענייעט פאַר איהר ווינטערדיג וואַטען־קליידעל — אין אַרבע כנפות אויף שבועות.

אַלע דריי לאַכען און טשיידעלי בעווייזט זיינע קליינע, שוואַרצע צייהנדליך.

— אַזוי גרויס האָט איהר געשפּיעלט? הם... זאָגט ווייטער בראָנזענטאָלער און לאָזט שוין נישט אַראָב קיין אויג פון זיין נייעם שכן און לאָזט אַרויס אַגאַנצען קנויל מיט רויך פונ'ם מויל וואָס בעגעגענט זיך

זיט׳ן רויך פון ארקאַדיעס ציגאַר; דער רויך קויקעלט זיך און פּילט אָן אַם קליינע פינסטער חדר׳ל און די לופט ווערט אַזוי געדיכט, אַז פון דער זײַן פּונ׳ס שענעס לעמפּעלע איז קוים קוים וואָס מען זעהט איינס דאָס אַנדערע.

קאַפּיטעל ד.

— נו, און געלד? אויף צו פירען אַזאַ שפּיעל בעדאַרף מען דאָך עפּעס האָבען פּאָדעס! מאַכט צו איהם בראָנזענטאַלער און בעטראַכט איהם ווי אַ גרויסער פּראָפעסאָר דעם חולה, דאָס הייסט קוים קוים וואָס ער טהוט אויף איהם אַ קוק מיט איין אויג.

— געלד פרעגט איהר? ענטפערט איהם אַרקאַדי און נעמט אַרויס די גראָבע ציגאַר פון די ציינער: געלד פרעגט איהר? אַזוי ווי שטערען אין הימעל! קאַרג „פּיזשאָנען“, קאַרג „פרייערס“, קאַרג אידיאָטען פערהאַן אויף דער וועלט? ווי די געבראָטענע טייבעליך פליהען ... ליין אין מויל אַריין, ווי די שרעטעליך טראָגען זיי איך דאָס געלד גלייך ענטגעגענ בעטען זיך, חלשען: נאַט, נעמט צו ביי אונז די נשמה, אַבי שפּיעלט מיט אונז!... אָט אַזעלכע אידיאָטען זענען דאָס! איך ווייס עס גאַנץ גוט, דען איך בין אַליין געוועזען אַ רעכטער אידיאָט, ביז איך האָב אָנגעשמעקט און געחאַפּט דעם סטרי, און האָב אָנגעהויבען מאַכען אַ קערביל גאָר באופן אחר! אַי יאָהרען — יאָהרען! ס׳איז געוועזען הערט איהר, יאָהרען! (בעת מעשה פערטראַכט זיך אַרקאַדי שווייצער און לאָזט אַרויס אַ טיפען זיפץ פונ׳ם האַרצען). יענע יאָהרען וועלען זיך אַזוי גיך, האָב איך מורא, נישט אומקערען. אין אָדעס איז דאָס געוועזען! אַי אָדעס, אָדעס! אַ שטעדטיל! לעבען זאָל דאָס טאַקי ביז משיח וועט קומען! אין דעם אָדעס, פערשטעהט איהר מיך, בין איך אויפגעוואַכסען, אָנגעקומען אַהין פון בעסאַראַביע מיט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ יאַקעטער, אַ באָרוועס און געשמייכעלט צו אַ בולקע, דען וואַכסען וואַכס איך, דאַרפט איהר וויסען, פון סאַמע יחוס — דעם גרויסען „שומר בגדים׳ס“ איין אייניקעל, אויף אונזער לשון הייסט עס, אַז מיין זיידע רב אהרן איז געוועזען אַ שומר אין באָד, געהיט דאָס אָנטהון פון די בעלי־בתים, און האָט בעקומען דערפאַר צוויי גאַנצע גילען אַ וואָך אַ חוץ פּעטש, דען וויפיל טליתים־קטנים זענען ביי איהם פערפאַלען געוואָרען מיט להבדיל

תחתונים! געווען אַ ריהרעוודיגע זאַך, זאָל ער מיר מוחל זיין, אונטער דער נאָז געקאָנט ביי איהם אַוועקטראָגען! יענעם זאָגען וואָס טהוסט דו, מביש שטעלען, אָנמהון אַ בזיון — חס ושלום! ביי איהם, הייסט דאָס, ביים זיידען רב אהרן, זכר לברכה, האָב איך זיך אויפגעהאַלטען, דען דער טאַטע מיינער איז געווען וויים אונטער זיבען שלעסער, ער איז געזעסען מיט גרויס כבוד בעזונדער אין אַ חדר, איבער אַ בלבול מן הסתם, און אַ סאָלדאַט ביי דער טיר האָט איהם געהיט פון אַ גוט אויג, ער זאָל ניט אַריבער חס ושלום איבערן פלויט און מאַכען אַ ויברח, און די מאַמע מיינע זאָל לעבען האָט זיך געלערנט קאָכען און באַקען ביי אַפרעמדען אויבען, דאָס הייסט נישט חס ושלום צוליב מצוה — נאָר פשוט פאַר אָנדערהאַלבען קאַרבווינים אַ וואָך, האָט זי אַפילו געוואָרט איך זאָל אויך זיין מיט איהר אין קעך, מיט איהר אינאיינעם עסען קעסט, האָט אָבער די בעל־הביתטע (אַפילו אַ גאַנץ שענע נגידית מיט פּעריל) נישט געקאָנט איבערטראָגען מיין אַפּעטיט; איך עס, זאָגט זי, קיין עין הרע, פאַר דריי, און מען האָט מיר געגעבען דעם וועג. האָב איך געמוזט אָנקומען צום זיידען רב אהרן, זכר לברכה, מיט איהם אינאיינעם זיצען אין באָד און אַכטונג געבען אויף די בגדים. איז דערחסרון אָבער וואָס האָט לאַנג נישט געקאָנט געדויערען, מחמת איך בין געווען, לא עליכם, אַ גרויסער נצרך אויף מזומנ'ע קאָפּיקעס, און האָב נישט געהאַט, איהר זאָלט זאָגען, אַ פּרוטה של נחושת, האָב איך מיך מישב געווען און האָב אָנגעהויבען מאַכען אַ רעוויזיע איבער די בעל־הבתישע קעשענים, איך בעט איבער אייער כבוד, פון פרעמדע הויזען און אַנטלייהען, אַבי ס'איז נאָר געווען פון וואַנען, אַ מטבע, אז גאָט וועט מיר העלפען וועל איך מסתמא אָבגעבען...

בקצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג בריַיען, איך האָב אַזוי לאַנג געטרויבערט קעשענעס ביז מען האָט מיך געפּאַקט מיט אַ גרויסען סקאַנדאַל און מען האָט צוליעב מיר דעם זיידען אָבגעזאָגט פון דער שטעלע און איך האָב געמוזט זאָגען מיין שטעדטיל אַדיע, און אַוועק קיין אָדעס, און בכדי ס'זאָל מיר ניט זיין שווער די נסיעה, האָב איך די שטיוועליך פערקויפט און טאַקי געהאַט דערוויַיל וואָס צו עסען, ווי זאָגט איהר: צידה לדרך.

געקומען קיין אָדעס אַזאַ „בן בקר" ווי איך, אַ בר־מצוה בחור'ל פון אַ יאָהר זעכצעהן־זיבעצעהן, אַ שענער יונג בין איך געווען, האָב איך באַלד פערטרעטען אַשטעלע, נישט חס ושלום ביי אָפּרתי'ן אין קאַנטאָר,

נאָר אין אַ געשעפט פון בערשטלעך מיט שוהוואַכס, דאָס הייסט, איך האָב מיך געשטעלט ביי די שטיוועלפוצער פאַר אשטיוועלפוצער, און האָב מיט גאָטס הילף נושא חן געווען ביי דער וועלט, דען אָבפוצען אַ פּאָר שטיוועל בעדאַרף מען קאָנען, די אַרבייט בעדאַרף געהן גיך און געשווינד, אַ שפּיי אויף איין בערשטיל און אַ רייב מיט'ן אַנדערען בערשטיל — און הלך משה מרדכי!

וואָס טויג אייך, איך האָב צונויפגעשלאָגען די עטליכע גראָשענס און האָב אַ שפּיי געטהון אויף מיין בעל-הבית דעם עקספּלאָטאַטאָר און אַליין געעפענט אַ געשעפט, דאָס הייסט איינגעהאַנדעלט אַ פּאָר בערשטלעך מיט שוהוואַכס מיט אַ שען פּיס-קעסטיל אַ לייטיש, אַ פּאַשאָל אויף דער „רישעליע” אַרבייטען. און געאַרבייט האָב איך, קאָן מען זאָגען, אויף אַלע כלים געקליבען די גראָשענס, זיך צונויפגעשלאָגען ביז אַ זייגער איין איינגענעם פון זהב טהור — ריין זילבער און דער מאַמע קיין בעסאַראַביע אַוועקגעשיקט אַ דרייערל, לאָז זי וויסען, אַז זי האָט אַ זוהן אי'ן אָדעס און אַרויסגעשטעלט אַ פייג דער גאַנצער וועלט.

איז דאָך אָבער פערהאַן אַ גרויכער גאָט, בעדאַרף איך עסען קעסט אין אַ יודישען טראַקטיר, און דאָרטען אין דעם טראַקטיר בעדאַרף זיין אַ בעלהבית'טע אַ יפהפיה מיט איהר הייליגען נאָמען רייזעל, נאָר גערופען האָט מען מען זי ראָזע, בעדאַרף איך איהר מסתמא געפעלען ווערען אין שלייער, געהט זי און רעדט מיך אָב פון מיין געשעפט און נעמט מיך צו צו זיך און קרוינט מיך פאַר אַ וויקידיילאָ...

— פאַר אַ וואָס? רופט זיך אָן בראָנזוענטאָלער און טשיידערי נאָך איהם:

— פאַר וואָס האָט מען אייך געמאַכט?

— פאַר אַ וויקידיילאָ. אַ וויקידיילאַ ווייסט איהר ניט וואָס הייסט? מאַכט אַרקאַדיע שטאַרק פערוואונדערט מיט אַזאַ מינע ווי אַ מענש, וואָס דערהערט, אַז יענער ווייסט ניט וואָס הייסט אַ מוציא מיט האָניג — סטייטש, אַ וויקידיילאָ ווערד אָנגערופען אַזאַ פאַרשוין, וואָס אַז מען דאַרף איינעם געבען דעם וועג נעמט מען איהם אָן ביים קאַרק און מען גיט איהם מיט דער קניע פון אונטען און מען זאָגט איהם: „זה התרנגול ילך”... היינט פערשטעהט איהר שוין וואָס דאָס הייסט? און אַ וויקידיילאָ בין איך געווען דוקא ניט קיין שלעכטער און האָב נושא חן געווען ביי איהר אין די אייגען. קורץ, די דאָזיגע ראָזע איז געווען אין מיר פערליעבט ווי אַ קאַץ אין די נייען טעג און האָט זעהר געגאַרט צו מיר איך זאָל פאַר

איהר התונה האבען. האב איך איהר געזאגט: חתונה האבען מהיכי תיתי, זעהר פיין, נאר וואס דענן? איך וויל א „תוספת כתובה", דאס הייסט טאקי משלשל זיין במזומנים האטש א טויזענד „איינציגע". האט זי מיך אנגעקוקט ווי א משוגענעם, נאר ווער האט אויסגעפיהרט? געוועהנטליך איך, ניט זי. און חוץ לזה האב איך אויסגענומען מיט איהר א תנאי. אזוי ווי איך מיש מיך ניט אין איהרע געשעפטען, אזוי טאר זי זיך ניט מישען אין מיינע געשעפטען. און מיינע געשעפטען זענען געווען ביליארד און קארטען. ביי טאג האט מען געארבייט אויפ'ן ביליארד ביי־נאכט אין קארטען. נאר ווי אזוי מיינט איהר געארבייט? די פיינסטע מענשען מיט די שענסטע קינדער פלעגען אריינקומען צו אונז אין געשעפט אריין, זיך געלערענט שפיעלען אויפ'ן ביליארד, אז מען שפיעלט זיך אן א גאנצען טאג אויפ'ן ביליארד, מוז מען נאכדעם ביינאכט פערבייסען מיט א קערטיל, זאגט אפשר אז ניין?

נישט בראנזענטאלער דער בעל־הבית, נישט טשיידעלי דער מחבר האבען געקאנט זאגען אז ניין, און זיי האבען געבעטען דעם נייעם שכן, ער זאל זיי ערצעהלען וויטער און ארקאדיע שוייצער טהוט זיי צוליעב, פערדרויכערט א פרישע ציגאר און ערצעהלט וויטער.

קאפיטעל ה.

—איך וואלט אייך אייגענטליך בעדארפט ערצעהלען ווי אזוי איך האב מיך געשיידט מיט מיין יפהפיה און פאר וואס איך האב מיך געשיידט און וואס פאר א מין שפיצעל זי האט מיר אפגעטהון, האב איך אבער מורא, אז די מעשה וועט זיין אביסעל צו לאנג. לכן לעג איך דאס אפ אם ירצה השם אויף הושענא רבה, און הלך משה מרדכי, זייך געה מיר וויטער.

הקצור, איך האב מיך אבגעזעגענט מיט מיין פלונית בת פלונית און בין אוועקגעפאהרען וויטער און האב מיך אראבגעכאפט אהערצו און האב מיך בעזעצט אט א דא אין יעהופעץ און האב אנגעהויבען זוכען א געשעפט.

וואס פאר א געשעפט קאן א שטייגער מאכען אזא נפש ווי איך? אז אויף א מלאכה בין איך פוילכליך; שרייבען און רעכענען האט מיין טאטע פערגעסען מיך לערנען; האנדלען מיט ווייץ און מיט קארן אדער מיט פאפירען אויף דער בערזע האב איך מורא געהאט, טאמער, חלילה וחס,

די שעה זאל ניט זיין, איך פערהאנדעל מיך אזוי, אז איך טו מיך נאכדעם שטעלען — טהוט מיר באנג, איך זאל מיר ניט פערשטערען מיין נאמען. וואס כ'האב אויף דער וועלט. „חאפט דער רוח דאס געלד אבי דער נאמען זאל איבערבלייבען". ווי כ'האב געזאגט אמאל א בעקאנטען באנקיר נאכדעם, אז ער איז געבליבען אהן א פיערער און האט נאך געלייזט פעטש אויך...

ארומגעדרעהט. ארומגעדרעהט אזוי לאנג ביז איך האב מיך פארט צוגעשלאגען צו מיינעם, ווי זאגט איהר: כל עורב למינהו — איטליכער טרינקער געפינט זיך זיין וויין; איך האב מיך בעקאנט מיט א פאר הייזליך, דוקא אין בעל־הבתישען גראד, און האב אנגעהויבען אהינצוצו אריינקומען. איך געה — מען קלויבט זיך צענויף אלע נאכט, היינט איך צו דיר, מארגען דו צו מיר. כלומרשט „איטעניגעם", מען רופט צענויף געסט א דרייסיג־פערציג פארשוין, צווישען זיי מעהרסטען־טהייל פיזשאנ־טשיקעס, יונגע־לייטעלעך הייסט עס אזעלכע, וואס פליהען גלייך אין מויל אריין ווי די געבראטענע טויבעליך: „נאט, שלינגט אונז איין געזונדטערהייד און לאז אייך וואוהל בעקומען"... דער בעל־הבית, געוועהנטליך, ווייסט שוין וואס ער האט צו טהון. זעצט ער אוים די ליבע געסט ביי די גרינע טישלעך און פארט זיי צענויף ממזריש, און אליין איז ער אויפגעלעגט שרעקליך, און אויך די בעל־הבית'טע איז שטארק האפעדיג, טראגט אונטער איטליכען בעזונדער טיי מיט איינגעמאכטס, און די שפיעל געהט ביז ווייטען טאג אריין, ווי אין קלוב...

און שטעלט אייך פאר אז מיך האט מען דאס דערטאפט פארן פיזשאן און מען זעצט מיך אוועק מיט עפעס מאדנע מיני פארשוינען ביי איין טישעל, צווישען זיי איינער א קאפיטאן מיט גילדערנע קנעפ און מען נעמט מיך צו דער ארבייט אבער אזוי ווי סע געהער צו זיין! פויל איך מיך ניט, הויב מיך אויף פון טיש און ריף אוועק דעם בעל־הבית אויף א זייט און זאג צו איהם אזוי: „הערט זשע אויס, מיין ליבער פעטער בלעם, איהר זאלט וויסען זיין אז איך בין א געשלאגענער הונט, אייער קאפיטאן הויבט מיר ניט אן צו געפעלען"... — „וואס הייסט, מאכט ער, מיט וואס געפעלט ער אייך ניט?" — „דען, זאג איך, ער איז אזוי א קאפיטאן פונקט ווי איך בין א גובערנאטאר". — „פון וואנען זאגט ער, נעמט איהר דאס?" „פון די ידים, זאג איך, ער מאכט מיר, זאג איך, צו געשווינד מיט די ידים; איך האב מורא, זאג איך, צו ס'איז ביי איהם צו איין אויסגעשריבענע האנד". — „וואס זשע, זאגט

ער, ווילט איהר?" — „וואָס, זאָג איך, זאָל איך וועלען? איך וויל מאַכען א סקאַנדאַל, ווייטער גאָר ניט". — „איהר זענט, זאָגט ער, משוגע, צי חסר דעה? וויפיעל האָט איהר פערשפּיעלט?" — „וועט איהר מיר, זאָג איך, אומקעהרען? בלאַטע!" — „וואָס דען, זאָגט ער, ווילט איהר?" — „איך וויל, זאָג איך, ס'זאָל טאַקי זיין יחדו, חצי שלי וחצי שלך, ווי מיינער א גוטער ברודער זאָגט, בעת ער וויל יענעם בעגראָבען הויבט ער אָן רעדען אויף דייטש: „לעבען אונד לעבען לאַססען"...

ביי די ווערטער האָט זיך אַרקאַדי צעלאַכט גאַנץ געשמאַק מיט א קוויטש, ווי זיין שטייגער איז און דערזעהן אַז קיינער לאַכט ניט, האָט ער גענומען פערענטפערען זיך:

— מיינט ניט, אַז איך בין, חס ושלום, א געבאָרענער שוליער, א קאָרטענשפּילער, א בייטעלשניידער. דאָס הייסט, קיין צדיק אין פּעלץ בין איך אויך ניט, איך דאַרף מיך פאַר אייך ניט אויספּיינען, קיין שדוך מיט אייך טהו איך ניט און קיין געלד וועט איהר מיר נישט לייהען, דען איך האָב מורא, אַז איהר זענט אַליין, מחילה, בקבצנו... נישט מעהר, איין אַנדערער אויף מיין אָרט האָט ליעב די זאַך בעפּוצען, איך רעד אָפענטליך, ביי מיר איז דער אמת אין דרויסען אויבען אויף ווי אויף א טעלער. די נויט, פערשטעהט איהר, האָט מיך געבראַכט דערצו, איך זאָל זיך אַריינלאָזען אין דעם וויסטען ברויט, ווי מיינער א גוטער בעקאַנטער זאָגט: „סע ליגט — נעם, א ניט וועט איין אַנדערער צונעמען"...

הקצור, איך האָב מיך אַזוי לאַנג געדרעהט צווישען בעקאַנטע אויף אימעניעס, ביז ס'איז איין מאָל אַרויסגעשפּרונגען א סקאַנדאַל. מע האָט אָנגעטראָפען אויף איינעם, למשל אַזא „בחורעץ" ווי איך, האָט ער געבראַכט צו פיהרען א קאָקאַרדע, האָב איך מיך מיישב געווען און זיך באַלד געמאַכט איין אָבטריט און בין נעלם געוואָרען אויף א קליינער צייט, דען איך, פערשטעהט איהר מיך, האָב פיינט, אַז מען טשעפּעט זיך צו מיר: ווער איך בין? און וואָס איך טהו? און פון וואַנען איך לעב? דען, אַז מען זאָל וועלען, הערט איהר, אַזוי איטליכען בעזונדער נעמען צום עקזאַמען — מעגט איהר מיר גלויבען, אַז העכער א האַלבע שטאָדט געהט אַוועק אַרעסטאַנסקע ראָטע, זאָגט אפשר אַז ניין?

נישט בראָנזענטאָלער דער בעל־הבית, נישט טשיידעלי דער שכן זאָגען ניט, נישט יאָ נישט ניין: זיי ווילען אויסהערען די ביאָגראַפּיע פון'ס

נײַעם שכן ביז'ן סוף, און דער נײַער שכן טהוט זיי צוליעב און ערצעהלט ווײַטער:

— לאַנג אַרומגעהן אַזוי אָהן אַרבײַט איז אָבער אויך קײן תכלית ניט און אַגב איז דער יצר הרע פון קאָרטען אַזוי גרויס, אַז דער, וואָס האָט אײן מאָל פערזוכט דעם טעם פון קאָרטען — קאָן זיך אָהן אַ קאָרטיל נישט בײַגעהן. סע ציהט, ווי דעם שכור ציהט עס צו אַביסעל בראָנפען. איך האָב אַזוי לאַנג זיך אײַנגעהאַלטען און געפאַסט ביז איך האָב מיך בעקאַנט מיט אײנעם אַ פּראַקטישיסער און דוקא אין ביליאַרד וואָס האָט מיר אויפגעעפענט די אויגען, בעוויזען אַ נײַע וועלט, וואָס זי הײסט „קלוב", און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען פאַר מיר דאָס אמת'ע לעבען, דער אמת'ער גן עדן! אַ ווערטעלע אויסצורעדען — קלוב, איך קען מיר קומען ווען איך וויל, שפּיעלען מיט וועמען איך וויל, וואָס איך וויל, און אויף וויפיעל איך וויל! ווילט איהר — שטעהט איהר בײַ דער זײַט און קוקט און „שמירט זיך צו" וויפיעל אײער הארץ גלוסט ווילט איהר — זעצט איהר זיך אין קאָן און וויפיעל איהר ווילט אַזוי פיעל „ענטפערט" איהר. טרעפט איהר איז גוט; אַלא ניט — ווערט איהר בײַגראָבען, איז לא פּדלתם — האָט איהר נישט געטאַנצט מיט'ן בער. קײנער פרעגט אײַך ניט, ווער איהר זענט, און פון וואַנען סע קומט צו אײַך געלד, און צי האָט איהר געוואונען, צי פערלאָרען — נישט קײנעמס עסק! כל זמן עס באַמבעלט זיך בײַ אײַך די מטבע און איהר האָט וואָס צו שטעלען — שטעלט איהר. אַז ניט — קאָנט איהר אײַך געהן בשם אלקי ישראל וואוהין איהר ווילט, די וועלט איז פאַר אײַך אָפען — אָט וואָס סע הײסט „קלוב"! איהר קאָנט אין אײן טאָג אוועקגעבען וואָס איהר האָט, פערליערען די לעצטע פּאָר מבנסים, דערפאַר אָבער, אַז עס געהט אײַך אַוועק דאָס בלאַט און עס קומען אָן די „פּאַסען", זאָלט איהר דעמאָלט טהון אַזוי ווי איך האָב געטהון בעת ס'האָט מיר געפידעלט. איהר זאָלט, הערט איהר, שנײַדען, בראָקען, האַקען, שינדען פון זײ די פעל, טרענען די קישקעס פון די ממזרים, אַ רוח אין זײער טאַטענס טאַטען אַרײַן!

אַרקאַדי דאַט זיך אַזוי צעהיצט, אַז ער דערלאַנגט אַ זעץ מיט'ן קולאַק איבער'ן טיש און דער מחבר פאַלט שיער ניט אום פאַר דערשרעק.

— אַביסעלע שטילער — זאָגט צו איהם בראָנזענטאָלער — איהר שרעקט מיר איבער אַלע מאָל משײדעלען אויף טוידט.

און אַרקאַדי פערענטפערט זיך:

— סע פערדריסט מיך, פערשטעהט איהר מיך, למאי איך האָב זיי אָבגעגעבען צוריק דאָס ביסעל געלד. איך האָב געהאַט ביד אַרויס פון דאָרט מיט אַ שענעם קאַפּיטאַל און נישט איין מאָל, נאָר עטליכע מאָל, זיך קויפען אַ פערד און וועגעלע מיט גומעלאַסטיקענע רעדליך מיט אַ שען פעלציל, אַרײַנלעגען די הענט אין די קעשענעס ווי אַנדערע טהוען און ווערען אַ שענער בעל־הבית אין יעהופּעץ... נאָר דער רוח זאָל מיך וויסען, וואָס מיט מיר איז. פערשפּיעל איך — אַרט מיך ניט, נאָר טאָמער הויב איך אָן צו געווינען מײַן איך שוין, אַז דאָס זײַען געקומען די „פּאַסען“ און איך וויל נאָר דערגרונטעווען זיך ביז'ן דרײַצעהנטען „פּאַס“, און איך רײַס מיך דראַפּע מיך אויף די גלײַכע ווענט און הויב אָן שיסען מיט האַרמאַטען פינף און צוואַנציג! פופציג פאַר צוואַנציג! פופציג פאַר פערציג, און הונדערט פאַר אַכציג! און צוויי הונדערט פאַר הונדערט זעכציג! און פיער הונדערט פאַר דרײַ הונדערט צוואַנציג! און אַכט הונדערט פאַר זעכס הונדערט פערציג! און...

— ש ש ש... —מאַכט צו איהם בראָנזענטאָלער און האַלט איהם צו דאָס מויל — איהר קאָנט אַזוי פערפאָהרען אין אֶלף הששי אַרײַן!

אַרקאַדי געפינט זיך ווי בעליידיגט:

— איהר מײַנט אַ פּנים איך בין אײַך מגזם, דערצעהל אײַך בבא־מעשׂיות פון טויזענד איין נאַכט? וואָס איהר ווילט קאָנט איהר אויף מיר זאָגען — קיין ליגנער בין איך קיין מאָל נישט געוועזען. איך זאָל ניט דערלעבען זעהן די אַלטע מאַמע מײַנע, ס'איז בײַ מיר די בעסטע שבועה, דען זי איז בײַ מיר טהײַער, איך שיק איהר נאָך היינט אויך אַ קערביל אַ וואָך עס מעג דונערן און בליצען... און איך זאָל טאַקי אַזוי מצליח זײַן, און עס זאָלען מיר אַזוי גיך אָנקומען די דרײַצעהן פּאַסען, ווי איך זאָג אײַך אֶמת! דער גאַנצער אומגליק איז, וואָס ס'איז נישטאָ דער מזומנער כף־הײַער און איך געה שוין מעהר נישט אין קלוב! ס'איז, פערשטעהט איהר מיך, אויסגעגאַנגען פּאָדעם און בין נאָך דערצו אַ בעל־חוב גמילות־חסדים גוטע ברידער, די האָר זענען ניט מײַנע, אוועקגעטראָגען אין לאָמבאַרד דעם גוטען זייגער פון זהב טהור מיט'ן גילדענעם רינג מיט וואו איך האָב געהאַט ערגעץ אַ זאַך, וואָס מען קאָן פערזעצען... און נאָך אַלע היום'ס, זאָג איך אײַך, לאָם איך נאָר בעקומען דעם ערשטען פינף־און־צוואַנציגער —און איך וועל איהם, אם ירצה השם מיט גאָטט'ס הילף בעקומען—מאַך איך אַ פערמעגען פון אַריבער מאה אלפים! איהר קוקט מיך אָן ווי אַ משוגענעם? אַ יאָ? אָט וועל איך

איך ווייזען גאָר אַ קורצען חשבון וועט איהר אַליין זעהן, אַז אַזאַ נפש ווי איך, קאָן מאַכען פון איין כף-הייער די ריינע הונדערט טויזענד איינ-ציגע און נאָך מיט אַ סמיטשיק! איהר ווייסט, וואָס סע באַטרעפט דרייצעהן פאַסען פון אַ פינף-און-צוואַנציגער? אַ גו נעמט נאָר אַקאָרשט, זייט מוחל, אַ טינט און פען!

— אַ טינט און פען? דערויף איז טשיידעלי, ביי מיר דער מאַכער — זאָגט בראָזענטאַלער און דער מחבר נעמט די פען, טונקט איין אין טינטעריל, קוקט אויף אַרקאַדיען און אַרקאַדי הייסט איהם שרייבען:

שרייבט, זייט מוחל, 25 און 50 און 100 און 200, און 400 און 800, דען יעדער „פאַס" איז צוויי מאָל אַזוי פיעל, און 1,600 און 3,200 און 6,400 און 12,800. האָט איהר ערשט צעהן פאַסען, הייגט 25,600 און 51,200 און 102,400, פערשטעהט איהר שוין וואו איך האַלט?

אַרקאַדי צעלאַכט זיך ווי זיין שטייגער מיט אַקוויטש, לעגט אריין די ציגאַר אין די ציינען און די הענד אין די קעשענעס, געהט אַב אַפּאָר טריט צוריק און בלייבט שטעהן מיט איין פוס אַרויסגעשטעלט אויף צופריהער אין מיט'ן חדר און שאָקעלט זיך צו בעת מעשה מיט'ן גאַנצען קערפער, און ער זעהט אויס ווי אַ באַראָן, וואָס האָט נאָר וואָס טאַקי געהאַט די דרייצעהן פאַסען און געמאַכט די שענע עטליכע קערבליך.

ווער עס האָט אין יענער מינוט נישט געזעהן דעם נייעם שכן אַרקאַדי שווייצער, דער האָט אויף זיין לעבען נישט אָנגעקוקט קיין גליקליכען מענשען אויף דער וועלט!

קאַפּיטעל ו.

— אַזוי? — זינגט אויס בראָזענטאַלער, דער בעל-הבית, און ציהט זיך אויס ווי לאַנג ער איז — אַציגד פערשטעה איך שוין אייער קוק; איהר זוכט, הייסט דאָס, דעם נעכטיגען טאָג, מיין איך, דעם דרייצעהנטען פאַס? איהר ווילט, הייסט דאָס, דערגרונטעווען די שפּיעל ביז'ן דנא? אודאי אודאי, מען קאָן ניט זאָגען, אַ געשעפט איז דאָס, נאָר ניט אַזוי ראַיעל ווי איהר מיינט

אַרקאַדי שווייצער געפינט זיך ווי בעליידיגט.

— ניט ראַיעל, זאָגט איהר? גוט איז איך אַז אייערע פאַבריקעס

ארבייטען דארטען, אייערע שיפען אויף'ן ים געהען זיך, די מיהלען מאהלען און אליין זיצט איהר אויף'ן גרייטען און שניידט קופאנעס פון די ביכלעך פאפיראס־פאפיר. האט קיין פעראיבעל ניט, פאני, וואס איך וויל אייך פרעגען, אשטייגער נאפשיקלאד, כדומה למשל, וואס איז אייגענטליך אייער געשעפט?

— מיין געשעפט? עהע־הע! — ציהט אויס דער בעל־הבית אויף איין ארשין — מיין געשעפט? א סך האבען זיך שוין געבראכען די מוחות, געוואלט וויסען מיט וואס איך פערנעם זיך; דער אקאלאדאטשניק האט וויפיעל מאל געוואלט דערגרונטעווען זיך, נאר מכות וועט עמעצער גאר פאלען דערויף!

— וואס זשע? איהר שרייבט מזוזות? צי איהר טרייבט אדוים שדים? צי איהר מאכט פאלשע פערציגער? מיר מעגט איהר זאגען, נישקשה, ווי אין איין ציזוערנעם קאסטען מיט א גלאק!

— עט, איך האב פאר אייך ווינציג וואס מורא! לאז זיך אייך דאכטען, נאר דער חסרון, וואס ס' איז ניטא ביי וואס אנצונעמען.

— אבער א נאמען בעדארף דאך עס האבען!

— הערסט דו, אט דאס איז דאך די מעשה וואס סע האט קיין נאמען ניט! וואס פאר א נאמען אשטייגער קען מען דאס געבען, טשיידעלי, וואס שוויגט איהר?

דאס קליינע מחבר'ל, וואס בראזענטאלער האט איהם א נאמען געגעבען טשיידעלי, חאפט זיך אויף ווי פונם שלאף, שפרינגט אראב פונ'ם בעטיל מיט א טענציל ווי זיין שטייגער איז, דרעהט זיך אויס אויף איין פוס, מאכט צערעבט די ברילען און רופט זיך אן צום בעל־הבית:

— אייער געשעפט וואס פאר א נאמען מען קאן דאס געבען? סע האט קיין שום נאמען ניט.

— א! זעהט איהר? — מאכט דער בעל־הבית און ווייזט אן מיט די אויגען אויף'ן מחבר'ל — איהר האט געזעהן ווי טשיידעלי האט זיך נאר וואס אויסגעדרעהט אויף איין פוס און איז געבליבען שטעהן אויף איין ארט? פונקט אזוי דרעה איך מיך ארום א געשעפט, א גרוים געשעפט, שוין פון כמה וכמה יאהרען; איך דרעה מיך און דרעה מיך און שטעה אויף איין ארט.

— א? אויב אזוי, פערשטעה איך שוין! — פערחאפט ארקאדי שווייצער מיט א געלעכטער — איהר זענט א מעקלער פון די מעקלערס,

וואָס פערקויפען דעם שפיץ פון די יעהופּעצער בערג, דעם שאָטען פון די בוימער פונ'ם בויבעריקער וואַלד, און בייטען דעם נעכטיגען טאָג אויפ'ן אָרעסער ליטאַן און פיהרען דורך אַ באַהן גלייך פון מאַזעפּעווקע צו דער לבנה? אָט אַזוי זשע רעדט! וואָס זשע מאַכט איהר אָנשטעלען? אָחינו אַתּה, נאָט אייך אָב שלום, דען אַז איך וויל זאָג איך, אַז איך בין אויך אַ מעקלער. איך האָב אויך אַצוויי דריי אָפּיסען ביי זיך אין קעסטיל פון די רייכע אימעניעס, מיט די שענע וועלדער, מיט די גרויסע פּאַ־אַצען מיט די קלוגע פערד, מיט די ריינע סאַזשאַלקעס, מיט די אָמת'דיגע דגים און מיט די ווילדע קאַטשקעס, וואָס שווימען אַרום פון אויבען אויפ'ן וואַסער...

— טיע־טיע־טיע! — שלאָגט איהם איבער בראָנזענטאָלער אין מיטען — אַ יוד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט. זעה נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס אַביסעל צעלאָזט ווי אַ בעל דרשן; עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, איך בין קיין מאָל נישט געווען קיין מעקלער און וועל ניט זיין קיין מעקלער און בין אפילו נישט געלעגען נעבען מעקלערס. מיין געשעפט איז ירושה. מיר לאָדען אַ ירושה, אַ גרויסע ירושה לאָדען מיר

— אַ ירושה? — כאַפּט איהם אונטער אַרקאַדי — פון וועמען איז טאַקי פון אייערען אַ זיידען? מסתמא אַ מאַיאָנטעק אַ גרויסער, פון עטליכע דערפער מיט שאָף און רינדער, מיט וואַסער־מיהלען אייגענע, מיט בריקלעך, מיט קרעטשמעס, מיט הייזער אַ גוזמאָ און מיט קלייטען געמויערטע, וואָס דען קאָן זיין, איך בעט אייך, אַ יודישע ירושה?

— שוין? איהר האָט שוין ווידער צעלאָזט דאָס צינגעל אייערס? אַז איהר ווילט מיך אויסהערען אַקוראַט, זאָלט איהר מיך ניט איבער־שלאָגען. פאַר וואָס האָב איך אייך ניט איבערגעשלאָגען בעת איהר האָט גערעדט?

אַזוי זאָגט בראָנזענטאָלער. פערציהט זיך געשמאַק מיט'ן פּאַפּיראָס, שפּאַרט זיך אָן אָן טיש ציהט אויס די לאַנגע פיס און הויבט אָן צו ער־צעהלען און ביידע שכנים הערען זיך צו מיט קאָפּ:

— בעשטעהן בעשטעהט די ירושה אונזערע דוקא אין מזומן געלד און בעטרעפען בעטרעפט זי אַרום און אַרום בסך הכל שוין מיט פּראָצענט זזון מיט פּראָצענט דפּראָצענט אַזוי גרויס ווי ניין־און־ניינציג מיליאָן,

— האַ? ניין־און־ניינציג מיליאָן? — שרייט אויס אַרקאַדי שווייצער, און שפּרינגט אַזש אונטער פון התפּעלות — דאָס איז דאָך עפּעס, וועה איז מיר, אַ מין פּויטיקע, וואָס וואָלט אונז גענוג געווען אין דרייַ

אויפ'ן גאנצען לעבען און עס וואלט נאך געבליבען אביסעל די קרובים און אביסעל אויף עולמות; וואס, ניט אזוי?

בראנזענטאלער לאזט איהם רעדען, ענטפערט איהם ניט דאס אנדערע ווארט. פערציהט זיך מיט'ן פאפיראס און דערצעהלט ווייטער:

— זענען מיר אויף די ניין־און־ניינציג מיליאן, הייסט דאס, דריי יורשים: איין ברודער מיט צוויי שוועסטער, צו דריי־און־דרייסיג מיליאן אויף א חלק.

— וואס רעדט איהר? חאפט איהם אונטער ארקאדי — מיר דאכט, אז א ברודער נעהמט צוויי מאל אזוי פיעל ווי א שוועסטער, הייסט ווי אזוי קומט ביי אייך אויס דער חשבון צו דריי־און־דרייסיג מיליאן אויף א חלק?

— מיר האבען דאך עפעס געשמועסט, פאני שווייצער, אז מען זאל מיך ניט איבערשלאגען? פון וואנען האט זיך גענומען צו אונז די דאזיגע ירושה — איז דערינען א גאנצע מעשה: איך בין גאר אליין במבע ווי איהר קוקט מיך אן, א יוד א חלפן...

אוי! — חאפט זיך אויף שווייצער — גאט זאל מיר טאקי אזוי העלפען, ווי איך האב געקלערט, אז איהר בעדארפט זיין א חלפן! דאס פנים איז ביי אייך ווי ביי א חלפן. אלע חלפנים האבען עפעס מאדנע טרוקענע פנים'ער און זעהען אויס ווי עפעס הילצערנע מענשען מיט שטרוי־ענע קעפ.

— איך בעט אייך — זאגט צו איהם דער בעל הבית — איהר וועט א מאל אנשטומט ווערען צי ניין? דאס מויל מאכט זיך אייך גאר ניט צו אויף קיין מינוט! א פנים ס'איז ביי אייך אזא מין חולאת?

ארקאדי שווייצער ענטפערט איהם דערויף גאר ניט; ער פערשטופט דאס מויל מיט'ן ציגאר, זעצט זיך צו און מאכט א מינע פון א סטאטיק, ווי א מענש וואס האט זיך געגעבען דאס ווארט שווייגען, און דער בעל־הבית קאן דערצעהלען זיין געשיכטע שוין אהן ט שום איבערשלאג.

קאפיטעל ז.

— שא, וואו זשע האלטען מיר? יא. בין איך, הייסט דאס, געוועזען א יוד א חלפן. געשטאנען מיט א טישעל אין מארק און צעביטען קליין געלד, און דערפון געצויגען דאס שטיקעל ברויט. איז אבער דער

חסרון, וואס פון חלפנות אליין קאן מען ניט לעבען; גענוג, ווארט, קוק ארום אויף א יודען, ביז ער וועט קומען א מאל אויסבייטען א קערבעל אויף מינץ, וועט מען פארדינען א הארטען צווייער. וואס זשע טהוט מען? בעדארף מען זיין דערצו אשטיקעל...

— גנב — העלפט איהם אונטער ארקאדי שווייצער — וואס דען? עהרליך איז שווערליך, ווי מיין באבע טאלצע, עליה שלום, פלעגט זאגען בשעת אראבנעמען וואכס פון די ערב יום כפור'דיגע ליכט...

— ווער בעט איך, איהר זאלט מאכען א פירוש אויף מיינע ווערטער? — זאגט צו איהם בראנזענטאלער — איך זאג, אז פון חלפנות אליין איז שווער צו לעבען, מוז מען זיין דערצו א שטיקעל סוחר: קויפען א מאל איין אלטע מטבע אין גלייכען געלד, א מאל א חפץ, איין אלטען הדס, א זילבערנע גאלקע פון א שטעקעל, אביסעל ברוך, און אט אזוי ווערט מען פון א חלפן א שטיקעל קרעמער, דאס הייסט, מען דינגט אב א לאך און מען שלאגט צו א בלעטיל: „קויפט און פערקויפט", ווערד שוין גוט. עס קומט אריין א מאל א פריץ, א פריצה, א יוד, א שווארץ יאהר, ער קויפט, פארקויפט, בייט אוים שילע נא שווייקע, ציי מען פערדינט, ציי מע דערלעגט, גאר ניט, מען האנדעלט. ויהי היום, איין מאל, פארנאכט איז דאס געווען, זיץ איך מיר אזוי פארטראכט, קיין פדיון איז ניטא, עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין צו מיר אין געשעפט אריין עפעס א פריץ א מאגנאט, הויך ווי עוג מלך הבשן, כמעט אונטערגעשפארט מיט'ן קאפ דעם בוידעם, מיט צוויי מורא'דיגע וואנסעס, מיט א מין נאז...

— אשר לא נאזו אבותינו — חאפט איהם אונטער ארקאדי און בראנזענטאלער שטעלט אנידער אויף איהם די אויגען און דאס בראנזענע פנים ווערט ביי איהם ווי פארשטארבען, ווי איינער רעדט: „וואס איז דאס פאר א מין שפראך?"

— ס'איז לשון קודש — גיט איהם ארקאדי צו פארשטעהן גאנץ ערנסט.

— גוט וואס איהר האט אויסגעזאגט, אז ס'איז לשון־קודש, א ניט וואלט מען געקאנט מיינען, אז ס'איז פראנצויז — רופט זיך אן דער מחבר טשיידעלי און ארקאדי צאהלט איהם אב אויפ'ן ארט:

— גוט מארגען, געלי, רעטיך טראג איך! ווער פרעגט איך, גרינער אגרעס, זויערע קיסליצע, בהמה בצורת קעלביל?

— א דאנק פאר א קאמפלימענט! — זאגט איהם טשיידעלי און טהוט זיך א בייג צו איהם.

— ניטא פאר וואס — ענטפערט איהם ארקאדי מיט א בייג צוריק.

— יודען! טאמער וואלט איהר אויפגעהערט זיך איבערשיסען מיט ווערטער? — זאגט צו זיי דער בעל־הבית און דערצעהלט ווייטער:

— שא, וואו זשע האלטען מיר? יא. קומט ארײן צו מיר אין קלײטיל א הויכער פריץ, זעצט זיך אוועק און באטראכט מײן קרעם, פרעגט זיך נאך אויף איטליענער זאך, וואס קאסט דאס, וואס קאסט יענץ, רעדט מיט מיר אויף פויליש, פארשטעה איך, אז ס'איז א פאליאק, נאר קויפען קויפט ער גאר ניט. „פון וואנען איז א פריץ?" פרעג איך איהם, זאגט ער: „איז ווארשאוויא". „וואס טהוסט דו היע?" זאגט ער: „ניץ נע ראביא" — גאר נישט, הייסט דאס. אויף מארגען — נאך אמאל דאס אייגענע: ארײנגעקומען. געזעסען, געקוקט, געבעבעט, — גאר נישט. אוף איבערמארגען ווידער דאס אייגענע, און אזוי אלע טאג. „ווי געפעלט דיר די שטאדט פאני גראביע?" פרעג איך איהם. זאגט ער: „זעהר א פיינע שטאדט, און ניט אזוי די שטאדט, זאגט ער, ווי די מענשען, און ניט אזוי די היגע מענשען ווי די היגע יודען, פון יודען האלט ער אין עולם ומלואה, מחמת יודען זענען, זאגט ער, זעהר א פיין פאלק: „איזראעליטע יעסטא באררזא שליאכעטנע נאציא", זאגט ער, טאקי מיט דעם דאזיגען לשון, ווי איהר זעהט מיך א יודען! דאס ערשטע מאל אויף מײן לעבען הער איך, אז א פריץ און נאך א פאליאק דערצו זאל האלטען פון יודען. ליעב האבען זיי, רופען אונז גאר „איזראעליטע" ניט „זשידזי", זיך אינטערעסירען מיט אונז, לויבען אין טאג ארײן אונזער א אלטע יודישע מלוכה מיט אונזערע מלכים מיט אונזערע נביאים, און ווער שמועסט שלמה המלך, דער איז, זאגט ער, געווען „באררזא ניע גלופי טשלאוויק", דאס הייסט, גאר קיין נאר נישט, טאקי מיט דעם דאזיגען לשון ווי איהר זעהט מיך א יודען! בקצור דער פריץ איז געוואָרען ביי מיר א היימישער פריץ און זעהר, זעהר זיין אפטער גאסט. איך ווייס אליין ניט, פאר וואס, נאר מיר זענען געוואָרען מיט איהם נפש אחת, זיך ליעב געקראגען פשוט איינס דאס אנדערע. אנגעהויבען ארײנקומען איינס צום אנדערען, ער צו מיר אלע פרייטאג צו נאכטס אויף שבתדיגע פיש, איך צו איהם שבת בייטאג אויף א גלעזיל טהיי. ווער ער איז און וואס ער איז האב איך נישט אנגעהויבען צו וויסען. איך האב נאר געהערט אז ער איז א גראף און רופען רופט מען איהם דאמבע־דעמבא־דעמביצקי.

— אהא! — מאכט ארקאדי שוויצער — עס חאפט שוין א ביסעל

דעם אָנבליק פון אונזער משה מענדי־מרדכי־אהרן־פייסי־דבורה־משה מענדים, וואָס מען דאַרף פריהער גוט איבערבייסען, מען זאָל דאָס קאָנען אויס־רעדען אין איין אָטהעם. מילא בקצור, ווי אַזוי, זאָגט איהר, רופט מען איהם אייער אָדון?

— דאָסבע־דעמבאָ־דעמביצקי רופט מען איהם און וואהנען וואהנט ער אונטערן שטאָרט ביי זיינע צוויי שוועסטער, וואָס מען רופט זיי ביי אונז „די באַרישנים" און וואָס ביידע אינאיינעם זענען אַלט אַריבער אַ מאה. די דאָזיגע מיידלעך זיצען שטענדיג פאַרשפּאַרט, האָבען מורא פאַר אַ מענשען, קיין בן־אדם האָט נאָך נישט געהאַט ביי אונז די זכיה זיי צו זעהן און איך אויך נישט, און איטליכם מאָל, ווען איך האָב מיט איהם געוואָלט מאַכען אַ שמועס פון זיינע שוועסטער — פלעגט ער נאָר אַ מאַך טהון מיט דער האַנד, זיך נעמען צום לאַנגען ציבעק און פערשלאָגען די רעד. איין מאָל זיץ איך מיט איהם אַזוי שבת ביי טאָג און מיר טרינקען טהיי, רופט ער זיך אָן צו מיר פלוצים פון דער העלער הויט: „זאָג מיר נאָר, פּאַני מאָשקע, וויפיל שאַצסט דו מיך"? זאָג איך „איך פאַרשטעה ניט וואָס דו מיינסט, פּאַני גראַביע". מאַכט ער צו מיר: „וויפיעל מיינסט דו אַ שטיינער פאַרמאָג איך"? זאָג איך צו איהם: „וויפיל. דו פאַרמאָגסט, ווינש איך דיר דו זאָלסט פאַרמאָגען צעהן מאָל אַזוי פיעל". מאַכט ער צו מיר ווייטער: „אַלע נאַפּשיקלאַד?" דאָס הייסט, ער וויל איך זאָל איהם נאָר שאַצען וויפיעל ער פאַרמאָגט? בין איך מיך מישב: עס קאָסט מיך געלד? און חאַפּ מיך אַרויס מיט די רי"ש אלפים! אַז מיין פריץ הויבט זיך ניט אָן צו קאַטשען ווי גרויס ער איז און טרייסלען זיך און לאַכען אויף אַ זעלכע קולות, אַז איך האָב געמיינט ער וועט, חלילה, פּלאַצען פאַר געלעכטער. „טי יעסטעס וויעלקים דורנים, מאָשקע!" מאַכט ער צו מיר נאָכדעם, אַז ער האָט זיך שוין גוט אָנגעלאַכט, דאָס הייסט, אַז איך בין אַ גרויסער נאַר, איך פאַרמאָג, זאָגט ער, אויף מיין חלק אַליין נישט מעהר און נישט ווינציגער, פון דריי און דרייסיג מיליאָן. און מיר אַלע דריי, איך מיט מיינע צוויי שוועסטער, הייסט דאָס, פאַרמאָגען מיר ניין־און נייַנציג מיליאָן!" און נישט לאַנג געטראַכט — געהט ער צו צום שיפאַד און נעמט מיר אַרויס אַ פּאַק מיט פּאַפּירען און טראָגט מיר אונטער די פּאַפּירען גלייך אין פנים אַריין און זאָגט צו מיר: „נאַ פּאַטש"! זעה, הייסט דאָס! וואָס זאָל איך זעהן? איך זעה פּאַפּירען מיט שטעמפּלען אַ סך, נאָר וואָס דאָס איז ווייס איך ניט! „דו זעהסט, זאָגט ער צו מיר, אָט די דאָזיגע חתימה? דאָס איז די חתימה פון'ם פרעזידענט אַליין, פון אַמעריקאַ, צוגעשיקט גלייך אויף מיין נאָמען פון סאַנפראַנציסקאָ פון קאַליפאָרניע". מילא, קאַליפאָרני הייַנט, קאַליפאָרני מאָרגען, אַז איך ווייס גוט מיט

וואָס מען עסט דאָס! „ווייסט דו וואָס, פּאַני מאָשקע, מאַכט ער צו מיר, לאָמיר איך דיר חאָטשע דערצעהלען, ווער איך בין—ווערסט דו פאַר־שטעהן וואָס דאָס איז פאַר פּאַפּירען און ווער איז דער גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי״. אַזוי זאָגט ער צו מיר, דער פריץ הייסט דאָס, און פאַררויכערט דעם לאַנגען לולקע־ציבעק און הויבט מיר אָן צו דערצעהלען אַ גאַנצע מעשה.

— אַ פּנים, אַז דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעשה—זאָגט אַרקאַדי שווייצער און שפּאַרט זיך אָן מיט'ן קאָפּ אויף דער לינקער האַנד און טהוט אַ ווינק צום מחבר: פּאַני פּיפּערנאָטער! מען האָט איך געלאָזט בעטען, איהר זאָלט ניט שלאָפען און האָרכען מיט קאָפּ.

— הלואי וואָלט איהר אַזוי געהאָרכט מיט קאָפּ און ווינציגער גערעדט! — ענטפערט איהם טשיידעלי און בראָנזענטאָלער דערצעהלט די געשיכטע פונ'ם גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

קאפיטעל ח.

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, בײַם גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי קומען קומט ער אַרויס, זאָגט ער פון די אמת'ע דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקים פון די ערשטע אַלטע פּוילישע מאַגנאַטען, געבונדען מיט די פּאָטאָצקים, מיט די ליובאָמירסקים און מיט די זאַמאָיסקעס, געשפּיעלט אַמאָל די גרעסטע ראָלע אין דער וועלט, געהאַט אייגענע אימעניעס גרויסע אויף טויזענדער קאָמפּעדראַטנע ווערסטען, מיט וועלדער אַזעלכע, וואָס קיין פוס פון קיין מענשען איז דאָרט נאָך קיין מאָל ניט געווען, מיט די שענסטע פּאַלאַצען, גערטנער, אָראַנזשערייען, מיט די ברענענדיגע פערד, מיט די שענע קאַרעטעס, מיט די גרויסע טײַערסטע הינט, און אַז מען איז בײַ זיי אַרויסגעפאָהרען, זאָגט ער נאַפּאָלאָוואַניע, אָדער נאַ־שפּאַצער, אַ יעגער פון פאָרינט, אַ יעגער פון הינטען, זעקס פערד נאַ־שפּיץ — ערדציטערניש! הײַנט די קעלערס זייערע מיט די בעסטע ווײַנען, מיט די אַלטע בראָנפענס, מיט די גוטע סטאַרקעס, מיט די אמת'ע קאָניאַקען מיט די רעכטע פּוילישע מעדען און געשמאַקע נאַליווקעס, וואָס אַז מען עפענט אויף אַ פלעשיל שפּרינגט אַרויס דער קאָרעק און סע געהט אַוש—אַ רויך...

בשעת מעשה בעוויזט בראָנזגטאָלער מיט דער האַנד, ווי אַזוי

עָרְ שפּרִינגט אַרוּם דער קאַרעק: פּאַץ! ז.ון אַרקאַדי שוויצער רופט זיך אָן:

— ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זינגען? איך בין אייך מוחל די קאַרעטעס מיט די פערד מיט די גרויסע טײַסטע הינט מיט די יעגערם פון פאַריניז און פון הינטען פאַר איין פלעשיל פּוילישען מעד אָדער נאַליווקע פון יענע אַלטע פּוילישע מעדען מיט די נאַליווקעס. צי איהר ווילט דוקא אַ גלעזיל וויין און אֶפשר יומאַראָזוג דערצו?

— עס מעג זיין אַ פראָסט גלעזיל שטאַרקע — מאַכט בראָנזוענטאַלער און דערצעהלט ווייטער:

— היינט געלד, מזומן געלד און באַנקאָווע בילעטען, זאָגט ער, איז געוועזען אַזוי פיעל. אז אויף שניידען קופּאָנעס האָט מען געהאַלטען בעזונדערע מענשען, וואָס זענען געזעסען מיט שערליך פון גאַנץ פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט און מען האָט געשניטען און געשניטען און געשניטען.

בשעת מעשה בעוויזט בראָנזוענטאַלער מיט צוויי פינגער, ווי אַזוי מען האָט געשניטען די קופּאָנעס און אַלע דריי שטעלען זיך פאַר אַ גאַנצען באַרג מיט קופּאָנעס, און אַרקאַדי שוויצער רופט זיך אָן:

— פּונקט ווי ביי מיין עלטער-זיידען פון דער מאַמעס צד; ער איז געווען, זאָגט מען, אַזא גביר און האָט געהאַט אַזוי פיעל בהמות מיט שאָף מיט ציגען, אז ס'איז געווען אונמעגליך, מען זאָל זיי מעלקען, האָט מען אויסגעגראָבען פון זייערטוועגען אַ גרוב און מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אין גרוב אַריין, זיי זאָלען זיך אַליין מעלקען און טאַקי דאָרטען מיט די פּיס אויסשלאָגען פּוטער...

— איך זעה אין אייך — זאָגט צו איהם דער בעל הבית מיט פערדראָס — אז איהר מיינט, מען דערצעהלט אייך פזמונות, מעשיות פון טויזענד איין נאַכט?

— חס וחלילה! — מאַכט אַרקאַדי — וואָס הייסט, איך וועל אַזעלכעס מיינען? וואָס בין איך עפּעס, אַ יונגעל? דערצעהלט, דערצעהלט מיר האַרבען אייך מיט קאָפּ!

— שאַ וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, זענען זיי געווען, הייסט דאָס אונגעהייער רייך און געשפּיעלט די גרויסע ראָלע ביז... ביז'ן פּוילעשען מיאַטעזש, און אז ס'איז געקומען דער פּוילישער מיאַטעזש, האָט מען ביי זיי צוגענומען אַלע זייערע מאַיאָנטקעס מיט'ן טיטול גראַף, געוואָרען

אוים גראַף דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי, נאָר פּשוט—פּאַני דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי.

—פּאַן יוזש נע אַסעסאָר? שרה, נעם צו די פֿיש!—מישט אַרײַן אַרקאַדי א וואָרט, און בראָנזענטאָלער בעט איהם, ער זאָל ניט האָבען קײן טבע פֿון איבערשלאָגען בשעת יענער רעדט.

— שאַ, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ, האָט מען בײַ זײ צוגענומען אַלסדינג און זײ האָבען נעבעך געמוזט אָבטרעטען. גענומען אויף זיך דעם גלות, צעקראָכען געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט, דער אַהער, דער אַהין, און געבליבען זענען זײ נאָר אין דרײַען: ער, הײסט דאָס, און זײַנע צווײ שוועסטער, מײדלעך, וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען בײַ זײערען אײן אַלטען פֿעטער, אויך אַ דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי. און פֿון יענעם פֿעטער האָבען זײ געהערט, אַז ער האָט אַ יונגערן ברודער סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי אין אַמעריקאַ ערגעץ, אין קאַליפֿאָרניע, געהט איהם דאָרטען זעהר גוט און ער רופֿט זײ אַלע אַהין קײַן קאַליפֿאָרניע, נאָר זינט דער דאָזיגער פֿעטער זײערער איז אַוועקגעשטאָרבען, האָבען זײ שוין מעהר פֿון דעם סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי, נישט געהערט און נישט געזעהן און האָבען שוין גאָר פֿאַרגעסען, אַז זײ האָבען אַמאָל געהאַט ערגעץ אַ פֿעטער סטאַניסלאַוו. פּלוצים, מיט עטליכע יאָהר צוריק, קומט זײ אָן אַ ידיעה, אַז אין אַמעריקאַ אין פֿילאַדעלפֿיע אין דער שטאָדט סאַנפֿראַנציסקאָ איז מיט דרײַסיג יאָהר צוריק געשטאָרבען אײנער אַ סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי, און האָט איבערגעלאָזט זעהר אַ גרויס פֿערמעגען אין די בענק מיט אַ צוואָה, אַז דאָס געלד זאָל ליגען פֿינף און צוואַנציג יאָהר און עס זאָל וואַכסען אויף דעם פּראָצענט און אַז עס וועט איבערגעהן די 25 יאָהר, זאָל מען דאָס צעטײלען צווישען זײַנע קרובים איטליכען בעזונדער אַ גלײַכען חלק, און אַזוי ווי פֿון אַלע, דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקים זענען פֿערבליבען נאָר ער, מײַן פֿריץ, הײסט דאָס. מיט זײַנע צווײ שוועסטער, לכן זענען זײ די אײנציגע יורשים אויף'ן גאַנצען פֿערמעגען, וואָס טרעפֿט אָן אַצונד, ווי איך האָב אײך געזאָגט נײַן־און־נײַנציג מיליאָן, דאָס הײסט, פּונקט צו דרײַ און דרײַסיג מיליאָן אויף אַ חלק.

— איך זאָל פֿערמאָגען דאָס פּראָצענט פֿונ'ם געלד, וואָלט איך זײ באַוויזען אין קלוב. ווער עלטער איז — חאַפּט זיך אויף אַרקאַדי.

— לאָס איך פֿערמאָגען חאָטש די הוצאות, וואָס דאַרף קאָסטען

פאהרען ברענגען דאס געלד פון דארטען אהער, וואלט איך שוין געוואוסט וואס צו טהון — זאגט דער מחבר.

— האט קיין פעראיבעל ניט, איהר זענט ביידע נאראנים — זאגט בראנזוענטאלער — איהר ווינשט מיר בעסער, איך זאל דורכפיהרען אט דאס וואס איך וויים, וועט איהר בעסער מאכען.

— אמן, לאז אייך גאט העלפען! — זאגען ביידע שכנים מיט אמאל און דער בעל־הבית דערצעהלט ווייטער:

— שא, וואו זשע האלטען מיר? יא, ביי די נײן־און־נײנציג מיליאן. דערהערט פון איהם אזא מעשה, פארשטעהט איהר דאך, ווי אזוי איך בין אונטערגעשפרונגען און זאג צו איהם, צו מיין פריץ, הייסט דאס: „סטײטש, אדוני פריץ, נײן־און־נײנציג מיליאן, וואס שווייגסט דו"? מאכט ער צו מיר: „ביזט א נאר, דא העלפט ניט קיין שרייען! מען דארף, זאגט ער, פאהרען און נעמען „געלד". „נו. זאג איך. פאהרט מען און מען נעמט געלד!" „אט אזוי גיך. זאגט ער, פאהרט מען און מען נעמט געלד? מען דארף, זאגט ער, נעמען מיט זיך איין אדוואקאט און פאפירען אסך דארף מען ארויסנעמען, דאס קען מען ניט מאכען חאפּעדיג, מען דארף דערצו האבען, זאגט ער, געדולד, און געלד, זאגט ער, געלד, פיעניאנדזע!"... אזוי זאגט ער צו מיר און פּיפּקעט דעם לולקע־ציבעק גאנץ רוהיג. און איך? איך ברען, איך גליה, איך עק מיך! „וואס איז מיט דיר, פאני מאשקע, זאגט ער, וואס ביזט דו אזוי צוקאכט"? „סטײטש זאג איך, אזא מטמון מיט געלד! אזא איין אוצר! א קלײניגקײט נײן־און־נײנציג מיליאן!? פון אונטער דער ערד, זאג איך, וואלט איך אויסגעגראבען געלד אויף הוצאות און וואלט אװעקגעפאהרען נאך די מיליאנען!" אזוי זאג איך צו איהם, און ער יצט זיך גאנץ קאלטבלוטיג, פּיפּקעט דעם לולקע ציבעק, טהוט זיך אפילו ניט א קנייטש, ווי איינער רעדט: „וואס זאל איך טהון? זאל איך מיך מפקיר זיין צוליעב די מיליאנען? דאס לעבען איז טייערער"! בקצור וואס זאל איך אייך דערצעהלען, איך האב מיך גענומען צו מיין פריץ איהם פּיקען אין קאפ אריין אלע טאג, אלע טאג: „פריצ'אני, וואס שווייגסט דו? איך וועל מיך פּרובען, זאג איך, ביי מיינע יודען, טאמער וועל איך קריגען פון דיינעטוועגען די עטליכע קערבליך וואס מען דארף". „מהיכי תיתי, מאכט ער, אז דו ווילסט, פּרוב זיך, אפשר וועסט דו קריגען? איך וויים, זאגט ער, אז מיט יודען קען מען אלסדינג מאכען, ווארום יודען זענען, זאגט ער, א רייך פאלק און א קלוג פאלק און א פערשטאנדיג פאלק. אויף דער

גאנצער וועלט. זאגט ער, איז נישטא נאך אזא פאלק ווי יודען! צווייטענס, זאגט ער, פעלקער זענען פערהאן אויף דער וועלט: פוילען און יודען! די דאזיגע צוויי פעלקער, זאגט ער, מוזען אמאל גובר זיין די גאנצע וועלט, און געוועלטיגען איבער דער גאנצער וועלט! אלע פעלקער, זאגט ער, וועלען אונטערגעהן, אויפפרעסען איינס דאס אנדערע נאר יודען און פוילען די וועלען בלייבען אייביג! „פאליאקי אי איזראעליטי" טאקי מיט דעם דאזיגען לשון, ווי איהר זעהט מיך א יודען?

— וואס טויג מיר זיינע קאמפלימענטען? — מאכט ארקאדי — איהר דערצעהלט בעסער, וואס האט איהר געמאכט מיט די יודען?

— הערסט דו? — זאגט בראנזענטאלער — אט דא הויבט זיך ערשט אן די רעכטע מעשה!

— טאקי באמת? מאכט ארקאדי שווייצער — וואס זשע איז געוועזן ביז אהער?

— א הקדמה — רופט זיך אן דער מחבר.

— אמת, טשיידעלי איז גערעכט, דאס איז געוועזן נישט מעהר ווי א הקדמה; נאר שרעקט זיך ניט, די הקדמה איז גרעסער פונ'ם ספר.

אזוי זאגט בראנזענטאלער דער בעל הבית און דערצעהלט וויטער די געשיכטע מיט די מיליאנען.

קאפיטעל ט.

— שא, וואו זשע האלטען מיר? יא, ביי אונזערע יודעליך. אונזערע יודעליך זענען, ברוך השם, אזא פאלק, וואס קאטארע זיי וועלען אייך קויפען און פארקויפען, האנדלען וואנדלען, דרעה שמיי וואס איהר ווילט, כל השפעקולאציעס שבעולם! דערצעהלט זיי אופ'ן הימעל א יריד — וועלען זיי אוועקווארפען האק און פאק און פליהען גלייך אין הימעל אריין און שפרינגען אין פייער אריין, און קומט לעגט זיי פאר א ריין געשעפט, א כשר'ע ירושה, א מזומנע זאך, וואס אט ליגט דאס, געה הויב עס אויף און נעם דאס צו — ניין, איז ניטא קיינער אין דער היים! וואס איז די מעשה? ס'איז צו גוט, זאגען זיי, צו פיעל געלד, צו א גרויס גליק — און געה מאך מיט זיי! סטייטש, בהמות בצורת אדם, ניין־און־צוואנציג מיליאן! ניין, זאגען זיי, מיר זענען אייך מוחל די מיליאנען, גיט

אונז בעסער א געשעפט פון טויזענדער.. אנדערע מאכען נאך חוזק, דאס גרעסטע געלעכטער, לצ׳עווען אויף וואס די וועלט שטעהט: „וואס הערט זיך מיט אייערע מיליאנען?״ ס׳איז מיר געוועזן, הערט איהר, א בזיון פאר מיין פריץ, וואס האלט אזוי פון יודען, לויבט זיי אין טאג אריין, רעכענט זיי פאר די ערשטע חכמים אין דער וועלט,—צום סוף, נאט אייך, רייניגע בהמות. כשר׳ע קעלבליך, פערד, ווי איך בין א יוד, פערד! תחילת, האבען זיך אפילו יא געפונען א פאר מענשליך, וואס האבען איינגעשטעלט עטליכע קערבליך אויף הוצאות, נאר אז ס׳איז געקומען, מען האט בעדארפט האבען נאך הוצאות, פאפירען, דעפעשען, האבען זיי זיך מישב געוועזן: סטאפ! וואס איז די מעשה? גענוג, זאגען זיי, ס׳איז ביי זיי ניט קיין קוואל, זאגען זיי, א ברונען נעמט זיך אויך אויסעט... געפעלט אייך אביסעל חכמים? זיי וואלטען א בעלן געוועזן אויף מיליאנען און ס׳זאל זיי קיין געלד ניט קאסטען! געבראטענע טייבעלעך אין מויל אריין! אנדערע האבען אבגעשוויגען, און פון אנדערע האבען מיר נאך געהאט בזיונות אויך; זיי האבען געסטראשעט מיט׳ן פראקוראר... וואס דארפט איהר מעהר, אז זיי האבען ארויפגעפיהרט מיין אייגען ווייב, זי זאל ביי מיר נעמען גט.

— וואס? איהר זענט א באוויבטער? מזל טוב אייך! — חאפט זיך אויף ארקאדי.

— געווען א באוויבטער—זאגט בראנזענטא׳ער—היינט שוין ניט. זארגט זיך ניט, מיר האבען זיך גע׳גט. קרובים האבען זיך אריינגעמישט און גלאט גוטע פריינד: „וואס טויג אייך, זאגען זיי, מיליאנען? היט בעסער אב אייער געשעפט, א מזומנער גראשען איז טייערער פון אלע חלומות, און וואס טויג אייך, זאגען זיי, ארומפיהרען זיך מיט׳ן דאזיגען ארון? גאט ווייסט, וואס פאר א נפיש דאס איז? אפשר איז דאס איין ארון בפקרך?״ און נאך כדומה אזעלכע שטעכווערטער זאגען זיי מיר, און מיין ווייב האט צוגעזעצט צו מיר איין מאל פאר אלע מאל: גט און גט. „שטיא! — טענה איך צו איהר—וואס הערסט דו זיי? דיינע גוטע־פריינד זאג איך, זענען דיר מקנא, פארגינען דיר נישט אזא גליק!״ גיעה טענה מיט א יודינע. „פאר דיר, זאגט זי, דאס גליק, בינד מיך אויף און גיב מיר גט!״ וואס טויג אייך, מיר האבען זיך געמוזט גט׳ען און פאר גריזאטע מיט בזיון בין איך אבגעטראטען פון מיין שטאדט און בין אריבערגעפאהרען אהערצוצו קיין יעהופעץ אינאיינעם מיט מיין פריץ, הייסט דאס, זוכען, טאמער וועלען מיר דא געפינען געלד אויף הוצאות,

פארט א גרויסע שטאדט מיט אלערליי געשעפטען מיט מעקלערס א סך, מיט מענשען וואס ווילען, חלשען פארדינען א קערביל, און האב איהם באזעצט, מיין פריץ הייסט דאס, אין א שענעם נומער פון א האטעל, און אליין האב איך מיר אבגעדונגען אט א דעם דאזיגען בוידעם, ווי זאגט איהר, נעהנטער צו גאט, און אלע פריהמארגען נעם איך מיר דאס שטעקעלע און געה מיר ארוים אויף דער בערזע, אין דרויסען הייסט דאס, דארט, וואו אלע יודען דרעהען זיך ארום, און שלים קענטשאפט מיט דער וועלט, און ס'איז א סברה, אז מיר מאכען דא א קאמפאניע, דאס הייסט עטליכע מענשען לעגען זיך צענויף מיט א קאפיטאל פון היבשע עטליכע טויזענד קערבליך אויף חלקים, דאס הייסט וויפיעל איטליכער גיט אזוי פיעל חלקים האט ער אין געשעפט, אויף יעדען הונדערטער נעמט זיך אן צעהן טויזענד, אויף טויזענד—הונדערט טויזענד, אויף צעהן טויזענד — א מיליאן. און ווי פארשטעהט איהר, האט איצטער מיין ווייב חרטה? שיקט אונטער צו מיר אלע מאל א גוטען פריינד, און די גוטע פריינד ווערען צעפיקעט פאר קנאה, ווארום ווי קאנען זיי דאס גאר איבערטראגען, אז זייער קרוב, משה בראנזענטאלער, א יור א חלפן, זאל מיט אמאל אזוי אויפגעריכט ווערען, באקומען דריי מיליאן קארבען?!

— וואס? דריי מיליאן קארבען? — חאפט זיך ארויס ארקאדי שווייצער און שפרינגט אראב פונ'ם בעטיל — וואס הייסט דריי מיליאן קארבען?

— וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען? — מאכט צו איהם בראנזענטאלער און פארדרעהט א פאפיראס און קוקט אראב צו זיך אויף די פיס גאנץ קאלטבלוטיג, גלייך ווי מען רעדט דא פון א דרייער'ל — וואס זענט איהר דא אזוי נתפעל געווארען? איך האב קארג הארעוואניע דערביי?

— אבער דריי מיליאן? — זאגט ארקאדי און צעקעמט די הענד.

— דריי מיליאן. אזוי האבען מיר אבגערעדט! און נישט נאר גערעדט, טאקע צעשריבען זיך אויף פאפיר און געחתמט ביים נאטאריוס, ווארום מען איז דאך ניט מעהר ווי לעבעדיגע מענשען, דער פריץ איז שוין איין אלטער פריץ, אליין בין איך אויך ניט קיין יונגערמאן, איך האב ברידער א סך מיט שוועסטער ארעמע, א מענש איז ניט ביי זיך אין די הענד א קשיא אויף א מעשה נאט לייענט!

און בראנזענטאלער עפענט אויף דאס טישקעסטיל, שלעפט ארויס שוין אביסעל א פארגעלטען בויגען פאפיר, געחתמט מיט א מאדנע פער-

דרעהטע, פערצוקטע, פארפלאנטעטע חתימה מיט שלייַנגלעך, טיט דריי־
דעלעך, מיט בייגעלעך, און מיט ווייַדעלעך, און רופט זיך אן צו ארקאדיען:

— איהר זעהט א חתימה? דאס מאכט: „יאן־קאזימירזש־זיגמונד־
גראף־דאמבע־דעמבא־דעמביצקי"...

און ארקאדי שווייצער שטעהט און קוקט זיך איין אין דער דאזיגער קינצליכער פארדרעהטער חתימה, וואס זעהט אויס אויפ'ן פאפיר, ווי א שלאנג מיט א פויגעל האבען זיך ארומגענומען, איינגעפלאנטעט איינס אינ'ם אנדערען, און אין מיטען א קלעק, און מען ווייסט ניט וואו הויבט זיך אן שלאנג און וואו לאזט זיך אויס פויגעל, און ער בלייבט שטעהן ווי אבהענדיג. אין מיטען חדר מיט'ן ציגאר אין מויל, די הענד צעגומען, די פיס צעשפרייט, די פלייצעס אויפגעהויבען און דאס פנים שטארק אויס־געצויגען און קאן לאנג־לאנג נישט אויסרעדען א ווארט. נאכדעם טהוט ער זיך א פאטש מיט די הענד איבער די ליטקעס און צעלאכט זיך מיט א קוויטש, ווי זיין שטייגער איז, און ציהט אויס:

— דריי מיליאן קארבוינים! חא־חא־חא! אט דאס הייסט א מטבע! דריי מיליאן! ווען איך האב אשטייגער אט די דריי מיליאן! איינציגע? אך טי, רבונו של עולם!!!...

קאפיטעל י.

די דריי מיליאן וואס בראנזענטאלער וועט אמאל בעקומען — האבען אונזער ארקאדיען, ווי מען זאגט, אונטערגעטראגען. ער האט ניט אויפגעהערט ארומצושפאנען, היצען זיך, שיטען מיט ווערטער ווי פון א זאק, און דער האלב־נאקעטער בעל־הבית איז מיט אמאל אויס־געוואכסען, בעקומען חן ביי איהם אין די אויגען, און ער האט זיך אנגעהויבען צולאסטשען זיך, צושארען זיך צו איהם ווי א קעצעלע, אדער ווי א געטרייער הונד, אז ער וויל זיך צוחנפהנען צו זיין בעל־הבית.

ארקאדי שווייצער האט דאס געטהון ניט מחמת ער האט ארויס־געקוקט דערפון עפעס א טובה־פאר זיך. ער האט דאס געטהון נאר צוליעב דעם כח המושך פון געלד, וואס האט איהם תמיד געצויגען צו זיך ווי א מאגנעט, ער האט ליעב געהאט געלד ניט מחמת דעם וואס ער דארף דאס אזוי נויטיג האבען, נאר מחמת דעם וואס ס'איז געלד, מחמת דעם, וואס „געלד איז א גוטע, ליעבע זאך". אונזער ארקאדי האט

געקאָנט אויסשטעהן אויף די פּיס צעהן שעה כסדר אין קלוב אַרום דעם גרויסען קיילעכיגען טיש און בעטראַכטען די שפּיעל, קוקען ווי דאָס רויטע קלינגענדיגע גאָלד שיט זיך אַהין אין עק, אַהין אין אויפהער געהט איבער פון איינעם צום אַנדערן, גיסט זיך ווי וואַסער. אָט ליגט ביי איינעם אַ גאַנץ בערגעלע גאָלד, דאָס גאָלד וואַקסט און וואַקסט, אָט געהט דאָס אַריבער צו יענעם און אָט איז דאָס ווידער געקומען צוריק. אַרקאַדי שטעהט און קוקט, ווי יענער „וואַרפט די קאָרט" און האָטש ער האָט אין דער שפּיעל קיין שום חלק ניט. וואָרום ער איז „נקי" (אויף זיין שפּראַך), „ריין ווי אַ טעלער", נאָר גלאַט דער גלאַנץ פון גאָלד און דאָס קלינגען פון גאָלד און דאָס גאָלד אַליין פאַראינטערעסירט איהם אַזוי וויט, אַז עס קלאַפּט איהם דאָס האַרץ פאַר יענעם, קוועלט אָן אינאיינעם מיט דעם וואָס „נעמט אויס" און העלפט מיט אַ זיפץ יענעם, וואָס האָט איינגע-שטעלט און איז „אַריין ווי קורח".

ס'איז שווער צו זאָגען, וועלכעס שטעהט ביי איהם העכער, צי די שפּיעל צי דאָס געלד? ביידע זאַכען זענען ביי איהם ווי צוזאַמען-געפּראָכטען, איינגעפלאָכטען איינס אין'ם אַנדערן, ליעב, איינגעבאַקען אין האַרצען, טייערער פון אַלסדינג אויף דער וועלט, און נאָר אין די צוויי זאַכען ליגט זיין נשמה, און נאָר אַרום די צוויי זאַכען דרעהען זיך אַלע זיינע מחשבות, וואָס עס זאָל זיך איהם ניט חלומען — חלומען זיך איהם „פּאַסען" (געווינס) אָדער „פּראָוואַלען" (פערלוסט), און נאָר קאָרטען און נאָר גאָלד זעהט ער פאַר די אויגען. אַז ער דערזעהט פאַר זיך געלד, איז די ערשטע מחשבה זיינע: „וויפּיעל קאָן מען מיט דעם מאַכען, ווען גאָט העלפט, עס קומען אָן די רעכטע „פּאַסען", דער דרייצעהנטער, דרייצעהנטער פּאַס!" און ער הויבט אָן רעדען מיט גאָט, נדרען אַ מאמין.

אַרקאַדי שוויצער איז, ווי דאָס רוב קאָרטענשפּילער אַ גרויסער גרויסער מאמין, און נישט נאָר אַ מאמין אַליין, נאָר איין אַבערגלויבער, גלויבט אין גוטע און שלעכטע חלומות געהט נישט אין קלוב אַריין שפּיעלען נישט מאָנטאַג, נישט דעם דרייצעהנטען, קעהרט זיך אום צוריק טאָמער באַגעגענט ער אַ גלח, און אַז עס לויפט איהם איבער די וועג אַ קאַץ ווייסט ער געווים, אַז יענע נאַכט מוז ער „באַנראָבען ווערען"; האָט מורא פאַר אַ גוט אויג ערגער ווי אַ יודינע, טאָמער געווינט ער — זאָגט ער אַז ער האָט פאַרשפּיעלט, און בייט נישט קיין געלד יענעם בשעת שפּיעלען, און וועט אייך ניט לייהען פונ'ם קאָן איהר זאָלט זיך פאַר

איהם אויסציהען! און ־ש ער איז איצט „נישט ביי געלד" שוין פון א ציים און ווייסט נישט פון וואנען קאן ער האבען געלד, דאך גלויבט ער, ווי איין עהרליכער יוד גלויבט אין משיח'ן, אז דער „גאט פון קארטען" קאן נאך מאכען אזוי, אז ארקאדי שווייצער זאל נאך האבען געלד און גרויסע געלד! דער עיקר איז — דער ערשטער כף־הייער מיט די ערשטע עהרליכע שענע פאסען, וועט שוין נאכדעם געהן, אם ירצה השם, ווי א מזמור!

דער ערשטער געדאנק זיינער איז געוועזן נאכדעם, אז ער האט זיך אביסעל בארוהיגט פון די דריי מיליאן: אפשר איז דאס א בעשערטע זאך פון גאט וואס ער האט זיך דא באזעצט מיט דעם דאזיגען בראנזוענטאלער? ווארום וואס האט ער עפעס גראד אנגעטראפען אהערצו און ניט ערגעץ אנדערש? אפשר הויבען זיך אן פון דער מינוט „זיינע זיבען יאהר"? ביי אט אזא מין סומע פון דריי מיליאן — ווי וועט איהם ניט ארויסכאפען האטש עטליכע טויזענדער איך זאג שוין נישט קיין צעהנער הונדערטער טויזענדער! און ארקאדי הויבט אן זיך אונטערשמירען צום בעל הבית שוין גאר מיט איין אנדער נגון:

— זאגט זשע מיר, מיין ליבער ר' משה, — אזוי דאכט זיך רופט מען אייך, הא? — א שטייגער כדומה למשל, ווען איהר טרעפט צו מיר פריהער מיט א קליין שטיקעל צייט בשעת מיר איז ניט היינט געדאכט געוועזן גראם אין קאפ, ענג אין קעשענע און דאס קערבעל איז געוועזן א ממזר, סטייטש נעם איך דאך ארויס די הארטע הונדערטערס בשמחה רבה ואמרו כלם און זאג: זה כפרתי, זה חליפתי, זה הטויזענדער ילך לחיים ארוכים טובים ולשלום, ווארום ארקאדי שווייצער פערשטעהט מיט גאטס הילף איין עסק, דער מוח איז איהם ניט אויסגעטריקענט, עלעהיי ס'איז א קארט און איך שטעל אויף איהר, וואס, אפשר ניט אזוי רב משה?

— געוויס אזוי! — האפט זיך ארויס דער מחבר טשיידעלי פאר'ן בעל הבית און חאפט אבער באלד א מאוסען פסק פון ארקאדיען, ער זאל זיך ניט מישען וואו מען דארף ניט. מערקווירדיג! אויף וויפיעל בראנזענטאלער האט ביי ארקאדיען אין די אויגען געוואונען, אויף אזוי פיעל אדער נאך מעהר האט ביי איהם דער מחבר פערלארען, און ארקאדי האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען און האט איהם אבגעגאסען מיט א גאנצער פאמעניצע:

— סקאצעל קומט, מיין ליבער דייטש, בעל־מחבר פון דער חלירע,

שוטה בן פיקהאלץ, איהר זענט אויך דא? און איך האב געמיינט, אז איהר האלט שוין העט ווייט אין זיסען שלאף און עם חלומן זיך אייך מכשפות מיט ווילדע ציגען, פיפערנאטערס, וכדומה אזעלכע ענינים, וואס איהר באשרייבט זיי דארטען אין אייערע ביכלעך.

דאס קליינע מחבר׳ל האט נעבעך געמוזט ווי א טשערעפאשקעלי אריינציהען אין זיך דער קעפיל און ווערען נאך קלענער ווי ער איז און אבשווייגען דעם דאזיגען גראבען נפש, וואס קאן מאכען יעדען מיט דער בלאטע. „איין עם הארץ בלייבט איין עם הארץ לאז מיינס איבערגעהן״... קלערט ער זיך, און ארקאדי לאשטשעט זיך ווידער צום בעל־הבית ווי אקעצעלי.

— א פנים רב משה, איהר זענט אזא יוד, וואס קאטארי איהר האט פיינט יענעם אנמוטהען, זיך צווזעצען, ווי אנדערע זעצען זיך צו, דאקוטשען יענעם אזוי לאנג, ביז יענער מוז זאגען „באס״! איך אויף זייער ארט וואלט שוין לאנג אנגעשפארט מיט אזא גליקליך געשעפט, ווייסט איהר וואו? א קלייניגקייט א פראצעס פון ניין און נייענציג מיליאן! א ווערטעל אויסצורייידען — ניין־און־נייענציג מיליאן!

— ניין־און־נייענציג־מיליאן — העלפט איהם אונטער דער מחבר און ארקאדי פאלט אן אויף איהם ווידער אמאל און מאכט איהם מיט דער בלאטע:

— דייטש, איהר רעדט אויך פון מיליאנען, אנו שווערט מיר אויף אייערע הייליגע נאמנות, מיין טייער שפיעל־פויגעלע פון דער חבירע, אז איהר האט אמאל אויף אייער לעבען געזעהן מיט אייערע אייגענע אויגען א הונדערטער א גאנצען, וועל איך אייך צאהלען קנס וויפיעל „זיי״ וועלען הייסען!

און ארקאדי ווייזט אן מיט דער האנד אויפ׳ן בעל הבית, אנגעבויגען דאס קעפיל אויף א זייט און צוגעמאכט איין אויגעל.

— מיינט איהר דאך, אז איהר האט געטראפען? — האקט איהם אב דער בעל־הבית — זאג איך אייך, אז איהר האט, איך בעט איבער אייער כבוד, א גרויסען טעות! טשיידעלי האט ווי איהר קוקט איהם אן א סך הונדערטערס! א גאנץ פערמעגען! טשיידעלי, זאלט איהר וויסען, איז א יוד איין עושר, א גביר!

דאס ווארט „גביר״ האט בראנזענטאלער אבגעהאקט ווי מיט א האקמעסער, און דער עפעקט דערפון איז געוועזען אזוי גרויס, אז ארקאדי שווייצער האט זיך מיט אמאל אויסגעגלייכט, ארויסגעכאפט דעם ציגאר

פון די צייהן און געקוקט פונ'ם מחבר אויפ'ן בעל־הבית און פונם בעל־הבית אויפן מחבר און געפינטעלט מיט די אויגען, ווי איינער רעדט: „וואס טהוט זיך עס מיט מיר?"

קאפיטעל יא.

מחמת אונזער מחבר טשיידעלי איז, ווי דער לעזער האט שוין באמערקט, א שטיל מענשיל, וואס האט פיינט, ווי אנדערע באריהמען זיך, דערצעהלען גוזמות, מאכען פון זיך א גאנצען וועזען, דערפאר האט געמוזט רעדען פאר איהם בראנזענטאלער דער בעל־הבית, דערצעהלען פארן דריטען שבן רוב גדלו ורוב עשרו, און טשיידעלי האט נאר אלע מאל אריינגעווארפען א ווארט מן הצד, נישט געקוקט בשעת מעשה אויף קיינעם, נאר אדער אראב צו זיך אויף די שפיץ פיסלעך, אדער ארויף אהיי ערגעץ אין דער הויך, צווישען דער וואנט און צווישען דער סטעלי וואו עס האט זיך באזעצט א שפין, אויסגעבויט א קונציגע קיילעכדיגע דירה, בריה'ש געבליבען הענגען מיט'ן קאפ אראב און מיט די פיס ארויף און ארויסגעקוקט, גאט זאל צושיקען עפעס פרנסה...

— אונזער טשיידעלי — אזוי זאגט בראנזענטאלער און קאטשעט א פאפיראס — איז א מענש וואס קאטארי גאט האט איהם געבענטשט מיט אזא פארמעגען, וואס האט קיין מורא ניט פאר קיין פייער און ניט פאר קיין וואסער, פאר פארלירען אדער פאר אוועקגנבה'נען; איהם קאן קיינער נישט קאנקורירען, איבערשלאגען, צונעהמען; זיין סחורה איז תמיד געלד און זיין געלד איז שטענדיג מיט איהם!

ארקאדי שווייצער קאן זיך ניט איינהאלטען און טהוט א פרעג:

— וואס זשע איז ביי איהם פאר א מין סחורה: דימענטען? בריליאנטען?

— נאך טהייערער פון בריליאנטען! — זאגט בראנזענטאלער און טשיידעלי לאזט אראב די אויגען — ווארום וואס איז דען אייגענטליך בריליאנטען? בריליאנטען איז דאך נישט מעהר ווי שטיינער, א צירונג, א מאדע אזעלכע; לאז דאס ווערען אוים מאדע — מעגט איהר דאך נעהמען אייערע בריליאנטען און ארויסווארפען זיי אויף א ריין ארט. דאס אבער וואס אונזער טשיידעלי פארמאגט איז אזא סחורה, וואס ועט

קיין מאל ניט ארויס פון דער מאדע, און כל זמן די וועלט איז וועלט, וועלען זיך מענשען אהן דעם נישט באגעהן.

— אהא! — מאכט ארקאדי — א יודישע נשמה קאן מען ניט שאצען, ווי מיין באבע עליה השלום, האט אמאל געזאגט. אז זי האט געזוכט א פארפאלענעם זעכסער און אויסגעטרייסעלט איהם ביי מיר אין קעשענע...

און אין הארצען טראכט זיך ארקאדי: „דאכט זיך אזא פימפעריל! גיכער געקרעכט זיך אויף איהם א „מפלה!"... נאר דער בעל הבית שטויסט זיך, וואס ער מיינט, און רעדט וויטער:

— פארשטעהט איהר מיך, אונזער טשיידעלען האט גאט געשענקט א מתנה, וואס ניט איטליכער פארמאגט דאס, דהיינו: אלץ וואס ער זעהט מיט די אויגען...

— נעהמט ער מיט די הענד? — חאפט אונטער שוויצער — פונקט ווי מיין פעטער לייביש; איך האב געהאט א פעטער לייביש האט ער אויך געהאט אזא טבע...

— ווילט איהר הארכען איז גוט; אניט — געהט אייך מיט אייער פעטער לייביש וואהין איך ווייס! — מאכט צו איהם דער בעל הבית. שוויצער בלייבט זיצען ווי א סטאטיק און בראנזענטאלער רעדט וויטער:

— איז אלץ וואס ער זעהט מיט די אויגען בעשרייבט ער מיט די הענד, און הענד האט איהם גאט געגעבען גאלדענע; ער אז ער זעצט זיך אוועק שרייבען קאן ער אייך שרייבען און שרייבען אהן איין אויס־אז און אהן איין אויפהער; סע שרייבט זיך ביי איהם אזוי לאנג ביז עס געהט אויס מאטעריאל, איך מיין טינט און פאפיר.

— ער דארף זיין א ווילדער בעל הוצאה אויף די צוויי מינים? — ווארפט אריין ארקאדי.

— וואס פאר א ווערדע האט דאס אבער קעגען דעם וואס ער ברענגט ארויס דערפון! מיט איין פלעשיל טינט קאן אייך טשיידעלי אנשרייבען א בוך פון טויזענד בלעטלעך.

— :און פאר נויט—זעצט צו ארקאדי—גיסט מען אונטער וואסער, ווי די ווייַנשענקערס טהוען, אז עס קומט צו די אנדערע טעג יום טוב און דער ווין הויבט אן צו טאגען און עס וו.לט זיך ניט ארויסלאזען קיין פדיון...

— טאמער וואלט איהר פארשטעקט דעם צאפען? — מאכט צו איהם בראנזענטאלער און דערצעהלט וויטער: — בקצור, אונזער טשיידעלי איז א גאלדשפינער, ס'איז ביי איהם א קוואל, וואס לאזט זיך

קיין מאָל ניט אויס. זעהט איהר אַן דאָרטען אונטערן בעט אַ קעסטעל? איז דאָס פול ווי איין אויג, אָנגעפּאַקט מיט ספרים שון אָנגעשריבענע, און נאָך וואָסערע ספרים! אַנטיקען שבּאַנטיקען! ער האָט זיי מיר כמעט אַלע איבערגעלייענט. די ספרים וועט מען דרוקט זיי אָב און מען לאָזט זיי אַרויס אויף דער וועלט, פערצוקערט מעט זיי! דער גאַנצער חסרון איז, וואָס ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו דרוקען זיי!

— ניטאָ קיין פאַרעם הייסט עס? — שטעלט אַריין אַרקאַדי שוואַ-צער — ס'איז בּיי אייך הייסט דאָס אַ „געלד-מאַנגעל" ווי דער דייטש זאָגט, פונקט דאָס זעלבּע חולאת וואָס בּיי מיר: „בּייטעל-פּיבּער" רופט מען דאָס בלשון הדאָקטאָריע — וויפיעל בּעדאַרף מען דערויף למשל געלד?

— וואָס איז די נפקא מינה, — זאָגט בּראָנזענטאַלער — אַז ס'איז ניטאָ? און דערצו איז טשיידעלי ווי איהר קוקט איהם אָן. אַ מאָדנע מענ-שיל, גאָר ניששט דאָס וואָס אַנדערע מחברים; אַנדערע מחברים געהען אַרום מאַכען געלד...

— בּעטלען? — חאַפּט זיך אויף דער מחבר — גיבּער שטאַר-בּען! — און די אויגען צינדען זיך אָן בּיי איהם און די בּעקליך ווערען איהם רויט ווי דער רויטער שנאַפּס וואָס ער בּראַנגט אויפ'ן ווייסען פּאַפּי-רענעם קאָלנער. און דער בעל הבית ווייזט אָן אויף איהם מיט דער האַנד ווי אַ געטרייער פאָטער אויף זיין איינגעשפּאַרט קינד.

— אַ גדלן! — מאַכט בּראָנזענטאַלער — אַ גדלן און איין עקשן! וויפיעל איך טענה ניט מיט איהם איז דאָס ווי איין אַרבּעס אין וואַנט. איך טענה מיט איהם: לאָמיר דערווייל אַרויסלאָזען איין בּיבעל, און נאָכדעם וועלען מיר שוין זעהן וואָס מיר האָבען צו טהון. דערויף איז געענוג דערווייל די ערשטע עטליכע הונדערט קערבּלעך.

— סך הכל? — מאַכט אַרקאַדי — וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיעלט אַזאַ קליינע סומע בּיי אַזעלכע קאַפּיטאַליסטען ווי איהר כ'לעבען, ובפרט נאָך אויף אַזאַ גאָלדען געשעפט ווי בּיכער?

— לאַכט איהר דאָך? — זאָגט צו איהם בּראָנזענטאַלער מיט פּערדראָס — וועל איך אייך ווייזען אַז איהר זענט מחילה אַ גרויסע בּהמה און איהר הויבּט ניט אָן צו פערשטעהן פון דאַנען אַהין. איהר האָט נאָר אַ מויל און סע רעדט, און ווייטער איהר זאָלט פאַרשב ן איין עסק, אַרומנעהמען אַ זאַך, דאָס ניט! אָט וועל איך אייך מאַכען אַ פּראָסטען חשבון. זאָגט מיר, וואָס איך וועל אייך פרעגען, פּאַני שוואַ-

צער, אז איהר זענט יא אזא חכם: וויפיעל רעכענט איהר געפינען זיך א שטיינער יודען?

— וואו? דא אין יעהופעץ? — פרעגט ארקאדי — עס ווענדט זיך וואסערע יודען; אויב סוואלעטשעס מיט פארחעס איז קיין עין הרע א סך...

— ניין, ענטפערט איהם בראנזענטאלער, ניט דאס מיין איך! איך מיין אלע יודען ארום און ארום?

— אומעטום — העלפט איהם אונטער טשיידעלי — אויף דער גאנצער וועלט.

אויף דער גאנצער וועלט? — מאכט שווייצער און פארקאטשעט דעם שטערען — מען זאגט קיין עין הרע היבשלעך, אזוי פיעל מכות אלע אנטיסעמיטען אינאיינעם.

— וויפיעל זאלען מיר רעכענען צווישען זיי אזעלכע וואס לייענען ביכער? — פרעגט בראנזענטאלער.

— וואס לייענען ביכער, ווייס איך ניט — מאכט ארקאדי — נאר אזעלכע וואס שפיעלען אין קארטען זענען געווים מעהר; דאס בין איך איין ערב.

— לאז זיין אזוי — לאזט איהם צו דער בעל הבית — וועלען מיר רעכענען אז פון עטליכע מיליאן איז פערהאן נאר צוויי מיליאן יודען וואס לייענען ביכער. פון זיי וועלען מיר אראברעכענען א מיליאן, וואס קאנען נישט אויסגעבען קיין קערבעל אויף א ביכעל, אדער זיי ווילען נישט קויפען קיין ביכער. בלייבט אונז איבער איין מיליאן יודען וואס ווילען יא אמאל לייענען א בוך. היינט לאמיר רעכענען שוין אויף דעם פאל אז צוויי יודען וועלען קויפען פאר איין קערבעל איין ביכעל אויף צו לייענען.

— רעכענט איין ביכעל אויף דרייען — פארריכט איהם דער מחבר אליין.

— איין עק, — זאגט דער בעל־הבית — לאז זיין א ביכעל אויף פיערען, אויף פינף איהרע; וויפיעל זשע האט איהר דעמאלט? ניט קיין צוויי הונדערט טויזענד קארבען?

— פונקט דאס גרויסע געווינס — מאכט ארקאדי. וואס הויבט ערשט איצט אן רעכט צעקייען — אוי וועה, ס'איז דאך עפעס טאקי גאר נישטקשה'דיג פון א געשעפטיל, ווי איך בין א מענש!

— וואס זשע דענן האט איהר געטיינט? — מאכט צו איהם דער

בעל־הבית און דער מחבר ווערט גרעבער ווי לענגער — הײַנט שטעלט אײַך פאָר אַז איך וויל גאָר ניט רײַך ווערן מיט אַ מאָל און איך שטעל אוועק דעם מקח נאָר אַ האַלב קערביל פאַר אַ ביכעל?

— אַ חצי פויגעל איז ביליל הזול, אַ מציאה פאַר אַ גנב — מאַכט אַרקאַדי ווי אַ מענש, וואָס איז אַ מבין אויף די זאַכען.

— דאָס האָט איהר פאַרן ערשטען ביכעל — ציהט דער בעל־הבית דעם חשבון נאָך ווײַטער — הײַנט וואָס וועט איהר זאָגען, מײַן ליעבער הער שווייצער, אַז אַזעלכע ביכער זענען פערהאַן בײַ אונזער טשײַדעלי אַ שטיקלעך דרײַסיג?

אָהאָ! קײַן עין הרע ניט! — מאַכט אַרקאַדי און שפּרינגט אַראָב פונ'ם בעטעל — דאָס שמעקט דאָך שוין גאָר מיט מיליאָנען, ווי איך בין אַ מענש!

— וואָס זשע דענן האָט איהר געמײַנט? — זאָגט בראָנזענטאָדער און טשײַדעלי ווערט צעשטאָלצען פאַר תענוג — לאָמיר נאָר דערטאַפּען די ערשטע עטליכע הונדערטער, אַזוי לאָזען מיר אַרוים תיכף ומיד דאָס ערשטע ביכעל, לײַזען מיר אָפּ אַ מאה אלף, לעגען מיר דאָס אַרײַן טיעף אין קעשענע און נעמען זיך צו די איבעריגע ביכער, אײַנציגווײַז. אַזוי לאַנג, אַזוי ברײַט ביז מיר לאָזען אַרוים אַלע דרײַסיג שטיק, פערשטעהט איהר דאָך שון וואָס פאַר אַ פנים מיר באַקומען דעמאָ'לט אין דער וועלט?! איך בין אײַך שוין מוחל דאָס געלד. איך רעד פונ'ם כבוד, וואָס טשײַדעלי וועט דעמאָלט האָבען, אַז זײַנע ביכעד ווערען פאַרפּלײַצען די גאַנצע וועלט! איהר מענט פון מיר לאַבען. הערט איהר, זאָגען, אַז איך בין איין אַלטער נאַר, — איך בין איהם באמת מקנא, דאָס הײַסט, פאַרגינען פאַרגין איך איהם מיט'ן גאַנצען האַרצען, נאָר מקנא בין איך איהם אודאי זעהר גוט, אַ קלײניגקײַט אַ זאַ כבוד! אַזאַ נאָמען!

בײַ אַרקאַדי שווייצער האָט זיך פאַרדרעהט דער קאָפּ ניט אַזוי נאָך פונ'ם כבוד מיט'ן נאָמען ווי פון די מיליאָנען וואָס שטעהט פאָר טשײַדעלי זאָל דאָ פאַרדינען. און דער מחבר איז מיט אַמאָל אויסגעוואַכסען בײַ איהם אין די אויגען, געוואָרען שענער גאָר אויפן אויסזיכט און גרעסער אויף דער וואוכס. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז טשײַדעלי האָט טאַקי אַ פנים פון אַ... אַ... עפּעס ניט קײַן געוועהנליכען פאַרשוין, עפּעס די האָר מיט די קלײנע הענטליך עפּעס... כ'לעבין ער האָט שוין לאַנג אַרויסגעזעהן, כמעט פון דער ערשטער מינוט, אַז דאָס איז אַ מענשיל ניט ווי אַלע מענשען... און אונזער אַרקאַדי שווייצער האָט זיך

ניט געקאנט איינהאלטען און איז צוגעגאנגען צום מחבר און האט איהם אנגענומען ביי איינע פון זיינע קליינע הענטליך מיט די דינע פינגערלעך און האט איהם אבגעגעבען א שענעם א ברייטען מזל־טוב, איהם געווינ־שעוועט, ער זאל דערלעבען וואס גיכער ארויסלאזען אלע זיינע באריהמטע ביכער, וואס ווערליג ער, ארקאדי שווייצער, זעהט ארויס, בעדארף דארטען שטעקען עפעס א זעלכס, אזעלכס... וואס ער קאן עס מיט קיין ווערטער נישט ארויסגעבען, — און פלוצים האט ער זיך געגעבען א פאטש אין שטערן, א ביסעל פארטראכט זיך און א זאג געטהון:

— שאט, ווייסט איהר גאר וואס? ס'איז דא א פלאן ביי מיר! א טהייערער פלאן! א גאלדענער פלאן! אזא יאהר אויף מיר!

ביידע צוויי, דער בעל־הבית און דער מחבר, האבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען, הארכען וואס פאר אפלאן האט פאר זיי דער נייער שכן? און ארקאדי שווייצער האט זיך געווענדט צו זיי בזה הלשון:

— הערט זשע אוים, מיינע ליעבע יודען, וואס איך וועל אייך זאגען, נאר בעטען וועל איך אייך, אז קיין פאראיבעל זאל ניט זיין און זאלט ניט האבען קיין טבע פון בלאזען זיך, מען איז דאך הײמישע מענשען. מיר אלע דריי זענען ברוך השם, גלייכע נגידים, אחוץ אונזער שאדען אויף אלע אנטיסעמיטען געזאגט געווארען! טאמער וואלט געווען א סברה למשל מיר זאלען שליסען צווישען זיך א מין, א מין געזעלנ־שאפט, א שותפות?

— א שותפות? אויף וואס א שותפות? אופ'ן דלות? נאל־שמאר־עט־קאמפאניע? פרעגען ביידע מיט א מאל דער בעל־הבית מיט'ן מחבר. און ארקאדי פאלט ביי זיך ניט אראב און צעקייט זיי די ווערטער בכדי זיי זאלען פארשטעהן וואס ער מיינט:

— איך מיין דאס גאנץ ערנסט. איך וויל, פארשטעהט איהר מיך, מיר זאלען זיך געבען דא איינס דאס אנדערע דאס הייליגע ווארט, א תקיעת־כף, אזוי ווי קיינער ווייסט ניט ווענעמס מארגען עס איז, צי איך מיט מיינע דרייצעהן פאסען אין קלוב, צי איהר מיט אייער כפול־שמונה'דיגען פריץ דעמבא־דאמבע־דעמביצקי אין אמעריקא, צי זיי, דער מחבר הייסט דאס, מיט זייערע ביכלעך? איז איין מאל פאר אלע מאל: ווער פון אונז עס זאל פריהער ניט אויפגערעכט ווערען בעדארף עס זיין יחדיו. איהר פארשטעהט? מען זאל זיך טהיילען גלייך אויף גלייך, און די הוצאות זאלען געהן גלייך אויף גלייך, און אלסדינג זאל זיין אינאיינעם, יחדיו, איין מאל פאר אלע מאל יחדיו!

בשעת מעשה האט ארקאדי שווייצער אויפגעהויבען די רעכטע האנד אין דער הויך, דעם קאפ אנגעבויגען אויף א זייט און דער בעל־הבית מיט'ן מחבר זענען געזעסען אפאר מינוט פערטומעלט, געקוקט איינס אויף דאס אנדערע און געשוויגען; דער פלאן איז געווען אזוי אומגעריכט און דער טאן אזוי ערנסט, אז בראנזענטאלער איז אויפגעשטאנען דער ערשטער פונ'ם טיש, צוגעגאנגען צום נייעם שכן, אויסגעצויגען איהם די לאנגע דארע האריגע האנד און ארויסגעלאזט הויך אויף א קול: „יחדיו!" און אויף איהם קוקענדיג האט זיך אויך דאס מחבר'ל אראבגעחאפט פונ'ם בעטיל, אויסגעצויגען ביידע שכנים זיין קליין הענטיל און אויסגעקוויטשעט אויף זיין דינער שטימע: „יחדיו!" און אלע דריי שכנים האבען זיך פריינד־ליך געקוקט איינס דאס אנדערע אין די אויגען אריין, עטליכע מאל גוט־גוט געקוועטשט ביי די הענד און איבערגעחזרט נאך עטליכע מאל דאס ליבע זיסע ווארט „יחדיו"! און פלוצים האט זיך דער מחבר א ווארף געטהון צום קעסטיל וואס אונטערן בעט, ארויסגעחאפט פון דארטען א בויגען פאפיער, געבראכט צו טראגען א טינט און פען, אנגעשריבען אין דער בריים פונ'ם בויגען פאפיער מיט גרויסע כתיבתא אותיות

א׳ ב׳ ג׳ ד׳

און א זאג געטהון צו די שכנים מיט א פארפלאמט פנימעל:

— חתמט זיך זייט מוחל, אויפ'ן דאזיגען פאפיער דאס איז אונזער קאנטראקט.

— וואס בעדייטען די דאזיגע אותיות? פרעגען ביי איהם די איבעריגע צוויי שכנים שטארק פערוואונדערט.

— די דאזיגע אותיות—זאגט טשיידעלי—באדייטען: אמת, ברכה, גנבה דלות, דאס הייסט, דער פשט איז אזוי: אז מיר וועלען געהן מיט'ן אמת וועט זיין ברכה, און אז מיר וועלען געהן מיט גנבה, וועלען מיר האבען דלות... פארשטעהט איהר שוין? היינט לעגט זיך זייט מוחל, מיט די חתימות!

דעם מחבר'ס איינפאל איז אזוי געפעלען געווארען, אז דער בעל־הבית האט איהם אונטערגעטראגען א פאפיראס מיט אזא מינע גלייך ווי מען טראגט אונטער א ליעב קינד א צוקער־לעקעכיל אדער א קאנפעקטעל, און ארקאדי האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען און האט איהם דערלאנגט א רעכטען זעץ אין פלייצע.

— בראווא! וואו תורה דארט איז חכמה! אזו פלעגט זאגען דער זיידע מיינער, דער „שומר־בגדים" אליין, בשעת מנשה'קע דער ־פא פלעגט פרייטאג

אין באַד אַ גאָל טהון אַ יודען דעם קאָפּ, אַװעקװאַרפען אין מיטען און געהן צום אַנדערען יודען.

און ס'איז געבליבען אַז דער שותפות זאָל הײסען א' ב' ג' ד' עט קאָמפּאַני...

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהױבען בײַ די נײַע שותפים די צערעמאָניע פון אונטערשרײַבען זיך. פריהער פון אַלע געװעהנליך האָט זיך געחתמט דער בעל־הבית, משה בראָנזענטאָלער, אַנידערגעלעגט אַ פײַנע בעל־הבתישע חתימה מיט אַ פּאָר קװעטשלעך און מיט אַ בעל־הבתיש דרײדיל! נאָך איהם האָט זיך בעדאַרפט אונטערשרײַבען אַרקאַדי שװײצער, האָט ער געזאָגט, אַז כל ימיו האָט ער ליעב זיך חתמנען צום לעצט, לכן זאָל זיך טשײדעלי מוחל זײַן חתמנ'ען פריהער, און אַז דער מחבר אַלײן האָט זיך שוין צעשריבען פײַנטשיק מיט אַ היבש דרײדיל און מיט אַ שענעם ציק, װי עס פּאַסט פאַר אַ שרײַבער, און ס' איז געקומען צו אַרקאַדין. האָט ער גענומען די פעדער צװישען די פינגער װי מען נעהמט אַ פּראָפּעסיהער אויף אַרויסצושלעפּען אַ קאָרק פון אַ פלעשעל און האָט אָנגעדראַפּעט פּאַװאָלינקע אויפ'ן פּאַפּיער עטליכע פּאַסיקלעך מיט אַ צװײ־דרײַ רעדעלעך, און אויסגעלאָזט מיט אַ קלעק; — די דאָזיגע חתימה האָט געקאָנט מאַכען װאָס איהר װילט אין דער װעלט, נאָר ניט „אַרקאַדי שװײצער", און בשעת מעשה האָט אַרקאַדי רעכט געשװיצט און געזאָגט, אַז מחמת ער האָט יונגערװײַז זעהר אַ סך געשריבען, האָט דאָס איהם שטאַרק געשאַדט צו דער ראיה, האָבען איהם די דאָקטוירים אָנגעזאָגט ער זאָל זיך היטען פון אַ פעדער װי אין אויג אַ שטאָך, נאָר הלוואַי, זאָגט ער, װאָלט ער געהאַט דאָס געלד — װאָס ער װאָלט נאָך געקאָנט פון דעסטװעגען אויפ'ן ניכטערן האַרצען אָנשרײַבען מיט הוילע ציפערן אַלײן! —

און די דרײַ שכנים װאָס האָבען געשלאָסען שותפות האָבען זיך שפּעט, מיטן טאָגליך שײַן, אָבגעזעגענט, געװינשעװעט אַ גוטע נאַכט מיט זיסע חלומות, זיך אויסגעטהון און געלעגט שלאָפען, און גאָט װײסט אויב אויף דער גאַנצער װעלט איז געװען נאָך אַזעלכע דרײַ צופרידענע מענשען, װאָס זאָלען שלאָפען אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, און זאָלען זעהן אַזעלכע זיסע גילדענע חלומות, װי עס האָבען געזעהן אין דער דאָזיגער נאַכט, איג'ם דאָזיגען שטאַרק אָנגערויכערטען פינסטער חדר'ל, כמעט אונטערן דאַך, אונזערע דרײַ פּאַרשוינען.

ע נ ד ע

III.

איין אגענט.

אין אגענט

(א טאג בוך אין דריי טהייל).

ערשטער טהייל.

דאנקען און לויבען גאט איך האב היינט א פרנסה אין האנד א לייטישע און בכבוד'ע: איך בין איין אגענט פון יודישע גאזעטען, ביכער און זשורנאלען, מען האט מיר צוגעשיקט פון עטליכע רעדאקציעס א פאק מיט פראספעקטען אונ קוויטאנציעס אויף צו זאמלען אבאנענטען. די פראספעקטען געהען קיין עין הרע זעהר גוט, דער עולם לייענט זיי מיט פארגעניגען. נאר איינער א קאפריזנער אבאנענט האט מיר א שמיץ געטהון אין פנים צוריק דעם פראספעקט. „דולט מיר ניט קיין ספאדעק, איך האב קיין צייט ניט"! נאר אז איך האב איהם א זאג געטהון, אז מען גיט דאס אומזיסט האט ער זיך באלד איבערגעבעטען און א זאג געטהון: „אנו, וויזט נאר אהער וואס שטעהט דארטען?" אויך די קוויטאנציעס געהען ניט שלעכט; איך פארשרייב אלעמענס נעמען און געלד וועט מען מיר געבען נאכדעם, אז ס'וועלען אנקומען די בלעטער. קען מען ניט זיין אזו גראב און מען מוז ווארטען. דערווייל האב איך אויסגעשריבען פון די רעדאקציעס א סך בלעטער און שרייב זיי, אז איך וועל זיי אם ירצה השם שיקען נאך און נאך. דאנקען זיי מיר, די רעדאקציעס הייסט דאס, און הייסען זיך שיקען דערווייל אביסעל געלד. ענטפער איך זיי, אז איך וועל שיקען. וואס דען? איך וועל זיי ניט שיקען?... א פראצענט גיט מען מיר אראפ דווקא א היבשען; נישקשה, מען קען האבען דערפון גאנץ פיין פרנסה. קיין דערפער קאן מען דערפון ניט קויפען, געוויינטליך; נאר א שטיקעל ברויט קאן מען האבען בכבוד. היינט קומט מען זיך צענויף מיט אלערליי מענשען,

די פײַנסטע בעלי-בתּים, מען הערט זיך אָן מיט נײַעס. מען ווייסט וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, און מען איז אַלײן אויך פאַררעכענט פאַר אַ שטיקעל מענשען. דאַנקען גאָט, איך האָב צום רבונו של עולם קײן טענות ניט.

צווייטער טהייל.

אײן אומגליק מיט די רעדאַקציעס! דעם שיקען זײ און דעם ניט, דעם קומט אָן צווײ נומערן מיט אַ מאָל, און דעם קײן האַלב אפילו ניט „מיט וואָס בין איך ערגער פון יענעם. איך בין דאַכט מיר אַזאַ טאַטענס אַ קינד ווי יענער"! אַזוי טענ'הט נעבעך דער אַבאָנענט און איז גערעכט, לעג איך איהם אָפּ אויף מאָרגען, מאָרגען אויף איבערמאָרגען, גאָט האָט געהאָלפען, ס'איז איהם אָנגעקומען דאָס בלאַט! אַ נײַער אומגליק. וואָס איז? עס פעהלט איהם נומערן, געה שרײַב אין דער רעדאַקציע אַז עס פעהלט אַ נומער 7! געהט אַוועק צווײ וואָכען און שרײַב, שרײַב און שרײַב, קוים מיט צרות קומט אָן נומ' 13. „סטײַטש, צו וואָס טויג מיר צווײ מאָל 13?" שרײַב איך ווידער אַ מאָל אין דער רעדאַקציע, אײן מאָל און צווײ מאָל און דרײַ מאָל, קומט איהם אָן ווידער אַ [illegible] נומ' 13. וואָס האָבען זײ זיך אָנגעטשעפּעט מיט נומ' 13? שרײַב איך ווידער אַוועק אין דער רעדאַקציע: 7 ניט 13. ענטפערט מען מיר פון דער רעדאַקציע: געלד! הויב איך אָן געהן אײַנקאַסירען געלד. „שוין? איהר האָט קײן צײַט ניט? לאָמיר פריהער זעהן וואָס איז דאָס פאַר אַ בלאַט!" אַזוי זאָגט אײנער. דער אַנדערער האָט אַ טענה: למאי איז דאָס אַזוי שיטער; ווינציג פעליעטאָן! און דער דריטער טענה'ט פאַרקעהרט: צופיעל פעליעטאָנענדיג. וואָס טויג מיר פעליעטאָן? שרײַבט אַוועק מען זאָל געבען מעהר פּאָליטיקע. גוט, נו, און געלד? „זײַט ניט קײן אײַנגעגעסענער יוד, געהט אײַך געזונטערהײַד!..." הײַנט צרות פון די אַדרעסען. איך שרײַב זײ בפירוש מען זאָל אַרויסשיקען דאָס בלאַט, מאירו פּינחוסאָוויטשו פלײַשבערגו; געהען זײ און שיקען פונקט קאַפּויר, פלײַשאָו מאיראָוויטשאָו פּינחסבערגו. אַ מין איבערקערעניש! דעם אַנדערען אַבאָנענט מײַנעם האָבען זײ איבערגעדרעהט פון „ברוך שינדלער" אויף „קורח שווינדלער. נאָך אײנער אײן אַבאָנענט האָט זיך גאָר געיאָגט נאָך מיר מיט אַ שטעקען, מיר געוואָלט ברעכען די בײנער און איז גערעכט.

שטעלט איך פאר, ער הײסט זײדעל בעזסאנאװ. געהען זײ ניט אונ מאכען איהם ניט איבער אויף „װײדיל בעזנאסאװ״? שרײב איך זײ, ענט-פערען זײ ניט. קלאפ איך זײ א דעפעש ענטפערען זײ ניט. שרײב איך זײ „אטװעט אופלאטשען״, ענטפערען זײ, „װיסילאיטי דיענגי״. לויף איך נאך געלד, ענטפערט מען מיר: „איהר װעט ארײנקומען אײן אנדערש מאל; איהר זעהט דאך מען איז פארנומען!״. איז נאך נישקשה; אײן אנדערער זאגט: „נעמט איך צו צוריק די בלעטער, איך דארף זײ אויף כפרות, ס'איז אזוי אויך ענג אין שטוב. געהט איך מיט אײערע לידלעך ציגעלי מיגעלי! הקצור ס'איז נישט גוט.

דריטער טהײל.

פארשאלטען זאל װערען דער טאג װאס איך בין געבארען געװארען! צו װאס האט מיר גענוצט די דאזיגע באמבע? נא דיר גאר גאזעטען! מען דארף האבען א קאפ פון א מיניסטער: דער איז א פערטעליעהריגער אבאנענט אויף אײן גאזעט אהן דער פרעמיע, און יענער איז א האלב יעהריגער אבאנענט מיט דער פרעמיע. בײ דעם האב איך גיט דערנומען פון יענעם קװארטעל, און בײ יענעם האב איך אריבערגענומען אויף דעם קװארטעל, אונ מיט די רעדאקציעס געה האב א חוץ חשבונות. איך שרײב מען זאל מיר ארויסשיקען א חשבון, ענטפערען זײ מיר: געלד! װאו זאל איך זײ נעמען געלד, אז די גאנצע װעלט איז מיר שולדיג געלד אונ איך בין דער גאנצער װעלט שולדיג געלד. איך מאהן געלד, מיך מאהנט מען געלד, ס'איז אײן עסק מיט געלד! נאך אײן האלב יאהר איז אדער מען זעצט מיך אײן, אדער איך געה אראפ פונ'ם זינען, אונ װעל כלם די פרעמיע! אט די פרעמיע פיהל איך װעט מיך ארײנטרײבען אין דער ערד ארײן! גאט האט מיר צוגעשיקט אײן אבאנענט, איז ער אױנגערמאן א יארישלעװער. תחילת האט ער גאר ניט געװאוסט װאס איז דאס פאר א מין אט די דאזיגע פרעמיע, מיט װאס עסט מען דאס, אונ אז איך האב איהם קלאהר געמאכט װאס בעדײט פרעמיע, אז די פרעמיע אלײן װען מען װיל זי קויפען קאן מען זי ניט קריגען פאר כל הון דעלמא, נאר אינאײנעם מיט'ן בלאט קאסט זי א דריט חלק, װיפיעל זי װאלט בעדארפט קאסטען. אזוי אז ער געװינט דא ערשטענס צװײ חלקים פרעמיע אונ האט נאך דערצו אומזיסט אזוי פיעל בלעטער, האט ער דאס ערשט

דעמאָלט רעכט צעקייעט און האָט מיר בעצאָהלט דאָס געלד און האָט מיר אָנגעזאָגט אַ מאָל זיבעציג: „געדענקט זשע, פעטער, אַז איך שרייב אויס דאָס בלאַט צוליעב דער פּרעמיע, נאָר צוליב דער פּרעמיע“! אויף מאָרגען גאַנץ פריה, איך בין נאָך געלעגען אין בעט, הער איך עמיצער קלאַפּט. לויף איך אַראָפּ אַ באָרוועסער: „ווער איז?“ ס'איז איך! „ווער איז דער איך?“ „מכח דער פּרעמיע! מכח וואָסער פּרעמיע?“ — איך האָב דאָך אויסגעשריבען ביי אייך דאָס בלאַט מיט דער פּרעמיע! איהר האָט שוין פאַרגעסען? — „וואָס זשע ווילט איהר?“ איך בין געקומען געוואָהר ווערען, זאָגט ער, וואָס הערט זיך מיט דער פּרעמיע? „אַזוי גיך? זאָג איך, האָט צייט אַ פּאָר טאָג!“... אין אַ פּאָר טאָג אַרום — מיין חברה מאַן איז דאָ. „רב יוד, מאַכט ער צו מיר, וואָס הערט זיך מיט דער פּרעמיע?“ — איהר האָט נאָך ניט, זאָג איך, דאָס בלאַט, ווילט איהר שוין די פּרעמיע? „אַ שענער קל וחומר, מאַכט ער! איך וויל גאָר ניט וויסען קיין מעשיות. איהר האָט מיר בפירוש געזאָגט פּרעמיע, וואו איז מיין פּרעמיע? האָב איך מיך קוים אָפּגעבעטען ביי איהם אויף דריי וואָכען. מאָלט אייך די דריי וואָכען האָבען געדויערט דריי מאָל דריי וואָכען — און קיין פּרעמיע איז אַלץ ניטאָ. און דער יונגערמאַן פון דער ציג געהט צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פריה און אויף דער נאַכט, שינדט פון מיר די הויט און דערגעהט מיר די יאָהר. ער דויכערט אויס וואו איך האָב אַ פּאַפּיראָס, ס'איז איהם גוט, זאָגט ער, צום הוסט. ער האָט זיך מיר אַזוי צוגעגעסען אַז איך האָב איהם נעכטען אַ שמיץ געטהון דאָס געלד אין פּנים אַריין — אויס פּרעמיע! האָב איך געמיינט איין עק, איך בין פּטור געוואָרען? צום סוף ווער? וואָס? ער וויל ניט נעמען צוריק דאָס געלד בשום אופן. ער האָט מיר געגעבען דאָס עהרען וואָרט, אַז מעהר דאַקוטשעט ער מיר ניט און מעהר רעדט ער ניט מיט מיר פון קיין פּרעמיע. „איז דאָס אָנגעמאַכט“? — אָפּגעמאַכט! „הייליג?“ הייליג! . . . .

שאַט! עמיצער דראַפּעט זיך צו מיר אויף די טרעפּ. ניין און נייַנציג טרעפּ. ווער קאָן דאָס זיין אַזוי פריה? אוי וועה איך האָב מורא ס'איז דער יונגערמאַן פון דער פּרעמיע. יאָ. ס'איז ער, ס'איז ער. איך האָב דערקענט זיין סאָפּען. קוים וואָס ער חאַפּט דעם אָטהעם. ס'איז ער! איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען! אידען, איך לויף מיך טרינקען! . . .

ענדע

IV.

דאס נייע

כתרילעווקע.

דאס נײַע כתרילעווקע

(בעשרייבונגען).

הקדמה.

אין דער לעצטער צייט האבען אנגעהויבען ארויסגעהן אויף דער וועלט אלערליי בעשרייבונגען פון שטעדט אונ פון לענדער, וכדומה אזעלכע ניצליכע ביכער. האב איך מיך מישב געוועזן אזוי: אומעטום טאנצען מיר זיי נאך: ביי זיי זענען פאראן גאזעטען — ביי אונז זענען פאראן גאזעטען; ביי זיי איז פאראן „נאווי־גאד" — ביי אונז איז פאראן „נאווי־גאד"; ביי זיי איז פאראן „יאלקעס", — ביי אונז איז פאראן „יאלקעס"... ביי זיי איז פאראן א בוך „גאנץ מאסקווע", „גאנץ פעטער־בורג", „גאנץ בערלין", „גאנץ פאריז", — פאר וואס זאל ניט זיין קיין בוך „גאנץ כתרילעווקע"?

ואני — אונ איך, שלום עליכם, וואס איך בין אליין א דארטיגער פון געבוירען אונ בין ניט לאנג געוועזן דארטען צו גאסט אויף קבר אבות, האב איך מיך מישב געוועזן, מיט וואס קאן איך אפדאנקען מיינע כתרילעווקער ברידער און שוועסטער פאר זייער גאסטפריינדליכקייט, ווען ניט מיט דעם וואס איך וועל זיי מאכען א שטיקעל נאמען אויף דער וועלט? דערביי האב איך אין זינען געהאט, געוועהנטליך, מעהר טובת הכלל ווי מיין אייגענע טובה: לאזען פרעמדע מענ'שען וויסען, אז זיי וועלען קומען קיין כתרילעווקע, וואו מען דארף זיך אפשטעלען, ווי אזוי מען דארף פאהרען, וואו מען זאל עסען א גוטען מיטאג, פארטרינקען מיט א גלעזעל וויין, זיך דורכגעהן אביסעל אמוזירען אין טעאטער וכדומה אזעלכע פערגעניגענס, וואס זענען דארטען פאראן לרוב, דען ס'איז שוין ניט דאס כתרילעווקע וואס אמאל. דער גרויסער וועלט־פראגרעס האט זיך אהין אריינגעכאפט און האט איבערגעקעהרט די שטאדט מיט'ן

קאָפּ אַראָפּ מיט די פּיס אַרויף. און דערפאַר האָב איך עס אַ נאָמען געגעבּער: „דאָס נייע כתרילעווקע“.

1

כתרילעווקער טראַמוואַי.

אָנגעקומען בין איך קיין כתרילעווקע מיט דער באַהן — עס געהט שוין דאַנקען גאָט אַהין אַ באַהן! — אָסיען־צייט אין דער פריה פאַר'ן דאַווענען. אין דרויסען האָט געמראַקעט אַ קליין רעגענדיל און ס'האָט זיך געבילדעט פון דעם אַ גרויס שיטער בלאָטקעלי. אויפ'ן וואָקזאַל האָבען זיך אַ לאָז געטהון אַקעגען מיר אַ גאַנצע קאָמאַנדע הויז משרתים מיט געלע בערד, מיט געלע קאַפּאָטעס און מיט געלע בלעכליך אויף די געלע אָבגעבאַרעטע קאַשקעטליך.

— פּעטער! גראַנד אָטעל!

— אָטעל פראַנציאַ, פּעטער!

— פּעטער! איטאַליאַ!

— פּעטער! פּאָרטוגאַליע!

— פּעטער! טערקאַליאַ!...

דורכגעלאָפען מיט גאָט'ס הילף דורך דער דאָזיגער קאָמאַנדע הויז־משרתים בשלום, האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט צווישען איין אַנדער חברה, חברה בעלי עגלות מיט גרויסע שטיוועל און מיט לאַנגע בייטשען. די דאָזיגע חברה לייט האָבען מיך ממש שיער ניט צוריסען אויף שטיקלעך. איינער אַ יונגאַטש מיט ביינער, האָט ביי מיר בעל כרחו אויסגעריסען מיין טשעמאָדאַנטשיק, האָב איך געמאַכט זעהר אַ גרויסען גוואַלד: „מיינע כתבים!“ מיינע „פּאַפּירען!“ האָבען זיך צוויי אַנדערע בעלי־עגלות אָנגענומען מיין קריוודע, מיך געוואָלט נעמען צו זיך, און ס'איז געוואָרען צווישען זיי אַ געשלעג. בתוך כך האָב איך געכאַפּט מיין טשעמאָדאַנטשיק, אויסגעגליטשט זיך פון זייערע הענד און האָב זיך געלאָזט גלייך צום טראַמוואַי.

— אַהער, ברידערליך, אַהער! אַ פּיאַטאַקעל אַ פאָהר! אַ פּיטאַקעל אַ איד! פון דאַנען ביז'ן עק בעלעפּיליר גאַס סך הכל איין פּיטאַקעל! 5 קאָפּיקעס אַ איד!

דאָס שרייט דער קאָנדאָקטאָר אַליין, אַ יונגער־מאַנטשיק מיט אַ געל בערדיל, אויף אַ האָרחעלדיגער שטימע, מיט אַ

רײַזע־טאַש אויפ'ן האַלז און מיט אַ קנעפּיל אויפ'ן קאַשקעטיל. נעבן איהם שטעהט נאָך איינער, אַ איד מיט אַ צוריסענע קאַפּאָטע און מיט אַ בײַטש, דער קוטשער פון'ם טראַמוואַי. בײדע ווײַזען מיר מיט די הענד אויף אַ מין בײדיל, וואָס שטעהט אָנגעבויגען אַביסעל אויף אַ זייט, מיט אויסגעזעצטע שויבען, וואָס מען רופט דאָס „וואַגאָן", בײַ אַ לאַנגען דישעל שטעהט צו־געשפּאַנט אַ ווײַס אויסגעדאַרט פערדיל, האַלט אַרויבגעלאָזט די מאָרדע און דרעמעלט.

— פּאַוואָלי נאַר — זאָגט צו מיר דער קאָנדאָקטאָר — איהר זאָלט זיך ניט פערטשעפּען דאָרט; עס פעהלט אַ ברעטיל אין דער פּאָדלאָגע.. מען רעמאָנטירט דעם טראַמוואַי...

איך זעץ מיך אַרײַן פּאַמעליך אין וואַגאָן, לעג אַנידער נעבען זיך דעם טשעמאָדאַנטשיק און וואַרט. ס'איז קיהלבליך; איך קלאַפּ אַ פוס אָן אַ פוס.

— קאָנדאָקטאָר! — זאָג איך צום יונגען מאַן — מיר וועלען אַ מאָל פאָהרען, צי ניין?

— אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף! ענטפערט מיר דער קאָנדאָקטאָר.

— גיב נאָר אַהער אַביסעל טוטין, דו יוסיל! — מאַכט צו איהם דער קוטשער, וואָס מיט דער בײַטש און מיט דער צוריסענער קאַפּאָטע.

— איהר זענט ניט קראַנק צו רויכערען קאָרענצים, רב כתריאל! האַקט איהם אָפּ יוסיל דער קאָנדאָקטאָר — פון גוטען טוטין קען אייך חלילה וועה טהון דער קאָפּ!

— מאַך ניט קיין אָנשטעלען, דו סמאַרק איינער, און גיב אַהער אַ ציגאַר טוטין — זאָגט צו איהם כתריאל דער קוטשער

און דער קאָנדאָקטאָר מיט'ן קוטשער בערדרעהען צו פּאַפּיראָסען.

— ווען וועלען מיר פאָהרען? — פרעג איך ווידער בײַם קאָנדאָקטאָר.

— הײַנט — ענטפערט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיג און גיט דעם קוטשער פעררייכערען.

איך וואַרט און וואַרט, ביז עס הויבען זיך אָן בּיסלעכווײַז צונויפ־קלויבען זיך פּאַסאַזשירען. פריהער קריכט אַרײַן אַ איד מיט אַ צוריסענעם טולופּיל פון אַ מין רויכוואַרג, וואָס איז שווער צו טרעפען, וואָס פאַר אַ חיה האָט געטראָגען די דאָזיגע פעל! זאָל איך זאָגען אַ פוקס — איז דאָס

צו ווייס: זאָל איך זאָגען אַ קאַץ — איז דאָס צו רויט. נאָך דעם אידען מיט דעם צוריסענעם טולופּיל קריכט אַריין נאָך אַ איד אָהן אַ טולופּ, אַ געפרוירענער נעבּיך, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, זיפצט אונ זוכט איין אָרט און זעצט זיך אַנידער בּיי דער טהיר אין אַ ווינקעלע... נאָך דעם געפרוירענעם אידען קריכט אַריין אַ קאַשעק מיט עפּעל אונ תיכף נאָך'ן קאַשעק אַ אידענע, איינגעוויקעלט אין דריי שאַלען, אונ אַלע דריי זענען צופלאַכטען אין מען זעהט אז ס'איז איהר נעבעך קאַלט...

— פיאָויט! רב כתריאל! פאַשאָל! — רופט זיך אָן יוסיל דער קאָנדראָקטאָר צו כתריאל דעם קוטשער, טהוט אַ פייף און דער טראַמוואַי ריהרט פונם אָרט. ער געהט אָפּ עטליכע טריט, און שטעלט זיך בּאַלד אַנידער. עס עפענט זיך איף דאָס טהירעל פונ'ם וואַגאָן אונ עס בּעווייזט זיך אַ קאָפּ.

— נישט פאַראַן דאָ משה?

— וואָסער משה? פרעגט יוסעל קאָנדראָקטאָר.

— אַ בחור מיט אַ קאַשקעט! — ענטפערט דער קאָפּ.

— ער דיענט אין אַ זאַליאַזנע קראָם? — פרעגט איהם יוסיל.

— אין אַ זאַליאַזנע קראָם — ענטפערט די קאָפּ.

— איך קען איהם — מאַכט יוסיל קאָנדראָקטאָר, טהוט אַ פייף צום קוטשער! „פיויט! רב כתריאל: פּאַשאָל!"

און מיר פאָהרען ווייטער.

— אַ בּילעט! — רופט זיך אָן צו מיר דער קאָנדראָקטאָר—איהר זענט מיר עפּעס ניט קענטליך, אַ פּנים ניט קיין היגער?.... איהר רעבּענט דאָ שטעהן לאַנג? קען איך אייך פערפיהרען אין אַ סטאַנציע, דווקא ניט קיין האָטעל, נאָר אַ ריינע, אָהן וואַנצען... און עסען ווער איך אייך אָנווייזען איין ערטיל, וואו עס וועט אייך קאָסטען וואָלוועל און איהר וועט האָבּען הנאה... איך דאַנק איהם זעהר אונ זאָג איהם אז איך האָב דאָ בּעקאַנטע; פרעגט ער: ווער זענען זיי, וואָס זיינען זיי אונ וואָס איז זייער טהועכץ?... איך טראַכט איהם אויס אַ נאָמען פון דער הגדה אונ טשעפּע מיך אָפּ פון איהם... ער לאָזט מיך צורוה און געהט צו צום אידען מיט'ן טולופּיל אונ הייסט איהם נעמען אַ בּילעט, דער איד מיט'ן טולופּיל קנייטשט מיט די פּלייצעס:

— וויים איך! איך האָב דען אַ גראָשען אפילו בּיי דער נשמה?..

— שוין דאָס דריטע מאָל הײַנטיגע וואָך אַז איהר פאָהרט אָהן אַ בילעט, — זאָגט צו איהם יוסיל קאָנדראָקטאָר מיט פערדראָס.

— נו בכן, זאָל איך געהן צו פוס? צי זאָל איך געהן ערגעץ גנב׳ענען פון דײַנעטוועגען? ענטפערט איהם דער איד מיט׳ן טולופיל אויך מיט פערדראָס.

יוסיל קאָנדראָקטאָר טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד און געהט אַוועק פון איהם צו יענעם געפרוירענעם אידען, וואָס אָהן אַ טולופ. יענ׳ער מאַכט זיך ווי ער דרעמעלט.

— הערט נאָר, זײַט זשע מוחל, אַ בילעט!

דער איד מאַכט זיך ווי ער הערט ניט, דער קאָנדראָקטאָר איז איהם מכבד מיט אַ שנאָל אין נאָז אַרײַן.

— רב איד! זײַט זשע מוחל, אַ בילעט.

דער איד האָט זיך בלומרשט אויפגעכאַפט פונ׳ם שלאָף און רײַבט אַ האַנד אין אַ האַנד.

— אַ בילעט! מאַכט צו איהם נאָך אַמאָל יוסיל קאָנדראָקטאָר.

— שמעתי! — ענטפערט איהם דער איד און האוקעט זיך אין די קולעקעס אַרײַן.

— וואָס טויג מיר אײַער שמעתי? — זאָגט צו איהם יוסיל קאָנדראָקטאָר מיט׳ן האַרבען וואָרט — נעהמט אַרויס זײַט מוחל אַ פיטאַקעל און נאָט אײַך אַ בילעט.

— שאַ־שאַ! מאַכט צו איהם דער געפרוירענער. — וואָס איז עפּעס מיט אַזאַ ירגזון? קוק איהם אָן, אַ גאַנצער יחכן!

— מאַכט ניט קײַן אָנשטעלען — זאָגט צו איהם יוסיל קאָנדראָקטאָר — און ניט אַהער דאָס פיטאַקעל!

— עט נו! — מאַכט צו איהם דער געפרוירענער — מיר ווּעסט דו מאָלט אײַך עפּעס אָבלאָזען פון אַ פיטאַקיל.

— מײַנע צרות וועל איך אײַך אָבלאָזען! — זאָגט יוסיל קאָנדראָקטאָר.

— האַלט זיך מיט זײַ געזונטערהייד! — ענטפערט איהם דער געפרוירענער — איך האָב גענוג אייגענע צרות.

— וועל איך אײַך בעטען מחילה, איהר זאָלט זיך מטריח זײַן אַראָב פונם וואַגאָן! (צום קוטשער:) רב כתריאל, סטאָפּ!

כתריאל דער קוטשער שטעלט אָפּ דעם טראַמוואַי און איז זיך ממש מחיה, און דאָס פערדיל אַוודאי.

— זייט זשע מוחל מיט דער רעכטער פוס! זאָגט יוסיל קאָנדראָקטאָר צום געפּרווירענעם. דער געפּרווירענער זיצט, טאַנצט מיט די פיס און רייבט זיך די הענד און ריהרט זיך ניט פונם אָרט.

— איהר וואַרט אויף כבוד! — מאַכט צו איהם יוסיל קאָנדראָקטאָר — איהר ווילט איך זאָל אייך נעמען פאַר'ן קאָלנער און אַרויסוואַרפען אויף דריי שפּענדליך? לאָז קומען וועלוועל דער „קאָנטראָליר“, ער איז ביי אונזער קאַסירער אויף אַ ברית, וועט איהר האָבען אייער פּסק. רב כתריאל! פּאַשאָל! — מאַכט ער צום קוטשער און דער טראַמוואַי פאָהרט ווייטער.

— נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט! — רופט זיך אָן פלוצים די אידענע פון די עפּעל. — מיט וואָס איז דער יוד ערגער פון יענעם יודען, וואָס יענער מעג פאָהרען אָהן אַ בילעט און דער טאָר ניט? באשר יענער טראָגט אַ טולופּעל און דער געהט נאַקעט! ער וועט דיר אָבנוצען אַ שטיקעל בענקיל וועט ער דיר? זיי דו מיינסט מעוועט דיר שטעלען אַ גאָלדענע מצבה וועט מען דיר?

— ווער בעט אייך איהר זאָלט זיך אַרויסשטעלען פאַר זאַמליך־יושר'טע? — רופט זיך אָן צו איהר יוסיל קאָנדראָקטאָר — וואָס גלייכט איהר זיי צו יענעם? יענעם יודען קאָן איך! ער איז אַטאַטענס אַ קינד! געבאַך אַגעפאַלענעם; און זיי (ער ווייזט אויפ'ן געפּרווירענעם) איך וויים ווער זיי זענען! עפּעס אַנ'אָרעמאַן אַשלעפּער!

— נו און אַז אַ אָרעמאַן איז וואָס? — ייטעלט זיך אויף די יודענע פון די עפּעל—בעדאַרף מען איהם וואַרפען? וואָס איז פאַר אַ וואַרפען וואָס? זעה נאַר וואָס ער האָט דאָ הוטא־בעגל געוועזן! דאָס פערדיל נעהט דאָך במילא אין שטאָדט אַריין, וועט זיצען נאָך אַיוד, עלעה לאָז זיך דיר דאַכטען אַז דו האָסט שוין צוגענומען נאָך אַ פּיטאַקעל, נו? וועסט דו זיי שוין פּעט מאַכען דערמיט די יויך וועסט דו?

— אַז מען פרעגט אָבער ביי אייך קיין עצות ניט! — מאַכט צו איהר יוסיל קאָנדראָקטאָר—זיהר גיט בעסער אַהער אייערם אַ פּיטאַקיל און נאַט אייך אַבילעט!

— אוי! זידען!—חאַפּט זיך אויף די אידינע, אַ פּאַטש איבער די קליידלאַך: — איך האָב אָבער געוואוסט, אַז ער וועט זיך טשעפּען צו מיר אויך! איך זאָל אזוי האָבען אלדעם גוטס ווי איך האָב געוואוסט!

— וואס זשע דען האט איהר געמײנט? — זאגט יוסיל קאנדאק־טאר — איך וועל אייך פיהרען אומזיסט?

— וואס הײסט דו וועסט מיך פיהרען — מאכט די אידענע — דער וואגען פיהרט מיך, ניט דו פיהרסט מיך! ער האט זיך אנגעהאנגען א מעשען קנעפעל אונ קאמאנדעוועט! איך געדענק דאך נאך אז דו ביסט געוועזן א בעהעלפער בײַ לײזער העריש דרדקי. ביזט דו געוועזען, געטראגען די קינדער אויף די פלײצעס אין חדר אריין מיט א טעפעלע אנבײַסען, הײַנט וואס דערצעהלסט דו מעשיות בילעט — שמילעט?

— וואס זאגט איהר צו מײַנע גליקען? — מאכט צו מיר יוסיל אונ זעצט זיך צו צו מיר — אט אזוי ווי איהר זעהט זענען זײַ דא אלע אזעלכע פארשונען. ווער עס האט געלד און קאן צאהלען דער געהט צו פוס, אונ ווער עס האט ניט און קאן ניט צאהלען דער פאהרט מיט׳ן טראמוואי — אונ געה לעב, האלט אוים אנ׳אלטע מאמע מיט א שוועסטער אנ׳אלמנה... איהר זעהט א פאר שטיוועל? (ער ווײַזט מיר די שטיוועל) זײַ בעטען עסען...

פלוצים הערט זיך א טראסק, א קלאפ פון צוויי דישלעס, א חראפען און א סאפען פון צוויי פערד. דאס האבען זיך באגעגענט צוויי וואגאנעס אויף איין ליניע, דער אהער, דער אהין. אונ עס הערען זיך קללות:

— א חלירע! א מיתה משונה, סע זאל ארוח אין דײַן ט... ט... ט... אריין ביז אדם הראשון געפלויגען געווארען!...

— ווער דערווארגען מיט׳ן דישעל אונ לאז זיך דיר שטעלען דאס מויל אויף א זײַט. ארוח אין דײַן ט... ט... דו ביזט בילכער!

— וואו זענען דײַנע אויגען, דו ממזר? זעהסט, אז איך פאהר רעכטס נעמט מען זיך לינקס!

— וואו שטעהט דאס געשריבען, דו פארך אײנער, אז דו בעדארפסט פאהרען רעכטס אונ איך לינקס? טאמער איז גאר איבער־געקעהרט דעם פעלץ אויף דער אנדערע זײַט; איך רעכטס אונ דו לינקס?

— בהמה, דערויף איז דאך פאראן צוויי ליניעס; איך אהער אונ דו אהין.

— ביזט אלײן א פערד! וואו שטײַהט דאס געשריבען אז דו אהער אונ איך אהין?

— ווײסט דו וואס? חאפט זײַ בעני מיט זײערע ליניעס, מיט זײערע וואגאנעס מיט זײער גאנצען טראמוואי! געב נור אהער, בתריאל

סערדצע, א ציגאר-טוטין טאמער האסט דו? ברענגען זאלען זיי מיט'ן טראמוואי אויף איין פייער! וואס מאכט עפעס די אלטע דיינע? שטילער געווארען אביסעל?

— ווי לאנג שמייכט מען זי! שטיל איז זי נאר דעמאלט ווען זי שלאפט, וואס הערט זיך עפעס ביי דיר?

— וואס זאל זיך הערען? מען מאכט מיר אויף די „פאסטראנקעס", איך האב מורא איך וועל מיט זיי שלאגען כפרות...

— ווייסט דו ניט וואס מען טהוט, בהמה? דו שלאג בעסער מיט זיי בלאט; נעם זיי ג'ופ'ן „דראנזשיק" אזוי ווי איך, ווערען זיי געבען האבער.

— געבען זאל זיי גאט קרענק מיט קדחת וגרוים טעסטעל!... וואס טהוט עפעס דער „באולאנער" דיינער? ער געהט שוין ביי דיר אין פריסטאווש? צי נאך ניט?

— לאז ער דיר געהן אין גאטס ערד! ער האט מורא פאר א בייטש און מאכט „רעמעל"... א שוועבעלע האסט דו? געב פייער...

און אט אזוי לאזען זיך אריין ביידע קוטשערם אין א לאנגען שמועס אויף בעלי-עגלה לשון, ווי די גרעסטע גוטע ברידער, אויך ביידע קאנדוקטארם פערבינדען צווישען זיך א שמועס גאר פריינדליך ביז עס קומט אן וועלוועל קאנטראליר פרעהליך פונם קאסירער'ס ברית און מאכט א געפילדער.

— א רוח אין אייער פארענט און מיטיין אריין! איהר האט זיך שוין ווידער פערבינטען מיט די יוצרות? אייער גליק וואס איך בין היינט אביסעל אויפגעלעגט פונ'ם ברית, וואס אונזער קאסיר מאטי האט געמאכט... הערט איהר, קינדער, האט ער געמאכט א ברית—זאל א רוח אין זיין טאטען אריין! ניט אומזיסט זיצט ער ביי דער קאסע... זיין וואלט אויך א בעל'ן געווען! אסך בעסער ווי זיין א קאנטראליר, נאכלוי- פען נאכ'ן וואגען ווי א הונד!... אידען! וואס האט זיך דא ביי אייך געטראפען? ווידער א קאטאסטראפע? ווידער א צעזאמענפאהרעניש? וואו זענען אייערע אויגען? די פארשוינען האפט זיי דער וואטענמאכער! א גליק וואס די וואגאנעס ניט צעבראכען. בקצור איהר מוזט זיך, קינדער, צופאהרען... רב כתריאל סערדצע נעמט זייט מוחל שפאנט איבער דאס פערדיל מיט'ן דישעל און פאהרט צוריק אויב'ן וואגזאל און רב עוזריאל וועט אייך נאכפאהרען הינטען...

— וואס איז עפעס געפאלען דער גורל אויף מיר?—זאגט כתריאל.

לאָז עזריאל איבּעֶרשפּאַנעֶן דאָס פעֶרדיל און לאָז פאָהרעֶן צוריק אין שטאָדט אַרײַן און איך וועֶל איהם נאָכפאָהרעֶן הינטעֶן.

— רבּ עזריאל! — רופט זיך אָן דעֶר קאָנטאָליר — נעֶמט זײַט מוחל, שפּאַנט איבּעֶר דאָס פעֶרדיל און פאָהרט צוריק אין שטאָדט אַרײַן.

— אָבּעֶר גאָר לא מיט אַ לאַנגעֶ כּף! — זאָגט עזריאל — איך קאָן באַשטעֶהן אַז כּתריאל זאָל איבּעֶרשפּאַנעֶן דאָס פעֶרדיל און פאָהרעֶן צוריק צום באַהן. עֶר איז ניט חולה.

—איך זאָל וויסעֶן דעֶר טוידט זאָל מיר זײַן — זאָגט כּתריאל — פאָהר איך ניט צוריק!

— איך זאָל וויסעֶן אַז איך נעֶם דאָ אײַן אַ מיתה משונה — זאָגט עזריאל — ריהר איך ניט פונ'ם אָרט.

אַזאַ יאָהר! אַזאַ מזל! — מישט זיך אַרײַן די אידינעֶ, חאַפּט דעֶם קאָשעֶק מיט עֶפּעֶל און קריכט אַרוים פונ'ם טראַמוואַי. אַ שעֶנעֶר פאָהר! פּיטאַקליך הײַסעֶן זײַ זיך נאָך צאָהלעֶן! ווען איך געֶה צו פוס וואָלט איך שוין זעֶקס מאָל געֶוועֶן אין שטאָדט וואָלט איך! אַ „טרעֶמבּײַליק" האָבּעֶן זײַ צו געֶקלעֶהרט אין כּתרילעֶווקעֶ—טפו זאָלעֶן זײַ ווערעֶן!...

„אַ פּנים—טראַכט איך מיר — אַז מעֶן בּעֶדאַרף נעֶמעֶן די פיס אויף די פּלײַצעֶס און עולה רגל זײַן אין שטאָדט אַרײַן"... איך נעֶם מײַן טשעֶמאָדאַנטשיק אין די הענד אַרײַן און לאָז מיך געֶהן מחילה צו פוס, פאָהרעֶן אָן פון הינטעֶן חברה בּעלי־עגלצים מיט אַ פײַף, מיט אַ הוק און מיט אַ געֶלעֶכטעֶר.

— אַהאַ? דעֶר רבּי האָט ניט געֶוואָלט עֶסעֶן קײן טײַגליך מיט פאַסאָלים? איהר האָט נישט געֶוואָלט פאָהרעֶן מיט קײן פּראָסטעֶן בּעל־עגלה? מיט'ן „טראָמבּעֶליק" האָט זיך אײַך געֶגליסט? אײַעֶר גליק וואָס איהר זענט נאָך אַרוים גאַנץ, נישט געֶמאַכט פון אײַך קײן פּרעֶזשעֶניצעֶ... קריכט שוין אין בּויד אַרײַן פעֶטעֶר מיט'ן טשעֶמאָדאַנטשיק, קריכט אין וואָס פאַר אַ בּויד איהר ווילט, בּײַ אונז איז יד אחת, אמכה בּחבּרותה, וואָס גאָט גיט אַבּי אין אײנעֶם... וויאָ, קינדעֶר, וויאָ — וויאָ!... איך קריך מיט מײַן טשעֶמאָדאַנטשיק אין בּויד אַרײַן און פאָהר אַרײַן קײן כּתרילעֶווקעֶ מיט גרוים פּאַראַד.

II

כתרילעווקער האטעלען.

— אויב איהר ווילט סע זאל זיין וואלוועל און ס'זאל לאפטשען, זועל איך אייך פערפיהרען אויף א רעכטע סטאנציע! — מאכט צו מיר מיין בעל עגלה און פיהרט מיך צו צו א צוויי גארענדיגע שטוב מיט אבגעקאלופעטע ווענט, און איך לייען איבער איין אויפשריפט מיט גרויסע אותיות: „האטעל טערקאליא". מיין בעל עגלה קלאפט מיט דער בייטש אין טיר און שרייט אויף א קול:

— נח! נח! וואו ביזט דו ערגעץ אין אלדע רוחות? עפען! איך האב דיר געבראכט א העכט!...

אויף דעם געשריי עפענט זיך די טיר און עס בעוויזט זיך א אידל, וואס מען רופט איהם נח, דער שווייצאר פונ'ם האטעל. ער כאפט מיין טשעמאדאנטשיק, פרעגט מיך ניט, און טראגט דאס ארויף אויף די טרעפ, גלייך אויף'ן אויבערשטען גארן און טהוט מיך א פרעג: וואס פאר א נומער למשל ווילט איהר? מיט געזאנג צי אהן געזאנג?

— וואס פאר א געזאנג? — זאג איך.

— פון די „אקטעיורען". ביי אונז שטעהען די אקטעיורען פונ'ם אידישען „טרעיאטער", און אקעגען שטעהט ביי אונז א חזן פון דער ליטא מיט צוועלף זינגערליך, געקומען צופאהרען אויף שבת, מען זאגט, אז ס'איז ניט קיין שלעכטער חזן; גאר איין אנטיק פון א חזן!

— עס קאן זיין — זאג איך — אז ער איז איין אנטיק פון א חזן, נאר איך בין אייך מוחל; איהר גיט מיר בעסער אהן געזאנג.

— ווי איהר ווילט אייך? — מאכט צו מיר נח דער שווייצאר — איך קאן אייך געבען איין אנדער נומער, די ברירה איז ביי אייך; נאר אז סע וועט אייך זיין דארט ניט אזוי דאסיג, זאלט איהר צו מיר נאכדעם קיין טענות ניט האבען.

— וואס הייסט — זאג איך — „ניט אזוי דאסיג"?

— למשל — זאגט ער — טאמער וועט מען אייך בייסען.

— ווער — זאג איך — וועט מיך בייסען?

— ווער וועט אייך בייסען? — זאגט ער — איך וועל אייך ניט בייסען; עס וועלען זיך שוין געפינען אזעלכע וואס וועלען אייך בייסען.

מען האָט ניט לאַנג, ערב פּסח, געריינינגט, נאָר עס העלפט ניט, קיין קעראָסין אויך ניט.

— אויב אַזוי — זאָג איך — לאָז שוין זײַן מיט געזאַנג...

אונ נח דער שווייצאַר פיהרט מיך אַריין אין אַ פינסטער חדר מיט אַ משונה מאָרנע רח פון פרישע פעל, נאָר וואָס אויסגעמאַכטע, אונ פוילע אונגערקעס מיט מאַבאָרקע; אונ איידער איך קוק מיך אַרום, וואו איך בין אין דער וועלט, חאַפּט נח עפּעס אַ זאַך און הויבט דאָס אָן צו פּאַטשען, ווי מען פּאַטשט אַ ווייבען קישען בשעת מען וויל עמיצען מאַכען אַ גוט געלעגער ער זאָל הנאה האָבען. בשעת פּאַטשען רעדט נח צו זיך אַליין אונ שעלט עמיצען, מיט טוידטע קללות:

— דו יאָלד איינער! דו ים־קאָטער! דו אָקסענהאָרען! אָט גיב איך דיר אַ שמיר איבער'ן טשאָלענט־ברעטיל אונ מאַך דיר קאַליע די יאַסלעס! די גאַנצע וועלט פאָהרט פונם באַהן, אונ ער איז אַריין מיט די שטיוואַרעס אין בעט, זיך צולעגט ווי ביי'ם טאַטען אין ווייַנגאָרטען אונ חאָליעט אין דער קרענק! אַ שענער לאָקיי! קראַנק געוועזן ביז אַהער עפּענען די לאָדען? צושטיזלען דעם סאַמאָוואַר? צי אָפּפּוצען די אַקטעיוורען די שטיוועל? צי אויפראַמען ביים חזן מיט די זיננערליך? משה מרדכי הלך מיט'ן קאָפּ אין דער ערד!

ערשט דאָ האָב איך דערזעהן אַ גרויסען בחור'עץ מיט גרויסע גוט אָבגעשמירטע שטיוועל, אונ איך האָב ע'ן פערשטאַנען פון וואַנען דער רח געהט... די פּעטש וואָס דער לאָקיי האָט געכאַפּט פונ'ם שווייצאַר (דאָס האָט ער זיי געכאַפּט) האָט ער גאַנץ פיין אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע, אָפּגעווישט די ליפּען גלייך ווי ניט איהם טיינט מען, אויפגעעפּענט די לאָדען, אַ קוק געטהון אויף מיר אונ צולאַכט זיך.

— זעהט נאָר זעהט — מאַכט צו מיר דער שווייצאַר — טאָמער ווייסט איהר וואָס איז מיט איהם דער געלענדער? סע שטופּט איהם הנאה די פּעטש איפּ'ן ניכטערן האַרצען! משה מרדכי הלך מיט'ן קאָפּ אין דער ערד! דו פּאַסקודנער בחור! דו קאַרטאָפלע פּרעסער! דו לאָקשען שלינגער! דו בייגעל־כאַפּער!...

אונ נח דער שווייצאַר דערלאַנגט איהם אַ טראַסק אין האַלז און אַקען אונ וואַרפט איהם אַרויס אויף יענער זייט טיר.

— אַ גאַנץ עהרליכער בחור! — מאַכט צו מיר נאָכדעם דער שווייצאַר — נאָר אַביסעל אַ פוילער, האָט אַ האַרטען שלאָף, אָהן פּעטש וועט איהר איהם ניט אויפוועקען בשום אופן! האָרעוועט נעבאָך ווי איין

אײזיל! וואָס ער פערדינט גיט ער אָב דער שװעסטער, קוים געפּועלט בײַ איהם ער זאָל זיך מאַכען אַ פּאָר שטיװעל... וואָס וועט איהר, זיך עפּעס הײַסען געבען צו דער טײַ? פריש געבעקס, אײער־בײַגעל, קאַרטשיק־ליך מיט מאָהן, אָדער גאָר כתרילעוקער פרענזעלען?

און נח דער שװײַצאַר דרעהט זיך אום און ווערט פערשוואונדען.

— פעטער! איהר זענט שוין אַ געדאַווענטער? מאַכט צו מיר עמיצער און שטעקט אַרײַן אַ קאָפּ אין דער טיר.

— וואָס גערט דאָס אײַך אָן? — פרעג איך איהם.

— איך האָב צו אײַך אַ בקשה — מאַכט ער.

— ווער זענט איהר? — פרעג איך איהם.

— אַ איד—מאַכט ער—אַ פרעמדער, ניט קײַן היגער; איך האָב געוואָלט בעטען אײַך אויף אַ מינוט אײַער טלית און תפילין; מײַנעם האָט מען אָװעקגעגנב'עט ערשט נעכטען אָט־דאָ, אויף דער סטאַנציע.

עס עפענט זיך די טיר און עס שטעקט זיך אַרײַן נאָך אַ קאָפּ, אַ היטעל, און רעדט אויף עטליכע לשונות מיט אַ מאָל:

— ראַזניך טאָוואַראָוו פּאַני! זאָקען גוטע! רענקאָוויטשקי זיעמני, בעסטע וואַרע וואָלוועל! בחצי חנם, יאַק בּאָגאַ קאָחאַם.... קויפט אײַך זאָקען האָטש אַ האַלב טוץ.... לאָז אײַך גאָט געבען געזונד... איך האָב ניט געוואוסט ווער איהר זענט, וואָרום סע מאַכט זיך אַ מאָל מען טרעפט אָן אויף אַ פריץ און מען רעדט צו איהם אַוועק אַ שעה כסדר אויף אונזער אידיש לשון, כאַפּט מען אַ פּסק, האָב איך מיך מישב געװען, איך וועל מיך פּרובען אויף פּויליש, אויף רוסיש, אויף דײַטש; איך פערשטעה דאַנקען גאָט עטליכע שפּראַך.... הענטשקעלעך אַ פּאָר גוטע וואַרעמע, ווילט איהר ניט?.... איך בין ווי איהר זעהט מיך, געוועזען אַמאָל אַ גרויסער סוחר, געפאָהרען אויף די גרעסטע ירידים: קײַן יאַרמעלינץ, קײַן פּראָסקוראָוו און קײַן פּאָלטאַווע... מעהר הײַסט דאָס ווילט איהר גאָר ניט? זײַף אַ שטיקעל? אַ קעמערע אַ גוטס, פון די אַנטיקען? נײַן? אַ דאַנק אײַך פאַר'ן פדיון, מײַנע קינדער וועלען זיך מחיה זײַן... אפשר וועט איהר פאַרט קויפען אַ בערשטיל אַ גוטס? אָדער אַ שניפּסעל אַ שײַנס? אָדער נאָך אַ האַלב טוץ זאָקען וועל איך אײַך אָפּגעבען וועלוועלער. נײַן? איהר ווילט ניט? האָט זשע אײַך אַ גוטען תמיד!....

דער איד כאַפּט דאָס היטעל און גערט אַוועק, עס קומט אַרײַן אײן אַנדער איד שוין מיט אַ היטעל.

— קויפט בײַ מיר זאָקען, פעטער, גוטע זאָקען, וואָלוועל!
— איך דאַרף ניט קיין זאָקען — זאָג איך — אַ דאַנק!
— וואָס הייסט — זאָגט ער — איהר דאַרפט ניט קיין זאָקען? אָט האָט איהר דאָך נאָר וואָס געקויפט אַ האַלבע טוץ זאָקען בײַ יענעם, איך בין אויך אַ איד אַ אָרעמאַן און אַ מטופל מיט קינדער, צוויי אינגלעך אין דער „אוטשילישטשע״, איינער איז בײַ אַ בעל-מלאכה און די קלענערע אין חדר... אַ דאַנק אייך! זייט געזונד, גאָט זאָל אייך בעגליקען!....

נאָך דעם אידען קומט אָן איין אַנדער איד. אַ הויכער, אַ דאַרער מיט איין איבערגעשראָקען פּנים.

— אויב איהר ווילט פערדינען אַ מצוה, איהר זאָלט פערשפּאָרען פאַסטען תשעה-באב, נעהמט צו בײַ מיר אַ רעשטיל אין גלייכען געלד, פערבליבען בײַ מיר זאָקען אַ פּאָר טוץ.

— איך דאַרף ניט קיין זאָקען! — זאָג איך — איך האָב שוין גענוג זאָקען.

— איך גיב זיי אייך אָפּ אונטער'ן קרן — זאָגט ער — איך דינג מיך מיט אייך ניט וויפיעל איהר וועט געבען, געבען זאָל אייך גאָט געזונד און לאַנגע יאָהר!... איך האָב אַ זוהן אין גימנאַזיע, ענדיגט ער הײַנטיגס יאָהר, וויל שטודירען אויף דאָקטאָר. „דו וועסט שוין פערשפּאָרען — זאָגט ער — טאַטע, אַזוי האָרעווען, דענסטמאָל האָרעווען וועל איך שוין און דו וועסט שוין, זאָגט ער אַבּיסעל אָבּרוהען״... אַזוי זאָגט ער צו מיר, מײַן זוהן. נאָר דערוויַיל מוז מען איהם אונטערהאַלטען מיט אַ דרייערשיל, חאָטש ער פערדינט שוין קיין עין הרע אַליין אַזעלכע צעהן קאַרבען אַ חודש... בלייבט געזונד און זייט מצליח!

נאָך דעם אידען, קומט אַריין אַ אידענע מיט אַ טערקישען שאַל און רעדט מיט אַ ניגון:

— דאָס זענט איהר דער אורח פון יעהופּעץ?
— יאָ, וואָס איז דען?
— איך האָב געהערט זאָגען אַז איהר זענט געקומען קיין כתרילעווקע קויפען זאָקען, האָב איך אייך געבראַכט עטליכע טוץ זאָקען אויף אַ מוסטער. בײַ מיר איז אַ פאַבריקע פון זאָקען שוין צעהן יאָהר אַז איך אַרבייט זאָקען!..

— ווער האָט אייך געזאָגט — זאָג איך — אַז איך קויף זאָקען? איך בין ניט געקומען נאָך קיין זאָקען, איך דאַרף ניט קיין זאָקען!

נאָר די אידענע הערט ניט וואָס איך רעד און טהוט זיך איהרס: זי מאַהלט ווי אַ מיהל.

— מיינע זאַקען האָבען אַ שם אויף גאַנץ כתרילעווקע! קוקט אָן אַ זאַק!... וואָס זאָגט איהר אויף דעם זאַק?

— אָבער איך גאָטס ווילען — שריי איך — איך קויף ניט קיין זאַקען, איך דאַרף ניט קיין זאַקען!

— אָט ליגען דאָ — זאָגט זי — ביי אייך זאַקען!

— דאָס האָב איך געבראַכט זאַקען אויף צו פערקויפען! — זאָג איך און בעגלייט אַרויס די אידענע און פערשליס די טיר, טאָמער טראָגט מען מיר זאַקען. — ווער קלאַפט דאָס?

— ס'איז איך! — ענטפערט מען מיר פון יענער זייט טיר.

— ווער איז דער „איך"? — פרעג איך, און האָב מורא עפענען די טיר טאָמער טראָגט מען מיר זאַקען, — ווער קלאַפט דאָס?

— דוד — ענטפערט מען מיר.

— וואָסער דוד?

— דוד שפּאַן.

— וואָסער דוד שפּאַן?

— דוד שפּאַן דער קאָמיסיאָנער!

— וואָס דאַרפט איהר — פרעג איך איהם — אפשר זאַקען?

— איהר דאַרפט — זאָגט ער — זאַקען, נ"ט טהו איך אַ שפּאַן צווישען די קליידען און ברענג אייך זאַקען!

— ניין! ניין! — שריי איך — איך דאַרף ניט קיין זאַקען!

איך עפען אויף די טיר קומט מיר אַקעגען נח דער שוויצאַר, אָנגעלאָדען מיט בולקעס און מיט בייגעל, מיט קיכליך, פּלעצליך, קאָרזשיקליך און פרענזעלין.

— פון וועמענס וועגען איז דאָס אַזוי פיעל פּראָוויזיע? — פרעג איך איהם

— וואָס האָט איהר יסורים? — זאָגט נח — פאַר די הינט וועט מען דאָס חלילה ניט אַרויסוואַרפען, פאַראַן קיין עין הרע ווער ס'זאָל עסען, איך אַליין האָב זעקס פּיקערס אייגענע, אַ הוץ צוויי פרעמדע יתומים נעבאך... זאָגט מיר בעסער וואָס זענט איהר פאַר אַ מאָדנע בריאה אַזעלכע? איהר דאַרפט האָבען זאַקען האָט איהר ניט געקאָנט זאָגען מיר? ניט דוד'ל שפּאַן, ער זאָל אייך געהן ברענגען זאַקען?

— ווער האָט איהם געהייסען — זאָג איך — ברענגען זאַקען?

— איך ווייס ניט — זאָגט נח — ווער עס האָט איהם געהייסען, איך האָב איהם געוויס ניט געהייסען! דוד'ל גנב וועט אייך ברענגען זאַקען וועט זיין וואָס צו זעהן, כתרילעווקער זאָקען!...

ביי די ווערטער עפּעגט זיך אויף די טיר און עס קומט אריין אַ געפּאַקט אידעל מיט רויטע באַקען, מיט אַ פערשוויצט פּנים און מיט אַ לילקע ציבעקיל אין מויל. איך מאַך ניט קיין לאַנגע שהיות, נעם איהם אָן ביי דער האַנד און ווייז איהם די טיר.

— געהט אייך געזונדטערהייט מיט אייערע זאָקען צו אַלדע גוטע יאָהר! איך דאַרף ניט קיין זאָקען!

— גאָט איז מיט אייך — רופט זיך אָן צו מיר נח דער שווייצאַר.

— וואָס טרייבט איהר זיי? דאָס איז דאָך אונזער בעל־הבית פונ'ם האָטעל!...

— אַזוי גאָר? האָט קיין פעראיבעל ניט — זאָג איך צו איהם און גיב איהם אָב שלום, און טראָג איהם אונטער אַ בענקעל, — איך האָב געמיינט דאָס זענט איהר יענער איד, וואָס איז אוועקגעלאָפען מיר ברענגען זאָקען. איין אומגליק, מען האָט מיך פערוואָרפען מיט זאָקען! אַ מבול פון זאָקען, זיצט איך בעט אייך.

— אַ דאַנק! איך קאָן בעשטעהן! — מאַכט צו מיר דער בעל־הבית און זעצט זיך אַנידער און פּיפּקעט פונ'ם לילקע ציבעקעל.

— פון וואַנען קומט אַ איד? פון יעהופּעץ? איך האָב דאָרטען אַ בעקאַנטען אין יעהופּעץ, דאָס הייסט ער זיצט שוין ניט אין יעהופּעץ ער איז אַריבערגעפאָהרען פון דאָרטען שוין לאַנג, איך האָב מורא אויב ניט אַ יאָהר אַכטצעהן און אפשר טאַקי אַלע נײַנצעהן.... קיין אַדעס זאָגט מען, איז ער אַריבערגעפאָהרען, ער האָט דאָרטען קרובים אין אַדעס, ס'איז ביי זיי אַ קאַנטאָר פון ווייץ. צוויי קאַנטאָרען, איינעם אין אַדעס, די אַנדערע אין ניקאָלאַייעוו... די אַדעסער קאַנטאָר מאַכט נישקשה, נאָר די ניקאָלאַייעווער קאַנטאָר מאַכט ניט אַזוי גוט, מחמת ניקאָלאַייעוו איז ציינד נעשלאָגען, שטאַרק געשלאָגען, אויבער פעאָדאָסיע זאָגט מען. איבער דעם „פּאָרט" וואָס מען האָט געמאַכט אין פעאָדאָסיע. ס'איז היינט אַ גאַנצע שטאָדט געוואָרען פעאָדאָסיע, איך האָב אין פעאָדאָסיע אויך בעקאַנטע, אַ פיינע שטאָדט זאָגט מען פעאָדאָסיע!..

איך זעה אַז ס'איז אַ מעשה אָהן איין עק, פאַל איך איהם אַריין אין די רעד און טהו איהם אַ פרעג:

— וואָס האָב איך אייך אין זינען געהאַט צו פרעגען? יאָ פאַר וואָס האָט איהר אַ נאָמען געגעבען אייער אַכסניא „האָטעל טערקאַליא"?

— איך געדענק נאָך פּעָדאָסיע — ענטפערט מיר דער בעל־הבית — פּאַר אַ קליין שטעדטיל... איך בין אַליין, פערשטעהט איהר מיך, אַ דאָרטיגער, אַ בעסאַראַביער בין איך, פון בעסעראַביע, פון אַ קליין שטעדטיל דובאָסאַרע, דאָס הייסט געבאָרען בין איך פון בעלץ... איהר זענט געווען אַ מאָל אין בעלץ? אַ פיינע שטאָדט בעלץ; נאָר ווי קומט זי צו קעשעניעוו?..

— גוט מאָרגען געלע, רעטיך טראַג איך! — מישט זיך אַריין נח דער שווייצאַר פון דערוויטען — איהר מעגט רעדען מיט'ן בעל הבית אַביסעל העכער, סאיז ביי זיי קאַליע די שמועה, זיי הערען ניט די וועלט...

איך רוק זיך צו צום בעל הבית גאַנץ נאָהנט און שריי איהם אויף אַ קול גלייך אין אויער אַריין:

— איך פרעג פאַר וואָס הייסט עס עפּעס אייער האָטעל מיט אַזאַ מאָדנעם נאָמען? —

— וואָס שרייט איהר אַזוי? — מאַכט ער צו מיר — איך בין ניט טויב! אַ מאָדנע נאָמען זאָגט איהר? מיט וואָס איז ער אַזוי מאָדנע? „אינטאַליע" איז גוט? „פּאָרטוגאַליע" איז גוט? און טערקאַליע טויג ניט? יענע אַלע נעמען האָט מען פערכאַפּט פריהער, האָב איך אַ נאָמען געגעבען נאָכ'ן טערק... יאָ איז ווי האַלט איך? קעשעניעוו! און די מענשען?... ביי אונז אין בעסעראַביע הערט איהר זענען גאָר אַנדערע מענשען! ביי אונז אין בעסאַראַביע עסט מען גאָר אַנדערש... ביי אונז אין בעסאַראַביע אַז מען זעצט זיך עסען דערלאַנגט מען הערט איהר צום אַלעם ערשטענס די שענע פיש פונם שענעם טייך; נאָך דעם „קאַדע", דאָס גוטע דאָס פעטע שטיקעל „קאַדע". נאָכדעם גיט מען אויף דעם גרויסען טעלער די שענע די ריינע מאַמעליגע, וואָס מען שניידט דאָס מיט'ן גרויסען פאָדעם אין דער ברייט, נאָכדעם דערלאַנגט מען די פרישע די הייסע פּאַפּושקעס און מען פערטרינקט מיט דעם אמת'ן ריינעם בעסאַראַביער ווין, און מען פערבייסט מיט דעם רעכטען, דעם גוטען נאָהוט... אַזאַ מין אַרבעס.

און דער בעל הבית בשעת מעשה בעלעקט זיך און מאַכט מיר אַ אַפּעטיט צום עסען, און בשעת דער בעל הבית רעדט פון די בעסאַראַביער מאכלים, לאָזט זיך הערען פון איין זייט אַ געזאַנג, פון אַ ליטווישען חזן, וואָס ציקעלט זיך, שרייט און מאַכט מאָדנע הויות:

ישמחו ב —

מלכותך שו —

מרי שבת ו —

קוראי עונג....

און דאָס באַר צוטהײלט זיך אויף צווײען: איין האַלב באַר זינגט:

טוראַרירל! טוראַרירל!

טוראַרירל! טוראַרירל!

און דאָס אַנדערע האַלב באַר האַלט אונטער

פּים־פּאָם!

פּים־פּאָם!

פּים־פּאָם!

און פון דער אַנדערער זײַט הערט זיך אַ געזאַנג פון די „אַקטעיורען"!

פּי־סע־ליך!

און פּי־סע־ליך!

און לעבעדיגע!

פּי־סע־ליך!

אויף מיר אַזאַ יאָהר!...

אויך דער משרת, וואָס פּוצט די שטיוועל אונטער מײַן טיר טהוט אַלע מאָל אַ שפּײַ אויפ'ן בערשטיל און זינגט אַ לידעל:

האָב איך אַ שוויגער

האָט זי איין איי־איי־איי־דעם!

שלאָגט ער איהר טאָכטער,

ציטערט דער באיי־איי־איי־איידעם!

און נאָך אַ געזאַנג לאָזט זיך הערען. אַ קול פון אַ אידענע, וואָס זי שעלט דעם מאַנן: דאָס זוכט די בעל־הבית'טע דעם בעל הבית אין אַלע נומערען, און הערט ניט אויף צו שעלטען איהם מיט משונה מאָדנע קללות וואָס לאָזען זיך אויס מײַנסטענס מיט אַ גראַם:

אַ מכה אַ צרה! אַ שלאַק אַ כפּרה!...

איין אויסגיס אַ קללה! אַ קלאָג אַ יללה!...

אַ פײַער אַ שרפה! אַ מהומה אַ מגפה!...

— איהר וועט עסען מיט'ן בעל הבית און מיט דער בעל הבית'טע

— מאכט צו מיר נח דער שווייצער אויף די טיר — צי איהר ווילט געהן עסען אין א רעסטאראציע!

— אין א רעסטאראציע! זאג איך — אין א רעסטא,

III

כתרילעווקער רעסטאראנען.

„כשר!" בכאן עסט מען פריש און וואלוועל! שרה אינדיק".

איבערגעלייענט אזא מין אויפשריפט קלעטער איך ארויף אויף גליטשיגע טרעפ אויפ'ן צווייטען שטאק פון א רויטען נאקעטען מויער, און באטש די רחות וואס לאזען זיך הערען אויף די טרעפ זענען עפעס ניט אזוי אנגענעהם פאר דער נאז, נאר א הונגריגער מאגען קלויבט נישט איבער...

— וואו איז דא ערגעץ שרה אינדיק! — טהו איך א פרעג ביי איין אלטען אידען מיט א געל פנים, וואס זיצט אויף דער ערד און פערריכט איין אלטען מאטראץ.

— וויים! — מאכט צו מיר דער אלטער און טהוט א פאטש דעם מאטראץ און עס געהט פון איהם א גרין רויכעל.

— אוועקגעפאהרן? — פרעג איך איהם.

— אוועקגעפאהרען! — מאכט צו מיר דער אלטער און שאקעלט מיט'ן קאפ — אוועקגעפאהרען אויף עביג!...

— געשטארבען? ברוך דיין אמת! — זאג איך און וויל מיך ארויס-כאפען צוריק.

— יא — מאכט ער — געשטארבען. ערב פסח ווערט זעכס יאהר אז זי איז געשטארבען, גלויבט מיר איך האב זי נאך נישט פערגעסען אויף קיין מינוט אפילו! ווי קען מען דען אזעלכעס פארגעסען? איהר קאכען, איהר באקען, איהר בעגעהן זיך מיט דער וועלט, איהר רעדען מיט א מענשען, און איהר צוטרעפען מיר מיין שגעון! נאר איך פערשטעה ניט, איך בעדארף אייך דערצעהלען? איהר האט דאך זי מסתמא געקענט?

— פון וואנען — זאג איך — האב איך זי געזאלט קאנען, אז איך בין דאס ערשטע מאל אויף מיין לעבען אין כתרילעווקע?

— הערסט ? הײַנט וואָס זשע — זאָגט ער — פרעגט איהר זיך נאָך אויף שרה'ן ?

— איך פרעג גאָר ניט אויף שרה'ן — זאָג איך — איך פרעג צי דאָ איז דער רעסטאָראַן „שרה אינדיק" וואָס שטעהט אויפגעשריבען אויף דער וואַנד ? איך וויל עפּעס עסען ?

— עפּעס עסען ? — מאַכט ער צו מיר — הערסט ! הײַנט וואָס זשע שווײַגט איהר ? רחל ! רחל !

און עס בעווײַזט זיך אַ שוואַרץ־חנ'ווריג ווײַבעל מיט שוואַרצע לאַבענדיגע אויגעלעך מיט פערקאַטשעטע אַרבעל און מיט מעהל אויף די הענד, אויפ'ן פאַרטוך און אויפ'ן פּנים.

— וואָס איז שוין ווײַטער ? — רופט זיך אָן דאָס שוואַרץ־חנ'ווריג ווײַבעל, טהוט זיך אַ וויש די נאָז מיט'ן אַרבעל וואָס אויף דער זײַט עלענבויגען — מען לאָזט ניט איבערזיפּען די מעהל ! אַלע מינוט : רחל ! רחל !

— זיי ווילען עפּעס עסען — מאַכט צו איהר דער אַלטער און הערט ניט אויף צו פּאַטשען דעם מאַטראַץ.

— עפּעס עסען ? — רופט זיך אָן דאָס ווײַביל מיט אַ מאָדנע מין געזאַנג ווי מען איז מעביר די סדרה. און טרייסעלט אויס דעם פאַרטוך און פערשיט מיר די אויגען מיט מעהל. — וואָסווילט איהר עסען ?

— וואָס האָט איהר ? — זאָג איך צו איהר — מיט'ן זעלבען ניגון וואָס זי.

— וואָס ווילט איהר ? — זאָגט זי נאָך אַמאָל מיט'ן אייגענעם ניגון.

— וואָס איך וויל ? — זאָג איך — הם... פיש איז דאָ בײַ אייך געפילטע ?

— נאָכן מאַרק פיש ? — זאָגט זי — אַ שעהנע מעשה !

— נו לאָז זײַן באָרשטש — זאָג איך — אַז ניט קיין פיש.

— וואו האָט איהר געזעהן ? — זאָגט זי — נאָך האַלבען טאָג באָרשטש ? אַ באָרשטש דאַרף זיך קאָכען, דאָס ווייסט איהר צי נײַן ?

— אַלסדינג — זאָג איך — בעדאַרף זיך קאָכען.

— אַבי איהר ווייסט — זאָגט זי — איז גוט !

— נו ? — זאָג איך — איז קיין ראָסעלפלייש אויך ניטאָ ?

— פון וואַנעט — זאָגט זי — האָט זיך גענומען אַ ראָסעל פלייש ? ס'איז געוועזן אַ ראָסעל פלייש האָט מען איהם אויפגעגעסען.

— נו — זאָג איך — לאָז זײַן אַ יוך!

— מיט וואָס — זאָגט זי — ווילט איהר זאָל זײַן די יוך? מיט מאַגנע־גרײַפּלעך, מיט אַ מצה׳לע, צי מיט מאַנדלען (אַ פּתח פערבײַט זיך בײַ איהר אָפּט אויף אַ קמץ)

— לאָז זײַן — זאָג איך — מיט וואָס איהר ווילט, אַבי אַ יוך!

— אויף וועך — זאָגט זי—ווילט איהר זאָל זײַן די יוך?

— וואָס הייסט—זאָג איך—אויף וועך? אויף באַלד!

— וואָס הייסט—זאָגט זי—אויף באַלד? איהר ווילט זיך מסתמא אַ יוך זאָל זײַן פון עוף? וואָסער טעם האָט אַ יוך אָהן עוף? און איין עוף בעדאַרף מען ערשט כאַפּען. שיקען צום שוחט, אָבפּליקען, מאַכען, זאַלצען, אָבגיסען, אויסווייקען און צושטעלען; עס קען אַרויסקומען הלואי אויף דער נאַכט.

— גיט זשע מיר אַזוי — זאָג איך—וואָס ניט איז, אַ שטיקעל פלייש, אַביסעל זופּ, אַ פּרעזשענילצע פון עטליכע אייער, אָדער עפּעס געזאַלצענס טאָמער האָט איהר?...

— אַ מאָדנער יוד! — רופט זי זיך אָן צום אַלטען—אַלסדינג גלוסט זיך איהם... אַ הערינג אויב איהר ווילט קען איך אייך מאַכען.

— לאָז זײַן אַ הערינג — זאָג איך — אַבי גיכער.

— ווי אַזוי ווילט איהר? — זאָגט זי — מיט אַ ציבאַלקע?

— מיט אַ ציבעלקע.

— און מיט עסיג אוי־עך?

— מיט עסיג אויך!

— און מיט בוימעל אוי־עך?

— מיט בוימעל אויך.

זי טהוט ווידער אַ טרייסעל דעם אַרבעל, לאָזט זיך געהן נאָך אַ הערינג און קעהרט זיך אום צוריק.

— ווי אַזוי האָט איהר ליעב אַ הערינג זאָל זײַן מיט אַ מילוך? צי מיט אַ רויג?

— לאָז ער זײַן ווי ער וויל זיך — זאָג איך — אַבי לאָז ער שוין זײַן.

רחל לאָזט זיך געהן און קעהרט זיך אום צוריק

— געראָוויכערטע פישלעך עסט איהר?

— פאַר וואָס ניט? — זאָג איך.

— און אַדעסער קעפּאַליען? — זאָגט זי.

— בכבוד גדול! זאָג איך.

— איך ווייס אָבער ניט—זאָגט זי—צי זיי זענען שוין דאָ? מיר דאַכט אַז זיי זענען נאָך נישטאָ, און אפשר זײַנען זיי שוין דאָ?... ניין ס'איז נאָך פריה!... פון דעסטוועגן וועל איך גען טאָמער זענען זיי שוין דאָ...

רחל לאָזט זיך גען און קערט זיך אום צוריק

— אויף אידישען קאָלבאַס זענט איהר אַ בעלן?

— אַך!—זאָג איך—אדרבא קויפט, קויפט קאָלבאַסען, איך האָב ליעב קאָלבאַסען.

— איהר מיינט דאָך אַוודאי וואַרשאָווער קאָלבאַסען?

— נו יאָ!—זאָג איך—געוועהנליך וואַרשאָווער!

— אַזוי!—זאָגט זי—וועט איהר מוחל זיין זיך דורך פאָהרען קיין וואַרשאָוו, וועט איהר דאָרט עסען וואַרשאָווער קאָלבאַסען. בײַ אונז פערקויפט זיך כתרילעווקער קאָלבאַסען, פון אונזער אייגענער כתרילעווקער פאַבריקע, בעדאַרף מען האָבען צו זיי אייזערנע צייהן! שנײַדען מיט אַ מעסער איז אוממעגליך כײַדען האַקען מיט אַ האַק, דער שוואַרצער יאָהר ווייסט זיי וואָס זיי שטופען אַן אַהינצו וואָס ס'איז אַזוי האַרט, מען האָט אַנימעלטען צוהאַקט אַ קאָלבאַס האָט מען געפונען אַ צוויאָק, אַ פנים זיי לעגען אַרײַן צוועקעס סע זאָל גען גוט אויף דער וואָג?...

—טאָמער וואָלט געווען גענוג רעדען?—רופט זיך אָן דער אַלטער

—געה און ברענג צו טראָגען און אַנ'עק זאָל דאָס האָבען!

— וואָס הייסט גלאַט ברענגען צו טראָגען! מען בעדאַרף דאָך וויסען וואָס ברענגען! איטליכער האָט זיך זײַן משוגעת! אָט האָסט דו אַ שטייגער ליעב געפרעגעלטע פיש... און אַנדערע האָבען פײַנד געפרעגעלטע, האָבען ליעב באַק־פיש... צי אַ שטייגער פאַראַן אורחים בײַ אונז אַזעלכע, וואָס הייסען זיך אָבקאָכען געהירען און עסען דאָס צוהאַקטערהייט מיט אַ ציבעלקע און מיט שמאַלץ... און ווידער איז פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבען ליעב אין מיטען דער וואָך פעטשאַי מיט צוגעטריקענטע פענעצליך מיט קנאָבעל... און פאַראַן אַזעלכע פרעסער וואָס וועלען אײַך אַוועקגעבען די נשמה פאַר איין אָנגעפילטע קישקע מיט פאַרפעל... און פאַראַן ווידער אַזעלכע, וואָס איהר זאָלט זיי גילטען זיי זאָלען אײַך נעמען אין מויל אַרײַן איין עסיג פלייש!..

— איך בעט אײַך — זאָג איך — ברענגט מיר וואָס איהר ווילט שוין ברענגען דען איך בין טוידט־הונגעריג!

רחל געהט אוועק, אונ דער אלטער רופט זיך אן צו מיר:

— נײן מאס רײד!

— ס'איז אײערע א טאכטער? — פרעג איך איהם.

— וואסער טאכטער! מאכט ער צו מיר — ס'איז מײן ווײב, דאס אנדערע ווײב בײ מיר. עך, עך, עך! צוראי איז דאס ניט יענע... יענע עליה השלום איז געווען א אידענע וואס מען קריגט זי נישט!... דאס הײסט איך האב צו דער אויך גאר ניט, זי הארעוועט נעביך זעהר געטרײ. אז אך אונ וועה איז איהר!... אט דאס שטיקעל מאטראץ, וואס איהר זעהט, איז אונזער גאנץ בעטגעוואנד... אונ דער־צו בין איך א קראנקער אונ א קאפריזנער! אויסשטעהן מײן שגעון — בעדארף מען זײן שטארקער פון אײזען! דאס הײסט בטבע בין איך דוקא א גוטער, נאר מיך אז מען דער'רגזנ'ט מיט א ווארט איז חיות ניט זיכער. וואס סע קומט מיר אין האנד פליהט דאס אין קאפ ארײן!... אט אזא ספילשליוועד בין איך!... איהר מײנט איך האב דאס איהר ניט געזאגט פריהער, אײדער איך האב זי גענומען? איך האב איהר געזאגט, אז קײן האניג וועט זי בײ מיר ניט לעקען? זי וועט זײן צופריעדען, אז עס וועט זײן א שטיקעל ברויט אין שטוב! פון פלײש און פון מילך שמועסט מען ניט! אונ הארעווען האב איך איהר געזאגט פריהער, אז זי וועט הארעווען פאר דרײ...

— צוליעב וואס זשע האט זי אייך גענומען? — פרעג איך איהם.

— וואס הײסט — מאכט ער צו מיר פערוואונדערט — צוליעב וואס? אונ די „שטוב" איז בײ אייך א הונט?

— וואסער שטוב? — זאג איך — אט דער מויער איז דען אייערער?

— נײן! — טאכט ער צו מיר מיט א געלעכטער — איך מײן די „רעסטאראציע" וואס איך האב סע שוין בײ מיר אײן אײנגעפיהרט געשעפט פון כמה וכמה יאהרען, אט ווי ס'איז ניט געשלאגען איצטער די פרנסה פון דעסטוועגען איז פארט א שטוב! ווען איהר טהוט א קוק אוף מײן רחל'ן, אז זי טהוט זיך אן אונ געהט ארוים אויפ'ן שפאציר וואלט איהר געמײנט ס'איז א גראפיניע! זי איז טאקי קײן עין הרע זעהר א שעהנע, איצט איז זי שוין אביסעל „אבגעבליאקעוועט", איהר זאלט זי געווען זעהן פריהער מיט עטליכע יאהר!...

— וויפיעל קינדער האט איהר? — מאך איך צו איהם.

— טע־טע־טע! — מאכט ער צו מיר—קינדער! אט דאס איז

די גאַנצע צרה, וואָס איך האָב קיין קינדער ניט! אַביסעל בראָנפען וועט איהר נעמען? וועל איך אייך געבען אַביסעל „שפּירעט".

— אָך — זאָג איך — מיט'ן גרעסטען כבוד.

— איך וועל אייך געבען אין אַ פיינסטערער כלי — מאַכט צו מיר דער אַלטער און שלעפּט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ פלעשיל און אַ קליין געגלייזט טעפּעלע און גיסט מיר אָן אַביסעל „שפּירעט". דאָס ביסעל „שפּירעט" מאַכט מיר נאָר אַ גרעסערען אַפּעטיט און איך פיהל אַז עס עקט זיך מיר דאָס חיות.

עס קומט רחל מיט'ן הערינג און טהוט זיך אַ פּאַטש מיט ביידע הענד איבער'ן קליידעל:

— אוי אַ דונער איז מיר! איך האָב גאָר פערגעסען, אַז אין שטוב איז ניטאָ נישט קיין בולקע און נישט קיין ברויט! וואָס פאַר אַ געבעקס האָט איהר ליעב? אידישען קוילעטש, צי פראַנזאָליס, צי גאָר קאָרן־ברויט?

— וואָס איהר וועט דערזעהן פריהער — זאָג איך — אָט דאָס זאָלט איהר קויפען! איך בעט זעהר איהר זאָלט מיך מעהר נישט פרעגען וואָס איך האָב ליעב! איך האָב אַלסדינג ליעב!

— אַ קאַפּריזנער אורח! — זאָגט רחל — פערעבענדיוועט נאָך מעהר ווי מיין מאַן!.. מיין מאַן וואָלט אַ בעלן געווען אַלע טאָג אַ פרישען פידפאַליק... אַלט־געבאַקען ברויט נעמט ער נישט אין מויל אַריין... קען דען זיין אַלע טאָג פריש געבעקס? דאָס קאָן אויספיהרען סיידען קאָביליאַנסקי...

— נו געה שוין געה — זאָגט צו איהר דער אַלטער — זעהסט דאָך אַז זיי חלש'ן עסען!...

רחל געהט אַוועק נאָך געבעקס און עס קומט אַריין אַ אידענע אַ הויכע מיט איין אויג: איין האַנד האַלט זי אין בוזעם און מיט דער אַנדערער האַנד קראַצט זי זיך אין אויער.

— וואָס טהוט מען ר' משה יענקיל, גיט מיר איין עצה? — זאָגט די הויכע אידענע צום אַלטען — ביי מיין שמואל'קען האָט זיך שוין ווידער צושפּיעלט איין אויעריל...

עס קומט אָן רחל מיט'ן געבעקס און מאַכט מיר דעם הערינג, און די הויכע אידענע הערט ניט אויף אויסצומאָלען ווי עס רינט ביי איהר שמואל־קען פון איין אויעריל... זי האָט מורא זי וועט ווידער מוזען אָנקומען צום רופא ווייסט זי ניט צו וואָסער רופא זאָל זי געהן? דען

צו האָסער רופא זי זאָל ניט געהן ווייסט זי פריהער אז ס'איז אַרוים געוואָרפען, מחמת די כתרילעווקער רופאים, דער רוח זאָל זיי נעמען, זענען גוטע בלוטצאַפּערס! אַ כתרילעווקער דאָקטאָר אז איהר גיט חלילה ווינציגער פון אַ גילדען, טהוט ער אייך אַ שמיץ אין פּנים אריין! ס'איז איהם קאַרג צו קרענקען דעם פּראָפעסאָר!...

— גיט עפּעס אַ נדבה אַ קראַנקען! — מאַכט אַ איד מיט אַ בלוי פּנים און ציהט אוים אַ קליין אויסגעטריקענט הענטיל, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען לכתחילה פאַר אַ סגולה אויף בעטען נדבות..

— גיט עפּעס אַ נדבה אַ ווייסטען קאַליקע!... רופט זיך אָן אַ נפש וואָס געהט אויף די הענד מחמת ביידע פיס זענען — הם צונויפגעפלאָכטען און אונטערגעבויגען אונטער זיך.

— גיט עפּעס אַ נדבה אַ חולה־נופל־דיגען:...

איך וואַרף אַוועק אין מיטען דער „סעודה". איך צורעכען זיך פאַר'ן עסען און אַנטלויף פון דער „רעסטאָראַציע" וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט!"

———

IV.

כתרילעווקער וויין און כתרילעווקער שכורים.

„נאָך אַזאַ מיטאָג וואָלט געווען גוט פערטרינקען מיט אַ גלעזיל וויין" אַזוי טראַכט איך טיר און דערזעה איין אויפשריפט: בכאן מוכרים יי"ג, מעד וביער למקח השוה.

איך לאָז מיך אַראָפּ אין אַ פינסטערן קעלער, צווישען פעסער און פעסליך, צעבערס און פלעשליך, און דערזעה ביי דער זייט זיצט אַ היבשער בחור מיט איין אונטערגעבונדען געשוואָלען פּנים איבער אַ מולטער און האַקט ראָזינקעס מיט אַ האַקמעסער.

— וואו איז ערגעץ דער בעל־הבית? — פרעג איך דעם בחור.

— דער בעל הבית? — מאַכט צו מיר דער בחור און נעמט אָן אַ פולע זשמעני מיט ראָזינקעס, טהוט אַ שמיר איבער'ן מויל און חראַמקעט מיט די צייהן גאַנץ געשמאַק — דער בעל הבית איז אין קאַמער, ער מאַכט „וויטנראָזינג".

— וואָס הייסט — זאָג איך — ער מאַכט „ויטמאָראָזינג?"

איהר ווילט וויסען — מאכט צו מיר דער בחור — ווי אזוי מען מאכט „ווימאראזיג" ביי אונז אין כתרילעווקע? מען נעמט ראזינקעס און מען האקט און מען האקט און מען האקט זיי אריין אין א גרויסער פאס אריין, מען בויטעט אן דאס איבעריגע מיט וואסער פון דער גנילאפיאטקע און מען מישט אריין האפען, הויבט דאס אן שפילען, אונז אז סע צושפילט זיך ווערט א געשטאנק, אז מען קאן דערווארגען ווערען! נעמט מען א פאר עמער „שפירעט" אונז מען האקט אריין עפעס א מין פראשעק אזעלכען, וואס סע קאסט א גילדען א פונד; נאכדעם זייעט מען דורך דעם גאנצען וויין דורך א גויעשער העמד אונז מען שרייבט אן מיט קרייד אויף דער פאס: ווימאראזיג אקערמאן.. אונז אז איהר ווילט דער וויין זאל זיין רויט, נעמט מען דעם אייגענעם ווימאראזיג אונז מען פערפארבט איהם מיט גאלעש-טינט אונז מען שרייבט אן מיט קרייד אויף דער פאס: זמירער פעדאסיע אדער אונגערשער מאלאגע.... אונז כתרילעווקער מבינים ושליאבען די דאזיגע קאקאפיצע אונז לעקען די פינגער! שא גיט געהט דער בעל הבית, ארויסגעהן זאל פון איהם די פארע!

דערזעהן דעם בעל הבית געהן הויבט דער בחור אן צו האקען די ראזינקעס מיט אלע כחות.

— וואס האט איהר געוואלט? — מאכט צו מיר דער בעל הבית, א רויטער איד ניט קיין הויכער מיט א הייזעריג קול אונז מיט איין אויג איין אפענעם, וואס אפילו אז ער שלאפט מוז ער דאס אויך א פנים האלטען אפען.

— א גלעזיל וויין — זאג איך.

— א לאחדים גלעזעל וויין? — מאכט ער צו מיר, דרעליוועט איין אויער אונז קוקט אויף דער סטעלי.

— א לאחדים גלעזעל וויין — זאג איך.

וואס זשע — זאגט ער — האט איהר זיך אראפגעלאזט אין קעלער? פאר וואס זענט איהר ניט ארויף געגאנגען אויבען? קריכט ארויף אונז נעמט זיך זייט מוחל רעכטס!

איך קריך ארויף אונז נעהם מיך רעכטס אונז קום אריין אין א פינסטערן חדר פול מיט בלאטע, עם שטעהען עטליכע טשאבאטשנע הינקענדיגע בענקליך אונז אידען זיצען, רויכערן פאפיראסען אונז טרינקען „ווימאראזיג"; זיי זינגען ניט, שרייען ניט, שלאגען ניט מיט די הענד אין טיש אריין אונז בעווייזען ניט קיין שום מיאוס'ע שטיק,

וואָס דען טהוען זיי? זיי זיצען און זויפען דעם „ווימאָראָזיג“ פון די גלעזליך, פערדרייען אַ פּאַפּיראָס, זיפצען און קרעכצען און רעדען שטילערהייט. אָט זיצען צוויי אידען ביים טישעל אַראָבגעלאָזט די קעפּ. מען זעהט אַז ס'איז ביי זיי אויסגעגאַנגען ווערטער, כאַפּט זיך אויף איינער:

— וואָס זאָגסטו שמעון דוד אויף דעם „ווימאָראָזיג“, האַ?

— וואָס זאָל איך זאָגען אויף דעם ווימאָראָזיג?—כאַפּט זיך אויף דער אַנדערער ווי פונ'ם שלאָף—סאיז אַ ווימאָראָזיג פון גאָט! סאיז שוין איין מאָל אַ ווימאָראָזיג!

— מען בעדאַרף איהם פרעגע'ן צי וועט ער האָבען פון דעם איינעגעם ווימאָראָזיג אם־ירצה־השם אויף פסח?

— דו זאָרגסט זיך שוין פאַר פסח? ביזט שוין אַ פּנים אַ בעוואָרענ־טער מענש אַרום און אַרום, נאָר פסח'דיגער „ווימאָראָזיג“ געהט דיר אָפּ?

— וואָס דען, איך בעט דיך, אַז אַך און וועה איז מיר!

— אַז אַך און וועה איז טאַקי דיר, אַז דו בעדאַרפסט זיצען אָט אַדאָ אַ גאַנצען טאָג, אויסבעהאַלטען זיך פונם ווייב, זי זאָל ניט מאָהנען אויף שבת.

— דערמאָהן מיר ניט דאָס ווייב, גיב מיר בעסער מיט אַ פּיסטויל אין האַרצען. וואָס קען איך איהר געבען? צרות קען איך איהר געבען, אַז אַך און וועה איז מיר!

— דו מיינסט מיר איז בעסער? אַז אַך און וועה איז מיר אויך!

— איך ווייס אַז דיר איז אויך ניט, אַז אַך און וועה איז אונז ביידען! לחיים! לאָמיר זיין געזונד...

נאָך צוויי אידען זיצען ביי איין טישעל איינער מיט אַ גאַנצער קאַפּאָטע, און דער אַנדערער מיט אַ צעריסענער קאָפּאָטע, דער וואָס מיט דער גאַנצער קאַפּאָטע רעדט, און יענער וואָס מיט דער צעריסענער קאַפּאָטע קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין און שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ:

— פערשטעהסט דו שוין ווי אַזוי לוי יצחק דרעהט אויס אַ געשעפט?... לוי יצחק קען זיך אַריינדרעהען און דרעהען און פאַר־דרעהען אי זיך אי יענעם און סוף כל סוף פאַרט אויסדרעהען! דען איך אַז איך טרעט צו צו אַ געשעפט, שמעק איך פריהער, שאַ, פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט... און אַז איך שמעק גוט אָן וואו עס האַלט טהו איך מיר אַ פּאָרקע הינטען אַרום, דאָס, יענץ, לאָקש, בוירעם,

ציבעלע, טאָמער אַזוי, טאָמער אַזוי, וואָס וועט אײַך אַרען, ממה נפשך, ווי זאָגט ער: גוט איז אַ חיי־שעה!... אַז טאָמער טהוט מיר יענער אַ קוק אַוועק און איך דערזעה אַז ס'איז אויף צרות, אויף קינדער ווידער?... טרעט איך מיר אָפּ אין אַ זײַט און—שאַ! לאָז זיך עס טהון אָהן מיר!... אויב ס'איז באַשערט וועט דאָס ניט אַוועק, און אַז מען וועט בעדאַרפען פאַרקען וועט מען פאַרקען... פאַראַן אַ פּייטערבאָרג און פאַראַן!... מיר ווייסען שוין ווי אַ טיר עפענט זיך, מיר פערשטעהען דאָס מין... מיר קענען די עברי וואָס מען דאַרף... טאָמער דאַרף מען שרייבען געפּינט־מען שוין דעם וואָס ער שרייבט... דער עיקר איז ס'זאָל זײַן שטיל ש ש ש!!! (ער טהוט זיך אַליין אַ ביס דעם קולאַק און ווערט שטיל).

נאָך עטליכע אידען מיט פערשידענע קאַפּאָטעס און אַלערליי קאַשקעטען זיצען בײַ איין טישעל און רעדען אַלע מיט אַ מאָל, אַזוי אַז זייערע ווערטער ווערען צונויף געגאָסען אינאייינעם, און עס קומט אויס אַ מישמאַש פון מסחר, פון פּאָליטיק, פון ווימאָראָזיג, פון אַמאָליגע יאָהרען, פון הײַנטיגע קינדער, פון דאָקטוירים, פונ'ם טראַמוואַי, פון דער טאַקסע, פון אַ רוח אין די כתרילעווקער נגידים'ס טאַטען אַרײַן—ס'איז שווער אַרויסצוכאַפּען אויפ'ן פּאַפּיר דאָס וואָס ווערט דאָ גערעדט, און בײַ דער זײַט שטעהען ווילד־פרעמדע אידען, וואָס טרינקען ניט קיין ווימאָראָזיג, נאָר זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען אַהער גלאַט אַזוי, הערען וואָס מען רעדט טאַקי און אין איין וועג זיך אָנוואַרעמען...

נאָך אַ קאָמפּאַניע אידען זיצען אַרום טיש טרינקען „ווימאָראָזיג" און זינגען אַ לידעל, און דוקא אויף גויע'ש; נאָר שטיל אָהן געפילדער מיט זעהר אַ וויינענדיגען נוסח, ווי מען זאָגט סליחות אָדער תהלים:

אַברהמנו! אַברהמנו!
איבונו טי נאַש!
טשעמו טי נעפּראָסיש
אלהינו נאַש!
אַלבאָ נאַם וויקאָפּיט,
אַלבאָ נאַם וויפּראָסיט, — ?
לאַרצנו נאַשו,
לזעמליו נאַשו!?...

אַז עס האַלט בײַם „וויקאָפּיט" מאַכען זיי דאָס מיט אַ שטורם, מיט אַ ירגזון, דאָס הייסט מיט שטאַרקייט, נאָר אַז עס קומט צום „וויפּראָסיט" ווערען זיי מיט אַמאָל ווייך, בייגען אײַן די קעפּ און מאַכען מיט די

הענד, ווי להבדיל אַ פרומער חזן ימים נוראים פאַר'ן עמוד. און ביים „לאַרצנו נאַשו" לזעמליו נאַשו, גוויינען זיך טאַקי מיט טרעהרען ווי קליינע קינדער...

— עי־עי־עי־עי! רופט זיך אָן איינער פון דער קאָמפּאַניע. אַ יוד, וואָס דאָס קאַשקעטיל ליגט איהם שוין אויף יענער האַלבע קאָפּ, די אויגען זענען ביי איהם ווי שלעפעריג און די צונג פּלאָנטעט זיך שוין אַביסעל צווישען די צייהן. — וואָס וואָלט געווען אַ שטייגער כדומה למשל מען זאָל אונז אָבגעבען הייסט דאָס ארץ ישראל? האַ, יענקיל וואָס זאָגסט דו יאַנקיל? דו ביזט דאָך עפּעס אַ יודע נגן!

— ארץ ישראל? — זאָגט יענקיל, ציהט אויס דעם האַלז און קראַצט זיך אונטער'ן קאָלנער — ארץ ישראל? ע! ס'וואָלט אַודאי געווען ניט שלעכט... עפּעס ?יהיוען זיי זאָגט מען דאָך אין דעם ווי אַזוי הייסען זיי? די... די... ...

— די ציוניסטען? — כאַפּט איהם אונטער נאָך איינער — בלאָטע! ס'וועט גאָר ניט זיין פון דעם!

— פאַר וואָס? עפּעס בעדאַרף דאָך זיין אַלסדינג מיט אַ טעם!

— אַזוי מסתמא ווייס איך, אַז איך זאָג, איך האָב פיינד רעדען גלאַט אַזוי; דו ווייסט דאָך אַז איך זאָג איז געזאָגט!

— איהר זענט אַלע בהמות! — רופט זיך אָן אַ ראַקאָוואַטע אידעל מיט אַ לאַסטריגענע קאַפּאָטע, רעדט פּאַוואָלי, צעהלט די ווערטער, לעגט אַרויף דעם פינגער אויף דער נאָז, האַלט דאָס מויל אין אַ זייט און שמייכעלט צו זיך אַליין זעהר נעשמאַק און די בעקליך פלאַמען איהם — איהר זענט פערד, ווי איך בין אַ איד, אוי זענט איהר פערד! איך קוק און שווייג און הער זיך צו וואָס איהר רעדט: ציוניסטען, שמיוניסטען, קעבעבע מיט לאַקרעץ... איך זעה אַיים אַז איהר ווייסט קיינער ניט מה דקאמרי רביצין! אויב איהר ווילט וועל איך אייך זאָגען וואָס דאָ ליגט! די מעשה דערפון איז אַזוי... נאָר הערען זאָלט איהר מיט קאָפּ!...

ער נעמט דאָס בערדיל אין מויל אַריין, פערמאַכט די אויגען, טראַכט לאַנג לאַנג און כאַפּט זיך אויף פונם שלאָף און טהוט אַ מאַך צום בעל הבית, קנאַקט צו מיט'ן פינגער.

— רב זייט־זשע מוחל! הייסט געבען נאָך אַפלעשיל ווימאַראָזיג!...

V.

כתרילעווקער טעאטער.

אַרויסגעגאַנגען פון ווײַן־קעלער האָב איך דערזעהן אײַן אַפּיש מיט גרויסע אותיות אויף אידיש/אָפּגעדרוקט די דאָזיגע ווערטער:

„דאָס ערשטע מאָל אין כתרילעווקע!!.“

„דאָס אידישע טעאַטער“

„דער [redacted]מת׳ר אַדלער פון אַמעריקא!!!“

„דער גרעסטער קאָמיקער פון דער וועלט!!!“

„איהר וועט צוגעהן פאַר געלעכטער“

„אזא באָבע יחנע איז נאָך ניט געווען זינט די וועלט שטעהט“

„אזא האָצמאַך ווי בײַ אונז איז נאָך גאָר ניט געבוירען געוואָרען“.

„הײַנט שפּיעלט מען אַ שפּאָגעל נײַע אָפּערא:

! קאָלדוניא !

„אידען פאַרזעצט וואָס איהר האָט“!

„אידען! געהט אין טעאַטער!

„אידען איהר וועט זיך מחיה זײַן“!

„אידען לויפט!“

„בילעטען קויפט!“

„גיכער! גיכער!

ווי אַ וויכער“!...

אונטען געהט געחתמט: דער רעזשיסאָר, דער דירעזשאָר און דער אַנטעפּרינער, טאַקי אַדלער אַלײַן, דער אמת׳ר אַדלער פון אַמעריקא דער גרעסטער קאָמיקער אין דער וועלט“

— איהר ווײַסט ניט וואו איז דאָ ערגעץ דאָס אידישע טעאַטער? מהו איך אַ פרעג אַ יִידען וואָס לויפט פאַרבײַ מיר מיט אַ פּעקיל סחורה אונטער דער האַנד.

— דאָס אידישע וואָס? — מאַכט צו מיר דער איד מיט׳ן פּעקיל סחורה און שטעלט זיך אָפּ און בעטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס.

— דאָס אידישע טעאַטער — זאָג איך.

— וואָסער טעאַטער? — זאָגט ער.

— דער טעאַטער—זאָג איך—וואָס מען שפּיעלט ראָרט.

— ווער שפּיעלט דאָרטען?—פרעגט ער מיך.

— אוּלער — זאָג איך—שפּיעלט דאָרטען.

— וואָסער אַדלער — מאַכט ער צו מיר.

— אַדלער — זאָג איך—דער אמת'ר אַדלער.

— פון וואַנען איז ער? — מאַכט ער צו מיר.

— פון אַמעריקאַ—זאָג איך — איז ער.

— פון אַמעריקאַ? — מאַכט ער צו מיר — וואָס זשע טהוט ער היע?

— ער שפּיעלט דאָ — זאָג איך — אינ'ם אידישען טעאַטער.

— וואָס זשע שפּיעלט ער — זאָגט ער.

— קאָלדוניאַ — זאָג איך—שפּיעלט ער

— וואָס זשע הייסט דאָס „גאָלדוניע"? מאַכט ער צו מיר. איך וויל אוועקגעהן, לאָזט ער מיך ניט; ער וויל איך זאָל איהם נאָר דערצעהלען, וואָס דאָס איז אַזעלכעס „טרעיאטער" און וואָס הייסט „גאָלדוניע" און ווער איז דער אַדלער וואָס ער איז געקומען פון אַמעריקאַ?.. איך דערצעהל איהם און ווי וויַיט מעגליך מאַך איך איהם קלאָר, וואָס איז אַזעלכעס טעאַטער און וואָס איז „קאָלדוניאַ" און ווער איז אַדלער. מײַן איד הערט אוים אַלסדינג מיט קאָפּ, בייגט זיך אָן, טהוט אַ שפּיַי אוים און געהט אוועק אָהן אַ זײַט-געזונד.

— חנה בײַלע! וואוהין לויפסט דו אַזוי? — שרײַט אַ ווײַבעל צו דער אַנדערע איבער דער גאַנצער גאַס און האָרחעלט, קען ניט אויסרעדען קײַן „ר".

— אין „טהעיאַטעה" אַהאָן! —ענטפערט איהר דאָס אַנדערע ווײַבעל אויך מיט אַ האָרחלען און מיט אַ קמץ דאָרט וואו מען דאַרף אַ פּתח. — נו און דו געהסט גאָר ניט אין טהעיאַטעה אַהאָן?

— אַחויסגעהן זאָל איהח די נשמה! — מאַכט דאָס ערשטע ווײַבעל — וואָס זאָגסט דו מײַן כתרילעווקער נגידות? זי וויל איך זאָל איהר הײַנט מאַכען די גענז, מאַכען זאָל זיך איהח אַ מכה! און פרעגלען שמאַלץ, פרעגלען זאָל מען שוין זי רבונו של עולם! די גאַנצע וועלט געהט אין טהעיאַטעה און איך דאַרף זײַן געבונדען, בינדען זאָל מען זי שוין אויף אַלע פּיעה ליבעה גאַס!

— וואָס העהסטו זי? — זאָגט דאָס אַנדערע ווײַבעלע, —פאַר דײַן געלד מעגסט דו געהן וואו דו ווילסט!

— איך העה זי ווי המן דעם גחײַגעה!... מאַכט דאָס ערשטע

ווייבעל — איך לויף אהיים איך טהו זיך איבער און גיי אין טעאַטער אהאַן זי זאָל נאָר אויפלויפען ווי אַ באַהן!

ביידע ווייבלעך צוגעהען זיך און איך האָב דערווייל מיט וועמען צו געהן אין טעאַטער, דאָס ווייבעל קוקט זיך אַלע ווײַלע אַרום און זעהט ווי איך גייה איהר נאָך, בלייבט זי שטעהן אַ ווײַלע און נעמט זיך רעכטס — איך גייה רעכטס, זי נעמט זיך לינקס — איך גייה לינקס, זי גייט פּאַוואָליע — איך איהר נאָך, הויבט אָן דאָס ווייבעל לויפען אַזוי ווי מען לויפט אויף אַ שרפה.

— וואָס איז — פרעגט מען זי — וואוהין לויפסט דו? גאָט איז מיט דיר!

— עפּעס אַ שלים־מזל! — זאָגט דאָס ווייבעל און ווייזט אָן אויף מיר. — ער גייט מיר נאָך שוין פון אַ שעה. איך ווייס ניט וואָס ער איז!...

גיך ווערד באַשאַפען אַרום אונז אַגאַנץ רעדעל פון אידען, ווייבער און קינדער מען הויבט אָן טייטען אויף מיר מיט די פינגער.... עס פאָהרט דורך פאַרביי אַ בעל־עגלה, כאַפּ איך מיך אַריין אין ביידעל און הייס מיך פיהרען אין טעאַטער אַריין.

צוגעפאָהרען צום טעאַטער טרעף איך אַ גאַנצע כאַליאַסטרע מיידלעך מיט בחורים שטעהען אין דרויסען, רעדען און לאַכען און שיטען מיט ווערטלאַך.

— לאָזט דורך דעם פּריץ! — שרייט איינער צום אַנדערן.

— פּאַוואָלי, איהר וועט איהם חלילה צוקנייטשען דעם קאַפּעלוש — שרייט נאָך איינער

קוים מיט צרות מיט לייד זיך דורכגעשטופּט דורך דער כאַליאַסטרע צו דער קאַסע, אַ קליין פענסטער'ל, טהו איך אַ פרעג צי קען איך בעקומען אַ בילעט, און די כאַליאַסטרע פון הינטען שטופּט מיך און קוועטשט מיך פון אַלע זייטען.

— וואָסער אַ בילעט ווילט איהר? — פרעגט מיך דער קאַסיר, אַ דאַרער בחור מיט אַ לאַנגען גאָרגעל.

— וואָסערע בילעטען האָט איהר? — פרעג איך דעם קאַסיר.

— פאַראַן — זאָגט דער קאַסיר — אויף אַ גילדען און אויף צוויי גילדען און אויף דריי גילדען.

— און טהייערער איז ניטאָ ביי אייך? — פרעג איך איהם און די כאַליאַסטרע בשעת מעשה הערט ניט אויף צו פּילדערן.

דערהערט פון מיר אזעלכע דבורים, חאפט זיך אויף דער קאסיר פונ'ם בענקעל, שטעקט ארויס דעם קאפ פונ'ם פענסטערל און שרייט אויס אויף דער חאליאסטרע מיר גלייך אין פנים אריין:

— א רוח אין אייער ט.. ט.. אריין! איהר וועט זיך ניט צוגעהן? אט שיק איך איך ארויס רב לאזער דעם גאראדאווא! מיט א קישקע וואסער! קומט — מאכט ער צו מיר — אהערצו אין טויער אריין.

די חאליאסטרע טרעט אפ א ביסעל אויף א זייט און איך שלאג מיך דורך דורך'ן טויער אין הויף אריין. אין הויף שטעהט א גרויסע שטאל, אדער א שאלאש, וואס פון די ברעטער לייכט זיך דורך א פייערל און עס לאזט זיך הערען א געשריי פון מענשען, א האלבע טיר פון דעם שאלאש שטעהט אפען און צוויי געזונדע יונגען שטעהען און גיבען אכטונג, מען זאל זיך ניט אריינכאפען אין טעאטער אהן א בילעט.

— אידען! איינציגוויין געהט! איינציגוויין — שרייט א איד מיט איין אויסגעפליקטע בארד און מיט א שווערד אויף דער זייט, א פנים דאס מוז זיין רב אלעזר גאראדאווא, נאר דער עולם הערט איהם ווי דעם קאטער: מען וויל ניט געהן איינציגוויין; איטליכער וויל פריהער און ערע שפארען זיך מיט אמאל.

— לאז דורך, דו יון מיט דער שפאגע! דו זעהסט ניט ווער סע געהט? — אזוי שרייט איינער און שטופט זיך דורך מיט גוואלד, שיט מיט ווערטער אויף די אקטיארען: „פייפער, האגעדראניץ", „גרינער אגרעס"! לעדיגע קישקע"!

איך קוק מיך ארום: ווער רעדט דאס? עפעס זעהר א קענטליכע שפראך. איך קוק מיך צו, איך האב איהם דערקענט: ס'איז נח דער שווייצאר פון מיין סטאנציע „האטעל טערקאריע" נאך איהם שלעפט זיך א גאנץ געזינדעל ווייבער, בחורים, און מעדליך.

— ווער איז דאס ווייבעל? — פרעגט איהם איינער פון די אקטיארען.

— דאס איז מיין ווייבעל — ענטפערט נח — דו קענסט ניט מיין שרה פעריל? און דאס זענען מיינע קינדער.

— און דאס?

— דאס איז מיין שוויגער.

— און די דאזיגע?

— דאס איז מיין ווייבס א שוועסטעריל.

— און ווער איז דער יונגערמאן?

— דאָס איז איהר חתן .

— און ווער איז דאָס מײדעל ?

— דאָס איז דעם חתנ'ס א שוועסטער .

— און ווער איז דער בחור ?

— דאָס איז דעם חתנ'ס שוועסטער א חתן .

— און ווער איז אַט דאָס מײדעל ?

— דאָס איז זײַן שוועסטער דאָס הײסט דעם חתנ'ס שוועסטער'ס חתנ'ס א שוועסטער .

— אַ היבשע משפּחה בײַ אײַך רב נח ! . . .

— זאָלץ דיר אין די אויגען , שטײנער דיר אין האַרצען ! — מאַכט צו איהם נח — זאָג חאָטש קײן עין הרע , דו אַקטיאָרשטיק ! דו קאָמעדיאַנטשיק ! דו בערענטרײַבער ! דו גאָרגעל-רײַסער ! דו בולקע-שלינגער ! . . .

תיכף נאָך נח דעם שווײַצאַר שפּאַרט זיך דורך דער משרת פון'ם האָטעל מיט די גרויסע שטיוועל , אײנער פון די צוויי אַקטיאָרען וואָס שטעהען בײַ דער טיר דערלאַנגט איהם אַ זעץ פון הינטען און שטופּט איהם אַרײַן אין טעאַטער אַרײַן .

נאָך איהם דערזעה איך פערשידענע פּאַרשוינען שפּאַרען זיך דורך , מעהרסטענטהײל אָהן בילעטען , צווישען די פּאַרשוינען דערקען איך מײַן בעל הבית פון דעם „האָטעל טערקאַליע" מיט עפּעס אַ יודענע זעהר אַ גראָבע , וואָס געהט ווי אויף רעדליך און קאָטשעט זיך , ווי אַ קאַטשקעלע .

— אַ ? איהר זענט אויך דאָ ? — מאַך איך צום בעל הבית און פערגעס אַז ער איז טויב ווי די וואַנד .

— ניש קשה ! — ענטפערט ער מיר און שרײַט אויף אַ קול , גלײַך ווי איך וואָלט דאָ געווען דער טויבער — זײ זינגען קײן מעשה ניט !

— איהר זענט דאָ דאָס ערשטע מאָל ? — פרעג איך איהם .

— ס'איז רב ליפּעס שמואל — מאַכט ער צו מיר — אַ גאַנץ יאָהר האַלט מען דאָ בהמות אָדער פערד .

— קום שוין קום ! רופט זיך אָן צו איהם די גראָבע אידענע , און טהוט איהם אַ שלעפּ בײַ דער פּאָלע , און זײ געהען אַוועק בײדע און בעזעצען זיך גאַנץ אויבען אָן .

— הערט נאָר איהר אַקטיאָרען ! וואו זענט איהר ערגעץ ? —

אזוי רופט זיך אָן איינע אַ דאַמע מיט אַ הוט, מיט אַ ווייסען פעדער און מיט ברילִיאַנטען, און נעבען איהר שטעהט אַ קאַוואַליער מיט אַ קאַפּעלוש און מיט אַ געשווירען בערדיל.

עס שפּרינגט אונטער איינער פון די אַקטיאָרען, אַ בחור מיט אַ קורץ רעקיל, מיט אַ קוויטיג העמד און מיט אַ הונגעריג פּנים.

— וואָס ווערט איהר עפּעס זאָגען, מאַדאַם?

— וואָס הייסט וואָס וועל איך זאָגען? — מאַכט צו איהם די מאַדאַם — מיר האָבען דאָך געקויפט בילעטען. פאַר וואָס וויזט מען אונז ניט אונזערע ערטער?

דער לאַנגער אַקטיאָר מיט'ן הונגעריגען פּנים נעמט ביי זיי די בילעטען און פיהרט זיי צו גאַנץ אויבען אָן און וויל זיי בעזעצען, זענען פערנומען אַלע בענקליך.

— זייט זשע מוחל, איהר האָט זיך געזעצט ניט אויף אייערע ערטער! — מאַכט דער אַקטיאָר צו אַ בחור מיט אַ מעדעל, וואָס זיצען און קנאַקען ניסליך פון אַ שקאַרמוצעל.

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז מיר זיצען נישט אויף אונזערע ערטער? — זאָגט דער בחור און טהוט זיך זיין אַרבייט.

— וויזט אייערע בילעטען — זאָגט צו זיי דער אַקטיאָר און נעמט ביי זיי די בילעטען, און וויזט זיי וואו זיי דאַרפען זיך זעצען, אַ סך נידריגער.

— וואָס הייסט — מאַכט דער בחור — איהר וועט אונז זאָגען דעות וואו מיר זאָלען זיך זעצען? וואָס איז דאָ להבדיל אַ מקום קדוש, אַ שוהל צי וואָס?

דער אַקטיאָר לאָזט זיך אַריין מיט איהם אין אַ לאַנגען שמועס. דער בחור מיטן מעדעל ריהרען זיך ניט פון די ערטער און קנאַקען ניסלעך. דער לאַנגער אַקטיאָר מיט'ן הונגעריגען פּנים פּרובט זיך ביי אַלע איבעריגע פּאַרשוינען וואָס אין טעאַטער, נאָר דאָס גאַנצע פּובליקום זיצט אויף די ערטער גאַנץ פעסט, קיינער וויל ניט אָבטרעטען, חאָטש נעם פיהר אַרויס דאָס גאַנצע טעאַטער מיט גוואַלד.

די דאַמע מיט'ן ווייסען פעדער און מיט די בריליאַנטען בייזערט זיך. „וואָס איז דאָס פאַר פּאַריאַדקעס אין כתריל׳עווקער טרעיאַטער?" זי שרייט מען זאָל איהר אומקעהרען דאָס געלד וואָס זי האָט בעצאָלט פאַר די בילעטען! וואו איז ערגעץ לאָזער גאָראָדאָוואָי?!...

עס בלײַבט אַז מען זאָל ברענגען עקסטרא פֿון איהרעטוועגען צווײַ שטוהלען אונ עס ווערט אַביסעל שטילער.

ביסלעכווײַז ווערען אָנגעצונדען די לעמפּליך, וואָס רויכערען און לאָזען זיך הערען מיט אַ שאַרפֿן רח פֿון גאַז. אײנציגווײַז בעווײַזען זיך די כלי־זמר בײַ דער סצענע וואָס איז איבערגעצויגען מיט אַ לײַלעך. פֿריהער פֿון אַלע קומט צו געהן דער באַס, אַ גרויסער יוד מיט גראָבע פּאות און מיט בײַזע אויגען ווי בײַ אַ גזלן. באַלד נאָך איהם בעווײַזט זיך דער קעסעלפּויק, אַ האָרבאַטער בחור מיט אויסגעקראָכענע האָר. נאָכדעם קומט דער טראָמפּײַט, אַ נידעריגער יוד מיט גראָבע ליפּען, דער פֿלײַטיסט מיט אַ טשאַהאָטקע פּנים אונ אַ טרובאַטש מיט גנב'הישע אויגעליך, וואָס לויפֿען אַהער און אַהין, אונ צווײַ דרײַ יונגע לײַט מיט פֿידלען, אונ ערשט אויפֿן סוף דער ערשטער פֿידלער, דער עלטסטער פֿון אַלע כלי־זמר, דער דיריזשאָר, — אַ רויטער בחור מיט אַ ווײַסע פּאַפּירענע מאַנישקע מיט אַ קורצען פּידזשאַק מיט שטאַרק אָנגעפּאָמאַדעטע האָר אונ מיט אַ גרויסען בלויען שניפּס. ער שטעלט זיך מיט'ן פּנים צום פּובליקום, קנאַקט אוים אַלע פֿינגער, אונ שמײַכעלט פֿון דער ווײַטען צו עפּעס אַ מעדעל מיט ווײַסע הענטשקעליך. די גאַנצע קאַפּעליע זעצט זיך אוים אונ מען נעמט זיך אָנשטעלען די אינסטרומענטען. קודם כל טהוט דער דיריזשאָר אַ קלאַפּ מיט'ן סמיטשיק איבער'ן פֿידעלע אונ דער טראָמפּײַטער מיט די גראָבע ליפּען גיט אַ טאָן און תיכף נאָך איהם שטעלען אַלע איבריגע אַ טאָן, און הויבען אָן זיך דורכרעדען אויף זײַערע אינסטרומענטען: דאָס פֿידעלע פֿערגעהט זיך, ווײַנט אונ חליפּעט, דער טראָמפּײַט מאַכט האָלדיר! האָלדיר! ווי איין אינדיק וואָס מען האָט איהם שטאַרק צורײַצט, דער באַס בורטשעט אונטער ווי אַ בער, און דער פֿלײַט פּײַפּט זיך אָן אַלעמען, אינאײנעם קומט דאָס אוים אַ מישמאַש, ווי פֿון עטליכע מאות ווײַבער אויף אַ יריד אונ אַ געפּילדער פֿון אַסך געגז אונ קאַטשקעס.

עס בעווײַזט זיך עפּעס אײנער אַ יונגערמאַן מיט אַ גרינע קאַפּאָטע, טראָגט אין איין האַנד אַ פּאַק מיט פּאַפּירען אין דער אַנדערער האַנד אַ האַלבע בולקע מיט אַ שטיקעל הערינג, און זעצט זיך אַנידער גאַנץ אויבען אָן אויף אַ קלײן בענקעלע אַקעגען דער סצענע אונ בײַסט איבער.

— ווער איז דאָס? — הער איך ווי די דאַמע מיט'ן ווײַסען פּערער פֿרעגט בײַם קאַוואַליער.

— דאָס איז זײַער סופֿליערער — ענטפֿערט איהר דער קאַוואַליער.

— וואָס הײַעט סופּריערער? — פרעגט איהם ווידער די דאַמע.

— דאָס הײַסט זײַער פּיזאָגער — זאָגט דער קאַוואַליער...

און פון יענער זײַט לײַליך רעדען זיך איבער די אַקטיאָרען צווישען זיך פון פערשידענע זאַכען:

— וואו איז ערגעץ פראַדעל די פּרימאַדאָנע צו אַלדע שוואַרצע יאָהר?

— זי איז געגאַנגען צום שוכטער, זי האָט ניט אין וואָס אַרוים־צוגעהן אויף דער סצענע. אָפּגעשפּרונגען אַן׳אָפּצאַס.

— קראַנק געוועזען געהן בײַ טאָג? אַ שענע פּרימאַדאָנע!..

— אברהמ׳ל טהו אויס די הויזען?

— וואָס מאַכען דיר קאַלי מײַנע הויזען?

— אַ שענע באָבע יאַחנע מיט הויזען?

— איך געה דאָך אויבען אַ קלײַדעל! וואָס מאַכט דאָס אויס!

— איך ווײַס, אַז דו טראָגסט אויבען אַ קלײַדעל, וואָס וועט אָבער זײַן אַז מען וועט דיך וואַרפען אין פײַער? דערמאָלט פליהסט דו מיטן קאָפּ אַראָב אונ מיט די פּיס אַרויף, וועט מען אַרויסזעהן די הויזען...

— גיב מיר בעסער אַ ציה טהון פון דײַן פּאַפּיראָס, דו פּאַרכוץ...

— האָצמאַך! וואו איז דײַן באָרד? פּאַר וואָס קלעפּסט דו שוין ניט אָן די באָרד?... רבקה! שמיר דיר אָן דאָס פּנים מיט קרײַד!... מנשה׳קע! מאַך דיר אַ האָרב פון אונטען כּכדי דו זאָלסט האָבען מעהר פּנים פון אַ אידען!... וואו איז ערגעץ די פּיס?

— וואָסערע פּיס?

— ווער האָט געבראַכט די פּיס פון יאַטקע?... טויזענד מאָל האָב איך אײַך געזאָגט אַז מען שפּיעלט „קאָלדוניא״ בעדאַרף זײַן אַ פּוס!... דער רוח זאָל אײַך נעמען! וועלוויל! וואָס ביזט דו פּאַר אַ רעזשיסאָר, דו יאָלד אײנער?!...

פּלוצים ווערט אַ קלאַפּערײַ אין טעאַטער אַז מעקאָן טויב ווערען, עס פליהט דורך אײנער מיט אַ גלעקעל אונ קלינגט. עס געהט אַוועק עטליכע מינוט, דער עולם הויבט אָן ווידער צו שרײַען אונ צו קלאַפּען. יענער לופט ווידער דורך מיט׳ן גלעקיל, אונ אַזוי עטליכע מאָל, ביז דער רויטער פידלער חאַפּט זיך אויף, טהוט אַ מאַך עטליכע מאָל מיט׳ן קאָפּ אַרויף אונ אַראָב, מאַכט צורעכט דעם קאָלנער מיטן בלויען שניפּס, טהוט אַ זעץ מיט׳ן שטעקעלע, אונ די כּלי זמר שפּיעלען אָב אַ „שטיקעל״. הויבט דער עולם ווידער אָן צו שרײַען אונ צו קלאַפּען, שפּילען די כּלי־

זמר נאָך „אַ זאַך“, עס ווערט ניט שטיל ביז עס הויבט זיך אויף דער לײַליך און די שפּיעל הויבט זיך אָן.

צום אַלעם ערשטען געהט אַרויס אַ מעדעל מיט איין אונטערשט קלײדעל און מיט צופּלאָכטענע האָר, גלײַך ווי עמיצער וואָלט זי נאָר וואָס אויסגעפּאַטשט, און הויבט אָן זינגען אַ טרויעריג ליעדעל פון איין אָרימער יתומה, מיט׳ן נוסח פון „סטאָיט גאָרא ווייסאָקאַיאַ! ווייסאָקאַיאַ“! —

„אַ יתומהלע! אַ יתומהלע“ און דאָס גאַנצע פּובליקום האַלט זי אונטער. „אַ יתומהלע! אַ יתומהלע“ פריהער שטיל, וואָס ווײַטער אַלץ העכער און העכער, אַזוי אַז מען הערט שוין מעהר ניט דאָס מעדעל זינגען, נאָר דאָס פּובליקום. שפּרינגט אַרויס איינער פון די אַקטיאָרען אויף דער סצענע און בעט דעם עולם „עס זאָל זײַן שטיל“! דער עולם ווערט שטיל, אָבער נישט אויף לאַנג, דאָס מעדעל הויבט אָן צו זינגען, אַזוי זינגט מיט איהר גאַנץ קהל: אַ יתומהלע! — אַ יתומה׳לע!...

עס שפּרינגט אַרויס ווידער אַמאָל דער אייגענער אַקטיאָר, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז ער געהט אַרויס פון די כלים, און זאָגט זיי מיט׳ן האַרבען וואָרט: — איהר וועט ניט אַנשטומט ווערען? אָט רוף איך אַרויס רב לאָזער גאָראָדאָוואַי מיט דער קישקע וועט אַ רוח אין אײַער ט... ט... אַרײַן!...

דער עולם הערט אויף צו זינגען, נאָר מען זאָגט מבינות, איטליכער נאָך זײַן פערשטאַנד. דער זאָגט, אַז זי האָט אַ קול פון אַ „ריקבעט“, און דער זאָגט, אַז עמיצער זאָל איהר אונטערטראָגען אַ בולקע וואָלט ער פערדינט אַ מצוה... די אונטערשטע בענק שרײַען ס׳זאָל זײַן שטילער! נאָר עס העלפט ניט ביז עס פליהט אַרויס אויף דער סצענע האָצמאַך, אַ יוד מיט אַ מאָדנע שטרײַמיל, מיט איין האַלבע באָרד, מיט לאַנגע פּאות כמעט ביז׳ן גאַרטל, מיט שיך און זאָקען, מיט איבערגעקעהרטע אויגען און מיט אַ האָרב אויף די פּלײצעס, האָצמאַך טראָגט מיט זיך אַ קאָשעק מיט סחורה, לויפט אַרום איבער דער סצענע ווי אַ משוגענער און רעכענט אויס, וואָס ער האָט צו פערקויפען: „בײַטעלעך, שטעקעלעך! שוועבעלעך, מעסערלעך, זאָקען פּאַפּירענע! קלײדערעך קרישטאָלענע! שפּילקעלעך, בײַוועלעך! קויפט עפּעס ווײַבעלעך“!... און טהוט זיך אַלע מאָל אַ חאַפּ בײַ די פּאות, אַ שפּרונג און אַ געשרײ:

— האָצמאַך! דער רוח זאָל מיך נעמען!...

דער עולם ווערט אַזוי נתפּעל פון האָצמאַכען, אַז עס ווערט איין איינגעלעגעניש אויף אַ האַלבע שעה. מען פּאַטשט בראַוואָ, מען שרײַט

„האַצמאַך! הוררא“! מען קלאַפּט מיט די שטעקענעס איבער די בענק, מען וויל גאָר נישט אויפהערען. האַצמאַך פּרובט זיך איינשטילען דעם עולם; ער שטעלט זיך אַוועק און מאַכט מיט די הענד, הויבט מען אָן נאָך מעהר צו שרייען: „האַצמאַך! אַ טענציל, האַצמאַך! האַצמאַך“! פּלוצים...

פּלוצים האָט עפּעס געגעבען אַ פּאַטש מיט די פליגעל, אַ פליה כין אויבען אַראָב און אַ פאַל גלייך אויפן הוט מיט'ן ווייסען פעדער פון דער דאַמע מיט די בריליאַנטען. די דאַמע הויבט אָן פאַר שרעק חלשן און אין טהעאַטער ווערט מיט אַ מאָל אַ בהלה מיט אַ געשריי: „גוואַלד, יודען, ראַטעוועט! ראַטעוועט!!“ איינער האָט אַ געשריי געטהון „עס ברענט!“ — און מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט. סאיז געוואָרען אַ שפּרינגעניש איבער בענקליך, אַ שטופּעניש, אַ קוועטשעניש, אַ לויפעניש, אַ לויפעניש איבער קעפּ צו דער טיר מיט אַ געשריי: חאַסי וואו ביזט דו?... יענקיל אהער!... רבקה האַלט זיך!... מאָטיל איך שטאַרב!.. ברכה שריי ניט!.. בעני וואו איז יענטיל... מאַמע! אָט בין איך מאַמע!“...

נאָך איין מינוט וואָלט פון אונז אַלעמען געוואָרען אַ תל. אַ גליק וואָס נח דער שווייצאַר פון מיין האָטעל איז געפאַלען אויף אַ שכל און האָט אונז אַלע אויסגעלייזט פונם טויט, ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ בענקיל און האָט זיך אָנגערופען צום פּובליקום אויף אַ געמבע:

— שוטים! נאַראָנים! ליימענע גולמ'ס! גלאַטע בהמות! ציגענע בערד! נאַרישע גאָרגלען! ווייבערשע נשמות! וואָס פילדערט איהר? וואָס שרייט איהר? וואוהין לויפט איהר? אָט ווערט פון אייך באַלד אַ פּרעזשעניצע! טפּשים! פאַר וועמען האָט איהר אייך דאָ איבערגעשראָקען? פאַר אַ נאַריש עוף? איהר זעהט דען ניט, אַז איין עוף איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער „סידעלע“. רב לאָזער וואָס שווייגט איהר? שטעלט אָן די קישקע!.. כלי זמרים! אַ רוח אין אייער ט... אַריין, אַ פרייליכם טאָדערידערידראַדערידערידע.

די כלי זמר חאַפּען אַ פרייליכם און דער עולם הויבט זיך אָן אויסצוזעצען צוריק אויף די ערטער... איך גנב'ע מיך אַרויס פּאַוואָלינקע פונם טעאַטער, חאַפּ אַ ביידיל און היים מען זאָל מיך פיהרען אויף דער סטאַנציע, אין האָטעל טערקאַליע. דאָס ביידיל העצקעט מיך איבער די שטיינער און שטעלט זיך אָב אַלע ווײַלע און העצקעט ווייטער.

— וואָס שטעלט איהר זיך אָפּ אַלע מינוט? — פרעג איך דעם בעל עגלה.

— דער רוח ווייסט זיי — ענטפערט ער מיר — וויאָ! עס האָט זיך זיי געגלוסט בעלייכטען אונזער כּתרילעווקער בלאָטע, האָבען זיי אומגעקלערט עפּעס אַ מין בעלײַכטונג „לאַמטעדעריטעמס” אַזעלכע וואָס איבער זיי קאָן מען נישט פאָהרען, מחמת די פערדליך שרעקען זיך פאַר די סטאָיפּעס. זיי זענען ניט געוואָהנט געוואָרען בײַ אונז מען זאָל זיי בעלײַכטען. וויאָ!.. אַלע מאָל אַלע מאָל, קלערט מען צו אַ נײַע צרה: פריהער אַ טראַמבעליק, איינגעזונקען זאָל ער ווערען! וויאָ!... נאָכדעם לאַמטעדריטעמס איף צו שרעקען די פערד, און איצטער זאָגט מען וועלען זיי שוין פערוועהרען דאָס וואַסער פון דער גנילאָפּיאַטקע. וויאָ! עס וועט זיי, מאָלט אַייך, העלפען ווי אַ טוידטען באַנקעס, מחמת די וואַסערפיהרער זאָגען, אַז זיי זאָלען וויסען דער טוידט זאָל זיי זײַן וועלען זיי ניט דערלאָזען, אַז כּתרילעווקע זאָל טרינקען ברונען־וואַסער! וויאָ... זיי ווייסען שוין גאָר ניט וואָס אויסצוטראַכטען, די נגידים, ברענען זאָלען זיי! מען זאָגט אַז עס וואַקסט יאַקבי פון יעהופּעץ... די יעהופּעצער נגידים פעלט אַ פּנים נור קאָפּוועהטיג? וויאָ!... זיי זיצען און ברעכען זיך די מוחות, ווי אַזוי נעמט מען צו בײַ אידען פרנסה, אויסרײַסען בײַם אָרימאַן דעם לעצטען ביסען ברויט פונם מויל... אַ מיתה מהומה זאָל אויף זיי קומען דאָרטען אין יעהופּעץ! וויאָ קינדער, וויאָ!...

VI.

כּתרילעווקער שׂרפה.

געלעגען אויף דער סטאַנציע אין האָטעל טערקאַריע האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געהאַט מלחמה מיט בייזע חיות וואָס האָבען מיך בעפאַלען, זיך נוקם געווען אין מיר, דערפאַר וואָס איך האָב ניט געוואָלט זיך לעגען מיט זיי אין בעט און האָב זיך אויסגעבעט אויף דער קאַנאַפּע.

— וואָס האָסט דו געפּועלט? — האָבען זיי זיך מיט מיר גערייצט — אי מיר וועלען דיך בײַסען אי עס וועט דיר זײַן האַרט צוקאָפּענס, וועסט אויפשטעהן פון דער קאַנאַפּע אָהן אַ האַלז און אַקען...

פּלוצלינג דערהער איך אַ משונה מאָדנע קלונג: באָם! באָם! באָם!!! און תיכף נאָך דעם לאָזט זיך הערען אַ לויפעריי פון מענשען מיט אַ קול „עס נעצט! עס נעצט!” איך שטעה אויף איך געה צו צום

פענסטער; איין האלבער הימעל איז רויט ווי אַ פייער: די אַנדערע האַלבע איז חושך! איין האַלבע שטאָדט איז משונה מאָדנע בעלייכט, די אַנדערע האַ'בע שטאָדט איז פערזונקען אין אַ מורא'דיג פינסטערניש. איך כאַפּ אויף זיך דעם אָנטהון און לויף אַרויס אין דרויסען, עס לאָזט זיך הערען פון דער ווייטען אַ מאָדנע געשריי, אַ הילך אָהן ווערטער, און מענשען ציהען זיך אַהינצו שלעפּענדיג, געהען און גענעצען און ציטערן פאַר קעלט און דערצעהלען איינער דעם אַנדערן נסים ונפלאות, ווער עס האָט פריהער דערהערט און ווי אַזוי ער האָט דערהערט און זענען זיך משער איטליכער בעזונדער, ווער דאָס ברענט, דער זאָגט! „ס'איז יוסיל" דער זאָגט! „ס'איז מנשה" דער זאָגט! ס'איז ניט יוסל און ניט מנשה, „ס'איז שרה זיסיל".

— ווי קומט אַהער שרה זיסיל? — שפּאַרט איהם איבער נאָך איינער — אַז שרה זיסיל'ס שטוב איז אויף דער יאָרדינגע און דאָס איז גאָר אויף דער אַלטער שטאָדט?

— ס'איז אַזוי אויף דער אַלטער שטאָדט, ווי איך בין אַ רבצין! — ענטפערט איהם נאָך איינער — זעהסט ניט אַז ס'איז נעבען דער באָד?

— שאַ, וואָס דאַרפט איהר זיך שפּאַרען? — גלייכט זיי אויס נאָך איינער — אַמעהר קומט אַהין, וועלען מיר וויסען אַקוראַט. — זיי געהען און איך געה זיך נאָך און הער מיך צו וואָס מען רעדט.

— עמיצער האָט שוין דאָ געמאַכט „בורא מאורי האש".

— וואָס איז די ראיה?

— מחמת ס'איז געווען געסטראַכירט.

— פון וואַנען ווייסט דו?

— וואָס דען? ס'זאָל ניט זיין געסטראַכירט וואָלט ניט געברענט, אַ שטוב ברענט ניט פון זיך אַליין.

— וואָס זאָגסט דו, יענקיל, ווי שען עס ברענט. מחיה נפשות!

ווי אַ הבדלה ברענט אַ שטיביל, וואַרפט אַרויס עטליכע שטאַרק רויטע צונגען. דער דאַך איז שוין ניטאָ; עס קנאַקען די קראָקוועס, עס טרישטשען די פענסטער, און אַ געדיכטער רויך מיט שוואַרצע קנוילען קייקעלט זיך און ציהט זיך ווייט, ווייט, איבער הייזער און הייזליך, עס הערט זיך אַ קול פון ווייבער, וואָס בעקלאָגען זיך אויף דעם שלאַק וואָס זיי האָט געטראָפען אין מיטען האַלבע נאַכט. און אַ געוויין פון קליינע נאַקעטע קינדער וואָס ציטערן און וואַרעמען זיך בייַם פייער. דאָרט זיצט אַ גאַנץ געזינדעל אויף איין איבערבעט מיט עטליכע קישענס, וואָס

זײַ האָבען קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דער שרפה, און דאָ שטעהט אַ אידענע אַ מעוברת'ע מיט אַ טעפּיל אין האַנד און מיט אַ פלעדערוויש און דערצעהלט דער אַנדערער אידענע, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבען.

— אָנגעהויבען האָט זיך עס אָנגעהויבען, ווערה איז מיר פון שמעון דעם סטאָליר... מען איז געגאַנגען אַ פנים מיט אַ לעמפּיל וויסט איז מיר, בײַ נאַכט... סטרוזשקעס איז פאַראַן אַ סך, פינסטער איז מיר, און אפשר אַ שוועבעלע, אָדער אַ פּאַפּיראָס, און אפשר האָט דער בעל הבית אַליין גדליה מײַן איך, געטאָן, ווײס איך ניט; איך בין דערבײַ ניט געוועזן... נאָר דערווײַל זענען נעביך, אוי איז מיר אָרעמע לײַט, בדיל־הדל געוואָרען. אַרויס אַזוי ווי די מאַמע האָט זײַ גע־האַט, ווערה איז מיר... פרעגט מיך בחרם וואָס טראָג איך עפּעס אַ טעּ־פּיל מיט אַ פלעדערוויש, ווײס איך אַליין ניט...

— אוי איין אומגליק!? אוי אַ שלאַק!? — ווײנט אַ ווײַביל, מיט אַ נגון פון אַקדמות און ברעכט די הענד — וואָס ווער איך איצטער טהאָן,, ישט אַרויסגעראַטעוועט אַפילו קײן פּאָדע־עם, וואו וועל איך נעמען אַ טאָג איבערצוקומע־ען? וואו וועל איך מיך אַהינטהון מיט מײַנע קלײנע קינדערער???...

ווי שדים, ווי רוחות לויפען אַרום און אַרײַן יונגע לײַט פונ'ם געברענטען שטיבל, שפּרינגען אין פײַער אַרײַן, ראַטעווען וואָס זײַ קאָנען, כאַפּען אַרויס פון דאָרטען דער אַ פּיסיל פון אַ בײַנקיל, דער איין אומרוה פון אַ זײַגער, דער אַ בעזעם.

— וואו איז ערגעץ אָלי מיט דער קישקע? — שרײַט אײנער פון דער חברה לעשערם און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטען.

— איך בין דאָ, איך בין דאָ! — רופט זיך אָן אָלי אַ קלײן אידעל און באַבערט זיך בײַ דער קישקע.

— וואָס טהוסט דו דאָרטען? וואָס באַבערסט זיך אַזוי לאַנג?

— איך פערנײַ די קישקע, זי האָט זיך צוטרענט! — זאָגט אָלי.

— וואו איז ערגעץ פישעל מיט די עמער? — שרײַט אײנער אַ שוואַרצער איד מיט אַ צופליקטען טלית־קטן, מיט אַ פערדרויכערט פנים און מיט אַ הײזעריג קול.

— פישעל! פישעל!!! — העלפען איהם שרײַען אַלע איבעריגע

— וואָס פישעלט איהר? — רופט זיך אָן אײנער, אַ פנים פישעל

אליין פּיאקי — זעה נאר ווי זיי האָבען זיך דאָס אביסעל צופּישעלט! פּישעל־פּישעל — ! פּישעל־פּישעל!

— וואו זענען די עמער דיינע? — פרעגט מען איהם.

— די עמער זענען דאָ — זאָגט פּישעל — נאר וואָס וועט איהר מאכען מיט זיי, אז ס'איז נאָך נישטאָ גרונם מיט'ן פעסעל?

— טאָמער וואָלסט דו זיך מטריח געווען, פּישעל, דערוויילע כאפּען ערגעץ אפּאָר עמער וואסער צווישען די שכנים?

— וואָס איז עפּעס אין? — זאָגט פּישעל — לאָז געהן אֶלי!

— אֶלי! כאפּ איין עמער און טהו אשפּרונג נאָך וואסער.

— ווי קען איך? זעהסט דאָך אז איך בין פערנומען מיט דער קישקע, לאָז געהן מאָטיל.

— מאָטיל! געה קריג ערגעץ איין עמער וואסער.

— וואוהין זאָל איך געהן, אז איך קען דאָ קיינעם ניט?

— לאָז געהן אנשיל!

— אנשיל! אנו טהו נאר א לאָף נאָך וואסער.

— איך? איך ווייס ניט וואו א טיר עפענט זיך אפילו!

— לאָז געהן דוד! שאַ, שאַ! אָן פאָהרט גרונם מיט'ן פעסעל!

ער פאָהרט! ער פאָהרט! — און אלע טהוען זיך א וואָרף צו גרונם'ן נאָך וואסער, און פריהער פון אלעמען אֶלי מיט דער קישקע. גרונם א איד מיט א גלאנצענדיג פּנים וואָס סע שיילט זיך, געהט זיך גאנץ רוהיג, נישט געכאפּט, די פּאָלעס ארונטערגעשטעקט ארונטער, און נאָך איהם שלעפּט זיך נאָך איין איינגעדארט פערדיל, קוים וואָס סע שלעפּט די פּיס פון דער בלאָטע. בעידע, אי גרונם, אי דאָס פערדיל להבדיל, זענען שטארק פערשלאָפען.

— ברוך הבא א איד! און מיר האָבען געמיינט אז איהר וועט שוין היינט ניט זיין חלילה.

— א שעהנע מעשה נאר א קורצע! — זאָגט גרונם — ווער דען וועט זיין אז ניט איך? וואָס בין איך, עפּעס א אינגעלע? איך האָב דערהערט דעם ערשטען קלונג בין איך שוין געווען ביים פערדיל. מיין אלטע האָט מיך אפילו געוואָלט אָבהאלטען: וואָס וועסט דו זיך שלעפּען, זאָגט זי, אין אזא בלאָטע? א רחמנות נעביך, זאָגט זי, אויפ'ן פערדיל, ס'איז אויסגעמוטשעט פונ'ם טאָג... נאר ווער האָרכט זי? ווער? איך האָב ליעב א מצוה, ובפרט נאָך דאָרט וואו עס געהט אין דעם נפש, אָרעמע לייט נעביך ברענען! א קלייניגקייט!

— לאנג לעבען זאלט איהר, רב גרונם! מיר געהען דא אום פאר א ביסעל וואסער, ביי אלע שכנים נישטא א לעק!

און די חברה לעשערס טהוען זיך א לאז מיט די לעדיגע עמער צום פעסיל און פריהער פון אלע אלי מיט דער קישקע. חברה נעמען זיך אנפאמפען וואסער. צאפען אין די עמער אריין — עס צאפט זיך ניט.

— וואס איז דאס רב גרינם? איהר זענט משוגע, צי הסר דעה? איהר זענט געקומען מיט א לעדיג פעסיל.

— וואס הייסט מיט א לעדיג פעסיל? — זאגט גרונם — א פול פעסיל ווי איין אויג, זאגט איהר גאר דאס!

— געהט זעהט, — רופט זיך אן איינער, — דאס פעסיל איז לעדיג ווי א באראבאן!

— וואס הייסט ס'איז לעדיג? — זאגט גרונם, און בעטראכט דאס פעסיל, — עפעס רעדט איהר מיר פדרוך, תרגום־לשון, נא דיר גאר לעדיג! לאז מיינע שונאים זיין לעדיג אין בויך און אין די קישקעס!

און גרונם קלינגט מיט'ן פינגער אין פעסיל אריין, דרעהט זיך ארום פון אלע זייטען און דערזעהט אז ס'איז אהן א צאפען.

— יא, ווי איך בין א יוד, א לעדיג פעסיל! — און ער כאפט זיך ביים קאפ און הויבט אן צו שעלטען מען ווייס ניט וועמען:

— א חלירע, א מיתה־משונה! איין אויסלויפעניש! איין איינטריקעניש! איין איינשרומפעניש! ווען האט געקענט ארוים דער צאפען, איינגעזונקען זאל ער ווערען! און וואו איז ער אהינגעקומען? א ברענען זאלסט דו שלים־מזל אויפ'ן פייער! — און יונם לאזט אוים זיין גאנץ ביטער הארץ צום פערדיל נעביך. דערלאנגט א רוק מיט'ן בייטש־שטעקיל אין זייט אריין. דאס פערדיל טהוט א פינטעל מיט די אויגען, לאזט אראפ די מארדע, קוקט אן א זייט און טראכט זיך: „פאר וואס קומט מיר א שטייגער אט דעם זעץ? גלאט גענומען און געבובעט זיך! ס'איז ניט קיין קונץ נעמען א פערד, א שטומע־צונג, און שלאגען איהם אומזיסט אונ אומנישט!"...

— האב דיר אבציג שווארצע פינסטערע יאהר, — זאגט גרונם צו זיך אליין — איך זעה וואס דאס איז: איך גים אונ גים, און גים און גים! אצונד פערשטעה איך שוין, דאס פעסיל איז א פנים פון דער לכתחילה

געוועזן זעהן א צאפּען? קומען זאָל אויף דיר א פּאַהיבעל הײַנטיגע נאַכט, זאָלסט צופאַלען ווערען אויף שטיקלאַך רבונו-של-עולם!

— וואַסער! וואַסער! — שרײַען די וואָס ראַטעווען פון דער שרפה — גיכער! גיכער! טראָגט אַהער די עמער! דאָס וואַסער!

— וואַסערע עמער? וואָסער וואַסער? — ענטפערען זיי די לעשערס — איהר זעהט דאָך אז ס'איז נישטאָ קיין טראָפּען וואַסער!

— וואָס הייסט עס איז נישטאָ קיין וואַסער?

— ניטאָ קיין וואַסער הייסט אז ס'איז ניטאָ קיין וואַסער!

— וואו איז אַהינגעקומען דאָס וואַסער!

— אויסגעלאָפען בײַ גרונס'ן דאָס גאַנצע פעסיל וואַסער און געה שרײַ חי וקים!..

פּלוצים לאָזט זיך הערען ווידער אַמאָל יענער מאָדנער קלונג: באָם! באָם!! באָם!!! און עס ווערט בעלײַכט די אַנדערע האַלבע שטאָדט.

— נאָך א שרפה! אויף דער נײַער שטאָדט!! — שרײַען עטליכע קולות מיט אַמאָל און דער גאַנצער עולם מיט דער חברה לעשער לאָזען זיך לויפען אויף דער נײַער שטאָדט.

— צווײ שרפות אין איין נאַכט — זאָגט גרונם צו זיך אליין — בין איך שוין ניט מחויב! איך האָב אליין א ווײַב און קינדער! קיין נעצאָהלט דערפאַר נעם איך דאָך נישט, ווייל איך — פיהר איך, ווייל איך ניט — פיהר איך ניט! און דאָס פערדיל איז אויך נישט פון אײַזען! א צער בעלי-חיים, עס האָרעוועט זיך נעביך אָן געגוג דורכ'ן טאָג, בעדאַרף עס נאָך אַרומשלעפען זיך גאַנצע נעכט! עס האָט מעהר נישט וואָס צו טהון!... מען ווערט מיך ניט נויטהען פון קהל!... לאָזען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנט!... קום ברודער, — זאָגט ער צום פערדיל — לאָמיר פאָהרען אַהיים.

VII

כתריל־עוקער באַנדיטען.

נעקומען אַהיים פון די שרפות שוין פאַרטאָגליך און אויפגעעפענט די טיר פון מײַן חדר, בין איך גבהל ונשתומם געוואָרען: איך זאָג דער־

ווען דרײַ מאָדנע פּאַרשױנען, נישט קײן בעקאַנטע פּנימער, דרעהען זיך אַרום מיט אַ ליכט, דאָס בעט איז צעוואָרפֿען, די שאַפֿע איז אָפען, מײַן טשעמאָדאַנטשיק ליגט אין מיטען שטוב, און מײַנע פּאַפּירען, מײַנע כּתבים וואַלגערן זיך אויף דער ערד.

— וואָס איז דאָס? ווער זענט איהר? וואָס טהוט איהר דאָ?

—טהו איך אַ פרעג בײַ אײנעם, אַ יודען מיט אַ רויטער באָרד און מיט אַ בלויע בראָדאַווקע אויף דער נאָז.

— זײַוו איהם אַ סעמער לאָז איהם סאַרוי די נמשה! — רופט זיך אָן אײנער אויף אַ משונה מאָדנע לשון צום רויטען מיט דער בלויע בראָדאַווקע.

דער רויטער ענטפערט ניט דאָס אַנדערע וואָרט; ער פערשליסט די טיר, בײַגט זיך אָן און שלעפט אַרוים פונם שטיוועל אַ גרויסען אַ שאַרפען אַ קאַלאַדאַטש-מעסער, און טהוט אַ מאַך מיט'ן מעסער מיר איבערן פּנים הין און צוריק, אַרויף און אַראָב, ווי אַ כּשופמאַכער.

—ווער מיר זענען? מיר זענען היגע באַנדיטען! —רופט זיך אָן צו מיר אײנער פון די חברה, אַ שוואַרצער יוד מיט אַ בילמע אויף אײן אויג. און בשעת ער רעדט אויס דאָס וואָרט „באַנדיטען" טהוט ער מיט'ן געזונדטען אויג אַ מורא'דיגען גלאַנץ און אַ קריץ מיט די צײַהן, ווי אַ רוצח.

— „טהו אים אַ לײַסטער בײַ די שעקעניש! — רופט זיך אָן יענער אויף זײַער איבערגעקעהרטע שפּראַך.

— דענגי! דאַוואַי דענגי!! — שרײַט אויס דער דריטער פון דער חברה, אַ הויכער יוד מיט אַ הײַזעריג קול, און האַפּט מיך אָן בײַ דער לאַץ פון דער קאַפּאָטע און טרײַסעלט מיך ווי אַ לולב.

— געלד — זאָג איך — ווילט איהר? בײַ מיר ווילט איהר נעמען געלד? ווי קום איך צו געלד? גאָט האָט מיך אויסגעהיט פון געלד.

— גאָז איהם אַז ער גײַלט" רופט זיך אָן יענער אַלץ אויף זײַער לשון.

— דו לײַגסט — מאַכט צו מיר דער וואָס מיט דער בולמע — די מינוט זאָלסט דו אָבגעבען דאָס גאַנצע געלד וואָס דו האָסט, אַז ניט געזעגען זיך זײַ מיט'ן לעבען. מיר שענקען דיר צווײַ מינוט אויף צו בעטראַכטען זיך און אײן מינוט אויף זאָגען ודוי...

און כּדי איך זאָל ניט מײנען, אַז מען טרײַבט מיט מיר קאַטאָוועס, געהט צו מיר צו דער רויטער וואָס מיט דער בראָדאַווקע און בעווײַזט

מיר מיט'ן מעסער ארויף אונ אראב, אהין אהער, עטליכע מאל, ווי מען מאכט מיטן לולב סוכות צו הלל.

— וואס טהעשט איהר ווי די מיילעגע לוגמס? לאז מען איהם ניבדען די טהען מיט די סיף!” — רופט זיך אן דער היזעריגער אויף זייער פערשטעלטע שפראך אונ לאזט אוים אויף אונזער לשון:

— וואו זענען ערגעץ די שטריק? לאמען איהם בינדען!

— למאי זאלט איהר זיך מטריח זיין — זאג איך — א מעהר נאט אייך אב מיין גאנץ פערמעגען, דאס בייטעלע מיט די עטליכע קערבליך, אונ לאזט מיך אב. וואס האט איהר צו מיר? איך בין א טאטע פון קינדער קיין עין הרע פיער מעדליך מיט צוויי יונגליך, דאס קלענסטע איז נאך נישט אלט קיין חודש...

אלע דריי באנדיטען רעדען זיך איבער איינער מיטן אנדערען אויף זייער גנבה'שה שפראך, צעהלען איבער די עטליכע קערבליך וואס ביי מיר אין בייטעלע אונ נעמען מיך אויפ'ן צימבעל. זיי פרעגען מיך אונ איך ענטפער זיי.

— פון וואנען איז א יוד?

— פון יעהופעץ.

— מה שמכם?

— שלום עליכם.

— עליכם שלום, ווי אזוי איז אייער נאמען?

— שלום עליכם.

— עליכם שלום. מיר פרעגען אייך ווי אזוי רופט מען אייך?

— שלום עליכם, אזוי רופט מען מיך טאקי.

— א טשודנער נאמען! וואס איז אייער טהועכץ?

— איך בין א שרייבער.

— מען שמועסט וואס איז אייער טהועכץ, אייער פרנסה?

— איך בין א שרייבער.

— וואס זשע שרייבט איהר? פראשעניעס? פאפירען? מסירות?

— פעליעטאנען, מעשה ביכלעך פאר יודישע קינדער.

— זענט איהר הייסט דאס א מוכר ספרים'ניק, א בעל מחבר?

— א מחבר.

— וואס זשע טהוט איהר היע?

— נעקומען אנקוקען כתרילעווקע.

— און מעהר גאר נישט?

— מעהר גאר ניִשט.

— קײן שום געשעפט?

— קײן שום געשעפט.

— אונ לעגט הוצאות?

— און לעג הוצאות.

— צו וואָס נוצט דאָס אײך?

— בכדי איך זאָל האָבען וואָס צו בעשרײַבען.

— וואוהין שרײַבען?

— אין די גאזעטען.

— וואָסערע גאזעטען?

— יודישע גאזעטען.

— פאראַן יודישע גאזעטען

— ווי דען?

— וואָס טהוען זײ?

— זײ דרוקען זיך.

— וואו דרוקען זײ זיך?

— אין ווארשאַ.

— אויף וואָס דארף מען זײ?

— אויף צו לײענען.

— ווער לײענט זײ?

— יודען.

— עמיצער צאָהלט אײך עפּיס דערפאר וואָס איהר שרײַבט?

— געוועהנטליך.

— אט אזוי זשע רעדט! וואָס אַ שטײנער האט איהר דערפון? וויפיעל פערדיענט איהר אַ וואָך?... איהר רויכערט? וואו זענען אײערע פאפּיראָסען?— איך נעם ארוים מײַן פּאפּיראָס-קאסטען און טראָג זײ אונטער אַלעמען זײ זאָלען זיך נעמען צו פאפּיראָסען.

— „גרעף איהם צי סאיז פון בּיזלער“... רופט זיך אָן אײנער אויף זײער שפּראַך.

— אַ זילבערנער?—מאכט צי מיר דער וואָס מיט דער בּילמע אונ-ווענט דעם פאפּיראָס-קאסטען אויף דער האנד — אַ זילבערנער צי אַ פראָסטער חי וקים?

—אַ פראָסטער שלש סעודות פון צווײ גילדען!—זאָג איך אונ מיר פערדרויכערן אַלע צו פאפּיראָסען.

— טהו איהם אַ פּאַט בײַם גײַזער?—רופט זיך אָן אײנער אויף גנבה'ש לשון.

— וואו איז אײער װײַגער?—מאַכט צו מיר דער וואָס מיט דער בילמע און בעזוכט מיר אַלע קעשענעס, — איהר האָט גאָר נישט קײן װײַגער?

— איך האָב—זאָג איך—אַ װײַגער און דוקא אַ גוטען װײַגער, אַ גילדענעם, איז ער פערזעצט אין לאָמבאַרד אין יעהופּעץ..

— אײן עבירה—זאָגט דער הײזעריגער—ער וואָלט אונז שטאַרק צוניץ געקומען אַצונד!.. מיר דאַרפען טאַקי איצט אַ גילדענעם װײַגער ווי אין לעבען אַרײַן!

— אויף וואָס דאַרפט איהר דאָס אַזוי—זאָג איך—אַ גילדענעם װײַגער?

— אַ גילדענעם װײַגער—זאָגט ער—קאָן מען פאַרקויפען און אָבלײַזען גוטע געלד!

—פּאַחט איהם דער טאַוועכאַמער—רופט זיך אָן אײנער אויף זײַער לשון — ער איז אַ מאַרענאַם גלײַך מיט אונז.

— אַ גוטע נאַכט! — מאַכען צו מיר די באַנדיטען און לאָזען זיך געהן — דאָס אַנדערע מאָל, אַז איהר געהט אוועק זאָלט איהר פערשליסען די טהיר, נישט פערלאָזען זיך אויף'ן אויבערשטענס נסים, און אויף'ן יושר פון כתרילעווקער גנבים... האָט קײן פאַראיבעל ניט וואָס מיר האָבען אײַך אפשר דערקוטשעט.

— אדרבה!—זאָג איך—האָט איהר קײן פאַראיבעל ניט וואָס אַזוי ווינציג...—און איך וויל זײַ אַרויסבעגלײטען אויף יענער זײַט טהיר, רופט זיך אָן צו מיר דער הײזעריגער, לעגט צו אַ פינגער צום מויל און ציהט איהם מיטן ניגון פון „קאַלדוניאַ":

— פּתח שין שששאַ־אַ־אַ־אַ

און דער רויטער וואָס מיט דער בּראָדאַוויקע נעמט אַרויס דאָס מעסער און טהוט אַ מאַך מיט דעם איבערן קאָפּ עטליכע מאָל, ווי אײנער רעדט, „טאָמער טהוסט דו חלילה אַ פּיפּס איז דײַן לעבען קײן לעבען ניט"!

. . . .

. . . .

— גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד! יודען ראַטעוועט!—האָב איך מיך צעשריגען ניט מיט מײַן קול, ווײַבאַלד די באַנדיטען זענען אוועק, און איך

האָב אויפגעוועקט די גאַנצע שטוב, מען איז זיך צעגויף געלאָפען פונם גאַנצען האָטעל, ווײַבער זענען אַראָפגעשפּרונגען פון די בעטען אין אונטערשטע קליידלעך, און מאַנסבילען — מחילה אין אײנע תחתונים, מען האָט געמיינט אַז עס ברענט.

— ווידער אַ שׂרפה?

— ווידער געברענט?

— וואו ברענט?

— ווער ברענט?

— שאַ שאַ קײנער ברענט ניט! — איז אַרויס נח דער שװײַצאַר מיט זײַן שפּראַך און רופט זיך אָן צו מיר:

— וואָס האָט איהר זיך למשל צושריגען ווי אַ משוגע קעלבעל? וואָס גוואַלדעוועט איהר ווי אין אַ ווײַנהויז? איהר וועט חלילה אויפוועקען אַלע אַקטיאָרען.

— גזלנים — זאָג איך — רוצחים! באַנדיטען זענען מיך בעפאַלען נאָר-וואָס און מיך בענומען!

דערהערט גזלנים פאַלט אָן אויפן גאַנצען עולם אַ פּחד און עס ווערד אַ ליאַרעם, אַ גערעדערײַ פון אַלע מיט אַ מאָל:

— גזלנים?..

— וויפיעל גזלנים?

— דרײַ גזלנים!

— וואָס פאַר אַ פּנים האָבען זײ?

— צוויי יונגע, אײנער אײן אַלטער!

— געגאַנגען מיט מעסערס?

— למאי האָט איהר געשוויגען?

— איהר האָט מורא געהאַט שרײַען?

— גאָט אײַך גזלנים! גאָט זאָל שומר ומציל זײַן!

— נעכטען געווען אינם אַנדערן הויף אויך גזלנים... געשטיקט אַ יודענע, אַרויסגעטראָגען די בריקליך, געפונען אײן אײזען...

— מסוכן איבערבלײַבען אײנער אַלײן אין שטוב...

— מען וועט שוין באַלד דאַרפען אַנטלויפען פון כתרילעווקע.

— נאַ דיר גאָר גזלנים טאָמער איז קאָרג...

— האַפּט זײ! האַפּט זײ! האַפּט זײ! — הערט זיך פּלוצים פון דרויסען אַ קול פון אַ נקבה און אַ געלויף מיט אַ קלאַפּערײַ פון אַסך מענשען, —האַפּט זײ! האַפּט זײ!

— געכאַפּט!

— איינעם געכאַפּט! צוויי געכאַפּט...

— בינדט זיי! האָסט שוין דעם דריטען אויך? בינדט איהם! בינדט איהם!

— פּאַוואָלי בינדט, ניט פאַר'ן קאָפּ, פאַר די פּיס, פאַר די פּיס...

— זעלדע! גיב מיר דיין פּעטשיילע זעלדע!

— אָה איהר הערסט? מען האָט זיי געכאַפּט! — רופט זיך אָן צו אונז נח דער שוייצאַר און לאָזט זיך לויפען מיט א לאַנטערן אין דרויסען אַרויס און מיר אַלע נאָך איהם.

— נו, וואָס הערט זיך? — שרייט נח אין דער פענסטער אַהין פון וואַנען עס געהען די קולות — שוין געכאַפּט?

— געכאַפּט, געכאַפּט! — ענטפערט איהם א קול פון א נקבה אין דער פענסטער.

— און געבונדען?

— געבונדען, געבונדען!

— אַלע דריי?

— אַלע דריי, אַלע דריי!

— אַנו לאָמיר זיי כאָטש אָנקוקען, וואָס פאַר א פּנים זיי האָבען — מאַכט נח דער שוייצאַר און רופט מיט זיך דעם גאַנצען עולם און מיר געהען צו נאָהנט מיט דער לאַנטערנע צו די געכאַפּטע גזלנים, און מיר דערזעהען אויף דער ערד ליגען דריי געפּענטעטע... אינדיקעס!

די אינדיקעס האָבען אַראָפּגעלאָזט די בלויע שנאָבלען, בלאָזען מיט די נעזער און בלינצלען מיט די אויגליך אויף דער שיין פון אונזער לאַנטערנע און די ווייבער, האַלב נאַקעטע, דערצעהלען אונז נסים ונפלאות, ווי אַזוי די אינדיקעס זענען אַרויס פון שטייג, מען ווייסט ניט ווי אַזוי: צי גנבים, צי א טחור איז דורכגעלאָפען און האָט זיי איבער־געשראָקען, נאָר דאַנקען גאָט וואָס מען האָט זיי געכאַפּט, א ניט וואָלט געווען חלילה א היזק פון מי יודע וויפיעל!...

— טפו זאָלט איהר ווערען כתרילעוקער קורעלאַפּניצעס, — זאָגט נח און בטלט אויס אויף זיי אַלע בייזע וויסטע חלומות — א רוח אין אייער אינדיטשקעס געגנז קאַטשקעס פערדערווישען אַריין.

און נח דער שוייצאַר הערט ניט אויף צו שיטען מיט זיינע געקלי־בענע, שאַרפע פערשפּיצעלטע ווערטער, און דער עולם הויבט אָן ביסלעכ־וויז זיך צעגעהן, מיט א געגעץ, איטליכער אין זיין רוה אַריין.

איך בלייב שטעהן איינער אליין, אין מיטען דער בלאטע, פערטומעלט פון דער נאכט מיט איהרע פחדים מיט איהרע בהלות. א נאסע קעלט נעמט דורך מיין לייב, דורך און דורך, ערטער־וויז בעווייזט זיך א פייערל אין די פענסטער, פון א פאר קוימענס ציהט זיך א בלוי רויכעל; פון א זייט הימעל בעווייזט זיך א העלער פאס. פון עטליכע ערטער הערט זיך א קרייען פון העהנער וואס שטעלען אן זייערע העזער און שרייען אויף אלערליי קולות און פערשידענע נוסחאות: קאו קא רו קאו או!...

עס שאריעט אויף טאג.

ענדע

5
אָטעמען און גלייך

אַלעמען גלייך

(מיין אוטאָפּיע).

א.

אז גאָט האָט ארויסגעטריבען אדם מיט חוה'ן פון גן־עדן און זיי האָבען זיך אָנגעהויבען פרוכפּערען און מעהרען און אָנפילען די ערד, איז זייערע קינדער און קינדס־קינדער געוואָרען ענג די וועלט און האָבען זיך נישט געקאָנט איינטיילען מיט'ן גוטס, וואָס איז זיי געבליבען בירושה פון זייערע עלטער־עלטער זיידעס, האָבען זיי זיך צעקראָכען איבער דער גאַנצער ערד, זיך אָפּגעשיידט, איינער פון דעם אַנדערען, פאַרפרעמדט געוואָרען, אויסגעטראַכט זיך איטליכער זיין לשון, פאַרהייליגט איטליכער זיין גלויבען, פאַרגעסען, אַז זיי קומען ארויס אַלע פון איין יחוס, און אָנגעהויבען האַלטען מלחמה איינס מיט'ן אַנדערען, צונעמען איינס ביי דאָס אַנדערע דאָס פאַרמעגען — און ס'איז געוואָרען אַ מישמאַש פון פאַרשידענע מענשען, מיט פאַרשידענע לשונות, מיט פאַרשידענע מנהגים, מיט פאַרשידענע קלאַסען, שטאַרקע און שוואַכע, אָרעמע און רייכע, האַרען און קנעכט, משרתים און בעלי־בתּים, פאַבריקאַנטען און אַרבייטער — און אַזוי האָט זיך עס געצויגען אַ צייט מיט יאָהרען און מענשען האָבען געמיינט, אַז אַזוי בעדאַרף עס זיין.

נאָר וואָס ווייטער איז די וועלט געוואָרען קליגער און מענשען האָבען אָנגעהויבען צו מוטלען אויף דעם סדר העולם, אָנגעהויבען שרייען: פאַר וואָס קומט איינעם גאָר, דעם אַנדערען גאָר נישט? דער געשריי איז געוואָרען וואָס ווייטער גרעסער און שטאַרקער און ס'איז דערפון ארויס נאָך גרעסערע מחלוקת'ן און געשלעג. און ערשט נאָכדעם אַז מענשען האָבען זיך גוט אָנגעמאָרדעוועט, גענוג אָנגעערדט, אָנגעשריגען, אויסגעגאָסען פעסער מיט טינט, פאַרגאָסען טייכען טרערען און ימים

בלוט, האָט מען אַרויסגעזעהן בעשײַנפּערליך, אַז ווײַטער קאָן עס אַזוי ניט זײַן, מען וועט זיך אַזוי לאַנג הרג'נען, שלאָגען און עסען איינס דאָס אַנדערע ביז עס וועט ניט בלײַבען קיין איינציגער מענש אויף דער ערד און עס וועט חלילה אונטערגעהן, חרוב ווערען די גאַנצע וועלט.

על כן איז געבליבען, מען זאָל אַוועקשרײַבען אַ פּאַפּיר, אַ געבעט-בריף צום רבונו של עולם, ער זאָל זיך אַרײַנלעגען צווישען די מענשען און מאַכען אַ שלום אויף דער וועלט.

וואו זשע געפינט מען אַזאַ מענשען, וואָס זאָל זײַן אַ חשוב בײַ גאָט און זאָל קאָנען אַוועקשרײַבען צום רבונו של עולם אַ פּאַפּיר? געוויינטליך בײַ אונז, בײַ די רויטע יודלעך; וואָרום וואו איז דאָ נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל קאָען זאָגען: אתה בחרתנו מכל העמים, דו האָסט אונז אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער, ווי מיר רויטע יודלעך, וואָס אויף דער זײַט סמבטיון?.

און עס האָט זיך געפונען בײַ אונז איינער אַ מענטש מיט אַ פּען, אַ כתבא רבה, וואָס האָט זיך אונטערגענומען דאָס אַלסדינג, פאַרלעגען פאַר גאָט, אויפשרײַבען דאָס אַלסדינג אויף פּאַפּיר, געוויינטליך אויף לשון קודש, נאָר אַזוי עס זאָל זײַן איין מאָל אַ פּאַפּיר!

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס פּאַפּיר געוויינטליך מיט אַ שבח והודיה, מיט אַ לויבעניש אין טאָג אַרײַן: „דו ביזט אַ גרויסער גאָט, אַ שטאַרקער גאָט, אַ מורא'דיגער גאָט", ווי געוויינטליך אַלע תפלות הויבען זיך אָן...

נאָכדעם איז געגאַנגען בײַ איהם אַ בעשרײַבונג פון דער וועלט, וואָס פאַר אַ טײַערע וועלט, וואָס פאַר אַ שיינע, וואָס פאַר אַ ליכטיגע, וואָס פאַר אַ קלוגע וועלט דאָס איז!...

שיין, גרויסאַרטיג שיין האָט ער באַשריבען די וועלט, און נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צום סאַמע רעכטען ענין פון'ם פּאַפּיר, פון'ם געבעט-בריף.

און דער רעכטער ענין איז געווען דאָס, וואָס מענשען זענען שוין אַלע ברוך השם גענוג קלוג און געבילדעט און וואָלטען זיך געקאָנט אָפּלעבען גליקליך מיט פאַרגניגען זייערע זיבעציג יאָהר אויף דער ערד.

איז אָבער דער חסרון וואָס ניט אַלע זענען גלײַך בעטיילט ניט מיט ערד, ניט מיט ברויט, ניט מיט געלד.

איינער האָט גאָר, דער אַנדערער גאָר ניט.

איינער פאַרמאָגט בערג מיט געלד, מיליאַרדען; דער אַנדערער געהט אוים נאָך אַ פּרוטה, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ בעטלער, ציהט אוים

די האַנט און וואַרט ביז עמיצער וועט זיך דערמאָהנען, איהם אַרייַנוואַרפען אַין אַלטען אָפּגעריבענעם גראָשען.

איינער פליהט אַרום אויף גומעלאַסטיקענע רעדלעך, בעצאָהלט פאַר איין אָנבייַסען ערגעץ מיט אַ יפהפיה אַ שאַנסאָנעטקע אַזוי פיעל וויפיעל דער אַנדערער ווינשט זיך עס פאַרמאָגען זיין איינענם, חאָטש האַלב, חאָטש אַ צעהנט חלק!...

איינער געהט אַרום פוסטע־פּאַס און ווערד שיער נישט משוגע, ברענט געלד אויף דעם ליכט, און דער אַנדערער אַרבייַט ביי 40 גראַד היץ, געהט אָפּ מיט שווייס, לעגט אַוועק דאָס גאַנצע געזונד ביז ער פאַרדיענט קוים אויף אַ בולקע.

און בכדי צו נעמען דעם רבונו של עולם מיט סטאַטיסטיקע, מיט חשבונות, חאַפּט ער אָן איינעם פון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטען, עפּעס אַ געוויסען ראָקפעלער פון אַמעריקאַ, וואָס פאַרמאָגט נישט מעהר ווי פיער מיליאַרד קאַפּיטאַל און פאַרדיענט נישט מעהר ווי צוויי הונדערט מיליאָן אַ יאָהר, דאָס מאַכט אוים אַזוי גרוים ווי זיבענהונדערט טויזענד רובל אַ טאָג; און זיין אַרבייַטער, וואָס האָרעוועט מיט'ן בלוטיגען שווייס אויף איהם זעכצעהן שעה אין מעת לעת פאַר אַנדערהאַלבען קאַרבען, דאַרף אויס־האַלטען דערמיט אַ ווייַב מיט זעקס הונגעריגע, נאַקעטע און באָרוויסע קינדער מיט אַ קראַנקע מוטער ערגעץ אין אַ פינסטערען, נאַסען, קאַלטען קעלער.

ווען דער דאָזיגער נאַרישער ראָקפעלער — זאָגט דער שרייַבער פונ'ם פּאַפּיר — ווען דער דאָזיגער ראָקפעלער חאַפּט זיך אויף אין אַ שיינעם פריהמאָרגען און וויל זיך קויפען עולם הבא און רופט צונויף אַ מיליאָן אָרעמע אַרבייַטער און זאָגט זיי: „נאַט אייך, ברידער, לאָמיר זיך צעטיי־לען אַלע גלייך!” בעקומט דאָך יעדער אָרימאַן אויף זיין חלק נישט מעהר און נישט ווינציגער ווי פיער טויזענד קאַרבען!

וועה וועה, ווי פיעל ראָקפעלערס, ווי פיעל וואַנדערבילדס, ווי פיעל רויטשילדס עס זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט — לאָזט אויס דער שרייַבער — און קיינעם איז נאָך ביז אַהער ניט איינגעפאַלען אַזאַ געדאַנק! אדרבה, טאָמער דערהערען זיי אַז אָרימע לייַט קרעכצען, אָרימע לייַט מומלען אויף זיי, אָרימע לייַט צייהלען זייער פאַרמעגען, ווערען זיי אָנגעצונדען און צעבייזערען זיך: „אַ קיש! ניט אייער עסק! איהר דאַרפט אַרבייַטען און זאָגען אַ דאַנק וואָס מען גיט אייך אַרבייַט!...”

און אַז סע מאַכט זיך ביי דעם ראָקפעלער, ביי דעם וואַנדערבילד,

בײַ דעם ראָטשילד אַ שמחה, אַ יומא דפגרא, וואַרפט ער אַרויס אַ בײַנדל פּאַר די מיליאָנען אָרעמע לײַט און שרײַט אויף קולי קולות און בלאָזט אין אַלע שופרות: „איהר זעהט? דאָס האָב איך געשענקט צום טאָג פון מײַן געבאָרען...“

דאָס קען פאַרדריסען און דערפון נעמען זיך אַלע מחלוקת'ן מיט אַלע הריגות צווישען מענשען...

בכן איז וואָס?

„בכן בעטען מיר דיך, אלמעכטיגער גאָט, דער האַר פון אַלע העררשאַפטען, אין'ם נאָמען פון אַלע הונדערטער מיליאָנען אָרימע, פינסטערע דערשלאָגענע, אויסגעהאָרעוועטע, קראַנקע אַרבײַטער, דו זאָלסט זיך אַרײַנלעגען אין אַ שלום, זאָלסט זיך מטריח זײַן אַליין כביכול מיט דײַן כבוד מאַכען אַ ריכטיגען חשבון, אײַנקאַסירען דאָס גאַנצע געלד פון דער וועלט און מאַכען אַ חלוקה צווישען אַלע מענשען גלײַך, וועט אויפהערען זײַער קנאה, שנאה, מחלוקת'ן, זידלערײַען מיט בלוט פאַרגיסען. און עס וועט ווערען שטיל און רוהיג אויף דײַן וועלטל, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען“...

געוויינטליך האָט דער שרײַבער ניט געזשאַלעוועט קיין פסוקים פון די הייליגע ספרים פון אַמאָל און אויך פון די ביכער פון די שפּעטעריגע דורות מיט אַלע חכמים און גרויסע לײַט פון אַצונד, און דאָס פּאַפּיר האָט אָנגעהויבען געהן מיד ליד, און אַלע (אַ חוץ די נגידים געוויינטליך) האָבען דאָס פּאַפּיר אָפּגעחתמעט און מען האָט דאָס פּאַפּיר אַוועקגעשיקט גלײַך אַהין אַרויף צום בית דין של מעלה.

ב.

און גאָט האָט צוגעהערט צו אונזער געבעט און עס האָט זיך געלאָזט הערען, אַז מען האָט אַראָפּגעשיקט פון אויבען מיטרנע נפשות, אַזעלכע וואָס מען האָט זיי ביז אהער ניט געזעהן, עכ"פ האַלב מענשען האַלב מלאכים, דאָס הייסט, עסען עסען זיי ווי מענשען, נאָר דאָס אויסזעהן מיט'ן רעדען מיט'ן באַנעמען זיך איז פון מלאכים. וואוהין זיי קומען אַרײַן ווערד ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך, שלום ושלוה צווישען מענשען. אויס קריעג, אויס קנאה, אויס שנאה, און וואָס זיי זאָגען פאָלגט מען זיי, און וואָס זיי הייסען ווערד געטאָן. און הייסען זיי, מען זאָל צונויפטראָגען דאָס גאַנצע געלד פון דער וועלט אויף איין אָרט, גאָלד באַזונדער און זילבער

באַזונדער און מינץ באַזונדער, קיינער זאָל ניט לאָזען ביי זיך קיין פּרוטה של נחושת, און מערקווירדיג! קיינער האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט, ניט איבערגעקעהרט די צונג, און מען האָט גענימען צעגויפטראָגען דאָס פּאַרמעגען, גאָלד און זילבער און קופּער, פּערעל און דימאַנטען און בריליאַנטען. און שאַ, שטיל, אָהן רעש, אָהן טומעל, אָהן ווערטער. דריי טאָג מיט דריי נעכט האָט געדויערט דאָס איינקאַסירען פון'ם געלד, מען האָט אָנגעשאָטען אַזעלכע קופּעס מיט גאָלד, אַז ס'איז געווען אַ מורא צו קוקען, און מערקווירדיג! דאָס גאָלד איז געליגען פראַנק און פריי, נישט איין שומר, נישט איין בלויזע שווערט. שטיל און רוהיג האָט מען געטראָגען דאָס גוטס, גאָלד באַזונדער, זילבער באַזונדער און מינץ באַזונדער, און אופ'ן פירטען טאָג אין דער פריה האָט זיך אָנגעחמאַרעט דער הימעל, באַדעקט מיט שווערע שוואַרצע וואָלקענס, און אַ פּחד איז געפאַלען אויף אַלע מענשען. אַסך זענען צוגעפאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד, זיך געשלאָגען אשמנו... און אַ סך זענען געשטאַנען און געקוקט וואָס וועט דאָ זיין? און פּלוצלינג האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער דונער און אַ מורא'דיגער בליץ האָט באַלייכט דעם גאַנצען הימעל פון איין עק ביז'ן אַנדערען עק, און מיר האָבען אַלע דערזעהן אַ מוראדיגע טאַבעלע פון פייערדיגע ציפערען אויפ'ן הימעל:

15,000,000,000,000 ∶ 1,500,000,000 = 10,000

און מיר האָבען פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער אמתער חשבון, אַז דאָס איז די אמת'ע חלוקה, אַז דאָס מאַכט צעהנטויזענט דאָלאַר אויף אַ מענשען. און עס האָט באַלד אַ בלאָז געטאָן איין אַנדער ווינטל און האָט צעטריבען די חמאַרעס, און דער הימעל האָט זיך אָפגעריייניגט און איז געוואָרען לויטער ווי קרישטאַל, און די זון האָט אַראָפּגעקוקט און געשיינט ווי גינגאָלד, און די לופט איז געוואָרען פריש, און די ערד איז געוואָרען יום טוב'דיג, און די מענשען זענען געוואָרען אַלע פרייליך און מונטער, די פּנימער האָבען געשיינט, אָרימע לייט האָבען זיך אַרומגענומען און געקושט, און איטליכער איז זיך צוגעגאַנגען איינציגוויים צום גאָלד, זיך אָפּגעציילט פונקט זיין חלק נאָכ'ן צאָהל פון זיין הויזגעזינד: אַ געזינדעל פון פיער פּאַרשוין האָט גענומען פערציג טויזענט קאַרבען, אַ געזינדעל פון אַכט פּאַרשוין האָט גענומען אַכציג טויזענט קאַרבען, איין מענטש אַליין האָט גענומען נאָר צעהנטויזענט קאַרבען, און מערקווירדיג! קיינער האָט נישט גענומען נישט מעהר נישט ווינציגער, און ביז אויף דער נאַכט האָט דער עולם צענומען דאָס

גאַנצע געלד און מען איז זיך בשלום ושלוה צעגאַנגען אהיים לעבעדיג, פריילֿיך, געזונגען לידער און געלויבט גאָט פאַר זיין ערליכקייט און גערעכטיגקייט, פאַר זיין גרויס גענאַד און באַרמהערציגקייט, וואָס ער האָט זיך סוף כל סוף אַרומגעקוקט אויף די זינדיגע מענשען און אויסגעלייזט די וועלט פון גרויסע אומגליקען, וואָס האָבען געקאָנט זיין, נישט דערלאָזט, אַז די ערד זאָל חלילה חרוב ווערען איבער אַזאַ נאַרישקייט ווי געלד... אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהוליעט, כלי־זמר האָבען געשפּילט אין אַלע הייזער, פלאַקערס האָבען געברענט אין אַלע גאַסען, ס'איז געווען ששון ושמחה, אור ליהודים!...

ג.

אויף מאָרגען אין דער פריה — איך בין נאָך געלעגען אין בעט — הער איך מיין ווייבס קול:

— וואו ביזט דו ערגעץ, מויד? טראָג אַריין וואַסער, הייץ איין אין אויוועז, מויד!

נאָר מויד הייַנט מויד מאָרגען, נישטאָ קיין מויד! וואו איז אַהינגעקומען די מויד? זי איז אַוועקגעגאַנגען נעכטען אויף דער נאַכט איז זי שוין מעהר צוריק נישט געקומען.

— אַ פּאַטעפּאַלנאַסט פון אַ מויד! — זאָגט מיין ווייב און פייערט מיט סכנת נפשות — אַט וועסט דו זעהן, אַז איך שאַף זי אָפּ!... און אַזוי ווי זי רעדט, קומט אָן די מויד אָנגעטאָן שבת'דיג, מיט אַ היטעלע און מיט אַ זאָנטיקל און קנאַקט ניסלעך.

— אַ גוט יום טוב דיר — זאָגט צו איהר מיין ווייב — וואָס ביזט דו עפּיס אַזוי אויסגעפּוצט, נשמה מיינע?

איך בין געקומען אייך זאָגען — מאַכט צו איהר די מויד גאַנץ אויפגעלעגט ווי אַ כלה — איהר זאָלט זיך זוכען איין אַנדער דינסט.

— אַזוי? וואָס איז די מעשה?

— די מעשה... מיר זענען שוין איצטער ברוך השם בעלי־בתים גלייך מיט אַלעמען. מיר זענען קיין עין הרע ניין פּאַרשוין, האָט זיך אָנגעקומען אויף אונזער חלק נייַנציג טויזענט דאָלאַר.

— איר זענט רייכער פון אונז — זאָג איך צו מיין ווייב שטילער

הייד און מיר שטעהען און קוקען איינס אויף דאס אַנדערע אָהן ווערטער.

— איך האָב מורא, מיין ווייב, אַז היינטיגס מאָל וועסט דו מוזען פאַרקאַטשען מחילה די אַרבעל און זיך מטריח זיין אַליין איינהייצען אין אויוועז.

— אַ שיינע גדולה! אַלע בייזע וויסטע חלומות!...

אַז מיין ווייב הויבט אָן בטל'ען חלומות געה איך דעמאָלט אַוועק פון דערהיים, אַזוי בין איך מיך נוהג פון תמיד אָן. און אַזוי האָב איך געטאָן אויך איצט.

אַרויסגעקומען אויף דער גאַס — ס'איז שטיל, יום טוב'דיג! — אין מאַרק די קלייטען זענען אַלע צו; מען זעהט נישט אַ נפש. „דער עולם שלאָפט נאָך — טראַכט איך מיר — רוהט זיך אוים נאָכ'ן נעכטיגען טאָג". איך הויב אויף די אויגען — נחמיה דער הינקענדיגער פּאַפּיראָסניק לויפט העגרום־פּענדום, שפּרינגט אונטער אויף איין פיסל, און איך דערמאָן אַז ס'איז מיר אויסגעגאַנגען פּאַפּיראָסען.

— וואוהין איז, נחמיה? שטעה אַ ווײַלע!

— איך האָב קיין צייט ניט! — מאַכט ער — איך לויף אַהיים.

— איין רגע! — זאָג איך — איך וויל באַשטעלען ביי דיר אַ טויזענט פּאַפּיראָסען!

— וואָסערע פּאַפּיראָסען? — מאַכט ער צו מיר — וואָסערע לאָקשען? מיין טאַטע האָט אַוועקגעטראָגען נאָר וואָס אין באַנק אַריין אַ פּוטיקע, זאָגט איהר מיר גאָר פּאַפּיראָסען.

„אַ שייגעץ קאָן!" טראַכט איך מיר, „קיין מאָל דאָט מיט מיר נחמיה אַזוי ניט גערעדט".

— איך בעדאַרף אָבער — זאָג איך — פּאַפּיראָסען! האָטש אַ מאה פּאַפּיראָסען!

— מילא וואָס איהר בעדאַרפט — מאַכט ער צו מיר און אַנטלויפט מיט'ן קרומען פיסל און מיך לאָזט ער שטעהן ווי אַ נאַר אין מיטען מאַרק.

„היינטיגס מאָל וועל איך מוזען קויפען פאַרטיגע פּאַפּיראָסען" — טראַכט איך מיר און לאָז מיך געהן ווייטער און דערזעה חלאַיינע דעם שוסטער שטעהט ביי דער טיר פון זיין שטיבל און עס וואַלגערען זיך די בעבעכעס.

חלאַוונע דער שוסטער איז אַ יוד מיט איין אויסגעפליקט בערדל

מיט א צונויפגעצויגענער נאז, וואס פייפט און מיט שווארצע גראבע פינגער.

— וואוהין איז, רב חלאַוונע?

— איך קלויב מיך אריבער אין איין אנדער דירה — זאגט ער צו מיר און די נאז פייפט — גענוג שוין צו זיצען דא אין עפּוש. לאזען שוין אנדערע אביסל פארזוכען די וואנצען. איך קאן מיר שוין היינט מיט גאטס הילף פארגינען א שענערע דירה.

— גוט וואס כ'האב איך דערזעהן, רב חלאַוונע, איך דארף טאקי האבען א פאר נייע שטיוועל, איהר וועט זיך טאקי מטריח זיין אט באלד אראפנעמען מיר א מאס אויף א פאר שטיוועל.

— שטיוועל? — מאכט צו מיר חלאַוונע מיט א פייף — לאזען איך שוין אנדערע נייען שטיוועל, מיט זעכציג טויזענט קארבען קיין עין הרע וועל איך מיר געפינען איין אנדער פרנסה מן הסתם. ווי מיינט איהר? הא?

דער געדאנק אז חלאַוונע דער שוסטער איז א יוד פון זעכציג טויזענט קארבען געפעלט מיר זעהר, אז איך צעלאך מיך און טראכט מיר אז איך וועל שוין מוזען קויפען זיך גרייטע שטיוועל אין קרייט, און איך לאז מיך געהן ווייטער און באגעגען אליק דעם שניידער מיט א שבת'דיגער קאפאטע און מיט א שפאגעל נייעם קאשקעט אויפ'ן קאפ אויסגעצויגען ווי א סטרונע און די קאסאקע אויגען זיינע קוקען אויף מיר און שמייכלען.

— גוט — זאג איך — וואס איך האב דיך דערזעהן, אליק!

— וואס איז אזוי דאס גוטסקייט? — מאכט ער צו מיר מיט א שמייכעל פון איין עזות פנים.

— איך האב דיך געוואלט בעטען זאלסט מוחל זיין אריינקומען היינט צו מיר נאכ'ן עסען.

— וואס וועל איך ביי אייך טון נאכ'ן עסען א שטייגער כדומה למשל? — מאכט ער צו מיר אלץ מיט יענעם עזות־פנים־שמייכעל.

— וואס הייסט — זאג איך — וואס וועסט ביי מיר טון? איך וויל מיר באשטעלען א נייעם גארניטער, דאס הייסט צוויי נייע גארניטערם וויל איך מיר לאזען מאכען: איינעם פון טריקא, אביסל א ווארעמערען און דעם אנדערען א גרינגען פון ווילוועט אויף די הייסע טעג.

— נו, וואס זשע געהער זיך דאס אן — זאגט ער — מיי' ־ייר?

נבהל ונשתומם בין איך געווארען פון אזא מין ע' ־ד אוי

האָב קיין וואָרט נישט געקאָנט מעהר אַרויסלאָזען. ער האָט אַ פּנים פאַרשטאַנען, אַז איך בין איבערראַשט, מאַכט ער צו מיר ווי אַ רעכטער עזות פנים:

— וואָס זענט איהר אַזוי אין גרימצאָרען? איך בין שוין היינט מיט גאָטס הילף אויס שניידער, אַ בעל הבית גלייך מיט אייך. איך פאַרמאָג היינט פופציג טויזענט קאַרבונים, איהר פאַרשטעהט צי ניין? נון אֶלף רו"כ!

און ער טוט זיך אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבער דער זייט קעשעני און אַ קנאַק מיט'ן פינגער.

— אַ פּאַלנע בלייבט אַ פּאַלנע! — זאָג איך און לאָז מיך גיהן אין מאַרק אַריין צווישען די קלייטען. ווער? וואָס? נישטאָ אַ הונט! פאַרשלאָגען טיר און טויער, זעלטען־זעלטען זעהט מען לויפען עמיצען פאַרביי שטאַרק פאַרטראַסקעט, איטליכער איז פאַרטראַגען מיט זיך, האָט נישט אין זינען קיינעם, ענטפערט אפילו נישט אויף קיין גוט מאָרגען. פלוצלינג טוט מיר עמיצער אַ זעץ אין פּלייצע, איך דרעה מיך אויס צוריק — רב מאיר בעל מח!

— נו? — מאַכט ער צו מיר — וואָס האָט איהר געפועלט?

— דאַנקען גאָט! — זאָג איך — אויס אָרימע לייט, אויס נגידים, היינט זענען ברוך השם אַלע גלייך.

— אַ גדולה אויף דער באָבע! — מאַכט ער צו מיר און קוקט מיר מאָרנע אין די אויגען אַריין.

רב מאיר בעל מח איז אַ יוד אַיין אַלטער מיט אַ גרויסער גרויער באָרד און מיט אַ הויכען שטערן און מען האַלט איהם ביי אונז פאַר אַ פלאַטשיקען, דאָס הייסט, אַביסעל ניט איבערגעשפּיצט, און דערפאַר רופען מיר איהם ביי אונז בלשון סגי נהור „בעל מח". און דערצו האַלט ער זיך טאַקי פאַר אַ גאַנצען חקרן, אַ פילאָזאָף. ער איז אַיין מענש אַליין, איין אַלמן, אָהן קינדער, און מען שאַצט איהם פאַר אַ גרויסען עושר, אַריבער שי"ן אלפים. אַצונד, נאָך דער חלוקה, אַז ס'האָט זיך אָנגענומען אויף זיין חלק סך הכל צעהן־טויזענט, קומט אויס, אַז ער האָט קיין גוט געשעפט ניט געמאַכט, און דאָס געפעלט מיר דוקא זעהר און איך באַגעגען איהם מיט אַ שמייכעלי.

— אַ יאָ — מאַכט ער צו מיר און ווישט זיך דעם שווייס — איהר קוועלט, איהר זענט ברוך השם אַצונד אַלע נגידים און ס'איז אייך גוט

ווי די וועלט? זאָג איך אייך, הערט איהר, אַז איהר זענט אַלע אויף צרות!

— אויף צרות? — זאָג איך — וואָס איז די מעשה?

— די מעשה איז, וואָס איהר זייִנט בהמות, איהר הויבט נישט אָן צו פאַרשטעהן, וואָס מיט אייך טוט זיך!

— נאָר איהר איינער — זאָג איך — זענט אַ חכם; ניט אומזיסט רופט מען אייך ביי אונז „בעל מח".

— איהר מעגט מיך — זאָגט ער — רופען ווי איהר ווילט אייך, נאָר איך זאָג אייך, אַז איהר זענט בהמות! פערד! קעלבלעך!

דאָס האָט מיך שוין רעכט פאַרדראָסען — אַ „בעל מח" זאָ, זיך אַוועקשטעלען זידלען, אָנרופען אַ גאַנצע וועלט מיט'ן נאָמען בהמות און בערד און קעלבלעך! און איך צעלאַך מיך גלייך איהם אין פנים אַריין און געה אַוועק פון איהם.

— פרייִדט זיך, פרייִדט זיך — שרייט ער מיר נאָך — איהר וועט חרטה האָבען! עס וועט אייך אויספאַלען באָקאָם!

„אַלטער נאַר! — טראַכט איך מיר — איך ווייס וואָס אייך ברענט! סע פאַרדריסט אייך וואָס איך בין היינט רייכער פון אייך! איהר זענט נישט איינער, פטרהאַן אסך ביי אונז אַזעלכע נגידים ווי איהר, וואָס האָבען געמיינט, אַז נאָר זיי קומט, אַז נאָר זיי בעדאַרפען האָבען געלד, איין עק, אוים נגידים, אוים אָרימע לייט, אוים מיוחסים!"

איך קעהר מיך אום און געה אַהיים.

ד.

— וואָס וועט זיין דער תכלית? — זאָג איך צו מיין ווייב נאָכ־דעם אַז מיר האָבען ביידע נאָך אַמאָל איבערגעציילט אונזער מאַיאָנטיק זיבעציג טויזענט קאַרבען, ווייל מיר זענען קיין עין הרע זיבען איהרע. און גוט בעהאַלטען אין קאַסטען — היים חאָטש שטעלען דעם סאַמאָוואַר וועלען מיר טרינקען טיי. עס חלש'ט מיר דאָס האַרץ.

— נאַפּשיקלאַד וועמען זאָל איך הייסען? — מאַכט צו מיר מיין ווייב — דעם שמש פון דער שוהל? דו האָסט שוין פאַרגעסען אַ פנים, אַז די מויד האָט אונז אַוועקגעוואָרפען און וויל שוין מעהר נישט דינען, און די קעכין אויך?

— די קעכין אויך ?

— וואס דען ? אלע האבען דאך געגומען פון דער חלוקה ! אלע גלייכע מיוחסים !

— ווייסט דו וואס ? — זאג איך — נים דו אן דעם סאמאוואר און איך וועל איהם צעבלאזען.

— נאפשיקלאד מיט וואס זאל איך איהם, זייגט זי, אנגיסען ? מיט מים אחרונים וואסער, צי מיט'ן פאראיאהריגען שניי ? אז פון נעכטען אן קוק איך נישט אן דעם וואסערפיהרער אין די אויגען !

און אזוי ווי מיר רעדען דערזעהע איך דורכ'ן פענסטער נחמן בער דעם וואסער־פיהרער פאהרען מיט א פעס. פונ'ם טייך; לויף איך ארויס צו איהם מקבל פנים זיין און וויל איהם אפשטעלען.

— רב נהמן בער ! רב נחמן בער ! זייט זשע מוחל שטעלט זיך אפ א ווילע, גיט אונז א פאר עמער וואסער !

— וואסער ? אין טייך איז פארהאן גענוג ! — מאכט ער צו מיר און קוקט אפילו נישט צו מיר אין ווינקעל אריין.

— וואס מאכט איהר חוזק, רב נחמן־בער ? מען דארף שטעלען דעם סאמאוואר, נישטא א טראפען וואסער.

— אזוי ? אט צעקראץ איך מיר די פיאטעס ! — מאכט ער צו מיר גאנץ ברייטליך און מיט א געלעכטער : — אז מען וויל וואסער נעמט מען איין עמער אזוי ווי איך (דעם איך ציהט ער אויס אויף איין ארשין) און מען איז זיך מטריח צום טייך אזוי ווי איך, און מען פארקאטשעט די פאלעס אזוי ווי איך !...

איך קען נחמן־בער דעם וואסערפיהרער שוין עטליכע און צוואנציג יאהר, האב איך איהם נאך קיין מאל נישט געהערט רעדען מיט אזא טאן און מיט אזא ברייטקייט און מיט אזא נגון ווי איצט.

— הערסט דו ? — זאג איך צו מיין ווייב, — ס'איז א מאוס'ער עסק ! מען בעדארף האטש געהן קריגען א בולקע. איך וועל א שפרונג טון צום בעקער און דו זיי זיך מטריח אין מארק אריין נאך פלייש. — געקומען צו שמואליק דעם בעקער, ער זיצט נישט וויים פון אונז, און איך טרעף איהם ביים טיש מיט זיין גאנץ געזינדעל, מען זיצט, מען טרינקט טיי און מען שוויצט.

— א גוט מארגען, רב שמואל ! זאג איך צו איהם.

— א גוט מארגען א גוט יאהר, וואס וועט איהר עפיס זאגען גוטס ? — מאכט ער צו מיר עפיס זעהר אויפגעלעגט און בעט מיך אפילו נישט זיצען.

— איך האב אייך געוואלט בעטען, זאג איך, א פאר בולקעס, אָדער קוילעטשלעך געפלאָכטענע.

— האט קיין פאראיבעל ניט — מאכט ער צו מיר און ווישט זיך דעם שוויים מיט א יום טוב'דיגער בעטשיילע — בולקעס האב איך פון מיינעטוועגען.

— וואס הייסט פון אייערטוועגען?

— אט דאס הייסט — זאגט ער — איהר ווילט בולקעס? באקט.

— איך וועל אייך גוט בעצאהלען, פרוב איך מיך אונטערקויפען מיט געלד.

— טאקי? — מאכט ער צו מיר מיט א שמייכעלי — איהר וועט מיר גוט בעצאהלען? דהיינו וועלכעס ווערד אנגערופען ביי אייך גוט בע־צאהלען? אפשר וועל איך אייך גוט בעצאהלען און באקט איהר מיר בולקעס?

— ברוגז, — זאג איך — בעדארף מען דא ניט זיין, דערווייל זענט איהר דאך א בעקער, און ביי א בעקער קויפט מען בולקעס...

— ס'איז אלץ געווען אמאל! — מאכט ער צו מיר מיט א שמייכעלי פון א שטאדט־בעל־הבית שבת נאכ'ן עסען און גלעט זיך די באָרד — אמאל בין איך געווען א בעקער און היינט בין איך אוים בעקער. אדיע! לאזט דארטען גריסען אייער ווייב...

איך זאל ניט מורא האבען פאר קיין פעטש וואלט איך זיך אפגערעכענט מיט'ן דאזיגען בעקער דעם גראבען יונגאטש, ער זאל מיך האבען צו געדענקען! נאר ווי פאסט דאס פאר מיר, א נגיד פון זיבעציג טויזענט קארבען און א טאטענס אקינד דערצו זאל זיך אייעקשטעל'ען אויסטענהן מיט אבעל מלאכה א בעקער? און איך טהו א קלאפ מיט דער טיר און געה אהיים.

אין דערהיים טרעף איך מיינע צוויי קלענערע קינדער נאר וואס געקומען פונ'ם חדר מיט א גדולה: דער רבי האט זיי צעלאזט פריי, אנגעזאגט זיי זאלען שוין מעהר צו איהם אין חדר אריין נישט קומען.

וואס איז שוין? — זאג איך — איהר האט שוין עפים פארשטיפט א מעשה? זייט זיך מודה, ווארום אט גיב איך אייך פעטש ווי האלץ!

— מיר האבען נישט פארשטיפט, זאגען זיי, קיין שום מעשה. דער רבי האט אונז גאר געזאגט, אז מיר זענען שוין ניט מעהר זיינע תלמידים און ער איז ניט אונזער רבי, אויב מיר ווילען, זאגט ער, לערנען, זאל דער טאטע אליין זיך מטריח זיין מיט אונז קנעלען...

און דאָס שכר לימוד, זאָגט ער, וואָס איהם קומט, זאָל מען דאָס אַוועקשענקען אויף אָרימע לייט...

דאָס האָט מיך שוין אַזוי פאַרדראָסען, אַז איך האָב געחאַפּט דאָס שטעקל און בין אַרויסגעלאָפען אין דרויסען און האָב מיך גענומען גיין אין שטאָדט אַריין זעהן, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, ווי אַזוי איז ביי לייטען. און אַזוי ווי איך גייע, באַגעגען איך ווידער אַמאָל רב מאיר בעל מח מיט אַ באַרעמעק האַלץ אויף די פּלייצים.

— וואָס איז דאָס — זאָג איך צו איהם — אַליין?

— אַליין, וואָס דען? מאַכט ער, איך האָב דאָס קוים געקריגען, אויסגעוויינט. אַצינד בעדאַרף מען נאָך גיין קריגען מעהל און זיך באַקען ברויט. גוט דערלעבט. האַ? ווארט צו אַביסל, דאָס איז נאָך גאָר ניט; אַט וועט איהר זעהן וואָס וועט נאָך זיין! בלוט וועט רינען אין די גאַסען! בלוט! בלוט!

„אַ חקרן רעדט גאָר אַנדערע ווערטער. ער זאָגט גאָר נביאות" !— אַזוי טראַכט איך מיר און עס קריכען מיר אין קאָפּ אַריין אַלערליי אומעטיגע מחשבות און פאַרשטערען מיר די שמחה מיט'ן פאַרגניגען פון די זיבעציג טויזענט קאַרבען, וואָס איך פאַרמאָג אַצונד. איך צעטרייב די מחשבות ווי ווייט מעגליך, נאָר זיי העכען נישט אויף צו קריכען אין קאָפּ אַריין, ווי זומער-פליגען — און איך לאָז מיך גיין ווייטער.

ה.

אויף דער גאַס דרעהען זיך אַרום אונזערע רויטע יודלעך אַלע שבת'דיג אָנגעטאָן — אַלע נייע אויפגעקומענע נגידים, נאָר אַלע אָנגעברוגז'טע, בלאָזען זיך ווי חתנ'ס צד, דער עולם עפּיס שושקעט זיך, וואָרטשעט, מען רעדט איינע אויפ'ן אַנדערע לשון הרע.

— געפעלט איך אַ ביסל אונזער נייער נגיד! — מאַכט איינער צום אַנדערען און ווינקט אָן אַ זייט.

— פּסנו! — מאַכט דער אַנדערער און איז אַזש גרין פאַר קנאה, און בכדי מען זאָל זיך צעשלאָגען אַביסל די געדאַנקען דערציילט איטליכער בעזונדער איין אַנדער אַנעקדאָט, ווי אַזוי דער שכן זיינער איז געקומען אהיים מיט'ן געלד, געחאַפּט דאָס ווייב און געגאַנגען אַ טענצל, שיער ניט משוגע געוואָרען פאַר פרייד! דער אַנדערער דערציילט נאָך אַ

שענערען אנעקדאט, ווי אזוי זיינער א באקאנטער, ער וויל נים פורש בשמו זיין, איז געזעסען א גאנצע נאכט ביז'ן ווייסען טאג אריין און האט נישט אויפגעהערט צו ציילען נאך א מאל און נאך אמאל דאס געלד וואס ער האט געבראכט אהיים און ווי אזוי ער שטערט זיך אפ איטליכעס מאל און טוט זיך א קנייפ ביים לייב און א זאג צום ווייב: „שרה זיסל! ווי מיינסט דו, איך של"אף?"... דער גאנצער עולם שיסט אוים כלומרשט א געלעכטער, נאר מען זעהט אז סע איז פאלש: עם לאכט זיך עפים נים אזוי ווי עס דארף צו זיין. איטליכער פיהלט אז עס גענוגעלט איהם עפים אינווייניג, נאר ארויסזאגען קאן ער דאס נים.

— געהערט א מעשה? — רופט זיך אן איינער א יונגערמאנטשיק מיט א זיידענעם קאשקעט און קראצט זיך אונטערען קאלנער — שמעון אלי דער שוחט וויל נים קוילען.

— וואס הייסט ער וויל נים קוילען? — מאכט א יוד א נגיד מיט א בייכל, וואס העגנט איהם אראפ און ער מוז דאס האלטען אונטער געבונדען מיט א גארטעל — וואס הייסט ער וויל נים קוילען?

— אט דאס הייסט! — מאכט דער יונגערמאן מיט'ן קאשקעט — ער איז שוין, זאגט ער, אוים שוחט, ער פארמאגט שוין איצט זיינע דרייסיג טויזענט קארבען און קוילעט נאר פון זיינעטוועגען.

— דו מאכסט זיך נאריש! — זאגט דער יוד און ציהט ארויף דאס בייכעל מיט ביידע הענט.

— ווי א יוד איך בין? — מאכט דער יונגערמאן — מיין שוויגער האט געשיקט צו איהם דאס מיידל מיט עופות האט ער ארויסגעטריבען דאס מיידל מיט די עוכות.

— דאס איז נאך בלאטע! — רופט זיך אן איין אויסגעדארט יודעל, נעביך א קראנקער — איך האב מורא מיר וועל'ען אלע אויסגעהן פאר הונגער.

— פאר הונגער? וואס איז פאר"א הונגער אויף אייך?

— וואס הייסט וואס איז? אז די קצבים ווילען נים שעכטען, נישט געפענט אפילו היינט די יאטקעס.

— געהט שוין געהט!

— איך זאל אזוי האבען הצלחה בכל אשר אפנה.

— איהר זאגט קצבים? למאי בערע ברענבוך דער בעדער וויל נישט הייצען די באד?

— א נייער נגיד אין שטאדט! בערע ברענבוך! חא־חא!

צוזישען עולם ווערד בלומרשט א גלעכטער.

— א שיינער געלעכטער! — רופט זיך אן פארביילויפענדיג א יונגערמאן מיט איין איבערגעשראקען פנים — לאכט־לאכט, אויסגעוואכסען א געלעכטער אויפ'ן פופיק!... א שטאדט סאמע נגידים!... נישט טון פון דאנען אהין!... נישט צו קריגען אין ערגעץ א פוהר!... בעלי עגלות ווילען ניט פאהרען!... אט דארף איך פאהרען צום באהן ווי אין לעבען אריין, אפפיהרען א קינד צום דאקטאר... כ'האב מורא איך וועל מוזען געהן צו פוס צום באהן.

— צום באהן? — טוט זיך איינער א זאג פארביי־געהענדיג — איך וויים גאר ניט צי עס געהט ערגעץ א באהן...

— א משל! איין עק הייסט דאס? די וועלט האט זיך אוועקגעשטעלט?

— זאלט איהר טאקי וויסען!

מיט א פאראומעטיגט הארץ לאז איך מיך געהן ווייטער און הארך אלע מאל אלץ ערגערע בשורות, מאדנע דבורים, פארשידענע מימרות. און זעה פאר זיך סצענעס איינע טרויעריגער פון דער אנדערער, דא געהט א מוטער, ברעכט די הענט: די זייגערין האט זי אוועקגעווארפען, איבערגעלאזט איהר א ברעקעלי קינד אויף די הענט און זי ווייסט ניט וואס מען טוט!... דארט לויפט א יונגערמאן טוידט ווי דער טוידט: דאס ווייב געהט ביי איהם צו קינד, און נישטא קיין אקושארקע, חאטש לעג זיך און שטארב!... דא שטעהט א יוד פארוויינט, ס'איז ביי איהם געשטארבען היינטיגע נאכט איין אלטער פאטער און מען דארף איהם באהאלטען איז ניטא ווער ס'זאל באהאלטען. „וואס הייסט? נו און חברה קדישא?" „וואס מיר חברה קדישא? אז ס'איז נישטא קיין שמשים! קיינער וויל זיך ניט ריהרען פונ'ם ארט"!... און דארט שטעהט א יוד פארזארגט: ער מאכט היינט חתונה א שוועסטער. דארף שטעלען א חופה, איז ניטא ניט קיין כלי־זמר, ניט קיין סארווערס, ניט קיין שמש, ניט קיין חזן — א ריינער אומגליק!... און דא קלאגט זיך איינער אויף דער פאסט: ער איז געגאנגען אפנעמען זעהר א נייטיגען בריף פון זיינעם א ברודער, איז נישטא קיין לעבעדיגער מענטש אויף דער פאסט? דער האלט אין מיטען בויען זיך א דירה, האבען איהם די בעלי מלכות אוועקגעווארפען אין מיטען דער ארבייט, און יענער האט א גרויסע פאבריק, האט ער זי געמוזט צומאכען! הכלל מען הערט נאר צרות און צרות!

„רב מאיר, חאטש מען רופט איהם ביי אונז „בעל מח" בלשון סגי

נהור, איז אפּנים גאָר ניִשט אומגערעכט, וואָס ער זאָגט, אַז מיר זענען אַלע אויף צרות"—אַזוי טראַכט איך מיר אונ לאָז מיך גײן צו איהם אַהײם, הערען וואָס וועט ער עפּיס זאָגען אויף ווײטער, אונ אינוויעניג אונטערען לעפעלע פיהל איך ווי עפּיס זויגט מיך אונ נאָגט מיך, טאַקי נאָר ווי ווערים עסען מיך...

ו.

אַרײַנגעקומען צו מאיר בעל מח האָב איך איהם געטראָפען גאַנץ שײַן זיצענדיג אויף אַ בענקעל מיט אַ שטיוועל אויף די קניהעס אונ מיט אַ נאָדעל־פאָדעם אין האַנט, די גרויסע גרויע באָרד האָט ער צעלאָזט אונ דער ברײטער שטערען האָט איהם געשוויצט.

— וואָס טוט איהר דאָס, רב מאיר? — פרעג איך איהם.

— וואָס זאָל איך טהון? — מאַכט ער מיט אַ זיפץ — איהר זעהט דאָך וואָס איך טהו, אַז אָך אונ וועה איז מיר! שײן אַזוי? האָ? זיך דערלעבט? נו וואָס האָט איהר געפועל'ט מיט אייער אויפטהו? מיט אייער „חלוקה"? הײַנט איז איך בעסער ווי פריהער? זאָגט, שעמט זיך ניט! איא איהר שווײַגט?

אונ ער לײגט אַוועק אויף אַ ווײַלע די אַרבײט אונ קוקט מיר גלײַך אין פּנים אַרײן. איך שווײַג ווארום איך האָב ניִשט וואָס צו זאָגען.

— וואָס וועט זײן פון דעם דער תכלית וואָלט איך וועלען וויסען? — מאַכט ער צו מיר ווײטער אונ נעמט זיך צו דער אַרבײט — אַז מען קאָן קײן זאַך ניִשט קריגען פאַר געלד, הײנט צו וועלכע שווארצע יאָהר טויג איך דאָס געלד? איך האָב מורא מען זאָל ניט אָנהויבען זיך עסען איינס דאָס אַנדערע לעבעדיגערהײד.

— וואָס זשע איז די עצה, רב מאיר? אדרבה, איהר זענט דאָך עפּיס אַ יוד איין אויפגעקלערטער, ווי זאָגט מען, אַ חקרן אונ אַ פילאָזאָף, גיט איין עצה!

— איין עצה זאָגט איהר? דערצו איז פאַרהאַן נאָר איין עצה.

— דהײנו?

— דהײנו, ס'זאָל זײן אַזוי ווי ס'איז געוועזען ביז אַהער.

— ווידער, זאג איך, קבצנים אונ ווידער נגידים? איינעם גאר, דעם אנדערען גאר נישט? ס'איז טאקי א יושר?

— עס קאן אבער אנדערש נישט זיין, — מאכט ער אונ טוט זיך זיין ארבייט — עס מוז אזוי זיין! כל זמן מיר ארבייטען איבער נויט, ווייל מיר ווילען עסען; כל זמן מיר הארעוועןנ נאר צו ליב דער קישקע אליין אונ מיר האבען פון אונזער הארעוואניע קיין שום הנאה נישט; כל זמן הארעוואניע, ארבייט קויפט זיך אונ פארקויפט זיך פאר געלד, — מוז דאס אזוי זיין, ווי ס'איז געוועזען ביז אהער. אז דער שוסטער קומט מיר נישט העלפען פאררעכטען די שטיוועל נאר דערפאר וואס ער דארף שוין גיט מיין געלטס; אז דער בעקער גיט אייך נישט קיין בולקע נאר דערפאר וואס ער דארף שוין נישט אייער גריוונע; אז דער כלי־זמר וויל נישט קומען אייך משמח זיין אויף אייער חתונה פאר גוט פריינדשאפט אליין; אז דער מלמד וויל נישט לערנען מיט אייערע קינדער פאר ליבשאפט אליין; אז די אקושערקע וויל נישט קומען העלפען אייער געווינערין אונ דער רופא וויל נישט געהן צו אייער קראנקען, און דער שמש וויל נישט באהאלטען אייער מת פאר רחמנות אליין — הייַנט צו וואס טויגט איהר אונ צו וועלכע שווארצע יאהר לעבט איהר אויף דער וועלט? וואס איז דער חלוק דעמאלט צווישען אייך אונ צווישען דער בהמה? א בהמה קלערט נאר וועגען איהר טרעלבויך אונ איהר קלערט נאר וועגען אייער טרעלבויך; א בהמה האט אין זינען נאר זיך מיט איהר פאמעניצע, און איהר האט אין זינען נאר זיך מיט אייער פאמעניצע. איהר האט געזעהן א בהמה זאל העלפען דער אנדערע בהמה בשעת יענע דארף זיך קעלבען? איהר האט געזעהן א פערד זאל העלפען דעם אנדערען פערד אויפשטעהן בשעת יענץ פערד האט זיך ספאטיקעט אונ איז געפאלען? איהר האט געזעהן אז א בהמה זאל זיך זארגען פאר דער וועלטס קעלבלעך? הייַנט זאגט מיר, איך בעט אייך, מיין ליבער יוד, וואס איז מיט אייך אזוי דער יחוס? אונ וואס זענט איהר געווארן אזוי ברוגז, אז איך האב אייך אלעמען אנגערופען מיט'ן נאמען בהמות, פערד אונ קעלבלעך?

אונ דער אלטער רב מאיר האט אוועקגעלייגט דעם שטיוועל אונ די גרויע באָרד האט זיך ביי איהם צעלאזט, אונ די אויגען האבען איהם געברענט אונ ער האט אויסגעזעהן ביי מיר עפּיס גאר איין אנדער מענטש, גאר נישט דער פלאטשיגער „בעל מח" וואס ביז אהער, אונ איך האב איהם נישט געוואלט איבערשלאגען די רעד; מיר האט זיך געוואלט ער זאל נאך רעדען אונ רעדען. אונ ער, רוהט זיך אפ אונ רעדט ווייטער:

— נו? איז איהר שווייגט? ווארום איהר האט ניט וואס צו זאגען, איהר האט געמיינט, אז דערמיט וואס אלע רויטע יודלעך וועלען ווערען אויסגעגלייכט אין זייער פארמעגען וועט קומען א ישועה אויף דער וועלט? איהר האט געלעבט אין טעות: נישט אין דעם, נישט אינ'ם געלד שטעקט דאס גאנצע גליק פונ'ם מענשען, אונזער גליק ליגט אט א דא; (ער ווייזט מיט דער האנט אויפ'ן הארצען) אונ אט א דא! (ער ווייזט מיט דער האנט אויפ'ן שטערען) ווי זשע איז אבער דער דין אז דא (ער ווייזט מיט'ן פינגער אויפ'ן שטערען) איז ביי אונז פארהאן ווינציגליך, אונ אט א דא (ער בעווייזט מיט'ן פינגער אויפ'ן הארצען) נאך ווינציגער. וועס אונז אט דאס (ער בעווייזט מיט דער האנט אויף דער קעשענע) נישט העלפען גאר נישט; אדרבה, עס וועט אונז נאך אסך אסך קאליע מאכען! ס'איז נאך, פארשטעהט איהר מיך, צו פריה, אז מיר זאלען פארשטעהן, אז מיר זענען באשאפען געווארען נישט נאר צוליב דעם טרעלבויך אונ נישט צוליב דער פאמעניצע אליין, אז מיר דארפען איינער צום אנדערען נישט צוליב געלד, אונ העלפען איינס דאס אנדערע נישט פאר געצאהלטס נאר מצד עפּיס אנדערש, מצד רחמנות. ניין, ס'איז נאך ניט געקומען די צייט; עס דארף נאך לאנג געדויערען ביז מיר אלע זאלען דאס פארשטעהן!... אונ ביז דעמאלט מוז דאס זיין ווי ס'איז געווען ביז אהער; אניט איז שלעכט, ביטער, ביטער ווי דער טויט, עס וועט זיך גיסען בלוט אין די גאסען; אט וועט איהר זעהן, פארשרייבט מיינע ווערטער!

פלוצלינג הערען מיר א רעש, א געשריי פין דרויסען; דער אלטער לייגט אוועק די ארבייט אונ מיר לויפען ארויס ביידע אויף דער גאס זעהן וואס טוט זיך דארטען.

ו.

דאס וואס מיר האבען דערזעהן אין דרויסען לאזט זיך ניט באשרייבען. אין מיטען גאס איז געשטאנען איין אלטע פרוי מיט א פולען קאשעק מיט בולקעס אונ ארום אונ ארום בענשען האבען זי באפאלען, רייסען ביי איהר די בולקעס פונ'ם קאשעק אונ זי לאזט ניט, בארעט זיך אונ שרייט:

— טשעפעט זיך אפּ! לאזט מיך! ס'איז ניט אויף צו פארקויפען! איך פארקויף ניט!

— איהר פארקויפט ניט? גיט אונז אזוי!

— ניט פון אײערטװעגן אָבגעבאַקען! פון מײַנע קינדערס װעגען! זאָגט מיך! ראַטעװעט! קאַראַאול!

נאָר דער עולם הערט זי װי המן דעם גרײַגער; אין עטליכע מינוט האָט מען די בולקעס איהרע צענומען, זי האָט מען רעכט אױסגעהרג׳עט און די פרױ נעבּיך, אַ צעבלוטיגטע, װײנט און שעלט מיט טױדטע קללות, לײענט די תוכחה.

— געפעלט אײך די רױטע יודלעך, די שײנע לײַט, די אױפגעקומענע גבירים אײערע? — מאַכט צו מיר מאיר בעל מח מיט אַ ביטער געלעכטערל — אַזעלכע שטילע מענשלעך געװען תמיד, און פּלוצלינג געװאָרען גזלנים! און איבער װאָס? איבער אַ בולקע, חאַ־חאַ־חאַ!

דער װינט, װאָס האָט צעבלאָזען די באָרד זײַנע אױף אַלע זײַטען צעטראָגט דעם געלעכטער און פון אַלע גאַסען זעהען מיר רױטע יודלעך לױפען אַלץ אין אײן זײַט אַרײַן, צום מאַרק, צו די יאַטקעס.

— װאָס איז? װאוהין לױפט מען דאָס? — חאַפּען מיר אָן אײנעם פון׳ם מאַרק.

— איהר האָט גאָר ניט געהערט — מאַכט ער צו אונז פאַרװאונדערט — ס׳טײַטש סע טוט זיך חשך, אַ געשלעג, אַ הריגה בײַ די יאַטקעס!

— אַ געשלעג? אַ הריגה? איבער װאָס?

— איבער פלײש.

— איבער פלײש?

— איבער פלײש. מען איז זיך צונױפגעקומען נאָך פלײש, האָבען די קצבים ניט געװאָלט עפענען די יאַטקעס, האָט אײנער אַ בעל־הבית אױפגעשלאָגען דעם שלאָס און געװאָלט אַלײן נעמען פלײש, האָט איהם דער קצב געגעבען מיט אַ האַק איבערען קאָפּ, איז ער, זאָגט מען, געפאַלען טױט, האָבען זיך אָנגענומען פאַר איהם די איבעריגע בעלי בתים און גענומען שלאָגען דעם קצב, האָבען זיך אַרױסגעשטעלט די איבעריגע קצבים, איז געװאָרען אַ געשלעג, אַ הריגה, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! מען זאָגט העכער צװײ מנינים מענשען זענען געהרג׳עט אױף טױט.

— נו װער איז געװען גערעכט? װאָס האָב איך אײך געזאָגט? — מאַכט צו מיר רב מאיר בעל מח און מיר הױבען אָן געהן גיכער, און דער געפילדער מיט׳ן געשרײ װערד אַלע מאָל שטאַרקער און שרעקליכער, און איך הער אַזעלכע קולות װאָס כ׳האָב נאָך קײנמאָל נישט געהערט; און איך דערזעה אַזעלכע סצענעס װאָס איך האָב קײן מאָל אַזעלכעס ניט

געזעהן. דער מארק איז פארפלייצט מיט רויטע יודלעך. אויף דער ערד ליגען אסך הרוגים, קאטשען זיך אין בלוט, צווישען זיי מיינע גוטע באקאנטע. דארט ליגט איינער א יונגערמאן אין א שיינער קאפאטע מיט א בלייך פנימ'ל, איך וואלט געמעגט שווערען, אז ס'איז שמעון אלי דער שוחט. אביסעל ווייטער יענער גראבער מיט'ן בייכל, וואס ביי'ם לעבען האט ער דאס געהאלטען שטענדיג אונטערגעבונדען מיט א גארטעל. און נאך אסך באקאנטע פארשוינען. איינינע זעגען שוין אין גאנצען טויט און איינינע זשיפען נאך, און בלוט, בלוט ארום און ארום! דער אלטער מיינער שטור-כעט מיך מיט'ן עלענבויגען איך זאל קוקען אהינצו, ווייטער, זעהן וואס דארטען טוט זיך; ער רעדט עפּיס צו מיר. נאר איך הער נישט וואס; ער ווייזט מיר עפּיס און איך וויים נישט וואס; איך זעה נאר זיין ווייסע בארד ווי זי שאקעלט זיך און דער ווינט צעבלאזט איהרע לאנגע גרויע האר. פונ'ם ריח פון בלוט,—מענשען בלוט,—ווערד מיר נישט גוט אויף צו חלש'ען; דאס הארץ אט אט שפרינגט דאס מיר ארויס; די פים ווע-רען אונטערגעהאקט, אט נאט פאל איך אום . . . .

ז.

אז איך האב מיך אויפגעכאפּט בין איך געלעגען אויף א בעטעל און דאכט זיך ניט ביי זיך אין דערהיים. עפּיס נישט קיין קענטליך ארט און נישט קיין קענטליכע פארשוינען דרעהען זיך ארום מיר; אלע געהען אנגעטהאן אין ווייסען, ווי אין תכריכים, מיט ווייסע ספּאדקעס אויף די קעפּ. „מתים"! פליהט מיר דורך א מחשבה אין קאפּ און איך וויל עהר וויסען, וואו בין איך אין דער וועלט? צי איך לעב צי איך בין געשטארבען? איך הויב אויף דעם קאפּ, קוק מיך ארום אויף אלע זייטען, איך טאפּ מיך ביי מיין לייב—איך האב נאך אלע חושים, א סימן אז איך בין ניט געשטארבען, איך לעב, און א מאדנע ווארעמקייט פיהל איך צעגיסט זיך איבער מיין גאנצען „איך". נאר וואו בין איך און ווי קום איך אהער און וואס איז מיט מיר — דאס קאן איך ניט פארשטעהן בשום אופן. איינער פון די פארשוינען אנגעטאן אין ווייסען מיט א ווייסען ספּאדיק, דערזעהט אז איך ריהר זיך, געהט ער צו צו מיר און בייגט זיך אן איבער מיין געלעגער.

— וויאו בין איך? — פרעג איך איהם.

— ששש... — מאַכט ער צו מיר — דער דאָקטאָר הייסט ניט רעדען.

— ווער זענט זאיהר? — פרעג איך איהם וויַיטער.

— ששש... — איך בין אַ פעלדשער — דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, איהר זאָלט ליגען רוהיג, ניט רעדען אַ וואָרט.

ער געהט אַוועק און לאָזט מיך איבער אַליין. איך ברעך מיר דעם מח, איך וויל מיך דערמאָנען ווי אַרום איך קום אַהער? וואָס איז געוועזען פריהער מיט מיר? — און קאָן בשום אופן נישט דערמאַנען זיך, איך קאָן זיך אַפילו נישט דערמאַנען ווער בין איך? איך האָב דאָס לחלוטין פאַרגעסען! פאַרגעסען ווער איך בין און וואָס איך בין און ווי אַזוי מען רופט מיך. איך פיהל מיך עפּיס ווי ניי געבוירען; אָט אַזוי בעדאַרף זיך פיהלען אַקינד בשעת עס ווערד געבוירען אויף דער וועלט. עס געהען צו צו מיר אַלע מאָל נייע פּאַרשוינען, בייגען זיך אָן איבער מיר, האַלטען מיך ביים דפק, קוקען מיר אין די אויגען אַריין. מען גיסט מיר אַלע מאָל מיט אַ לעפעל אין מויל אַריין עפּיס פריקרע זיסע און ביטערע זאַכען. ביסלעכוויַיז פיהל איך ווי עס קומען מיר צו אַלע מאָל פרישע יכחות און די קאָפּ ווערד מיר וואָס וויַיטער לויטערער, איך הויב מיך אָן ביסלעכוויַיז דערמאַנען ווער איך בין און פון וואַנען און ווי אַזוי איך הייס, און איך הויב אָן צו פאַרשטעהן — אַז איך בין נישט אין דערהיים, אַז איך בין ערגעץ אין דער פרעמד, אַפנים אין שפּיטאָל... איך בעט מען זאָל מיר שיקען אַהערצו מיין וויַיב, מיינע קינדער, ענטפערט מען מיר אַז ניין מען טאָר נאָך נישט, דער דאָקטאָר הייסט נישט. עס געהט אַוועק אַזוי עטליכע טעג מיט עטליכע נעכט. איך האָב קוים געפועל'ט ביים דאָקטאָר, ער זאָל אויף מיר רחמנות האָבען, אַריינלאָזען אַהערצו כאָטש אויף צוויי מינוט מיין וויַיב מיט מיינע קינדער. קוים געפועל'ט ביי איהם, נאָר מיט אַ תנאי איך זאָל מיט איהר פון קיין שום זאַך נישט רעדען. מיין וויַיב קומט אַריין צו מיר מיט טרערען אויף די אויגען איך וויל מיט איהר אָנהויבען רעדען, אויספרעגען, וואָס הערט זיך אין שטאָדט און אויף דער וועלט, וואו האַלט דאָס איצט „נאָך דער חזוקה"? לאָזט מען מיך נישט רעדען, דער דאָקטאָר, זאָגען זיי, האָט אָנגעזאָגט, אַז „דערפון" זאָל מען מיט מיר ניט רעדען, און איך זאָל „דערפון" גאָר אַפילו נישט קלערען. נאָר ווי קאָן איך „דערפון" ניט קלערען, אַז נאָר „דאָס" פּיקט מיר אין קאָפּ אַריין, און נאָר וועגען „דעם" זענען פול

מײַנע מחשבות ?... מײַן װײַב און מײַנע קינדער קומען שױן איצט צו מיר אַלע טאָג ! אױך באַקאַנטע לאָזט מען שױן צו מיר צו, װאָרום איך קאָן שױן זיצען, שטעהן און אַביסל אַרומגעהן איבערן שטוב. איך קאָן שױן רעדען און מעג שױג רעדען פון װאָס איך װיל, נאָר נישט „דערפון" ! דאָס האָט דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט טױזענט מאָל: הזהר והשמר — איך זאָל זיך נישט דערװעגען רעדען „דערפון" אַ װאָרט !...

דאַנקען גאָט — מען האָט מיך שױן פונ'ם שפּיטאָל אױסגעשריבען און איך בין שױן אין דער הײם, איך האָב געטראָפען אַלסדינג אױף דעם אײגענעם אָרט װי געװען. אױך די מענשען די אײגענע װאָס פריהער. אפילו די דינסטמױד די אײגענע װאָס דעמאָלט.

— דו האָסט זי צוגענומען צוריק ? — זאָג איך צו מײַן װײַב.

— װעמען ?

— די מױד. דו האָסט דאָך זי דעמאָלט אָפּגעשאַפט.

מײַן װײַב קוקט אױף מיר שטאַרק פאַרװאונדערט, נאָר איך בין מעהר פאַרװאונדערט פון איהר...

פלוצלינג עפענט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן נחמיה דער הינקענדיגער פּאַפּיראָסניק.

— אפשר דאַרפט איהר פּאַפּיראָסען, האָב איך פאַר אײַך אױס-געצײכענטע פּאַפּיראָסען ! װאָלװעל !

— ביזט שױן װידער אַ פּאַפּיראָסניק ? — זאָג איך צו איהם און איך בין זיך מודה, אַז איך בין פון דעם שטאַרק צופרידען, נאָר נחמיה קאָן מיר דערױף נישט ענטפערען, װײַל מײַן װײַב טרײַבט איהם דורך מיט די פּאַפּיראָסען, און אײדער איך קוק מיך אַרום, קומט אַרײַן נחמן בער דער װאַסערפיהרער און בעט מען זאָל איהם געבען אױף יענעם חודש חאָטש אײן האַלבען קאַרב.

— װאָס איז דאָס ? — זאָג איך צו איהם און בין זיך פשוט מחיה — װי קומט איהר בעטען אַ האַלבען קאַרב ? װאו איז אײער...

— נישט צוליעב מיר, צוליעב דעם פערדל — פאַרענטפערט ער זיך פאַר מיר — איך דאַרף קױפען הײ דעם פערדל, האָבער בין איך א י י ך מוחל !

מײַן װײַב גיט איהם אין דער גיך דאָס האַלבע קערבל און שטופּט איהם אַרױס, ער זאָל מיט מיר קײן סך ניט רעדען.

אין דעם קומט אריין די מויד און פרעגט, צי קאן אריינגעהן אליק דער שניידער? און תיכף נאך איהר קומט אריין אליק אליין מיט די קאסאקע אויגען.

— ברוך הבא, רב אליק — רוף איך מיך אן צו איהם, — וואס וועט איהר זאגען גוטס?

— איך האב געוואלט, — זאגט פאר איהם מיין ווייב, — ער זאל דיר אראפנעמען א מאס אויף א חאלאט.

און אליק דער שניידער חאפט אראב פונ'ם האלז די לאנגע מאס און מעסט מיך פון אלע זייטען. איך וויל איהם א פרעג טאן: וואס הערט זיך מיט די פופציג טויזענט, מיט די נון אלף רו"ב? נאר פון דער אויסגעריבענער קאפאטע און פונ'ם בלאסען פנים זיינעם פארשטעה איך, אז ער איז וויים פון נון אלף רו"ב...

— אצונד — זאגט מיין ווייב — וואלט מען נאך בעדארפט שיקען צו חלאוונע דעם שוסטער, ער זאל דיר אויפנייהען אפאר שטעקשיך.

— חלאוונע איז נאך א שוסטער? — חאפט זיך ארוים ביי מיר פונ'ם מויל.

— וואס דען איז ער? א גובערנאטאר? — מאכט אליק דער שניידער א.ג. קוקט מיט די קאסאקע אויגען אויף דער סטעלי און כיינען מיינט ער מיך. זיך רייס מיך אין דרויסען ארוים, איך וויל זיך זעהן מיט מיין אלטעטשקען, מיט מאיר בעל מח; נאר ער, נאר מאיר בעל מח, קאן מיר געבען צו פארשטעהן, מיך קלאר מאכען וואס דא טוט זיך... מען לאזט מיך אבער נישט ארוים פון שטוב א צייט א צייט. און אז דער דאקטאר איז געקומען, מיך רעכט באטראכט און געזאגט, אז איך קאן שוין געהן, האט ער מיר אריינגעזעצט א נייע נשמה, איך האב גענומען דאס שטעקל און האב זיך געלאזט געהן.

— וואוהין זשע וועסט דו געהן? — פרעגט מיך מיין ווייב.

— איך רעכען זיך דורכגעהן צו מאיר'ן.

— צו וואסער מאיר'ן?

— צו מאיר בעל מח.

— אהא! לאז ער זיין וויים אפגעשיידט! ער איז שוין לאנג אויף דער אמת'ער וועלט.

און ווי מיין ווייב האט מיר אנגעזאגט די דאזיגע בשורה, אזוי האט זיך מיר אפגעריסען אין הארצען און איך בין צוגעפאלען

מיט'ן פנים צום טיש און האָב מיר צעוויינט ווי א קליין קינד.

ווער וועט אַצינד מיר אויפדעקען דעם פאָרהאנג? ווער וועט מיר אַראָפּנעמען די מאַסקע? ווער וועט מיר עפענען די אויגען? נאָר ער איינער האָט געוואוסט דאָס וואָס איך וויים, און דער איינער איז געשטאָרבען, מיטגענומען דעם דאָזיגען סוד מיט זיך אין קבר אַריין!...

די רעוואלוציע
אויף יענער זייט סמבטיון.

די רעוואלוציע
אויף יענער זייט סמבטיון.

קאפיטעל א.
דער פרנס־חודש און זיינע מקורבים. די טעלערלעקער.

די רויטע יודעליך, וואס אויף יענער זייט סמבטיון, זענען א פריי פאלק, האבען ניט אויף זיך קיין איבערהאר, צאהלען קיינעם גישט קיין צינז, ווייסען ניט פון קיין טאקסע אויף פלייש, ווארום מכות עסען זיי. זייערע אלע עסקים, געשעפטען און לאדענישען פיהרען זיי אליין, און אז עס מאכט זיך עפיס א לאדעניש, א מחלוקת, אדער אזוי עפיס א סכסוך, וואס מען קען זיך ניט אויסגלייכען מיט גוטען, סילוקט מען זיך מיט פעטש, אדער מען פאהרט אריין איינס דאס אנדערע אין די בערד אריין, מישען זיך אריין זייטיגע מענשען, לייגען זיך אריין אין א שלום, ביידע צדדים שטעלען משקה, מע בעט זיך איבער און מע לעקט זיך ווידער אין פריעדען, שטיל, ווי די טייבעלעה, ביז מע צושלאגט זיך ווידער א מאל, מישען זיך ווידער אריין זייטיגע מענשען, בעט מען זיך איבער און מע שטעלט משקה, און אזוי ווייטער און ווייטער... ווי באלד אזוי, בלייבט דאך א קשיא: צו וואס בעדארפען זיי נאך האבען אויף זיך א פרנס־חודש? נאר געווים ווייסט איהר נישט, וואס הייסט דאס פרנס־חודש — מוז מען אייך קלאר מאכען.

דער פרנס־חודש ביי די רויטע יודעלעך איז כמעט דאס אייגענע וואס ביי אונז למשל גבאי־ראשון אין בית־המדרש. דער חלוק איז נאר, וואס ביי אונז א גבאי קלויבט מען אויס אויף דריי יאהר, און דארטען, אויף יענער זייט סמבטיון, ווייסען זיי ניט פון דעם מנהג: „וואס איז שייך — זאגען זיי — קלויבען א פרנס־חודש? קלויבען — זאגען זיי — קלויבט מען ארבעס, ניט קיין פרנס־חודש", וואס געהט ביי זיי בירושה נאך פונם מלך

כדרלעומר. „אונזער פרנס-חודש — זאָגען זיי — קומט אַרויס פון כדרלעומר'ן"... אם כן איז וואָס? למאי מיר אַלע קומען אַרויס פון אדם הראשונ'ען, וואָס איז אַ סך עלטער פון כדרלעומר'ן? — דערויף איז ניטאָ קיין תרוץ. די רויטע יודעלעך האָבען פיינט זיך אַריינלאָזען אין ווייטע חקירות, פילאָזאָפיע — זיי ווייסען נאָר, אַז ער איז זייער פרנס-חודש און זיי דאַרפען מתיב איהם אויסזאָלגען, אָפּגעבען כבוד און ווייטער קלאָגען זיך מיט זיי ניט אָן. אַז זיי באַגעגענען דעם פרנס-חודש אין גאַס, פאַלען זיי מיט'ן פנים צו דער ערד און שלאָגען זיך מיט דער האַנד אין האַרצען אַריין: „על חטא שחטאתי לפניך ביודעים ובלא יודעים..." פאַר בלא יודעים קומען זיי נעבעך אַ סך מעהר ווי פאַר ביודעים. עס מאַכט זיך אַמאָל אַז דער פרנס-חודש קומט אין שול אַריין און ס'איז איהם אויפגעלייגט אויפ'ן האַרצען, קלויבט ער אויס איינעם פון די פאַרנעמסטע לייט פון מזרח-וואַנט, הייסט איהם זיך לייגען מיט'ן פנים אַראָב, רופט צו דעם שמש און הייסט מען זאָל איהם געבען מלקות, דאָס הייסט מען זאָל איהם אַריינציילען נישט מעהר און נישט ווייניגער פון אַכטצעהן (ח"י — צום לעבען הייסט עס), און דער געשמיסענער, אַז ער שטעהט אויף פרעגט ער נישט פאַר וואָס, נאָר ער טהוט אַ קוש די רוט, בעצאָהלט דעם שמש פאַר דער טרחה, איטליכער נאָך זיין פערמעגען, און פערשרייבט זיך אין פנקס, אַז אין אַזאַ טאָג האָט ער מקבל געווען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל שמיץ, און דער גאַנצער עולם געהט צו צו איהם און זאָגט איהם: „יישר כח, זאָלסט איבער אַ יאָהר", און ער ענטפערט: „גם אתם"...

אָט אַזוי שמועסען זיך אויס צווישען זיך די רויטע יודעלעך וואָס נאָך זייער אייגענע שפראַך. דאָס הייסט די שפראַך איז די זעלביגע וואָס ביי אונז, נאָר אַ ביסעל פאַרשטעלט: ביי אונז הייסט עס, לשון „סגי-נהור". למשל, עס מאַכט זיך אַמאָל איינער האָט דעם אַנדערען אין ז... ליגען, וועט ער איהם ניט זאָגען, ווי מען זאָגט ביי אונז: „פעטער! דאַכט זיך איהר קערט מיר אָן אַ ליגנער?"... דאָרט קאָנט איהר האַקען שקרים און דער-צעהלען אַ זעלכעס וואָס ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, וועט מען אויף אייך קוקען און שאָקלען מיט'ן קאָפּ, ווי איינער רעדט „אַ שיינע מעשה, כ'לעבען"?.. אָדער למשל, אַז איינער האָט דעם אַנדערען פאַר דער האַנד, בשעת יענער קריכט צו איהם אין קעשענע, וועט ער איהם אַזאַ טהון מיט אַ שמייכעלע: „למאי זאָלט איהר זיך מטריח זיין"?.. אָדער למשל, איינער וויל געבען דעם אַנדערען, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ פייג, דרעהט ער

צונויף דריי פֿינגער און זאָגט: „געפֿעהלט אויך די דאָזיגע פּרי פֿון ארץ ישראל?“ — און יענער ווייסט שוין וואָס מען מיינט...

איטליכעס פֿאָלק מיט זיין שפּראַך; איטליכעס לאַנד מיט זיינע מנהגים. אויף יענער זייט סמבטיון איז אַ מנהג, אַז עס קומט צו פֿאָהרען צו זיי איין „אונזעריגער“, אַזעלכער וואָס זיי קענען איהם נישט, זענען זיי זיך מיט איהם מחיה, ווייסען ניט וואו איהם אַוועקצוזעצען, זעצען זיי איהם אַוועק בעזונדער פֿערשלאָסען אין אַ חדר און האַלטען איהם אָפּ ימים ושנים, געבען איהם עסען און טרינקען און זענען זיך מיט איהם משמח ווי מיט אַנאַייגענעם, בינדען אויף די פּעקלעך זיינע, לייענען איבער וואו עס געפֿינט זיך פֿון איהם עפּעס אַ שטיקעל פּאַפּיער, ווערען געוואָהר וואָס ער האָט געמאַכט בשעת ער איז נאָך געוועזען ביי דער מאַמע אין בויך, און לאָזען איהם אַרויס נאָך דעם פֿראַנק און פֿריי אויף אַלע פֿיער זייטען, געבען איהם אַרויס אַ פּאַפּיער אַז ער קען געהן וואָהין די אויגען טראָגען, און קען טהון וואָס זיין האַרץ געלוסט, נאָר מיט אַ תּנאי, אַז אין קהל'שע געשעפֿטען זאָל ער זיך ניט מישען און פֿונים פּרנס-חודש זאָל ער ניט רעדען...

נאָך אַ שעהנער מנהג איז ביי זיי פֿאַראַן אויף יענער זייט סמבטיון: אַלע שבת און אַלע יום טוב קומט זיך צונויף דער עולם צום פּרנס-חודש אויף קדוש; נאָר איטליכער ברענגט מיט זיך עפּיס צו טראָגען: ווער אַ קוילעטש, ווער אַ פֿלאַש ווין, ווער אַ געבראָטענע קאַטשקע, און ווער אַ לאָקשענקוגעל, אָדער אַ געקנאָטענעם קוגעל אָדער אַ געבלעטערטען קוגעל אָדער אַ קרעפּעלע קוגעל, — איטליכער מיט וואָס גאָט האָט איהם געבענשט. דאָס ווערט אָנגערופֿען מתנה אָדער לאַפּאָוקע, אַ מין פּרעזענט אַזעלכער... ביים אַריינגאַנג שטעהט דאָס ווייב פֿונים פּרנס-חודש, אָדער איינער פֿון זיינע זיהן, נעהמען צו פֿון איטליכען די מתנות, בעטראַכטען פֿון אַלע זייטען און זאָגען מיט אַ שמייכעל, „וואָס האָט איהר בעדאַרפֿט זיך מטריח זיין“?.. און טאָמער האָט עמיצער געבראַכט ניט אַזאַ גוטען ווין, דער ניט אַזאַ געראָטענעם קוגעל, אָדער ער איז ניט געוועזען אויף קדוש, האָט ער נאָכדעם אַ גאַנצע וואָך אָפּגעשניטענע יאָהר, ניט אַזוי פֿונים פּרנס-חודש אַליין, ווי פֿון זיינע מקורבים די טעלערלעקערס.

זיין ביים פּרנס-חודש אַ טעלערלעקער — דאָס איז ביי די רויטע יודעלעך אַזאַ מין כבוד, וואָס ניט אַ יעדער קען דאָס גרייכען. מע בעדאַרף זיין אָדער אַ נאָהענטער קרוב פֿונים פּרנס-חודש, אָדער אַ גוטער בעקאַנטער. פֿאַר דעם דאָזיגען כבוד לאָזען זיי זיך דאָרטען קאָסטען געלט און שלאָגען זיך ביז

בלויז אריין. די עובדא פון די טעלערלעקערס בעשטעהט אין דעם, אז וואס דער פרנס-חודש עסט אפ, נעמען זיי זיך צו די שירים, ווישען אויס דעם טעלער און לעקען אויס מיט די צינגער, תאפען איינס ביים אנדערען פון די הענד גלייך ווי עפיס רעכטס, און דערצעהלען נאכדעם נסים ונפלאות, ווער ס'האט מעהר געחאפט און מעהר געלעקט... אזעלכע טעלערלעקער זענען ביים פרנס חודש פאראן א גוזמא און אויף די אלע טעלערלעקער איז פאראן איינער אנעלטערער וואס מען רופט איהם: „דער גרויסער טעלערלע-קער“...

דאס טעלערלעקעריי איז אזוי אריין ביי די רויטע יודעלעך אין דער מארע אז זיי קאנען זיך שוין גאר אהן דעם ניט בעגעהן. יעדער גרויסער טעלערלעקער האט אונטער זיך עטליכע קלענערע טעלערלעקערס, און די קלענערע טעלערלעקערס האבען אונטער זיך גאר קליינע טעלערלעקערלעך, און מע לעקט איינס ביים אנדערען די טעלער אויף וואס די וועלט שטעהט!

קאפיטעל ב.

צווישען די רויטע יודלעך נעפינען זיך עזות-פנימער.

ויהי היום טרעפט זיך א מעשה, די רויטע יודעלעך האבען זיך איינ-מאל צונויפגעקליבען ערגיץ אויף א שמחה, גענומען אנאיבעריג ביסעל משקה און האבען זיך צורעדט, ווי מען זאגט, פאר פייער און פאר וואסער, און אז מען רעדט א סך דערעדט מען זיך צו כל הנארישקייטען שבעולם. ביז מען האט אנגעהויבען רעדען על ה' ועל משיחו און אויפ'ן פרנס-חודש... פריהער האט מען גערעדט, ווי דער שטייגער איז אויף יענער זייט סמבטיון, אביסעלע פערשטעלט, בלשון סגי-נהור, און וואס ווייטער אלץ מעהר אפענט-ליך ביז עס האט זיך געפונען איינער א קלוגער, וואס האט אין זיך א סך מעשיות מיט משלים, און איז ארויף אויף דער בימה און האט א פאטש געטהון אין שלחן אריין און האט זיך אנגערופען צו די רויטע יודעלעך:

— שאט! מורי ורבותי איך וועל אייך דערצעהלען א משל!

— א משל! א משל! לאז זיין שטיל, אט וועט מען אונז דערצעהלען א משל! — האבען געזאגט די רויטע יודעלעך, און יענער האט אנגעהויבען צו דערצעהלען כהאי לישנא:

— א מאל איז געווען א פאר פאלק, אנאינדיק מיט אנאינדיטשקע, און זיי האבען זיך געלעבט, דאס גליקליכע פארעל, צופריעדען, ווי מען זאגט,

אין עושר און אין כבוד, ארומגעגאנגען ביידע אין הויף תמיד בעזונדער, זיך ניט אנגעקעהרט מיט קיינעם, ווי עס פאסט פאר אריסטאקראטישע עופות־אינדיקעס. ויהי היום, האט זיך געטראפען א מעשה, די אינדיטשקע האט געמערקט פון א צייט אז געליעבטער, דער אינדיק, איז עפיס שטארק לא עליכם׳דיג, געהט ארום אנגעבלאזען מרה־שחורה׳דיג און אראבגעלאזט דעם סנאבעל. פרעגט איהם די אינדיטשקע: „וואס איז דיר? וואס ביזטו אזוי מרה־שחורה׳דיג?“ ענטפערט איהר דער אינדיק: „וואס פרעגסט דו מיך? א מעהר טהו א קוק ביי מיר אויפ׳ן סנאבעל וועסט דו שוין זעהען“... הויבט אויף די אינדיטשקע די אויגען און רופט זיך אן צום מאן: „ביי דיר אויפ׳ן סנאבעל איז גישטא גאר ניט א חוץ א שטרויעלע“... רופט זיך אהן צו איהר דער אינדיק: „הערסט דו, אט דאס שטרויעלע טהוט מיר צום טוידט, עס קיצעלט מיר אין נאז, באמבעלט זיך מיר פאר די אויגען און רייצט מיר די נערוועז — האלדער! האלדער!..“ דערהערט אזעלכע דבורים, צולאכט זיך די אינדיטשקע: „דו נארישער אינדיק, וואס דו ביזט! טהו א טרייסעל מיט׳ן קאפ און ווארף אראפ דאס שטרויעלע וועט דיר ווערען א ליכט אין די אויגען!..“ אויסגעהערט די דאזיגע עצה, האט זיך דער חכם דער אינדיק אפגעקעהרט אן א זייט זיך געשעמט פאר דער אינדיטשקע, און אראפגעווארפען דאס שטרויעלע פונ׳ם סנאבעל — און ס׳איהם געווארען א ליכט אין די אויגען....

קיין זאך מאכט נישט אויף די רויטע יודעלעך אזא איינדרוק ווי א משל. מיט א משל קאנט איהר זיי קויפען און פערקויפען, שיקען אין פייער און אין וואסער, מאכען מיט זיי וואס איהר ווילט. אויסגעהערט דעם משל האט מען גענומען ערשט דעמאלט רעדען אלע אינאיינעם, ווי דער שטייגער איז ביי די רויטע יודעלעך, דאס הייסט מיט הענט און מיט פים און מיט אלע צוויי הונדערט אכט און פערציג אברים:

— ביז וואנען איז דער שיעור — רופט זיך אן איינער — מיר זאלען אויסשטעהן די וועלט מיט קולעטשען, מיט וויין, מיט קאטשקעס און מיט קוגלען? וואס איז? מיר האבען ניט ווער ס׳זאל עסען? מיר האבען אליין אויך גיט וואס צו עסען!..

— איך פרעג אנאנדער קשיא — רופט זיך אן א צווייטער — מילא דער פרנס־חודש; אבער דער גלות פון די טעלערלעקערס! פאר וואס קומט אונז מיר זאלען אויסשטעהן אזוי פיעל אומזיסטיגע פרעסערס און זויפערס וואס טהוען ניט קיין האנד אין קאלט וואסער?

— איך וויל געהן א ביסעל ווייטער — זאגט א דריטער — איך וויל מיך דערגרונטעווען צום תוך און פערשטעהן מיטן שכל, וואס איז דאס אייגענטליך א פרנס-חודש? אפשר קאן מען זיך בעגעהן אהן איהם?..

— לאמיר געהן צום פרנס-חודש, קינדער, איהם פרעגען, ער זאל אונז קלאהר מאכען, וואס איז אייגענטליך אזעלכעס פרנס-חודש און צו וואס דארף מען איהם?

און וואס ווייטער האבען די רויטע יודעליך גערעדט מיט אלץ מעהר היץ און מיט אלע צוויי-הונדערט אכט און פערציג אברים און אויף קולי-קולות און ס'איז געבליבען — אז אם ירצה השם שבת זאל מען זיך צונויפנעהמען אלע אינאיינעם און מען זאל זיך דורכגעהן צום פרנס-חודש אויף קדוש און בדרך אגב איהם אװעקשטעלען די דאזיגע קלאץ-קשיא: „וואס איז אייגענטליך אזעלכעס א פרנס-חודש און צו וואס דארף מען איהם?..“

קאפיטעל ג.

דער גרויסער טעלערלעקער דערצעהלט א מעשה פון טויזענד איין נאכט.

דאס פערשטעהט מען פון זיך זעלבער אז די קליינע טעלערלעקערליך האבען דאס באלד אפגעטראגען צו זייערע גרויסע טעלערלעקערס, און די גרויסע טעלערלעקערס האבען דאס איבערגעגעבען דעם גרעסטען פון אלע טעלערלעקערס, איז דער גרויסער טעלערלעקער געקומען צום פרנס-חודש און האט איהם איבערגעגעבען, געוויינטליך פערשטעלט, אז די רויטע יודעליך קלויבען זיך צו איהם היינטיגען שבת „אויף קדוש“...

האט דער פרנס-חודש אויסגעהערט גאנץ קאלטבלוטיג, א פנים ניט פערשטאנען וואס מען מיינט, און דער גרויסער טעלערלעקער האט איהם גע-מוזט צולייגען, אז די רויטע יודעליך ווילען קומען צו איהם אויף קדוש מיט לעדיגע הענד, אהן קוילעטשען, אהן ויין, אהן קאטשקעס, אהן קוגלען... האט זיך דער פרנס-חודש שטארק פערוואונדערט און א פרעג געטהון ביים גרויסען טעלערלעקער:

— סטייטש, וואס זשע ווילען זיי עסען?

האט איהם דערויף דער גרויסער טעלערלעקער געענטפערט, אז דאס טאקי ווילען זיי פרעגען ביי איהם, ביים פרנס-חודש: וואס וועלען זיי

עסען? זיי האבען ניט וואס צו עסען!.. האט אידם דארויף דער פרנס־חודש געענטפערט:

— וואס'זשע קערט זיך עס אן מיט מיר? לאזען זיי עסען איינס דאס אנדערע...

אויסגעהערט פונ'ם פרנס־חודש אזא מין ענטפער, האט דער גרויסער טעלערלעקער א ביסעל אפגעווארט און האט זיך אפגערופען:

— אויב דער פרנס־חודש וועט קיין פאראיבעל ניט האבען, וועל איך אידם דערצעהלען א משל, אדער א מעשה פון טויזענד איין נאכט.

— אך, מיט'ן גרעסטען כבוד! איך האב ליעב אז מען דערצעהלט מיר מעשיות פון טויזענד איין נאכט — מאכט דער פרנס־חודש און רוקט צו דעם גרויסען טעלערלעקער א שטוהל. און דער גרויסער טעלערלעקער זעצט זיך אוועק און דערצעהלט א מעשה פון טויזענד איין נאכט...

אויסגעהערט די מעשה פון טויזענד איין נאכט, האט זיך דער פרנס־חודש א ביסעל פערטיעפט אין מחשבות, און נאכדעם האט ער א זאג געטהון צום גרויסען טעלערלעקער:

— געה אהיים און זיי רוהיג. אם ירצה השם צום קדוש וועלט איהר אלע

קאפיטעל ד.

דער פרנס־חודש שענקט א קאנסטיטוציע.

שבת צו קדוש איז ביים פרנס־חודש געווען פול די שטוב ווי אן אויג. ער האט אויפגענומען די חשובע יודעלעך זעהר פריינדליך און מיט גרויס כבוד, זיי געשטעלט קדוש און פערבייסען, געטרונקען צו איטליכען בעזונדער לחיים, און איז אויפגעשטאנען און האט זיך אנגערופען צו זיי בזה הלשון:

— מיינע ליעבע, געטרייע יודעלעך! געלויבט איז גאט! וואס טהוט מען אז מע זאל פערגרינגערען אייך די לאגע און אויך מיר זאל זיין גרינגער צו פיהרען דאס חדר, איך זאל חלילה ניט געשטרויכעלט ווערען, און האב דערקלערט, מיט נאכ'ן הילף א מיטעל, אז איהר אליין זאלט מיר קומען צו הילף מיט אייער קלוגשאפט און מיט אייער וויסענשאפט, בקיצור איך וויל אז איהר אליין זאלט מיט מיר צוזאמען העלפען ריכטען דאס פאלק, און

צוליעב דעם האב איך ארויסגעגעבען א בעפעהל עס זאל געעפענט ווערען ביי מיר אין דער מדינה א קהל'ס שטיבעל, וואס אהינצו זאלען זיך צוזאמענקומען אלע אויסדערוועהלטע פון אייך, אבגעארדנעטע הייסט עס, צוויי דריי אבגעארדנעטע פון יעדער שטאדט, און די דאזיגע אבגעארדנעטע וועלען בעקומען אין קהל שטיבעל אריין אלע טאג אין דער פריה און אין דער נאכט טיי פון מיין טיש מיט זיסע שפייזען גלייך מיט אלע מיינע טעלערלעקער, און אט אזוי וועט ווערען איינגעפיהרט ביי מיר אין דער מדינה א מין, א מין, ווי אזוי הייסט דאס דארט ביי זיי אויף יענער זייט סמבטיון, קאנטריבוציע?

— קאנסטיטוציע! — האבען אונטערגעכאפט עטליכע קולות.

— קאנטריבוציע, קאנסטיטוציע, ס'איז אלץ איינס, אבי ס'זאל זיין אזוי ווי ביי לייטען, און געדט אייך, קינדערלעך, געזונדערהייד איטליכער אין זיין געצעלט אריין און זיצט אייך צופריעדען איטליכער אונטער זיין וויינשטאק און איטליכער אונטער זיין פייגענבוים, און לאז אייך זיין וואהל און גוט, פון היינט און אויף אייביג — אמן ואמן.

אפגעזאגט די דאזיגע שענע דרשה איז דער פרנס-חודש אראפ פון דער שטוהל האט זיך ארומגענומען מיט זיינע מקורבים די טעלערלעקער און האט זיך מיט זיי געזעגענט און געקושט זיך גאר פריינדליך. און טרעהרען זענען געשטאנען ביי איטליכען אויף די אויגען, טרעהרען פון פרייד, און פון צופריעדענהייט, און דער עולם איז געגאנגען אהיים מיט פריליכע הערצער און מען האט געגעסען און געטהון זיך גרויס וואוילקייט.

קאפיטעל ה.

די טעלערלעקערם ארבייטען מעשים.

דעם זעלביגען שבת צו נאכטס האבען זיך די חברה טעלערלעקער צונויפגעזאמעלט אויף אן אסיפה און איינער פון זיי האט געהאלטען א רעדע אזוי צו זאגען:

— ברידער פון איין טעלער! היינטיגען טאג האט אונז פאסירט אן אומגליק וואס מען קאן דאס גאר ניט ארויסרעדען! א שלאק האט אונז געטראפען אומגערעכט, א דונער האט אונז דערשלאגען — מיר זענען אויסגעשטעלט: זייט זיך מודה, צי האט ווער פון אייך ווען געקלערט אדער געזעהען אין חלום אפילו, אז עס וועט קומען אמאל א צייט, וואס מען וועט ביי אונז צונעהמען דעם טעלער אין מיטען העלען טאג, דער פרנס-חודש וועט

זיך אפזאגען און מיר וועלען בלייבען ווי די פערבלאנזשעטע שאף עלענד אהן א פאסטוך? און ווער איז שולדיג אין דעם, אז ניט מיר אליין מיט אונזערע גוטע הערצער וואס מיר האבען נאכגעגעבען די רויטע יודעלעך, געבאלעוועט, צולאזט, געלייגט אויף זיי כבוד. אויפגעהערט זיי שמייסען ווי אונזערע עלטערען האבען געטהון? ווער איז שולדיג, אז נאר מיר אליין מיט אונזער ווייכען חאראקטער, וואס מיר האבען זיי ניט געקאנט דערלאזען און האבען זיי דערלאזט זיי זאלען זיך צונויפזאמלען אלע איינאיינעם מיט די שקצים הולטאיעס, וואס האבען אונז אוועקגעלייגט, איבערגעקוילעט דעם האלז אהן א מעסער! גוואלד וואס וועלען מיר טהון אצונד, ארעמע טעלערלעקער, מיט דער שענער מתנה וואס דער פרנס־חודש האט אונז געשענקט, מיט דעם קהל'ס שטיבעל, אדער מיט דער קאנסטיטוציע, ימח שמה וזכרה? ווייסט איהר האטש דעם טייטש פון קאנסטיטוציע? ניין? איהר ווייסט נישט? וועל איך אייך קלאר מאכען, אויב איהר ווייסט נישט. קאנסטיטוציען — דאס איז א מין נקבה רחמנה ליצלן א נאקעטע, אנ'אויסגעלאסענע, א חצופה, אנ־עזות'ניצע, אנ'אויסווארפלינג, א שלאנג פון זיין ליעבען נאמען. קאנסטיטוציע — דאס איז א מין אנשיקעניש, א גאטס שטראף, וואס ווייסט נישט קיין חילוק צווישען א טעלערלעקער און צווישען אזוי א רויט יודעל פון די רויטע יודעלעך. קאנסטיטוציע — איז פאר אונז, טעלערלעקער א שחיטה, א שרפה, א מגפה! אונז קומט צו נעמען די טארבעס און געהן איבער די הייזער אדער אריינווארפען זיך לעבעדיגערהייד מיט ווייב און קינדער אין די וואסערען פון'ם טייך סמבטיון! היינט דער בזיון, ברידער, די חרפה בושה! דער סקאנדאל! די רויטע יודעלעך זענען דאך ברוך השם אזא פאלק, וואס לאז זיי אריין אין שטוב קריכען זיי אויפ'ן טיש און ווייזט זיי א פינגער וועלען זיי אייך שלעפען די גאנצע האנד. לאז נאר אוועקגעהן די ערשטע עטליכע טעג וועט איהר זעהען ווי זיי וועלען זיך נעהמען נוקם זיין אן אונז פאר די קוילעטשען מיט די פלעשלעך ווין מיט די קוגלען וואס מיר האבען ביי זיי גענומען, און פאר די שמיץ וואס מיר האבען זיי געגעבען. און טאמער ניט מיט אונז, וועלען זיי זיך רעכענען מיט אונזערע קינדער און קינדס קינדער אויף דורות! טעלערלעקער פון דעם גאנצען לאנד! פעראייניגט אייך, און גאט לאז אונז זיין צו הילף — אמן.

— אמן! — האבען אויסגעשריגען אלע טעלערלעקער. — וואס קאנען מיר אבער טהון, אז דער פרנס־חודש האט שוין צוגעזאגט? אליין מיט זיין אייגענעם רצון?

עט נו, לאז זיך אייך האכטען, מיר וועלען איהם איינבעטען וועט ער נעמען דאס ווארט צוריק.

אזוי רופט זיך אן איינער א טעלערלעקער און דער אנדערער שלאגט איהם איבער:

— סיידען דער גאנצער עולם זאל קומען צו איהם און פאלען צו די פיס און וויינען פאר איהם ער זאל נעמען צוריק דאס ווארט.

— ווי אזוי מאכט מען אבער, אז דער גאנצער עולם זאל קומען צו איהם פאלען צו די פיס און וויינען פאר איהם?

— איהר ווייסט ניט ווי אזוי? — רופט זיך אן א געניטער טעלערלעקער — מען דארף קלייבען חתימות. מען דארף מאכען א צעטעל פון צוויי זייטען, א רעכטע און א לינקע זייט, און לאזען זיך מיט'ן צעטעל צווישען די רויטע יודעלעך און פארלעגען יעדען איינציגען ער זאל זיך חתמ'נען: ווער עס האלט אז מען דארף א פרנס-חודש, זאל ער זיך צושרייבען רעכטס, און ווער עס האלט, אז מע דארף א קאנסטיטוציע, זאל ער זיך צושרייבען לינקס.

— א משל — חאפט זיך ארויס א טעלערלעקער — וואסזשע וועלען מיר טהון, טאמער חתמ'נען זיך אלע לינקס?

— חכם פון דער מה נשתנה! — מאכט דער געניטער טעלערלעקער — ווייסט ניט וואס מען טהוט? מען שלאגט איהם אזוי לאנג ביז ער חתמעט זיך רעכטס: אויף וואס האט גאט בעשאפען שמשים מיט קאנטשיקעס.

— סיידען אזוי! — האבען געזאגט אלע טעלערלעקער, און מען האט גע-מאכט א צעטעל פון צוויי זייטען, א רעכטע זייט און א לינקע זייט, און מען זיך געלאזט מיט'ן צעטעל צווישען די רויטע יודעלעך, און מען האט פאר-געלעגט יעדען איינציגען ער זאל זיך חתמ'נען: ווער עס האלט אז מען דארף א פרנס-חודש זאל ער זיך צושרייבען רעכטס, און ווער עס האלט אז מען דארף א קאנסטיטוציע זאל ער זיך צושרייבען לינקס. האבען אלע רויטע יודע-לעך געוואלט זיך צושרייבען לינקס. האבען די טעלערלעקערס געהייסען חתמ'נען דוקא רעכטס, האבען די רויטע יודעלעך דוקא ניט געוואלט הא-בען די טעלערלעקערס גענומען פעטש, האבען די רויטע יודעלעך געגעבען צוריק, איז געווארען א ויצעקו מיט א געשלעג מיט הריגות — עס האבען זיך ארייגעמישט די שמשים מיט די קאנטשיקעס און עס האט געריננען בלוט אין די גאסען!.. גאט ווייסט מיט וואס דאס וואלט זיך געענדיגט, ווען עס

געפינט זיך ניט איינער א חכם פון די געוועזענע טעלערלעקער און שטעלט זיך ניט אוועק אין מיטען מארק און רופט אויס אויף א קול:

— ברידער! שוועסטער! וואס וועט זיין פון דעם וואס מיר שלאגען זיך? מיר וועלען זיך אזוי לאנג קוילען, ביז מיר וועלען זיך חס ושלום אויסקוילען איינס דאס אנדערע און עס וועט ניט בלייבען פון אונז אויף דער זייט סמבטיון קיין זכר אפילו. מען וועט פערגעסען אויב עס איז געווען אמאל אויף אמאל אויף דער וועלט רויטע יודעלעך!.. ברידער! שוועסטער! גענוג שוין בלוט פערגיסען! גענוג! איך האב מיט'ן אויבערשטענס הילף א נ'עצה, אז אלע זאלען זיין צופריעדען, איך האב אייך צו דערצעהלען א משל.

— אויב א משל איז עפיס אנדערש! — האבען זיך אנגערופען די רויטע יודעלעך — האסט א משל גיב איהם אהער, דערצעהל, מיר הארכען דיך.

און דער טעלערלעקער האט זיך אוועקגעשטעלט אויף א טיש, האט זיך אויסגעהוסט און האט אנגעהויבען צו דערצעהלען זיין משל אזוי צו זאגען:

קאפיטעל ג.

איינער דערצעהלט א משל און די רויטע יודעלעך ווערען צעה[illegible]

אמאל האט זיך געטראפען א מעשה, די צוויי הונדערט אכט און פערציג אברים, וואס ביי מענשען, האבען זיך צואמפערט. ווער פון זיי איז מעהר נוצליך פארן גוף? צי די פיס, צי די הענט? צי די אויגען, צי די אויערען? צי דאס הארץ, צי דער מאגען, צי די איבעריגע אברים? די ערשטע זענען ארויס געוויינטליך די פיס מיט א טענה: „וואס וואלט געטהון דער גוף, למשל, ווען מיר, פיס, זאלען ניט וועלען ריהרען פונים ארט?" האבען זיך אנגערופען די הענט: „וואס וואלט אייך העלפען אייער געהן, ווען מיר זאלען ניט וועלען טהון דאס וואס איהר ווילט?" מאכט צו זיי דאס הארץ: „איהר רעדט פון וועלען? וואס פאר א דעה האט איהר? וועלען וויל קיינער ניט, נאר דאס הארץ"... רופען זיך אן די אויגען: „וואס פאר נאראנים איהר זייט! וואהין וואלטען די פיס געהן, וואס וואלטען די הענד טהון, וואס וואלט דאס הארץ גלוסטען ווען די אויגען זאלען ניט זעהן?.." אלע בלאטע! — מאכט דאס מויל — איהר אלע מיט אייער געהן און מיט אייער טהון

און מיט אייער װעלען זײן מיט אייער קוקען זאגט בלאטע אקעגען מיר, װארום איך, מויל, רעד, איך, מויל, עס, איך מויל"... „שא—רופען זיך אן די ליפען און נאך זיי באלד די צונג—װאס הייסט דו, מויל, רעדסט? אין װאו זענען מיר?.. „און װאו זענען מיר? —מאכען די אויערען—װאס װאלט זיין פאר דבורים ביי אייך, װען מיר, אויערען זאלען ניט הארכען?.." „א שענע מעשה—טהוען א קלאפ די צעהן—דאס מויל זאגט אז ס'עסט, און װער קייעט?.." „נו, און שלינגען איז ביי אייך א פנים גארנישט? —מאכט דער האלז, און תיכף נאכ'ן האלז שטעלט זיך ארויס דער בויך און בורטשעט: „עסט, קייעט, שלינגט צוזעצעטערהייד, אידר װעט אלע שעהן אויסזעהען, לאז דער קעסעל, דער מאגען הייסט עס, נאר אויפהערען קאכען אויף איין טאג!.."

און אט אזוי האבען זיך געשפארט צווישען זיך אלע צווייהונדערט אכט און פערציג אברים, איטליכער האט ארויסבעוויזען וױ נוצליך און וױ נויטיג ער איז פאר'ן מענשען'ס גוף, ממש אהן איהם איז דיי מענש אויס מענש!

דער קאפ, װאס איז בשעת מעשה געזעסען אויף די אקסלען, האט די גאנצע צייט געשװיגען און האט אויסגעהערט אלעמענס טענות, און אז אלע אברים האבען זיך שוין גוט אנגערעדט, האט ערשט דערמאלט דער קאפ זיך א שאקעל געטהון און ארויסגעזאגט עטליכע װערטער, קורצע נאר שארפע קלוגע רייד: „אידר זענט, קינדערלעך, אלע גערעכט; אידר געהט, אידר טהוט, אידר רעדט, אידר קוקט, אידר הארכט, אידר װילט, אידר עסט, אידר קאכט, אידר קערט איבער װעלטען. נאר במה דברים אמורים? װען איז דאס גערעדט געװארען? אז איך, קאפ, זיץ אויף אייך און שאף זיך מיט אייך. איך אליין מאך טהו גאר ניט; נאר איך הייס אייך איהר זאלט טהון, טהוט אידר; איך הייס אייך געהן—געהט אידר, איך הייס אייך רעדען—רעדט אידר; איך הייס אייך װעלען—װילט אידר; לאס איך אבער אפקוקען אויף א זייט איין מינוט, איין רגע, װעלען די פיס געהן צו אלדע שווארצע יאהר, די הענט װעלען טהון מעשים אשר לא יעשו, דאס מויל װעט רעדען נארישקייטען, די אויהרען װעלען ניט הערען װאס דאס מויל רעדט, דעם הארצען װעט זיך פערגלוסטען דער רוח װייסט װאס, דער האלז װעט ארא פשלינגען דאס, װאס קיין שום מאגען װעט ניט איבערקאכען, און די גאנצע „מאשינעריע" װעט געהן צו אלדע שווארץ יאהר"... אט דאס האט אידר אייך דעם משל, און דעם נמשל טרעפט אידר שוין אליין...

אזוי האט אנגעזאגט דער טעלערלעקער זיין משל און איז אראפ פונים טיש, און די רויטע יודעלעך, וואס א משל איז ביי זיי טייערער פון חרוסת, זענען נתפעל געווארען, געלעקט די פינגער, ממש צוגעגאנגען געווארען פאר תענוג, אזוי ווי עס ווערט צוגעגאנגען שניי אין וואסער, אדער וואקס אויפ'ן פייער, און מען איז זיך צוגעגאנגען אהיים שטארק פערטיעפט אין מחשבות.

אויף מארגען איז צום פרנס-חודש געקומען א דעפוטאציע פון רויטע יודעלעך, איהם אונטערגעטראגען א שענע מתנה מיט זעהר א שען ליעדעל, וואס איינער א ליעדעל-מאכער האט אנגעשריבען פון זיין כבוד וועגען. פונים ליעדעל איז ביי מיר פערבליבען נאר פיער שורה'ליך:

אני בניך.
ואתה מורינו —
מיר זענען דיינע קינדער
און דו ביזט אונזער לעהרער;
אנו צאנך
ואתה גוזזנו —
מיר זענען דיינע שאף
און דו ביזט אונזער שערער!

דער פרנס-חודש האט די מתנה צוגענומען, דאס ליעדעל אויסגעהערט און א פרעג געטהון ביי זיי:

— וואס ווערט איהר עפיס דערצעהלען נייס?

האבען די רויטע יודעלעך אנגעהויבען מיט א קול פון געבעט אזוי צו זאגען.

— טהייערער, געטרייער פרנס-חודש!.. נעם צוריק דיין ווארט מיר דאר-פען נישט קיין קאנסטיטוציע, אונזערע אבות אבותינו האבען דערפון נים געוואוסט און מיר ווילען דערפון נישט וויסען. איצט דארפען מיר נאר האבען דיך, פרנס-חודש: דו ביזט געוועזען ביז אהער ביי אונז פרנס-חודש און פרנס-חודש ווערסטו בלייבען, דו און דיין זוהן און דיין אייניקעל און דיין אור-אור-אייניקעל ביז די וועלט וועט שטעהן, די זון לייכטען, ביז דער סמבטיון וועט ווארפען שטיינער פונים טייך און ביז די רויטע יודעלעך וועלען זיין רויטע יודעלעך. האב רחמנות, טאטע זיסער, הארציגער פאטער געטרייער, אויף דיינע קינדער די יתומים, וואס געהען ארום ווי די פערבלאנדזשעטע שאף, לאז זיך דיר דאכטען עלעהיי מיר זענען דיינע קינדער וואס האבען פער-הרגעט קענען פאטער, ווידערשפעניגט אין זיין געבאט, און איצט האבען

זיי חרטה אויף זייערע זינד, זענען זיי געקומען צו זייער גוטן פֿאָטער, פֿאַלן און קניִען פֿאַר איהם און טהון בעטן לייטזעליגקייט...

מעהר האָט די דעפּוטאַציע ניט געקאָנט ריידען אַ וואָרט, מחמת זי האָט זיך בעגאָסען מיט טרעהרען; אויף זיי קוקענדיג האָט אויך געוויינט דער גאַנצער עולם, ווייבער זענען געפֿאַלען חלשות, קינדער זענען צוגעפֿאַלען צו דער מוטערס ברוסט, די ווענט האָבען געטריפֿט מיט טרעהרען, די שטיינער האָבען געוויינט, ס'איז געווען אַ יללה, אַ יאָמער, אַ קלאָג איבער'ן גאַנצען לאַנד, און דאָס האַרץ פֿונ'ם געוועזענעם פּרנס-חודש, האָט זיך אַ ריהר געטהון, און זיין רחמנות האָט זיך דערוואַכט אויף די פֿערלאָזענע שעפֿעלעך נאַבעך, און ער האָט אויפֿגעהויבען די הענט אַרויף, און מיט נאַסע אויגען פֿון טרעהרען האָט ער זיך אָנגערופֿען צו די רויטע יודעלעך, אַזוי צו זאָגען:

— גאָט איז מיין עדות, איך האָב ניט געוואָלט אייך אָנטהון יסורים... מיין מיין איז געווען צו גוטען... אַצינד זעה איך אַרויס... דעם מענשענס ווילען איז בלאָטע... געבענשט זאָל זיין דער נאָמען פֿון גאָט... פֿון אייביג ביז אייביג!.. געהט, קינדערלעך, אַהיים... און זאָגט אַלעמען, אַז דער פֿאָטער קאָן ניט זעהען זיינע קינדערס טרעהרען... אייער וועטיג איז מיין וועטיג... אייער פֿרייד איז מיין פֿרייד... אייער ווילען איז מיין ווילען... אייערער בין איך געווען, און אייערער וועל איך בלייבען, און לאָז זיין אָט דער דאָזיגער טאָג ביי אייך אַ יום-טוב אויף דור דורות, און בכדי צו בעפֿעסטיגען דעם דאָזיגען יום-טוב ער זאָל אייך ליגען אין טעם, שענק איך אייך צום אָנדענקען אַ מאַניפֿעסט מיט פֿערשיעדענע הנחות און אַלערליי פּריווילעגיעס און פֿרייהייטען, און אויך אַנאַמנעסטיע שענק איך אייך, און איך בעט דעם גרעסטען פֿון אַלע טעלערלעקערס, וואָס ביי מיין רעכטער האַנד, ער זאָל זיך מטריח זיין באַלד איבערלייענען פֿאַר'ן גאַנצען עולם אונזער היינטיגען מאַניפֿעסט מיט דער אַמנעסטיע...

און דער גרעסטער פֿון אַלע טעלערלעקערס איז אַרויסגעטרעטען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ באַנק און האָט גענומען לייענען קודם דאָס מאַניפֿעסט בקול רם:

מיט'ן ווילען פֿון גאָט

מיר דער גרויסער פּרנס-חודש, וואָס האָט צו שאַפֿען איבער אַלע רויטע יודעלעך וואָס אויף דער זייט סמבטיון אונטער די הרי חושך פֿון איין עק

ביזן אַנדערען עק, ליגען יומם ולילה און טראַכטען און זאָרגען פאַר אונזערע רוטע יודעלעך ווי אַזוי צו פערגרינגערען זיי די עקזיסטענץ און פערזיסען זיי דאָס לעבען דאָ אויף דער זייט סמבטיון. כהיום אַזוי ווי גאָט האָט געשענקט היינט אַזאַ פרעהליכען טאָג, אַ יום-טוב האָבען מיר געפונען פאַר אַ חוב קדוש אַרויסצוגעבען אַ בעפעהל איבער דער גאַנצער מדינה, וואָס בעשטעהט אין פאָלגענדע דרייצעהן פּונקטען:

א) אַז איינער האָט ניט פון וואַנען צו לעבען איז ער פריי צו שטאַרבען פון הונגער.

ב) אַז איינער זיצט אָהן אַרבייט און האָט ניט וואָס צו טהון איז ער פריי צו שלאָגען זיך קאָפּ אין וואַנט.

ג) אַז איינער האָט פערלאָרען חלילה אַ טאַטען אָדער אַ מאַמען, אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער, אַ ווייב אָדער אַ מאַן, איז ער פריי צו זיצען שבעה און קלאָגען דרייסיג טעג.

ד) אַז איינער איז געגאַנגען און האָט זיך אויסגעבראָכען אַ פוס, איז ער פריי צו געהן אויף קוליעס.

ה) אַז איינער האָט געדונגען אַ שטוב און די שטוב איז אָפּגעבּרענט געוואָרען, איז ער פריי זיך אויפבויען אַ נייע שטוב.

ו) אַז איינער האָט געהאַט אַ קוה און די קוה איז אַוועקגעפּגרט, איז ער פריי זיך צו קויפען אַן אַנדער קוה.

ז) אַז איינער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס און האָט בעגעגענט זיין חבר און זיין חבר האָט איהם ניט געזאָגט קיין „גוט מאָרגען", איז ער פריי ניט צו ענטפערען איהם אַ „גוט יאָהר".

ח) אַז איינער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס און האָט דערזעהען זיין חבר'ס ווייב אָדער זיין חבר'ס אייניקל און האָט געגלוסט צו זיי, איז ער פריי צו געלוסטען נאָך אַ מאָל.

ט) אַז איינער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס און האָט געכאַפּט אַ פּאַטש און ער ווייסט פון וואַנען דער פּאַטש וואַקסט, איז ער פריי צו געבען יענעם צוויי פּעטש צוריק.

י) אַז איינער האָט געזעהן אַ גנב און דער אַנדערער איז געגאַנבען און איז אַריינגעפאַלען איז ער פריי צו שרייען אַזוי לאַנג ביז מ'וועט איהם דערהערען און אַרויסנעהמען.

יא) אז איינער האט געליהען ביים אנדערען געלד און האט ניט מיט וואס אפצוגעבען, איז ער פריי צו שטעלען איהם דריי פייגען.

יב) אז איינער האט חתונה געהאט מיט א ווייב און האט ניט מיט וואס זי מפרנס צו זיין, איז ער פריי צו געהן איבער די היזער מיט איהר אינאיינעם.

יג) אז איינער האט געלעבט און געלעבט און געשטארבען, איז ער פריי צו בעגראבען ווערען „בכל תפוצות ישראל“.

— אמן! האט אונטערגעהאפט דער גאנצער עולם. א פאר מענשען פון די יונגע לייטלעך האבען זיך אפילו געפרובט א מאל טהון, געוואלט אנהויבען תשינען האבען זיך די עלטערע אויף זיי צושריען:

— שקצים! יונגאטשעס! שטיל זאל זיין! תרבות! אט רופט מען אריין די שמשים מיט די קאנטשיקעס, וועלען זיי מיט אייך לערנען דרך ארץ!.. אצונד לאז מען לייענען די אמנעסטיע!

— אמנעסטיע! אמנעסטיע! איז געווארען א געשריי פון אלע זייטען, און איינער פון די טעלערלעקער איז ארויף אויף א שטוהל און האט אנגע־הויבען צו לייענען די אמנעסטיע בקול רם:

ט׳ן ווילען פון נאט

כ״ה, דער גרויסער פּנים-חודש וואס האט צושאפען אויף אלע רוסישע יודעלעך וואס אויף דער זייט סמבטיון אונטער די דרי חשך פון איין עק ביזן אנדערען עק, וואס אונזער הארץ איז תמיד גוט צו איטליכען בעזונדער, סיי צו א בהמה, אדער אניעוף, געבען מיר ארויס א בעפעהל אויף היינטיגען טאג איבער דער גאנצער מדינה פון איין ביזן אנדערען עק, מען מעג און זאל בעפרייען אלע פערד פון דער ארבייט, אלע בהמות זאל מען ארויסלאזען פון די שטאלען, אלע עופות פון די שטייגען — פרייהייט זאל הערשען איבער אונזער גאנצען לאנד, און לאז חלילה קיינער קיין יסורים ניט האבען, טאמער וועט איהם חלילה געשעהן דערפון עפיס א שאדען; די פערד און די בהמות וועלען זיך אויסהונגערען וועלען זיי אם ירצה השם געווים קומען איטליכער צו זיין שטאל און צו זיין זשלויב, און אויך די היהנער וועלען זיך אויסקוועטשען אויף די באנטעס וועט איהר זיי האפען און אריינווארפען צוריק אין שטייג אריין, מיט איינעם ווארט לאז מיין פאלק וויסען אז היינט איז א טאג פון פרייהייט! עס לעבע די פרייהייט!

— עס לעבע די פרייהייט! — האבען אונטערגעהאפט אלע רוסישע יודעי

לעך מיט קולי קולות און מען איז געפאלען איינס דאס אנדערע אויף די העלזער און מען האט זיך געקושט און געפרייט זיך און מען איז געגאנגען אהיים מיט פרעהליכע הערצער און מען האט געגעסען און מען האט גע-נעכטען און מען האט געטרונקען און געדאנקט גאט פאר זיין גרויס גענאד וואס ער פערלאזט ניט די רוסישע יודעלעך, און פון דעמאלט אן לעבען זיי זיך אזוי ווי זייערע אבות אבותיהם האבען געלעבט: שטיל, רוהיג, פיין אהן טאראראם, אהן געפילדער; דער פרנס-חודש איז זיך פרנס-חודש, די טעלער-לעקערס, די שמשים זענען שמשים און די קאנטשיקעס זענען קאנטשיקעס. דער עולם טראגט מתנות, גיט באקשיש, לאפאוקע הייסט עס, זיי בעקומט שמיץ מיט קאנטשיקעס טאמער ברענגט ער נישט... די חכמים וואס קאנען זאגען משלים האט מען פאוואלינקע אויסגעריסען די צינגער, די פיינע בריות וואס קאנען שרייבען האט מען איינציגווייז אפגעהאקט די פינגער — און שא, קיינער בעקלאגט זיך ניט, סאיז האטשע פאקרעשקע, אדער ווי עס שטעהט געשריבען דארט ביי זיי אויף די בלעטער מיט א הויכע מליצה: „קיינער שאקעלט ניט מיט קיין פליגעל, קיינער עפענט ניט קיין קויל און פיפשעט ניט; נישטא קיין בראך, נישטא קיין אויסגאנג, נישטא קיין געשריי אין זייערע געמארקען... שלום! פריעד! אהן א ברעג! אהן א שיעור! גליקליכע! געבענשטע: אז ראויל איז צו זיי אויף דער וועלט און זייערע נשמות אויף יענער וועלט!..

8
צווײ אנטיסעמיטען

צוויי אנטיסעמיטען

א.

מאַקס בערליאַנט איז אַ גערויכערטע ליולקע. ער פאָהרט פון לאָדז קיין מאָסקווע און פון מאָסקווע קיין לאָדז עטליכע מאָל אין יאָהר. ער איז בעקאַנט מיט אַלע בופעטשיקעס אויף די וואָקזאַלען, אויסגעבונדען מיט אַלע קאָנדוקטאָרען געווען שוין אין די טיעפע גובערניעס, דאָרט וואו אַ איד טאָר ניט זיין מעהר ווי פיער און צוואַנציג שעה, געשוויצט אין אַלע אוטשאַסטקעס, אויסגעשטאַנען אונטערוועגענס גענוג בזיונות, ניט איין מאָל זיך געערגערט, אָפּגעגעסען דאָס האַרץ — און אַלץ איבערן יודענטום. דאָס הייסט ניט איבער דעם וואָס איז פאַראַן אַ יודענטום, נאָר דערפאַר וואָס ער אַליין איז, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ איד; און ניט אַזוי דערפאַר נאָך וואָס ער איז אַ יוחס ווי דערפאַר וואָס ער האָט מחילה אַ יודיש אויסזעהען. אָט דער צלם אלקים, אוי, דער צלם אלקים: אויגען שוואַרצע, גלאַנצענדיגע — אמת'ע סעמיטישע האָר. אַ אויסשפּראַך אַ געדרונגענע, אַנעחטע אַ יודישע מיט אַ חי"ש, און דערצו אַ נאָז, — אוי אַ נאָז!

און ווי אויף צו להכעיס איז אונזער העלד בעשטראָפט מיט אַ מין פּראָ־פעסיע (ער איז אַ קאָמיוואָיאַזשאָר), וואָס ער מוז זיך אַרומפיהרען מיט דער נאָז איבער דער וועלט און דווקא רעדען, און דווקא אַ סך רעדען, מען זאָל איהם רעדען הייסט עס און מען זאָל איהם הערען, קורץ — ס'איז אויף איהם אַ רחמנות.

אמתי אונזער העלד האָט זיך נוקם געווען אין דער באָרד. אָנגע־טהון זיך און אויסגעפוצט טאַקי נאָר ווי אַ כלה, פאַרדרעהט די וואָנסעס אַרויף, זיך פאַרלאָזט אַ לאַנגען נאָגעל און געטראָגען אַ שניפּס „אשר לא שניפּסו אבותינו", זיך געוואוינט צו די מאכלים וואָס אויפ'ן וואָקזאַל, אויסגעלאַכט

זײַן גאַנץ ביטער האַרץ צום דבר־אַחר (ס'זאָל אידם אָנגעהן, דעם חזיר, האָטש האַלב וואָס מאַקס האָט איהם געזינשעוועט בשעת ער האָט אים פאַרזוכט צום ערשטען מאָל!) און וואָס טויג אײַך גרוים? ער האָט זיך אײַנגעשטעלט דאָס לעבען און האָט אָנגעהויבען עסען ראַקעס.

פאַר וואָס זאָג איך „ער האָט זיך אײַנגעשטעלט דאָס לעבען?“ ווײַל אײַערע שונאים זאָלען אַזוי וויסען פון זייער נאָז ווי מאַקס בערליאַנט האָט אפילו אָנגעהויבען צו וויסען ווי אַזוי מען איז זיך נוהג מיט ראַקעס: צי מען שנײַדט זיי מיט אַ מעסער? צי מען שטעכט זיי מיט אַ גאָפּעל? צי מען עסט זיי גאַנצערהייד?

און פון דעסטוועגען נאָך די אַלע גליקען, קאָן זיך מאַקס בערליאַנט ניט אויסבעהאַלטען מיט זײַן יודישקייט, ניט פון אייגענע, ניט פון פרעמדע. מען דערקענט איהם ווי אַ בײַזען שיללינגער, פונקט אַזוי ווי דעם פערשאָלטענעם קין. און מען גיט איהם צו וויסען אויף יעדען טריט און שריט וועמ ער איז און וואָס ער איז. קורץ — ס'איז אויף איהם אַ גאַט'ס רחמנות!

ב.

נאָר אויב מאַקס בערליאַנט איז געוועזען אַן־אומגליקליכער מענש ביז קישינעוו, איז נאָך קישינעוו ניט געוועזען צו איהם קיין גלײַכען. טראָגען אין זיך טיעף אין האַרצען אַ גרויסען ווייטיג און שעמען זיך מיט איהם — דאָס איז אַ מין גיהנום וואָס נאָר דער קאָן איהם פאַרשטעהן, וועמ'ער עס פיהלט איהם. מאַקס האָט זיך געשעמט מיט קישינעוו גלײַך ווי דאָס וואָלט געוועזען זײַן קישינעוו... און טאַקי עפּיס גאָר ווי אויף צו להכעיס האָט מען איהם פּונקט אין יענער צײַט, וואָס נאָך קישינעוו, אַרויסגעשיקט אַהין, אין יענע מקומות, קיין בעסאַראַביע, און ער האָט געפיהלט אַז דאָ הויבט זיך אָן פאַר איהם אַ נײַער גיהנום. קאַרג האָט ער זיך אָנגעהערט פון די דאָזיגע שענע מעשיות דאָרט בײַ זיך אין דער היים? קאַרג האָט איהם געקאַכט דאָס האַרץ פערלאָפען מיט בלוט אויף די רציחות וואָס מע האָט אַזעלכס ניט געהערט אויף דער גאַנצער וועלט? ער ווייסט דען פערגעסען יענעם טאָג בשעת איין מאָל אין שול האָט מען געמאַכט אַן־אל מלא רחמים אויף די „הרוגי־קישינעוו“? אַלטע יודען האָבען דעמאָלט געוויינט, ווײַבער זענען געפאַלען חלשות...

נעהייב האָט זיך אייך געטראָפען אַ מאָל פאָהרען אין באַהן פאַרבײַ אַני־אָרט פון אַ „קאַטאַסטראָפע“. איהר ווייסט טאַקי גאַנץ גוט אַז איהר קאָנט

זיצען רוהיג: נאך א מאל אזא אומגליק, א קאטאסטראפע אויף דעם העלבען ארט וועט זיך ניט טרעפען. נאר איהר הערמאנט זיך אז אט-א-דא האבען גישט לאנג געקאטשעט זיך באות אראפ אין וואגאן נאכ'ן אנטרעטען, און דא האבען מענשען געלייגט דעם קאפ, דא האבען געטרעשטשעט ביינער, געראנען בלוט, געשפריצט מארך — איהר מעגט זיך מחיה זיין אז איהר פאהרט אריבער דאס ארט בשלום...

מאקס האט געוואוסט, אז דא, אין די מקומות, וועלען זיין א סך דבורים, מיט ממרות, מיט מעשיות, מיט וויצען, מיט קרעכצען פון אירענע, און אנצוהערעניש מיט שטעכווערטליך פון פעטרע; און וואס נעהנטער ער איז געקומען צו יענע מקומות האט ער אלץ מעהר געזוכט מיטלען ווי אזוי צו אנטלויפען, אויסבעהאלטען זיך פון זיך אליין...

געקומען שוין נאר נאהענט האט ער תחילת געוואלט בלייבען זיצען אין וואגאן איינער אליין. נאכהער האט ער זיך בערעכענט און איז דוקא ארויסגעשפרונגען מיט נאך פאסאזשירען אויפ'ן וואקזאל, דוקא צוגעגאנגען צום בופעט מיט א ברייטקייט, ווי א מענש וואס איז איהם שטארק אויפגעלייגט אויפ'ן הארצען, דוקא געמאכט א שנעפסיל, פארבייסען מיט די אלע גוטע זאכען וואס א יוד טאר ניט, פארטרונקען מיט א גלעזיל ביער, פערדויכערט א ציגאר און איז צוגעגאנגען צו דער שאפע וואו מען פארקויפט ביכער און צייטונגען, און דערזעהען ליגען דאס געוויסע שענע אנטיסעמיטישע בלאט פונ'ם געוויסען שענעם אנטיסעמיט רב קרושעוואן מיט'ן געוויסען שענעם נאמען „בעסאראבעץ". דארט, אין יענע מקומות, דארפט איהר וויסען, וואו עס באקט זיך דאס דאזיגע שענע בלאט, ליגט זיך עס גאנץ רוהיג: קיינער נעהמט דאס ניט אין האנד אריין; די דארטיגע יודען נעהמען דאס ניט, ווייל „מוקצה מחמת מאוס", און ניט-יודען האט זיך עס שוין צוגעגעסען. ליגט זיך עס תערפאר בשלום אין שאפע און דערמאנט נאר דעם עולם, אז ס'איז פאראן אויף דער וועלט איינער א קרושעוואן, וואס רוהט נישט, וואס שלאפט ניט, און וואס זוכט מיטלען ווי אזוי צו בעהיטען און בעוואהרענען און בעשירמען די וועלט פון דער געפעהרליכער קרענק, וואס מען רופט די „יודישקייט".

מאקס בערליאנט איז געווען דער איינציגער וואס איז צוגעגאנגען צו דער שאפע און האט זיך געהייסען געבען א נומער „בעסאראבעץ". צוליעב וואס למשל? אפשר צוליעב דעם איינענעם טעם וואס ער האט זיך געהייסען דערלאנגען ראקעס? און אפשר האט ער טאקי געוואלט זעהען וואס שרייבט

עפּיס אַזאַ כלב שבכלבים וועגן יודען? ס'איז אַ סברה, זאָגט מען, אַז דאָס רוב אַנטיסעמיטישע בלעטער ליינען סעמיטען, דאָס הייסט מיר אַליין טאַקי מיט אונזער כבוד... די בעלי-בתים פון די בלעטער ווייסען דאָס גאַנץ גוט און געהען מיט דעם נאָנג, אַז „דער יוד איז טרפה און דער גראָשען איז כשר"...

בקיצור, אונזער מאַקס האָט געהאַנדעלט אַ נומער „בעסאַראַבעץ", אַריינגעגאַנגען מיט איהם אין וואַגאָן אַריין, אויסגעצויגען זיך איבער דער באַנק און איבערדעקט זיך מיט'ן בלאַט ווי מען דעקט זיך איבער למשל מיט אַ קאָלדרע אָדער מיט אַ פּלעד, און בשעת מעשה איז איהם דורכגעפלויגען אַ מחשבה:

„וואָס וועט זיך אַ שטיינער קלערען אַ יוד למשל, אַז ער וועט צוגעהן און דערזעהען אַ מענשען ליגען אויסגעצויגען און איבערגעדעקט מיט אַ „בעסאַראַבעץ"? געוויס וועט שוין קיינעם ניט קומען אויף די געדאַנקען אַז דאָ ליגט אַ יוד... אַ אידע, כ'לעבען, אַ טייער מיטעל אויף פּטור צו ווערען פון יודען און בלייבען אַקעגען נאַכט אויסגעצויגען איינער אַליין ווי אַ שררה אויף אַ גאַנצער באַנק"...

אַזוי האָט זיך געטראַכט אונזער העלד, און בכדי ס'זאָל שוין טאַקי קיין בן-אָדם ניט וויסען ווער דאָ ליגט, האָט ער זיך איבערגעדעקט מיט'ן „בעסאַראַבעץ" איבער'ן פּנים, פערשטעלט די נאָז אויך, מיט די אויגען, מיט די האָר, מיט'ן גאַנצען צלם-אלקים, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד, ווי אַזוי ביינאַכט קריכט אַ יוד מיט אַ סך פּעקליך אין וואַגאָן אַריין, זוכט נעכטען אַן אָרט אויף צו זעצען זיך, דערזעהט ער עס ליגט אַ פּאַרשוין מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ" איבערגעדעקט — געוויס אַ פּריץ, און געוויס אַ רשע אַן אַנטיסעמיט און אפשר טאַקי קרושעוואַן אַליין — שפּרינגט ער אַוודאי נעבעך אָפּ, דער יוד מיט די פּעקלעך, שפּייט אויס דריי מאָל, און ער, מאַקס, בלייבט אַליין, איינער אַליין ווי אַ גראַף איבער דער גאַנצער באַנק, האַ-האַ-האַ, כ'לעבען אַ טייער מיטעל, נאָך בעסער ווי אַ מענש זאָל פּלוצים אין וואַגאָן בעקומען די האָלערע!..

דער דאָזיגער פּלאַן געפעלט אונזער מאַקסען אַזוי שטאַרק, אַז ליגענדיג אונטערן „בעסאַראַבעץ" צולאַכט ער זיך אַזש, און אַ מענש, דאַרפט איהר וויסען, אַז ער האָט איבערגעביסען, פאַרטרונקען מיט אַ גלעזעל ביער, פאַרויכערט אַ ציגאַר און ליגט אַקעגען נאַכט אין וואַגאָן איינער אַליין אויף אַ גאַנצער באַנק אויסגעצויגען ווי אַ גראַף, איז איהם גוט צו לאַכען...

שאט, לאז זיין שטיל. אונזער העלד מאקס בערליאנט, דער קאמיוואיאזשאר, וואס פארט פון לאדז קיין מאסקווע און פון מאסקווע קיין לאדז, ליגט איינער אליין אויף א באנק צוגעדעקט מיט א נומער „בעסאראבעץ" און חאפט א דרימעל. לאמיר איהם ניט שטערען.

ג.

מאקס בערליאנט איז טאקי א יוד א חכם, נאר היינטיגס מאל האט ער דוקא נישט געטראפען. ס'איז טאקי אריינגעקומען אין וואגאן א פארשוין, א גראבער א געזונדער א פערסאפעטער מיט עטליכע טשעמאדאנעס, איז טאקי צוגעגאנגען צו מאקסען, טאקי בעטראכט איהם ווי ער ליעגט דאס איבערגעדעקט מיט א נומער „בעסאראבעץ", נאר ער האט ניט אויסגעשפיגען דריי מאל און איז ניט אפגעשפרונגען. ער איז נאר געשטאנען און האט בעטראכט רעם דאזיגען נפש דעם אנטיסעמיט מיט דער סעמיטישער נאז (בשעת שלאפען האט זיך דאס בלאט א ביסעל אראבגעגליטשט, און די חרפה, די נאז הייסט עס, האט זיך ענטפלעקט און ארויסבעוויזען ביי אונזער העלד מיט איהר גאנצען פראכט און גלאנץ).

געשטאנען עטליכע מינוט מיט א שמייכעל אויף די ליפען און אוועקגעלייגט די טשעמאדאנעס אויף דער צווייטער באנק וואס אקעגען מאקסען, האט זיך אונזער נייער פארשוין ארויסגעחאפט אויף א פאר מינוט אויפ'ן וואקזאל, אריינגעקומען צוריק אויך מיט א נומער „בעסאראבעץ", אויסגעבונדען א טשעמאדאן, ארויסגענומען פון דארטען א קישעלע מיט א קאלדרע מיט א פאר שמיעקשיך מיט א פלעשיל ארעקאלאן, זיך געמאכט גאנץ היימיש, אויסגעצויגען זיך איבער דער באנק און איבערגעדעקט זיך מיט'ן בעסאראבעץ פונקט אזוי ווי אונזער מאקס בערליאנט, געלעגען און געריכערט, געקוקט אויף מאקסען און געשמייכעלט, צוגעמאכט פריהער איין אויג, נאכדעם דאס אנדערע, אנגעהויבען פאוואלינקע דרימלען.

מיר לאזען שלאפען אונזערע ביידע „בעסאראבצעס", א באנק געגען א באנק; מיר ווילען בעקאנט מאכען דעם לעזער מיט דעם צווייטען פארשוין, ווער ער איז און וואס ער איז.

ער איז א גענעראל... ניט קיין גענעראל פון דער מלחמה און ניט קיין גענעראל-גובערנאטאר, נאר א גענעראל-אינספעקטאר, אנאגענט הייסט דאס פון א געזעלשאפט. הייסען הייסט ער ניעמטשיק; דער נאמען זיינער איז חיים, נאר שרייבען שרייבט ער זיך אלבערט, און רופען רופט מען איהם פעטי.

אין פלוג קומט דאך אויס אפילו א ביסעל ווילדליך: מילא אז פון חיים וואקסט אויס אן אלבערט פערשטעהט זיך נאך, ווארום למאי ווי אזוי ווערד ביי אונז פון וועלוועל וולאדימיר, פון ישראל איסידאר און פון אברהם אוואקום? נאר ווי אזוי איז דאס געווארען פון חיים — פעטי? מוז מען זיך אלזא אריינלאזען א ביסעל אין חקירה, זיך פארטיפען אין חכמת הלשון און געהן מיטן שכל הישר: ראשית חכמה ווארפען מיר ארויס די חית פונ'ם „חיים". נאכ־דעם בעטען מיר מחילה די צווי „יודען" מיט דער „מם", בלייבט שוין נאר איבער די „אלף" אליין, שטעלען מיר צו צו דער „אלף" נישט מעהר ווי א „למד" מיט א „בית" מיט אן „עין" מיט א „טית" — מאכט דאס ניט אלבערט? ט, און פון אלבערט ווערט שוין במילא אלבערטי, בערטי, בעטי, פעטי —

Sic transit gloria mundi —

אט אזוי, הייסט דאס, ווערט פון א קאטשקע אן אינדיק.

בקצור. אונזער פארשוין הייסט פעטי ניעמטשיק און איז א גענעראל-אינספעקטאר און פאהרט אויס די וועלט ווי טאקע בערליאנט, נאר בטבע שוין גאר אנאנדערער מין נפש: א לעבעדיגער, א פרעהליכער, א בערעדענדיגער. און חאטש ער הייסט פעטי און איז א גענעראל-אינספעקטאר, פון דעסטוועגען [illegible] ער א איד גלייך מיט אלע יודען, און האט ליעב א יודען, ליעב [illegible] דערצעהלען מעשיות און אנעקדאטען פון יודען.

פעטי ניעמטשיק מיט זיינע אנעקדאטען האט א שם אויף דער וועלט. איין שטיקעל חסרון, וואס וואו ערגיץ אן אנעקדאט, האט זיך עס, זאגט ער, געטראפען מיט איהם אליין טאקי, און בשעת מעשה שווערט ער אייך אפ מיט כל השבועות שבעולם, און אלע מאל טרעפט זיך מיט איהם דער אנעקדאט אין אנאנדער ארט; ער פארגעסט פון איין מאל צום אנדערען. די משמעות, אז פעטי ניעמטשיק, דער גענעראל-אינספעקטאר, איז א ביסעל געחאפט אויף עברי דאס הייסט ער איז א שטיקעל בעל-מגזם, אדער, ווי מע רופט דאס אין אונזערע קאנטען, ער איז מחילה א ליגנער. האט קיין פאראיבעל נישט וואס מיר דריקען זיך אויס אזוי גראב; עס וואלט איינגעטליך געווען נעטיג מנח

ואַלען זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַנ׳אַגענט, און וואָס אַנ׳אַגענט איז — ווייסט איהר דאָך אַליין...

אַריינגעקומען אין וואַגאָן און דערזעהען אונזער מאַקס בערליאַנט ליע־גען אויסגעצויגען אויף דער באַנק איבערגעדעקט מיט אַ נומער „בעסאַראַ־בעץ״ און דערקענט נאָך דער נאָז, אַז דער פּאַרשוין איז קיין שום מחותן ניט מיט רב קרושעוואַנען און מיט זיין שענעם „בעסאַראַבעץ״, איז די ערשטע מחשבה זיינע געווען:

— אַיין אַנעקדאָט!.. אַ נייער אַנעקדאָט!.. ער וועט שוין האָבען מיט גאָטס הילף וואָס צו דערצעהלען און דערצעהלען!

און פּעטי ניעמטשיק האָט זיך אַראָפּגעחאַפּט אויפ׳ן וואָקזאַל, האָט זיך בעוואָרענט אויך מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ״ און האָט זיך אַוועקגע־לעגט אַקעגען מאַקסען — זעהען וואָס וועט דאָ זיין? — און איז אויך אַנשלאָפען געוואָרען...

אַצונד לאָזען מיר איבער דעם „בעסאַראַבעץ״ נומער 2, דאָס הייסט דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר פּעטי ניעמטשיק, און קעהרען זיך אום צוריק צום „בעסאַראַבעץ״ נומער 1, דאָס הייסט צום קאָמיוואָיאַזשאָר מאַקס בערליאַנט.

ד.

מאַקס בערליאַנט האָט געהאַט אַ שווערע נאַכט... אַ פּנים עס האָ־בען אין איהם געדערט די מאכלים, וואָס ער האָט געחאַפּט אויפ׳ן וואָקזאַל, מחמת עס האָבען זיך איהם געפּלאָנטעט משונה מאָדנע ווילדע חלומות. למשל עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז ניט מאַקס בערליאַנט, אַז ער איז נאָר קרושעוואַן, דער רעדאַקטאָר פונ׳ם „בעסאַראַבעץ״, און אַז ער פאָהרט ניט אין וואַגאָן, נאָר רייטענדיג אויף אַ דבר־אַחר, און אַ ראַק, אַ רויטער ראַק, אַ געקאָכטער, ווינקט צו איהם מיט די הערנער, און עס הערט זיך פון ערגיץ אַ געוויין: „קעשע־ניעוו״!.. און ווי עפּיס אַ ווינטעל בלאָזט איהם אין די אויהרען, און ער הערט אַ שלעשטשען פון בלעטער אָדער פון ווייבערשע קליידלעך, און ער וויל עפענען אַנ׳אויג און קאָן ניט, און ער טאַפּט זיך ביי דער נאָז, — נישטאָ קיין נאָז, קיין סימן פון קיין נאָז; אויפ׳ן אָרט פון דער נאָז טאַפּט ער אָן אַ „בעסאַראַבעץ״, און ער ווייסט ניט וואו ער איז. ער וויל זיך ריהרען און קאָן נישט. ער וויל שרייען און קאָן נישט. ער פיהלט אַז דאָס איז אַ חלום, נאָר ער קאָן נישט גובר זיין — שלאָף. ער קאָן נישט גע־

וועלטיגען אויף זיך, ער קען נישט! ער ליגט און ליידעט נעבעך גאנץ גרויסע יסורים, ער איז ווי אין דער היגערפלעט. ער פיהלט אז עס געהען איהם אויס די כחות. נעהמט ער זיך אן מיט'ן לעצטען ביסעל קראפט און לאזט ארויס א שטילען קרעכץ, וואס נאר ער אליין קען איהם הערכען, און עפענט אויף א שטיקעל אויג, קוים קוים וואס ער זעהט, און ער דערזעהט א שטראהל פון א ליכט און א געשטאלט פון א מענשען, וואס ליעגט אויסגעצויגען אקעגען איהם, אויך איינער אליין ווי ער אויף א גאנצער באנק, און אויך איבערגעדעקט ווי ער, מיט א נומער „בעסאראבעץ“, — און אונזער מאקס ווערט נבהל ונשתומם: עס מאלט זיך איהם אויס, אז דאס זעהט ער טאקי זיך אליין אויסגעצויגען אויף יענער באנק און ער קען בשום אופן נישט פערשטעהן דעם שכל, ווי קומט ער, מאקס, אהין, אויף יענער באנק? און ווי אזוי זעהט דאס א מענש זיך אליין אהן א שפיגעל?.. ער פיהלט אז איינציגווייז שטעלען זיך איהם די האר קאפויר,

לען זיך איהם די האר קאפויר...

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז הויבט אן אונזער מאקס קומען צו די געדאנקען און פערשטעהן, אז יענער, וואס ליעגט דארט אויף יענער באנק, איז ניט ער, מאקס, נאר אן אנדערער. איז איהם אבער קשה: פון וואנען האט זיך גענומען אהער דערדאזיגער פארשוין, און גראד אקעגען איהם, און גראד מיט א „בעסאראבעץ“?

אונזער מאקס האט קיין צייט ניט ווארטען ביז טאג און עס ווילט זיך איהם טרעפען דאס רעטעניש וואס גיכער, און טאקי שוין, און טאקי באלד; און ער טהוט זיך א ריהר און הויבט אן צו שעלעשטשען מיט'ן בלאט, און ער דערהערט אז יענער פארשוין, וואס אויף יענער באנק, טהוט זיך אויך א ריהר און שעלעשטשעט אויך מיט'ן בלאט; בלייבט ער שטיל און קוקט זיך איין נאך שטארקער, און דערזעהט, ווי יענער פארשוין, וואס אויף יענער באנק, קוקט אויף איהם מיט א האלבען שמייכעל, און אנדערע ביידע „בעסאראבצעס“ ליעגען איינס אקעגען דאס אנדערע, און קוקען איינס אויפ'ם אנדערע און מע שווייגט. ביידע אנטיסעמיטען הלשו'ן, געהען אויס וויסען ווער מע איז; נאר מע האלט זיך איין מיט אלע כחות און מע שווייגט. פאלט פעטי אויף א שכל און הויבט אן אויסצופייפען שטילערהייד א באקאנטען יודישען מאטיוו פון א באקאנט יודיש לידעל:

„אויפ'ן פריפעטשיק ברענט א פייערל“...

און מאַקס האַלט אידם אונטער אויך שטיל און אויך מיט אַ פֿייפֿען:
„און אין שטוב איז היים"...

זעצען זיך אַוועק פּאַוואָלינקע אונזערע ביידע אַנטיסעמיטען, וואַרפֿען אַראָפּ פֿון זיך די „בעסאַראַבצעס" און לאָזען אויס ביידע דעם בעקאַנטען יודישען מאָטיוו פֿונים בעקאַנטען יודישען ליעדעל, שוין נישט מער קיין פֿייפֿען, נאָר מיט ווערטער ממש:

„און דער רבי לערנט
מיט די קינדערלעך
דעם אלף-בית!..."

7
אקדמות

אקדמות.

(א געזאנג לכבוד שבועות).

אקדמות מלין עה איך הוב אן צו רעדען ושריות שותא אונ בעגעהר צו שפרעכען!... אזוי זינגט זיך גאנץ געשמאק א קליין אויסגעדארט יודעל, וואס שטעהט מיט א געלען טלית איבערן קאפ ביז'ן שפיץ יארמעלקע אין בית המדרש צווישען מזרח וואנט אונ צווישען שפיגעל באנק, נעבען א סטענדער, אויפגעהויבען ביידע הענד, די אויגען פערגלאצט ארויף, שאקעלט זיך מיט'ן גאנצען גוף אלע מאל מיט א שפרונג אונטער אונ מיט א טענציל, אונ דאס געלע פארמעט-פנים בעת מעשה לויכט איהם אקעגען דער זונן, וואס קוקט אריין מיט איין שטראהל דורכ'ן אפענעם פענסטער פונ'ם בית המדרש, אונ דאס איינציגע אקאציע בוימעלע אויף דער שוהל גאס, וואס האלט אין רעכטען בליהען, שיקט אריין א געשמאקען זיסען ריח גלייך צו די יודען אין נאז אריין, ווי איינער רעדט: „שמעקט, יודישע קינדער, איהר אויך, פון מיינע בשמים אונ האט אויך הנאה פון גאטס וועלטיל"...

איהר ווייסט ווער איז אט דאס יודעל וואס זינגט דעם „אקדמות" מיט אזא חדוה, מיט אזא התלהבות? ס'איז יהושע העשיל. איהר קענט איהם, איהר קענט איהם זעהר גוט. דאס איז פון די יודען וואס איהר בעגעגענט זיי נאר לויפענדיג, האבען קיין מאל קיין צייט ניט, תמיד זענען זיי פערהאוועט אין פרנסה, אונ זייער פרנסה איז דאך אומשטיינס געזאגט ווינט. מען לעבט פונ'ם ווינט. פאר אזעלכע מענשלעך איז די וועלט א יריד אונ זיי זענען געקומען אהער אויפ'ן יריד שמעקען, אויסשמעקען טאמער וועט מען עפעס קאנען חאפען... א זעלכע מינים סוחרים ווייסען אליין ניט, וואס טהוען זיי דא אויפ'ן יריד? זיי ווארפען זיך אויף אלסדינג וואס סע קומט זיי פאר די אויגען: קויפען אונ פערקויפען מיד ליד, פערדינט, דערלעגט — אונ אראפ פונ'ם מארק, א רענדיל אראפ א רענדיל ארויף, אבי אויסגעהאנדעלט זיך שען, חלילה

נישט פערנומען קיין פרעמדס... אט אזא סוחר אז ער האפט זיך אויף דעם לעצטען טאג פונ'ם יריד אונ דערמאהנט זיך, אז ער האט געפטרט וואו ער האט געהאט א גראשען, טהוט ער זיך א שמיר מיט דער האנד איבערן פנים פון אויבען אראפ אונ א זאג צו זיך אליין: „האבען מיר שוין ברוך השם אפגעפטרט דעם יריד אויך: אצינד בעדארף מען לויפען ערגעץ חאפען א גמילות חסד אויף צוריקוועגס״...

אט פון דעם מין יריד-לייט איז אונזער העלד יהושע העשיל.

וואס איז זיין געשעפט ווייס איך ניט. דאכט זיך א יוד א מעקלער, א שליח, א שטיקעל שדכן, דאס הייסט ניט קיין שדכן פון די שדכנים וואס שרייבען בריוולעך אונ שלעפען קערבלעך, נאר גאר-נישט, אז עס מאכט זיך אמאל אויספיהרען א שדוך מהיכי-תיתי, פאר וואס ניט? ווער זאגט זיך דאס אפ פון א זייטיגען רובל? איך קען א סך דאמען „ארים-טאקראטקעס״ וואס אז זיי שמעקען אן ערגעץ א בחור געהט ארום מיט א מערעל אונ סע דאכט זיך זיי אוים אז ס'איז גלייך, ווארפען זיי אוועק אלע געשעפטען אונ נעמען זיך צו דער ארבייט, טהוען אלסדינג ס'זאל ווערען; סע פערשטעהט זיך זיי טהוען דאס מעהר לשם מצוה, אדער דיפלאמאטיע, אדער פשוט ווייל זיי האבען ניט וואס צו טהון... ניין יהושע העשיל איז ווייט פון אזעלכע זאכען; ער אז ער פאלט אמאל אויף א גלייכם איז נאר צוליב דעם וואס ער מיינט טאמער וועט ער דא עפעס חאפען. אי עס לאזט זיך אוים א בוידעם? דען דאס וואס ער מיינט ס'איז גלייך ווי א סטרונקע איז נאר קרום ווי א קאטשערע — וואס איז ער שולדיג? מסתמא איז זיין מזל אזוי. למאי מעקלערייי? פערהאן א סך מעקלערם דא איך שטאדט, אויך אזעלכע ברי״ם ווי ער, פון דעסטוועגען וואהין זיי געהען ארייין מאכען א געשעפט מאכען זיי, אונ ביי איהם איז געמאכט אונ געמאכט אונ צום סוף עם קומט צו עפעס לאזט זיך אוים אז עס הויבט זיך נאר ניט אן!... אהן מזל, הערט איהר, זאל מען גאר-ניט געבוירען ווערען אויף דער וועלט אליין וואלט מען נאך ווי עס איז איבערגעטראגען, איז אבער פערהאן א ווייב, קינדער-לעך וואס זענען גאט בדי נשמה שולדיג... א גליק, בלעבען. וואס יהושע העשיל איז א יוד אונ א פרומער ערהרליכער יוד וואס גלויבט אין גאט, וואס דינט גאט, וואס האט ליעב גאט, ממש פערברענט פערליעבט אין דער שכינה ווי א חתן וואס האט זיך פערליעבט אין דער כלה, דעריבער דאווענט ער אזוי געשמאק. קומט אין שוהל אריין זעהן ווי יהושע העשיל דאווענט איז, זאג איך איך, נאך א חיות, דאס איז ניט

קיין געוועהנליכער דאוונען, ווי א יוד אשטייגער שטעלט זיך אוועק און מאהלט ווי א מיהל, האט אין זינען בעת מעשה נאר ווייס איך וואס: א קונה א פריץ, א גמילות חסד. ניין! יהושע העשיל אז ער שטעלט זיך אוועק דאוונען שטעלט ער זיך פאר, אז ער קומט מיט א ראפארט צום רבונו של עולם, מיט א לויבעניש און מיט א געבעט אויף פרנסה, מיט א קלאגען זיך אויפ'ן גלות און מיט א חדוה וואס ער איז א יוד. א קלייניגקייט א יוד, א יוד וואט האט מקבל געוועזן די תורה, ערשט היינט, אין דעם דאזיגען טאג שבועות... שפרינגט ער אונטער, קנאקט צו מיט די פינגער, מאכט מיט די אויגען און שרייט, שרייט מיט קולי קולות. די „אריסטאקראטען", די נגידים פון מזרח וואנט, וואס דאוונען מיט איהם אין איין שוהל, קענען איהם שוין מיט זיין דאוונען און מיט זיינע משונה ווילדע העויות: „שאט, שאט זאגען זיי, דער גרייגער יהושע העשיל האט זיך צעלאזט!" נאר דער גרייגער יהושע העשיל הערט זיי ווי דעם פאראיאהריגען שנעע: „דערויף איז דאס א מקום קדוש מען זאל דאוונען, ניט זיצען אויבען אן אויסגעסטראצעלט ווי די טאקען, גלאנצען מיט די גילדענע און זילבערנע עטרות פון די טליתים, קוקען אריין בעת קריאת התורה כלומרשט אין די חומשים און שטילערהייט רעדט מען צווישען זיך דברים בטלים"... און דערזעהט יהושע העשיל אז יודען רעדען בעת דאוונען קאן ער דאס ניט סובל זיין, ווערד אין כעס, פאטשט מיט די הענד איבערן סדור: „אי—א—נו!". א מאדנער יוד איז דער יהושע העשיל. אזוי איז ער דאכט זיך א נכנע, א נעבעכיל, א ווארם וואס לאזט זיך טרעטען מיט די פיס, און קומט אין שוהל — אוים נכנע, אוים נעבעכיל, אוים ווארם, איין עזות פנים, זאל גאט היטען! דא, אין שוהל, איז ניטא ביי איהם קיין נגיד, קיין אריסטאקראט; ער איז זיי מבטל כעפרא דארעא, דען אין א מקום קדוש זענען אלע יודען גלייך. אויך דאס פנים ווערד דא ביי איהם גאר איין אנדער פנים: צי מחמת דער יארמעלקע מיט'ן טלית וואס אויפ'ן שפיץ קאפ, צי מחמת גרויס חדוה פון זיין געליעבטער (די שכינה), וואס ער זעהט זיך דא מיט איהר אלע שבת און יום טוב, ובפרט אזא יום טוב ווי שבועות צו „אקדמות", בעת „חיל אלף אלפין — צעהנטויזענדער, הונ־דערט־טויזענדער מלאכים כרובים און גלגלים קלויבען זיך צענויף פאר'ן אלמעכטיגען און טהוען זיך הויבען מיט א געזאנג און מיט א גרויס שאלונג ווי דאס געשריי פון די געזאמעלטע וואסערען"... און יהושע העשיל הערט דאס דאזיגע געזאנג מיט'ן דאזיגען שאלען און ער הערט דאס דאזיגע געזאנג

עם חזן זינגען און שאַלען מיט אַ גרויס שאַלונג; און ער איז איבער־צייגט, אַז דאָרטען וועט ער זיצען אין איינעם מיט אַלע עהרליכע יודען וואָס זענען געקניפּט מיט גאָטעס קרוין. ווי סע שטעהט אין „אַקדמות" בפירוש געשריבען... און ער פיהלט ווי ער זיצט אונטער דער חופּה מיט אַלע צדיקים דאָרט אין גן־עדן מיט גרויס תענוג בתכתקי דהב פּיזא אויף גאָלדענע שטוהלען און געהט זיך דורך מיט זיי אויפ'ן שפּאַציר און האַפּט אַ טענציל מיט דער שכינה... אַ כפּרה די גאַנצע וועלט מיט אַלע תענוגי עולם און אַפילו מיט דער גוטער פרישער מילכיגע סעודה, וואָס די נגידים וועלען היינט עסען נאָכ'ן דאַוונען! און ידושא העשיל חאַפּט אַ קוק מיט גדלות אויף די נגידים, די הולטייעס וואָס אין מזרח וואַנט, און עס קומט איהם פאַר די אויגען איינער אַ גראָבער וואָס זיצט אויבען אָן אין מזרח, אַ יוד אַ נגיד מיט אַ געראַזירטער מאָרדע, מיט אַ שענעם ראָק און מיט אַ שוואַרצען קוימען אויפ'ן קאָפּ. מאַרקוס רופט מען איהם, אַ נייער נגיד, פון די נייע אויפגעקומענע נגידים, וואָס שפּרינגען אַראָפּ פון אַ דאַך, ווי איינער רעדט: „גוט־מאָרגען, איך בין אויך דאָ"!... די דאָזיגע נייע אויפגעקומענע נגידים שפּרינגען איטליכען אין פּנים אַריין, וואַרפען זיך, זשומען און זשושקען און עסען זיך איין ווי די פליגען. זיי צוואָגען זיך אוים, פּוצען זיך אוים, טהוען זיך אָן מיט די ווייבער נאָך דער לעצטער מאָדע, לאָזען זיך קאָסטען געלט און קריכען אַהין, צווישען די „אַריסטאָקראַטען", שטעלען אַרוים דאָס בייכעל און בלאָזען זיך. אינ'ם גרויסען אָרט קויפט דאָס אַ פאַיעטאָן מיט ברענענדיגע פערד און קנאַקט איבער אַלע גאַסען מען זאָל זעהן; אין טעאַטער געהט דאָס אין דער ערשטער שורה, האַלט אוים קעפּס ווייבער, שפּיעלט אין פּרעפערענס, בויט הייזער, קלינקט און טראַסקעט און פייפט מיט סכנות נפשות. אינ'ם קליינעם אָרט קויפט דאָס אַ שטאָדט אין מזרח, דעם ווייב גרויסע פעריל, יאָגט זיך נאָך שענע שדוכים, וויל זיך איינקויפען אין יחוס, זינדיגט בסוד קיינער זאָל ניט וויסען, שפּיעלט אין אָקע און שענקט אַמאָל אַ גרויסע נדבה מען זאָל פון איהם רעדען.

אָט פון דעם מין נייע אויפגעקומענע נגידים איז מאַרקוס.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אַ העֶר דער דאָזיגער מאַרקוס? — ווייסט קיינער ניט. דאָס הייסט וויסען ווייסט מען איהם, נאָר אַז ער הייסט מאַרקים — דאָס איז מען ערשט ניט לאַנג געוואָהר געוואָרען. ביז ניט לאַנג האָט מען איהם גערופען: דער יוד פונ'ם האַלץ", אָדער

„דער הילצערנער" • ער האָט זיך געדרעהט אַרום אינטענדאַנטסטוואָ, קאַזאַרמעס, אָפיצערען, צוגעשטעלט האָלץ און עפּעס נאָך ... איצט האָט ער אַוועקגעוואָרפען די אינטענדאַנטסטוואָ, מיט די קאַזאַרמעס, מיט די אָפיצערען, איז געוואָרען אַ באַנקיר, אויף אונזער לשון הייסט דאָס פּשוט אַ בעל הלוואה, אַ פּראָצענטניק, אַ יוד וואָס לעבט זיך פון פּראָצענט, האָט ליעב אַ וועקסעלע, בטבע אפילו אַ גרויסער עם הארץ, אַ ווילדער גראָבער יונג, נאָר ער ערעלט זיך, פּיינט זיך אוים ווי ווייט מעגליך, רייבט זיך צווישען לייטען, וויל זעהר איינרעדען די וועלט, אַז ער איז אַ טאַטענס אַ קינד, דערצעהלט מעשיות, ג״ז דאָרטען ערגעץ ביי זיך אין דערהיים האָט ער קרובים גרויסע מיוחסים, לומדים, מופלגים, חאָטש אַלע ווייסען (און ער אויך) אַז ס'איז שקר וכזב, ער האָט ניט אין ערגעץ ניט קיין קרובים, ניט קיין מיוחסים, ניט קיין לומדים, ניט קיין מופלגים • מען קאָן דאָס אַרויסזעהן נאָכ'ן רויטען פּנים, חאָטש ס'איז שוין איצטער פיינטשיג אַרומגעשאָרען, און נאָך די גראָבע קאָרענע הענד מיט די לעפּקע פינגער (איין פינגער איז ביי איהם איין אָפּגעהאַקטער, וואָס אויף דעם ערצעהלט מען אַ גאַנצע מעשה, נאָר מיר לאָזען עס דורך ...)

אויך דאָס ווייב זיינס, די איצטיגע מאַדאַם מאַרקוס, אַ נידעריגע אַ שוואַרצע אַ גראָבע מיט גראָבע שטאַרק פערגראָבטע הענד, וואָס אַלע געדענקען נאָך, אַז זי איז אַמאָל געוועזען ניט אויסגערעדט זאָל זיין אַ דינסטמעדעל, לעגט איין די וועלט, פּויקט אין אַלע גאַסען, אַז זי שטאַמט פון זעהר אַ רייכע משפחה, פון גרויסע לייט, גבירים, אדירים, חאָטש אַלע ווייסען (און זי אויך) אַז ס'איז שקר וכזב, זי האָט נישט אין ערגעץ ניט קיין משפחה, ניט קיין גרויסע לייט, ניט קיין גבירים אדירים, מען קאָן דאָס אַרויסזעהן פון איהר אויפפיהרען זיך אין מאַרק ביי די ווייבער, אין קיך ביי די דינסטען, און בעת זי רעכענט זיך מיט'ן קצב פאַר פלייש • זי האָט פיינט זאָגט זי, „אַזעלכע" חשבונות • זי וועט ניט דערלאָזען, זאָגט זי, מען זאָל איהר צורעכענען אפילו אַ לויט פלייש, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ביז זי רייסט אָפּ ביי זיהם עטליכע פונט — און דעמאָלט איז זי ע״ן רוהיג • און פון דעסטוועגען אי—אי—אי האָט מען פאַר זיי דרך־ארץ און מען גיט זיי אָפּ כבוד! דען וועמען טהוט זיך עס נעטהיג אַרויסשפּרינגען געגען אַ נגיד, זיין אַ שייגעץ? ובפרט איין אָרעמאַן, ובפרט אַ מעקלער, ובפרט אַזאַ מעקלער ווי יהושע העשיל, וואָס געהט צו איהם אָפטליך אַריין, נישט מחמת גרוים ליבשאַפט, נאָר טאַקי צוליב דעם וואָס די גויט

טרייבט איהם. ער מיינט, א קשיא אויף א מעשה, טאמער וועט ער מאַ-
כען ביי איהם א מאל א שטיקעל געשעפט. אמת, ניט אזוי גריג מאכט
מען ביי מארקוסען א געשעפט. מארקוס איז א שווערער פארשוין, א האר-
טער ביסען! דאס הייסט אזוי איז ער אפילו נישקשה, א צוגעלאזט
מענטשיל; אז מען קומט צו איהם אריין בעט ער זיצען, איז מכבד מיט
א פאפיראס, נאר געבען פערדינען יענעם א קערבעל דאס לא. שווער, שווער
כקריעת ים סוף! זינט מארקוס איז א נגיד, און יהושע העשיל איין ארע-
מאן האט ער נאך כמעט נישט געפרובט פערדינען דורך איהם א קער-
בעל. א שווערער נגיד, א הארטער, אוי א הארטער ביסען!

און יהושע העשיל, זינגענדיג אינאיינעם מיט'ן חזן און מיט'ן
איבער[...]ען עולם דעם אקדמות, חאפט א קוק אויף מארקוסען מיט דער
אונטער-געשארענער שווארצע מארדע, מיט'ן געפאקטען בייכעל און
מיט'ן הויכען שווארצען קוימען אויפ'ן קאפ און טראכט זיך: „דא בוזט
דו טאקי ביי זיך גרויס, אנגעבלאזען... דערפאר אבער דארטען!
דאר[ט]ען! מנת דילן אונזער גאב וואס גאט האט אפגעשיידט פאר אונז
נאך פון וויים איך ווען אן... אמת די גוטע געשמאקע מילכיגע סעודה
היינט—וועט טאקי עסען מארקוס, און מיט דער גוטער פרישער געשמאקער
קאווע מיט פוטערגעבעקס, וועט טאקי פערטרינקען מארקוס. און איך
וועל געפינען הלואי א גלעזעל ציקאריע חאטש מיט איין אייערקיכעל
ס'זאל זיין פאר די קינדער נעבאך; פון פיש מילכיגע געפרעגעלט אין
פוטער רעדט זיך שוין ניט, און בלינצעס מיט קרעפלעך מיט לאקשען
מיט מילך דאס האט מארקוס, ניט איך... דערפאר אבער דער לויתן
מיט'ן שור הבר דארטען! דארטען!... „מלולא דלויתן זי פרייד פונ'ם
לויתן און דער ווילדער אקס דער שור הבר בעת זיי וועלען האלטען
מלחמה פאר די צדיקים אין די אויגען, בכדי זיי, די צדיקים, זאלען
קוקען און קלויבען תענוג. ווי דער שור הבר וועט דעם לויתן
שטויסען מיט די הערנער און דער לויתן וועט צאפלען אקעגען איהם מיט די
פליספעדערען, דעמאלט וועט צוגעהן הקדוש ברוך הוא אליין בכבודו
ובעצמו מיט זיין גרויסען שווערט און וועט זיך מטריח זיין אנגרייטען
א שענע גרויסארטיגע סעודה פאר זיינע ליבע טהייערע געסט, וואס האבען
זיך עוסק געווען אין זיין תורה, איהם געלעגט תפילין און געלייענט
קריאת שמע״...

אזוי זינגט יהושע העשיל, זינגט, שרייט גלייך מיט'ן חזן, וויל
א פנים פערזינגען דעם יצר הרע, פערשרייען דעם הונגער, עס חלשט

איהם רעכט דאָס הארץ נאָך פון נעכטען, געווען אויף אַ גאַנצע נאַכט איבערן תקון־שבועות און גאַנץ פריה אַוועק אין וואַסער און פון דאָרטען גלייך אין שוהל אַריין פריהער פון דער גאַנצער וועלט, אויסגעהערט פון אַ פּאָר מענשען חכמים אַ שפּאַס. „וואָס איז די מעשה, רב יהושע העשיל. וואָס איהר האָט זיך היינט אַזוי געפּעדערט? אַ פּנים צוליעב דער מילכיגער סעודה”?... נאָר וואָס הערט ער זיי? יהושע העשיל איז שוין געוואוינט געוואָרען צו אַזעלכע זאַכען. אלע, ווער כ׳האָט גאָט אין האַרצען, האָבען ליעב זיך מאַכען אַ שפּאַס מיט יהושע העשלען, און מעהר פון אַלעמען טאַקי אַלץ דער אייגענער מאַרקוס. אַלע מאָל ווען ער קומט צו מאַרקוסען, טהוט איהם מאַרקוס אַ פרעג, אויף אַ קאַטאָוועס געוועהנליך אָט אַזוי אַשטייגער:

— נו? ווי איז אייך געגאַנגען דער שבת?

אָדער:

— ווי איז אייך געגאַנגען פסח צו די סדרים?

אָדער:

— ווי אַזוי איז אייך אָפּגעלאָפען דער סוכות אין סוכה?

אָדער:

— האָט זיהר געהאַט פּורים אַ פרעהליכע סעודה?

אויף אַזעלכע זאַכען ענטפערט יהושע העשיל געוועהנליך גאָר נישט; ער ווייסט אַז ס׳איז גלאַט אַזוי, אַ שפּאַס. דעם נגיד איז גוט אויפ׳ן האַרצען, טרייבט ער קאַטאָוועס. ענטפערט דערויף יהושע העשיל נאָר מיט אַ שמייכעלע: חע־חע. געפעלט דאָס מאַרקוסען, איז איהם מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס, רוקט איהם אונטער אַ גלעזיל טיי:

— טרינקט רב יהושע העשיל, נעמט צוקער, אָט שטעהט.

— אַ דאַנק — זאָגט יהושע העשיל און עס געהט איהם ניט איין דאָס גלעזיל טיי; ער דערמאָהנט זיך, פערשטעהט איהר, אַז דאָרט, אין דערהיים ביי איהם, איז פערהאַן בעלנים אויף טיי קיין עין הרע גענוג, בעלנים וואָס וואָלטען זיך מחיה געווען, ממש דערקוויקט מיט אַ גלעזיל וואַרעמס — איז ניטאָ. פערהאַן דוקא אַ סאַמאָוואַר, נאָר קיין טיי און צוקער איז ניטאָ, און פון וואַנען זאָל זיין? פון דעם וואָס מאַרקוס האָט איהם אָפּ דריי זייגער שעה, ווייל מען זאָל איהם ערצעהלען נייעס „וואָס הערט זיך עפּעס אין שטעדטיל?” צי פון דעם וואָס דאָס ווייב בייט די עלטערע מעדלעך פערדיענען קוים אַנדערהאַלבען גילען אַ טאָג פאַר צוויי לייבעלעך? זיי האָבען זיך אויסגעלערענט נעהען לייבעלעך, זיצען זיי און

אַרבּײַטען גאַנצע טעג, נעהען זיך אָפּ די פינגער און נעמען אָנדערהאַלבּען גילדען פאַר אַ פּאָר לײַבּעלעך. גוט איז נאָך אַז ס'איז דאָ לײַבּעלעך! וואָס טהוט מען אַז ס'איז קײן לײַבּעלעך אויך ניטאָ? הונגערט מען; דאָס הײסט מען לעגט זיך שלאָפען מיט אַ לעדיגען, ניכטערן מאָגען; און אַז גאָטט העלפט איז מאָרגען אויך אַ טאָג און מען קען מאָרגען ווידער הונגערן, און, זײַט זיכער, קײן בּן אָדם, קײן פויגעל וועט דערפון נישט וויסען. יהושעַ העשיל איז ניט אַזאַ מענש וואָס זאָל ערצעהלען התנצלות, זיך קלאָגען, און ווער שמועסט בּעטען? ער זאָל וויסען הלילה שטאַרבּען! שטאַרבּען!... בּקצור יהושעַ העשיל איז פון די אָרעמע לײַט, וואָס געהען זיך אוים שטילערהײַט, שאַ, אָהן גוואַלדעניש, אָהן געפּילדערן; עס קרעהט ניט אויף זײ, ווי מען זאָגט, קײן האָהן אַפילו... פערהאַן, פערהאַן בּײַ אונז, צווישען די קינדער ישראל, אַ סך אַזעלכע יהושעַ העשילס, — איהר מעגט מיר גלויבּען אויף מײַנע הײליגע נאָמנות איך קען זײ, איך בּין מיט זײ גוט בּעקענט... אַ גליק, כּלעבען, וואָס יהושעַ העשיל איז אַ יוד, און אַ פרומער עהרליבער יוד, וואָס גלויבּט אין גאָט, וואָס דינט גאָט, וואָס האָט ליעב גאָט, ממש פערבּרענט, פערליעבּט אין דער שכינה ווי אַ חתן וואָס האָט זיך פערליעבּט אין דער כּלה. יערי־בער זינגט אַזוי געשמאַק יהושעַ העשיל גלײַך מיט'ן חזן און האָט בּעצײַטענס הנאָה פון די גוטע זאַכען וואָס שטעהען דאָרטען אָנגעגרײַט פון די אָרעמע לײַט'ס־וועגען: „נְגִידִין קָמֵיהוֹן — עס וועלען זיך ציהען דאָרטען פאַר זײ גאַנצע טײַכען פון בּאַלזאַם־אײל, וּמִתְפַּנְּקִין און זײ וועלען זיך אָנזעפּטיגען און אָנזעטיגען מיט אַלע גוטע זאַכען און מיט יענעם גוטען אַלטען זיסען ווײַן, וואָס שטעהט דאָרטען אָנגעבּרײַט פון זײערטוועגען אין קעלטער נאָך משׁשׁת ימי בּראשית״...

אָט אַזעלכע מינים ליעדער זינגט זיך יהושעַ העשיל שבועות מיט נאָך אַ סך יודען, אַזעלכע שלים מזל'ן ווי ער, הויבּט אויף בּײדע הענד אַרויף, מאַכט צו די אויגען, שאָקעלט זיך מיט'ן גאַנצען גוף, שפּרינגט אונטער מיט אַ טענציל, און טראָגט זיך אַריבּער מיט לײַב און לעבּען אַהין, אַהין, אין אײן אַנדער וועלט פון גאָלע לויטערקײַט, פון גאָלע גוטסקײַט, פון גאָלע עביגקײַט, אַ וועלט וואו ס'איז נישטאָ קײן קבּצנים, קײן נגידים, קײן אויפגעקומענע קלײנע מענשעלעך מיט ווײַסע מאַנישקעס און אונטער זײ אײַזערנע שטײנערנע הערצער, קײן נאַרישע גראָבּע תּאוות, קײן צרות, קײן דחקות, קײן דאגות פּרנסה, קײן מעג־לערס, קײן שדכנים, קײן צער גדול בּנים, קײן קנאה, קײן שנאה..

און ער ווארפט אראפ פון זיך דעם גאנצען לבוש פון דער וועלט, און ער טהוט זיך אוים פון דער היגער וועלט, וויל פערגעסען, פערגעסען, מיט הערען ניט זעהן וואס ארום איהם טהוט זיך, בעהעפט זיך אצונד מיט זיין געליבטער, מיט דער שכינה. ניט זיין עסק וואס דא אקעגען איהם שטעהען זאטע צופרידענע מענשלעך מיט פעטע אויסגעפאשעטע בייכלעך; ניט זיין עסק וואס דא קוקט אריין די זונן מיט איין שטראהל דורכ'ן אפענעם פענסטער פונ'ם בית המדרש, און דאס איינציגע אקאציע בוימעלע אויף דער שוהל גאס, וואס האלט אין רעכטען בליהען, שיקט אריין א געשמאקען זיסען ריח גלייך צו די יודען זיין נאז אריין, ווי איינער רעדט: „שמעקט, יודישע קינדער, איהר אויך פון מיינע בשמים און האט אויך הנאה פון גאטס וועלט...“

שאט נאר שאט! אין דער מינוט זאלט איהר מיר נישט אנריהרען מיין יהושע העשלען. איהר זאלט איהם ניט זאטשעפען: איהר זעהט דאך: אז ער איז ניט בהאי עלמא, אז ער איז היינט נישט קיין היגער, ער איז גארנישטא; ער איז גאר דארטען, ווייט ווייט פון דאנען, ערגעץ ביי זיין געליבטער, ביי דער שכינה...

נישטא יהושע העשיל, נישטא איהם היינט!

IX.

מיין 1=טער ראמאן.

מיין ערשטער ראמאן.

ערשטער קאפּיטעל.

(די ערשטע שטעלע און דעם כח פון פּראָטעקציע).

וועך עס האט פאַרזוכט דעם טעם פון זיצען שפּעט ביי נאַכט א הונגריגער ביי א שמעלצענדיג ליכטעל איינגעהילט אין אַ צעריסען פעלצעל און חזר'ען גראַמאַטיקע: אימעניטעלנעי — ביעלי סוויעזשי חליעב; ראָדיטעלנעי — ביעלאַהאָ סוויעזשאַהאָ חליעבאַ; דאַטעלנעי — ביעלאָמאו סוויעזשעמאו חליעבאו, און בשעת מעשה זאָל זיך גלוסטען חאָטש א שווארץ אַלט געבאַקען שטיקעל ברוידט אונ ס'איז ניטאָ... ווער עס האט פאַרזוכט דעם טעם פון שלאָפען אויף אַ האַרטער באַנק מיט אַ ווייכען קולאַק צוקאָפּענס און דאָס לעמפּעל טשאַדעט און דאָס קינד וויינט אונ די אַלטע וואָרטשעט... ווער עס האט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פּאָר שטיוועל, וואָס איין אָפּצאַס איז אָבגעשפּרינגען אונ אַ פּאָדמעטקע שלעפּט זיך נאָך און קוואַטשקעט, און איהר קאָנט פון איהר בשום אופן ניט פטור ווערען... ווער עס האט פאַרזוכט דעם טעם פון אָבטראָגען דעם זייגער אין לאָמבאַרד אַריין, און דער לאָמבאַרד וויל איהם ניט אָננעמען מחמת די קאָפּערטע איז ניט פון ריין זילבער און די געדערעם זענען ניט ווערט קיין פיערער... ווער עס האט פאַרזוכט דעם טעם פון בעטען ביי אַ גוטען פריינד אַ גמילות חסד און ער לאָזט זיך לאַנג ניט בעטען, לייגט אַריין די האַנד אונ קעשענע און חאַפּט אַרויס דאָס ביַיטעלע און שווערט איך, אַז ער האָט ניט אַ גראָשען... ווער עס האט דאָס אַלסדינג פאַרזוכט, אַליין איבערגעלעבט, דער וועט מיך אפשר פאַרשטעהן, ווי אַזוי מיר איז געוועזען אויף דער נשמה, אַז איך האָב באַקומען אַ שטעלע — די ערשטע שטע־

רע — פון צוועלף קארבען א חודש מיט קעסט אונ קווארטיר און אויף
אלעם גרייטען !

ווי אזוי איך האב די שטעלע באקומען — וויל איך אייך נישט
באמיהען, אונ איך מיין, אז איך בין גאר נישט מחויב אייך אלסדינג
דערצעהלען, אז איך האב א פעטער, אונ דער פעטער האט א מומע און
די מומע האט א בעקאנטען און דער בעקאנטער האט א קרוב אונ דער
קרוב האט א מחותן זעהר א רייכען נאר א פראסטען בעל הבית, וואס
וואהנט אין א דארף, האט א זוהן א בן יחיד און זוכט א לעהרער אויף
יודיש און אויף רוסיש אונ אויף דייטש אונ אויף בוכהאלטעריע און
זאל זיין א טאטענס א קינד אונ ס'זאל קאסטען וואלוועל — פונקט אנגע-
מאסטען פאר מיר! אונ איך האב אנגעווענדעט אלע מיינע כוחות אונ איך
בין אוועקגעלאפען צום פעטער אונ האב געבעטען דעם פעטער ער
זאל בעטען די מומע, אז זי זאל בעטען דעם בעקאנטען, אז ער זאל
בעטען דעם קרוב, אז דער קרוב זאל פועל'ן ביי זיין מחותן דעם רייכען
בע הבית, אז ער זאל נעמען מיך נים קיין אנדערען, ווארום אז חוץ מיר
איז פארהאן אין מאזעפעווקע נאך אזעלכע בחורים'לעך, וואס קאנען יודיש
און רוסיש און דייטש און בוכהאלטעריע און וואס זענען אייך גרייט צו
פאהרען אין דער וועלט אריין אבי א שטיקעל ברויט. נישט אזוי גיך
האט מיין בעל הבית ארויסגערעדט דאס גוטעווארט, אז ער נעמט מיך;
ער האט זיך לאנג געשלאגען מיט דער דעה: ערשטענס צו זאל ער
נעמען א לעהרער צי ניין? און צווייטענס אויב נעמען, צי
זאל ער נעמען מיך צי איין אנדערען? ביז גאט האט געהאלפען ס'איז ביי
איהם געבליבען, אז ער זאל יא נעמען און דער גורל איז געפאלען אויף
מיר מחמת די קענטעניש'ן (אזוי האט ער געזאגט) שפיעלען ביי איהם
א קליינע ראלע; קענערס, האט ער געזאגט, זענען היינט פארהאן ווי די
הינד, דער עיקר איז ביי איהם, אז דער לעהרער זאל זיין „א טאטענס
א קינד", און אזוי ווי איך בין א טאטענס א קינד דערפאר „נעמט ער
מיך". אזוי האט ער מיר געזאגט, מיין נייער פרינציפאל, נאר איך האב
מורא, אז ער האט געזאגט, מחילה, ליגען: מיינע איבעריגע קונקערענטען
זענען אויך „טאטענס קינדער" נישט ווינציגער פון מיר, נאר וואס דען?
זכות אבות, פראטעקציעס.

יא, גרויס און שטארק איז דער כח פון פראטעקציע! אונ אז וואויל
איז דעם מענשען, וואס האט א פעטער, וואס ער האט א מומע, וואס
זי האט א בעקאנטען, וואס יענער האט א קרוב, וואס ער האט א מחותן א

רײַכען בעל־הבית וואָס וואָהנט אין אַ דאָרף און האָט אַ בן יחיד און זוכט אַ לעהרער אויף יודיש און אויף רוסיש און אויף בוכהאַלטעריע און זאָל זיין אַ „טאַטענס אַ קינד“ און ס׳זאָל קאָסטען וואָלוועל!...

צווייטער קאפיטעל.

(מיין פּרינציפּאַל פאַרוויגט מיך מיט זיינע גוזמות און איך האָב אַ דרעמעל).

ווער איז געוועזען מיין פּרינציפּאַל? וואָס איז ער געוועזען? וואָס פאַר אַ פּנים האָט ער געהאַט: ציז אַ הויכער ציז אַ נידעריגער? ציז אַ דינער, ציז אַ גראָבער? ציז אַ געלער ציז אַ שוואַרצער? איך מיין, אַז ס׳איז אייך ניט אזוי נייטיג צו וויסען. ווי אַזוי מע רופט איהם איז אייך, דאַכט מיר, אויך ניט נוגע אין לעבען. עס קאָן זיין, אַז ער לעבט נאָך ערגיץ, פּאַסט מיר גאָר ניט, איך זאָל אַרויס שטעלען דעם נאָמען זיינעם, לאָם איך אייך בעסער איבערגעבען דעם שמועס, וואָס מיר האָבען געהאַט דאָס ערשטע מאָל, בשעת ער האָט מיך גענומען צו זיך אין וואַגאָן אַריין — אַ גאַנץ פיינער עקיפּאַזש מיט צוויי שענע פערד — און האָט מיך מכבד געוועזען מיט אַ ציגאַר — די ערשטע ציגאַר, וואָס איך האָב אויף מיין לעבען פאַררויכערט און וואָס האָט מיך אָבגעקוילעט אויף אייביג.

— פאָהרט איהר אַרויס, הייסט דאָס, יונגערמאַן, דאָס ערשטע מאָל פון שטאָדט אין דאָרף אַריין? — אַזוי מאַכט ער צו מיר און קוקט אויפ׳ן גרויען אַש פון דער שוואַרצער ציגאַר — איהר קערט אַוודאי מיינען יונגערמאַן, אַז אַ דאָרף איז מי יודע וואָס, און מיר, דאָרפס־יודען, ווייסען ניט וואָס גוט איז? איהר וועט זיך פאַרגינען אָנקוקען, יונגערמאַן, אַ זיצעכטס פון אַ דאָרפסיוד, אַ שטוב מיט אַ הויף מיט אַ גאָרטען — אַ פּאַלאַץ, אַ דוואָרעץ! חדרים און חדרים׳לעך, איך זאָל אייך זאָגען יונגערמאַן בלא גוזמא כמעט ביז צוואַנציג, וואָס זאָג איך צוואַנציג? אַריבער דרייסיג! אַי צו וואָס דאַרף איך אַזוי פיעל חדרים? איך ווייס אַליין ניט: צוליעב די געסט. עס קומען צו מיר אָפּט מאָל געסט. וואָס זאָג איך אָפּטמ...ל? אַלע וואָך אַלע טאָג, ניטאָ דער טאָג סע זאָל ניט קומען קיין גאַסט, צוויי געסט, דריי געסט און נאָך וואָסערע געסט! אַ פּריץ, אַ פּריסטאַוו, איין איספּראַווניק, אַ מיראָוואָי ./. איך לעב מיט זיי אַלע זעהר גוט, לאָם איך האָבען די ברכות, וויפיעל מאָל סע מאַכט

זיך: איך זעה אַ קאַרעטע מיט פיער פערד פאָהרט צו גלייך צום גאַניק; פרעג איך: ווער איז דאָס געקומען? זאָגט מען מיר: יעוואָ פּראָוואָסחאָ־דיטעלסטוואָ, דאָס הייסט דער גובערנאַטאָר אַליין... נו קאָן מען ניט זיין קיין דבר־אחר, און מע מוז איהם אויפנעמען ווי סע קעהר צו זיין, איהם אָפּטרעטען די גרעכטע חדרים מיטן גאַנצען גאָרטען, און ביי מיר אַ גאָרטען מעג מען איהם אָנקוקען! אַ וואַלד, ניט קיין גאָרטען; מיינע עפּעל, מיט מיינע באַרען, מיט מיינע פלומען! היינט ווייַנטרויבען? אַלסדינג איז ביי מיר ברוך השם פאַראַן אייגענס, ווישניק פון מיינע ווייַנשיל, און ווייַן פון מיינע ווייַנטרויבען און ראָזינקעס אייגענע און אַפילו פיש אויך אייגענע פונם אייגענעם טייך, אונ נאָך וואָסערע פיש, קאַרעסען אונ קאַרפּען אונ שלייען אונ לעשטשעם — לעשטשעם אָט אַזעלכע אָ... דערביי טוט מיין פּרינציפּאַל אַ מאַך מיט ביידע הענד אין דער ברייט אונ איך בייג זיך אָן אַביסעל אויף אַ זייט בכדי איך זאָל איהם קאָנען דורכלאָזען זיינע לעשטשעם...

ער הערט נישט אויף צו דערצעהלען גוזמות אונ איך האָרך, האָרך מיט קאָפּ, שלינג, שלינג די ווערטער, די קאַרעטע וויגט זיך ווי אַ וויגבעטעל, די פערדלעך שמייסען מיט די ווייַדלען און לויפען, לויפען אָהן איין אָפּשטעל, און איך קאָן אייך אַקוראַט ניט זאָגען, צי פונ׳ם וויגען זיך אין דער ווייכער קאַרעטע, צי פון די פערדס שמייסען מיט די ווייַדלען, צי אפשר פונ׳ם פּרינציפּאַל׳ס גוזמות — איך הייב אָן צו חאַפּען אַ דרעמעל... עס איז אַ שענע וואַרעמע זומער נאַכט! אַ גרינג ווינטיל פאַרגנבה׳ט זיך אַלע מאָל און טוט מיך אַ שמיר, אַ גלעט, ווי מיט סאַמעט איבערען פנים, און איך ווער אַנשלאָפען, אונ פונ׳ם שלאָף הער איך, אַז מיין פּרינציפּאַל חראַפּעט געשמאַק.

אַז מיר זענען גיזקומען צופאָהרען אויפן אָרט, האָט שוין די זון געהאַט איינגעפאָהרען אַ שטיק הימעל. ריין איז זי געווען, די יפהפיה, ריין און לויטער, ליכטיג אונ לעבעדיג, געשמייכעלט צו מיר גאָר פריינדליך און אָפּגעגעבען מיר אויפן נייעם אָרט אַ שענעם, אַ ברייטען גוט מאָרגען.

דריטער קאפיטעל.

(א צעטעל פון ליגנערס, א קאלטער קוק און א ווארעמע רעקאמענדאציע.)

פארהאן אלערליי מינים ליגנערס אויף דער וועלט; פארהאן ליגנער אזעלכע, וואס קיינער נייט זיי ניט, קיינער שלעפט זיי ניט פאר דעם צונג, נאר גלאט אזוי—סאיז דא א מויל און סע רעדט. צווישען די דאזיגע ליגנערס זענען פארהאן דרייערליי מינים: א ליגנער אויף נעכטען, א ליגנער אויף היינט און א ליגנער אויף מארגען. דער נעכטיגער ליגנער וועט אייך דערצעהלען בבא מעשיות, וואס ניט געשטויגען ניט געפלויגען, ער וועט אייך שווערען, אז ער איז דער ביי אליין געוועזען — און געהט זייט חוקר ודורש, זוכט עדות, לייקענט איהם אפ!... א היינטיגער ליגנער — דאס איז ניט קיין ליגנער אייגענטליך, נאר א באריהמער; ער וועט אייך דערצעהלען, אז ער האט, אז ער וויסט, אז ער קאן — און געהט פארהערט זיך מיט איהם!... דער „מארגענדיגער" ליגנער— דאס איז גלאט א גוטער מענש, וואס זאגט אייך צו גילדענע בערג, ער וועט געהן, ער וועט רעדען, ער וועט טהון פון אייערט וועגען — און איהר דארפט איהם גלויבען אויף נאמנות. די אלע דריי מינים ליגנערס וויסען, אז זיי זאגען א ליגען, נאר עס מאלט זיך זיי אויס, אז יענער גלויבט זיי. פארהאן אבער אזא מין ליגנער, וואס בשעת ער זאגט אפ דעם ליגען מיינט ער אליין, אז ער האט געזאגט א אמת און איז איבערצייגט, אז יענער מיינט אויך, אז ס'איז אנ'אמת, און בשעת מעשה האט ער באמת הנאה. דאס איז א מענש, וואס לעבט אינ'ם עולם הדמיון, א מענש וואס פאנטאזירט; מע קען זאגען: דאס איז א מין מחבר, וואס קלערט אוים אלע מאל א נייע מעשה, פארגעסט וואס ער האט נעכטען דערצעהלט און די פאנטאזיע ארבייט ביי איהם אלע מאל א פרישען געדאנקען, א שפאגעל נייע אידעע.

אט פון דעם לעצטען מין ליגנער איז געוועזען מיין פרינציפאל. איהר פארשטעהט שוין אליין גאנץ גוט, אז פונ'ם דווארעץ האט זיך אויסגעלאזט א גאנץ געוועהליכער הויף, פונם פאלאץ — א גאנץ געוועהנליכע שטוב מיט א סך וויניציגער פון דרייסיג חדרים און חדרימלעך; דער גארטען איז געוועזען א גאנץ געוועהנליכער גארטען. אויפן ארט פון וויינטרויבען זענען געוועזען גרינע אגרעסען; אויפן ארט פון ויין—פשוטער עפעלקוואס און אויפן ארט פון די גרויסע לעשצעס זענען געוועזען קליינע העכטלעך, אי דאס ניט פונם אייגענעם טייך נאר געבראכטע פון מארק...

באַגעגענט האָט אונז אַ גראָבע יודענע מיט אַ פּאַק שליסלען. דער קוק, וואָס זי האָט אויף מיר געוואָרפען איז געווען אַ קאַלטער קוק און מע קאָן ניט זאָגען, אַז ס'איז מיר געווען זעהר שטאַרק אַנגענעהם. דער דאָזיגער קוק האָט באַדייט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שלים־מזל?... מיין בעל הבית האָט דעם קוק פאַרשטאַנען און האָט מיט אַ חנופה'לע ווי פאַרענטפערט זיך פאַר איהר:

דאָס האָב איך געבראַכט אַ נייעם לעהרער פאַר'ן „קינד"... וואָז איז דאָס „קינד"?

דאָס קינד שלאָפט נאָך — האָט זי איהם געענטפערט מיט אַ קול פון אַ מאַנסביל און האָט מיך מכבד געווען מיט נאָך איין קאַלטען קוק, וואָס קאָן פאַרקיהלט ווערען פון איהם די געדערעם. אַ גליק וואָס דער פּרינציפּאַל האָט געהייסען, מע זאָל עפּיס געבען צום טיש און האָט מיך באַזעצט נעבען זיך און האָט מיר אין עטליכע מינוט, ביז מע האָט דער־לאַנגט דעם סאַמאָוואַר, אויסדערצעהלט וואָס זיין זוהן קאָן, ווי גוט ער לערענט און ווי שען ער שרייבט.

— זיין שרייבען האָט אַ שם! די וועלט טראָגט זיך אַרום מיט זיינע בריעף! דייטש איז ביי איהם די מוטער שפּראַך, היינט רעדט ער פראַנצויזיש!

די בעל הבית'טע מיט די שליסלען האָט דערלאַנגט צום טיש קעז און פּוטער און סמעטענע און מילך און האָניג און נאָך גוטע זאַכען און עס וואָלט געווען גאָר ניט שלעכט ווען זי זאָל אַליין זיך ניט געוועזען אַוועקזעצען אַנטקעגען און ווצאַרפען אויף מיר מיט איהרע זיסע אויגען. מיין פּרינציפּאַל האָט פאַרשטאַנען איהר קוק און האָט איהר אויף אַ מינוט אויסגערעכענט דעם יחוס מיינעם, ווער איך בין און וואָס איך קאָן, און איך האָב געפיהלט, אַז עס ברענט ביי מיר דאָס פּנים מיט די אויגען מיט'ן קאָפּ און מיט די האָר פון'ם קאָפּ; נאָך מיין פּרינציפּאַלס וואַרעמע רעקאָמענדאַציע איז אויסגעקומען, אַז איך בין דעם בעל שם־ס אַנ'איינִיקעל און קום אַרויס פון סאַמע רבנים מיוחסים און גבירים אדירים, און קאָנען קאָן איך מער פון אַ סטודענט און פון אַ דאָקטאָר און פון אַ פּראָפעסאָר און פון דריי פּראָפעסאָרען... צי האָט זי געגלויבט די דאָזיגע פזמונות — ווייס איך ניט. נאָר דער קאַלטער האַרטער קוק איהרער איז געוואָרען, דאַכט מיר, אַביסעל וואַרעמער און ווייכער.

פיערטער קאפיטעל.

(דאס „קינד“ עסט פאר דריי סאלדאטען, און דער לעהרער געהט אויס פאר הונגער)

דאס קינד איז געווען א הויכער, א גראבער, א געזונטער, א ווייסער, א שענער, א לעבעדיגער, א פרייליכער בחור מיט ווייסע רויטפארביגע באקען, מיט היבשע פעטע פיסקעס מיט א הויכען ווייסען שטערען, מיט גוטע גרויע אויגען, מיט פעחקע ווייסע הענד, ווי פאמפושקעס און האט ליעב געהאט דריי זאכען: עסען און שלאפען און לאכען; נאר מעהר פון אלץ האט ער ליעב געהאט דאס עסען, און עסען האט מען דארט געגעסען פון אין דער פריה ביז ביי נאכט. א חוץ טיי און קאווע און איבערבייסען און אנבייסען אונ ווארעמעס און מיטאג און וועטשערע האט די מאמע אלע מאל ארייגעשיקט דעם „קינד“ א גלעזעל שאקאלאד, א בייגעל, א קיכעל, א לעקעכל, אביסעל איינגעמאכטס און אפט מאל א לעבעריל, א פופיקעל און גלאט א שטיקעל בולקע דאס הארץ זאל ניט הלש'ען...

און דער לעהרער האט דאס בעדארפט צו זעהען, שלינגען די שלייס און פארשטילען דעם הונגער מיט א ציגאר טיטון...

די ערשטע צייט ביז דער רבי איז זיך ניט צענויפגעגאנגען מיט'ן תלמיד, האט ער געליטען דעם אמתן טעם פון הונגער. ווארום דעם תלמיד'ס מוטער, די בעלהביתטע מיט די שליסלען, האט איהם געגעבען מכות ניט קיין עסען. אין שטוב האט זיך תמיד געפונען עסענווארג און איבערהויפט מילכיגס לרוב, נאר אלסדינג איז געווען אונטער'ן שלאס. דער פרינציפאל פלעגט זיך אפט מאל ארייןמישען, מע זאל געבען דעם לעהרער עסען, דערויף פלעגט די בעל הביתטע אנהויבען קלינגען מיט די שליסלען א סימן, אז זי איז אין כעס—און זאגען?

— סטייטש ווי דען? מע גיט איהם עסען דריי מאל א טאג, האסט דו געהערט אביסעל!...

אונ דאס איז געווען א גרויסער ליגען! נישט נאר דריי מאל א טאג, אפילו איין מאל ניט, איך האב וויפיל מאל באמערקט פון דער ווייטען, ווי מע ווארפט ארויס שטיקער פלייש, ווי מע גיסט אויס קריגלעך מיט מילך, אין דער צייט ווען איך האב געחלשט ביי זיך אין חדר נאך א שטיקעל ברויט. די טעג, וואס דער פרינציפאל איז ניט געווען אין דער היים בין איך פשוט אויסגעגאנגען פון הונגער. מיין גליק איז געווען, וואס איך בין באצייטענס געווארען חבר מיט מיין תלמיד.

פינפטער קאַפּיטעל.

(דער רבי מיטן תּלמיד שלאָגען בלאַט אונ מע לעבט אַ גוטען טאָג).

אויב איהר ווילט זיך האַלטען דאָ און מיר זאָלען זיין חבר — אַזוי האָט זיך אָנגערופען איין מאָל אין אַ פריה=מאָרגען צו מיר דאָס קינד בשעת מיר זענען געזעסען אַליין אין אונזער באַזונדער חדר מיט אָפענע פענסטער אין גאָרטען אַרוים — אויב איהר ווילט מיר זאָלען זיין חבר און איהר זאָלט ניט אַוועק פאָהרען, זאָלט איהר די ספרים מיט די ביכער פאַר=וואַרפען אונטער'ן טיש אונ אַליין זאָלען מיר אָדער שפּילען אין „דאָמקעס", אָדער אין „זעכס און זעכציג" אָדער מיר זאָלען זיך גאָר אויסציהען אויף די בעטלעך מיטן פּנים אַרויף און שפּייען אויף דער סטעליע.

און נישט לאַנג געטראַכט נעמט מיין תּלמיד און טהוט אַ שלייַדער די ספרים מיט די ביכער אונטערען טיש, טהוט זיך אַ וואָרף אויפ'ן בעטעל מיטן פּנים אַרויף אונ טהוט אַ שפּייַ דורך די ציין, נאָר אַזוי קונציג, אַזוי בריה'ש, אַז ער דערלאַנגט גלייך צו דער סטעליע און מיר ביידע הויבען אָן לאַכען.

פון דעמאָלט אָן איז אַוועקגעגאַנגען ביי אונז אַ לעבען ווי גאָט אין אָדעס. דער תּלמיד האָט אויסגעלערענט דעם רבין שפּילען אין „דאָמקעס" און „זעכס און זעכציג" (איך בין זיך מודה, אַז ביז דעמאָלט האָב איך ניט געוואוסט קיין צורה פון קיין קאָרט, אונ אַז איך האָב מיך באַקענט מיט דער שפּיל, האָב איך ליב געקריגען אַ קערטיל דאָס חיות!)

דער רבי האָט געשלאָגען בלאַט מיטן תּלמיד און האָט פאַרוואָרפען אַלע ספרים מיט אַלע ביכלעך און האָט געשפּילט מיט'ן תּלמיד אין דאָמקעס אָדער אין זעכס אונ זעכציג, אָדער געלעגען אונ געשפּיגען אויף דער סטעליע, אָדער געגעסען אין איינעם מיט איהם, פאַרזוכט פון אַלע מאכלים צו ביסלעך און האָט זיך אַרום איהם גוט אונטער געפּוטערט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט ער פאַרביי געהענדיג אַ קוק געטהון אויף זיך אין שפּיגעל, דערזעהען אַ פּאָר באַקען — און האָט זיך אַליין ניט דערקענט...

צו אונז אין חדר איז נישט אַריין געקומען קיינער, אַ חוץ דער דינסט מיט עסענוואַרג. מיין פּרינציפּאַל איז זעלטען געווען אין דער היים אונ די בעל הביתטע מיט די שליסעל האָט געהאַט צו טהון טאָג ווי נאַכט מיט'ן מילכיגס אונ מיט די קריגלעך און האָט ניט אַריין גע־

שמעקט צו אונז. מיר האָבּען דאָס געלעבּט באמת אַ גוטען טאָג, געווען פראַנק און פריי, נישט געהאַט אויף זיך קיין שום עול פון קיין שום זאך און פון קיין שום מענשען—ממש אַ גן־עדן!

נאָר איין מאָל האָט מיך דער פּרינציפּאַל אַ חאַפּ געטהון:

— נו? ווי אַזוי לערענט ער?

— אויסגעצייכענט — זאָג איך און פאַרקרים זיך ניט אפילו.

— אַ יאָ? וואָס האָבּ איך אייך געזאָגט? מאַכט ער צו מיר, און איך וואונדער זיך ווי אַזוי איך קוק איהם גלייך אין די אויגען אַריין.

אין דער דאָזיגער שטוב, וואו איינער האָט גענאַרט דעם אַנדערען, וואו אַלע האָבּען געפאַלשט, געזאָגט ליגען, וואו דער שקר איז געהאָנגען אויבּען אויף, געשוועבּט, זיך געלאָזט הערען אין דער לופט... אין דער דאָזיגער שטוב האָט מען געקענט זיך אויסלערנען זאָגען אַ ליגען.

זעכסטער קאַפּיטעל.

(די ערשטע ליבּע־בּריוולעך צווישען חתן כלה און דאָס ערשטע פּייעריל צינד זיך אָן.)

איין אַרבּייט איז בּיי אונז יאָ געווען! אָבּנעמען די פּאָסט און ענט־פערען אויף די בּריעף. און בּריעף האָבּען מיר געהאַט כמעט אַלע טאָג; איך זאָג „מיר" האָבּען געהאַט, ווייל מיר בּיידע האָבּען בּעדאַרפט אויף זיי געבּען תשובה. די בּריעף זענען געווען געשריבּען צו מיין תלמיד פון זיין פיעל געליעבּטער כלה, חאָטש ער אַליין האָט זיך מיר מודה געווען, אַז ער האָט זי ווינציג וואָס ליעבּ.

תחלת זענען די בּריעף געווען ניט אַזוי אָפט, איין מאָל אין צוויי וואָכען, איין מאָל אין וואָך, נאָר פון זינט איך בּין אָנגעקומען, איז דאָס שרייבּען געוואָרען פאַרגרינגערט און די בּריעף האָבּען אָנגעהויבּען געהן הין און צוריק אָפטער.

— נאַט לייענט איבּער און ענטפערט איהר אָבּ. וואָס דולט זי מיר אַ מוח! — אַזוי האָט מיר מיין תלמיד איין מאָל געזאָגט און אַ וואָרף געטהון מיר אין פּנים אַריין זיין פיעל געליבּטער כלה'ס אַ בּריוועל.

איך האָבּ איבּערגעלייענט דאָס בּריוועל און ס'איז מיר געפעלען גע־וואָרען וואָס זי שרייבּט:

מײַן ליבער טײַערער חתן! דו ווייסט, עס האָבען זיך מיר צו געגעסען דײַנע גריסען, וואָס זענען געראָטען איינס אינ'ם אַנדערען, ווי איין מאַמע וואָלט זײ געהאַט. ווי צוויי טראָפּען וואַסער, וואָס געהען פון איין טײַך. איך וויל הערען פון דיר עפּיס אַ פריש וואָרט, אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל מיר דערוואַרעמען דאָס האַרץ און באַלײַכטען די נשמה, צו קאַלט איז דאָס האַרץ, צו טונקעל די נשמה!...

פון מיר דײַן געטרײַע כלה..

איך האָב ניט לאַנג געטראַכט און האָב דערויף אָבגעענטפערט פאַר מײַן תלמיד בזה הלשון:

מײַן ליבע געטרײַע כלה! דו שרײַבסט מיר אַז מײַנע ווערטער זענען געראָטען איינס אינ'ם אַנדערען, ווי איין מאַמע וואָלט זײ געהאַט; ווי קאָן דען אַנדערש זײַן, אַז איין געפיהל האָט זײ געבוירען? דו זאָגסט, אַז זײ זעהען אויס, ווי צוויי טראָפּען וואַסער, וואָס געהען פון איין טײַך ווי קאָן דאָס אַנדערש זײַן, אַז זײ געהען פון איין קוואַל, פון איין האַרצען? דו בעטסט בײַ מיר אַ פריש וואָרט, קאָן דען זײַן פרישער ווי דאָס וואָרט „ליעב"? קאָן דען זײַן ניט ליכטיג אויף דער נשמה, אַז איך דערמאָן זיך אין דיר טײַערע כלה?!

פון מיר דײַן געטרײַער חתן

דערויף האָבען מיר אין גיכען באַקומען אַ תשובה:

ליבער טײַערער חתן!

רײַנע זיסע ווערטער האָבען מיך איצטיגס מאָל דערפרישט דערוואַרעמט און ס'איז מיר ליכטיג געוואָרען אין אַלע ווינקעלעך, איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב דערהערט אַ נײַ מין געזאַנג, אַ גן-עדן-מעלאָדיע פון אַ טײַערע, אַ ליכטיגע נשמה. און איך האָב דערפיהלט עפּיס ווי אַ נײַע הויט אויף זיך, עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען אַז עס וואַכסען בײַ מיר פליגעל און איך שוועב, איך שוועב אין דער לופטען און אַ גאַנצע קאַפּעליע מלאכים געהען מיר אַקעגען, בעגריסען מיך, טראָגען מיר אַ גרוס פון מײַן ליבען טהײַערען זיסען חתן, וואָס שרײַבט אַזעלכע זיסע ווערטער, וואָס מײַן האַרץ און מײַן נשמה זענען איהם אין גאַנצען, אין גאַנצען איבערגעגעבען פון איצט אָן אויף תמיד, אויף אייביג!

פון מיר דײַן דיך ליבענדע און תמיד געטרײַע כלה...

ליבע זיסע טייערע אונ געטרייע נשמה מיינע!

ניין דו האסט זיך נישט טועה געווען, מיין טייערע כלה! נישט קיין פשוטע קאלטע ווערטער זענען דאס געווען, נאר געפיהלען וואס גיסען זיך ארויס גלייך פונ'ם הארצען און גיסען זיך אריין צו יענעם; פעדים וואס ציהען זיך גלייך פון דער נשמה און ציהען צו צו זיך און פערבינדען אונ פארקניפען צוויי יונגע נשמות אויף שטענדיג, אויף אייביג. אט א יענע אייגענע קאפעליע מלאכים, וואס האבען דיר אבגעגעבען א גרוס פון מיר, האבען מיר געבראכט צו טראגען פון דיר נאך א סך א פריינדליכערען גרוס, און מיט דער אייגענער קאפעליע מלאכים שיק איך דיר איבער איצטער, מיין טהייער הארץ, א הייסען קוש, א הייליגען קוש פון דיין אייביגען, אייביגען פריינד, וואס טראגט דיין ליכטיג געשטאלט ביי זיך אין הארצען תמיד אויף דער וואך אונ אין חלום.

פון מיר דיין ברענענדיג פערליבטער חתן...

זיבעטער קאפיטעל.

(מאטעריאל פאר א נייעם בריפשטעלער).

א פונק ווערט אומגעהרען פארטראגען גאט ווייס פון וואנען און פאלט אויף א שטרויענעם דאך, צינדט זיך אן פון דעם א פייעריל; קומט דער ווינט אונ צעבלאזט דאס פייעריל, אונ עס ווערט א העליש פייער, א שרפה, א שרפה!

די ערשטע בריוולעך זענען געווען דער ערשטער פונק, וואס האט זיך צעבלאזען, צעברענט אונ צעפלאקערט אין א העליש פייער; די בריוולעך זענען געווען וואס וויטער אלץ הייסער און הייסער; דאס פייער איז געוואכסען וואס ווייטער אלץ גרעסער אונ שטארקער, עס האט אויס געבראכען א גרויסע, א מורא'דיגע שרפה ביי מיר אין הארצען א פייער האט זיך צוווארפען אין מיין גאנצען לייב, אנגעצונדען אלע מיינע נערוועו, אויפגעזאדען און אויפגעקאכט מיין בלוט, מיך געמאכט קראנק, אויס מענש. איך האב פארלאהרען דעם אפעטיט צו עסען, איך האב אויפגעהערט שלאפען, איך בין ארום געגאנגען ווי א צעדולטער. מיין נשמה איז געלעגען דארטען אין די בריוולעך, און אין

זיי טאַקע איז געווען מיין איינציגער טרייסט און מיין פרייד. אַ בריף אַז עס פלעגט אָנקומען איז געווען ביי מיר אַ יום טוב; איך האָב דעם בריף געעפענט, איך האָב איהם געלייענט און איך האָב אויף איהם געענטפערט. מיין תלמיד האָט נאָר בעדאַרפט איבער שרייבען מיט זיין האַנד און איך האָב איהם בעדאַרפט אונטערטרייבען צו דער אַרבייט און וויפיעל האָט דאָס מיך געקאָסט בלוט, אַז איך האָב בעדאַרפט טראָגען דעם וועהטאָג איבוויינינג ביי זיך אין האַרצען טיעף טיעף פאַרבאָרגען, בעהאַלטען בחדרי חדרים מיט'ן קאָפּ אין קישען, און שטילערהייד זיך אויסוויינען, אויפשטעהן זון מאַכען אַ פריילוך פנים און זיך זעצען מיט מיין ליבען תלמיד צו דער אַרבייט — שפּיעלען אין דאָמקעס אָדער אין „זעכס און זעכציג".

איין שטיקעל גליק איז געווען, וואָס קיינער האָט נישט באַמערקט אויף מיין פנים, אַז איך געה אויס, אַז איך צאַנק ווי אַ ליכט; איין שטיקעל גליק, וואָס מיין תלמיד האָט זיך צו מיר ניט אַזוי שטאַרק צוגעקוקט; ווען ער זאָל זיך צו מיר שטאַרק צוקוקען, וואָלט ער מיך געוויס געפאַקט. איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ פנים איך וואָלט ביי איהם געהאַט אין די אויגען, ווען ער זעהט מיך קושען זיין כלה'ס בריוולעך פון אַלע זייטען!... און ווי אַזוי קושט מען ניט אַזעלכע בריוולעך? זעהט אַליין וואָס זי שרייבט צו מיר:

מיין ענגעל, מיין נשמה, מיין טרייסט!

איך דאַרף דיר זאָגען דעם אמת, איך בין זיך מודה פאַר דיר מיין טהייערער, אַז איך האָב דיך ביז אַהער ניט געקענט, איך האָב מיר קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל געפינען אין דיר אַזאַ קוואַל פון סאַמע געהויבענע געפיהלען. פון סאַמע הויכע געדאַנקען, פון סאַמע טיפען פערשטאַנד און אַזאַ איין אוצר פון וויסענשאַפט! פון דיינע קלוגע ווערטער זעה איך אַרויס ווי ווייט דו ביזט באַלעזען, ווי ווייט דו ביזט פול אומעדום!

און עס וואונדערט מיך זעהר, פאַר וואָס האָב איך דאָס נישט געוואוסט פריהער? דאָס בעווייזט מיר נאָר דיין תמימות מיט דיין פראָסטקייט, וואָס געבען דיר צו חן אין מיינע אויגען נאָך מעהר ווי ביז אַהער. זאָל איך מיך ניט שעצען פאַר איינע אַ גליקליכע, וואָס מיין גורל איז געפאַלען אויף אַ מענשען, וואָס אין איהם שפּיגלען זיך אָב אַלע בעסטע מעלות: שיינקייט, קלוגשאַפט, קענטעניש, תמימות און גוטסקייט?

דײַן גוטסקײט קוקט ארױס פון דײַנע זיסע קלוגע װערטער, דו טהוסט מיך בעשענקען מיט דײַנע ליבע בריף פון דײַן מילדער האנד און איך דאנק דיר טױזענד מאָל, און איך בעט דיך אויף װײַטער נישט פארגעסען.
דײַן געטרײַע אונ אויף אײביג דיך ליבענדע כלה...

דערויף האָב איך איהר געענטפערט אביסעל פאר שטעלט:

מײַן טהײַערע מײַן ליעבע, מײַן קלוגע אונ מײַן װאוילע, דו האָסט מיך ניט געקענט דערפאר, װײַל דו האָסט מיך ניט געזעהן, און דער װאָס דו האָסט איהם געזעהען איז געװעזען ניט איך. נאָר איין אָבשײַן פון מיר, שטעל דיך פאָר, אז מיר האָבען זיך נאָר װאָס בעקאַנט, אַז מיר האָבען זיך נאָך גאָר נישט געזעהן, אַז מיר בײדע זענען נײַגעבאָרען און אַך! װי גליקליך זענען מיר, װאָס מיר קענען נישט די װעלט, די פאַלשע ביטערע װעלט מיט די פאַלשע ביטערע מענשען...
פון מיר דײַן שטערבליכער פערליבטער חתן...

האָב איך בעקומען פון איהר אזא מין ענטפער:

מײַן ליבער, מײַן טהײערער, מײַן מלאך פון גאָט! דײַן זיסען בריף, װאָס איך האָב פון דיר ערהאַלטען איז פאר מיר געװען א ספר החתום, אײן רעטעניש. דו שרײַבסט אַזוי פערשטעלט, אַז איך בעדאַרף מיר לאַנג ברעכען דעם מח ביז איך זאָל דיך פערשטעהן, אונ מיר דאַכט, אז איך מעג מיך איבערנעמען און זאָגען, אז איך פערשטעה דיך אַקוראַט. דו זאָגסט, אז מיר דאַרפען זיך שעצען גליקליך, װאָס מיר קענען נאָך ניט די פאַלשע ביטערע װעלט מיט די פאַלשע ביטערע מענ־שען. ס'איז א סימן, אַז איך בין טאַקי אײנע אײן אומגליקליכע, װאָרום איך קען שוין גראַדע יאָ די פאַלשע ביטערע װעלט מיט די פאַלשע ביטערע מענשען! און װי זיס איז מיר צו דענקען, אַז ס'איז פאַרהאַן חאָטש אײנער א ליטװישער און א פײַנער, אײן אמת'ר, א קלוגער און א גוטער מענש, און דער אײנער, דאָס ביזט דו, מײַן אויסדערװײַלטער באַשערטער. זײַ געזונד, מײַן טײַערער, שרײַב מיר, װאָס לײענסט דו אַצינד אונ װאָס פאר א ביכער קאָנסטו מיר רעקאָמענדירען צום לײענען? איך קוועטש דיר די האַנד מיט גרױס ליבשאַפט און בלײַב אויף אײביג
דײַן געטרײַע, געטרײַע כלה...

האָב איך דערויף געענטפערט בזה הלשון:

מײַן לעבען, מײַן זעעלע, מײַן גן עדן!

אַז דו וואונדערסט זיך אַזוי אויף מיר, הײַנט וואָס פאַר אַ חידוש, וואָס פאַר אַ רעטעניש בעדאַרפסט דו שוין זײַן פאַר מיר? איך האָב מיר קײַן מאָל ניט פאָרגעשטעלט אין חלום אַפילו, אַז איך זאָל האָבען אַזעלכע בריעף פון דיר! פון די געצעהלטע לשון קודש ווערטער, וואָס וואַרפען זיך דורך אין דײַנע בריף, זעה איך אַרוים, אַז דיר איז ניט פרעמד אונזער הייליגע שפּראַך, אַ דערפאַר אַלײַן שעץ איך דיך אַזוי הויך, אַז איך האָב מורא איך בין נישט ווערט דײַן נאָמען צו דערמאָנען! איך קוק אויף דײַן פּאָרטרעט און זאָג זיך אַלײַן: אָט דאָ איז זי, די אָמתע יודעשע טאָכטער! אָט דאָס איז מײַן אידעאַל און פאַר דיר בין איך גרייט אַלע מינוט זיך מקריב זײַן מיט מײַן גאַנצען לעבען! דו פרעגסט מיך, וואָס זאָלסט דו לייענען? איך שיק דיר דאָ אַ גאַנץ צעטעל פון די בעסטע רוסישע און אויסלענדישע קלאַסיקער, ווי גאָגאָל, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פּושקין, לערמאָנטאָוו, שעקספּיר, געטע, שילער, הײַנע, בערנע. איך האָף, אַז דו וועסט געוויס הנאה האָבען, און שרײַב מיר באַלד ענטפער וואָרום דער טאָג, וואָס איך האָב פון דיר אַ בריף, איז בײַ מיר אַ יום טוב, לעב וואָהל מײַן טײַערע!

לעבוואָהל מײַן געטרײַע, ווי עס ווינשט דיר פון טיפען האַרצען
דײַן דיך ליעבענדער און איבערגעגעבענער חתן...

האָט זי מיר דערויף אַזוי געענטפערט:

מײַן קרוין, מײַן שאַץ, מײַן טרייסט, מײַן האַרץ!

איך פאַר שטעה ניט. וואָס דו ביסט אַזוי נתפּעל געוואָרען פון אַ פּאָר לשון=קודש=ווערטער, וואָס דו האָסט באַגעגענט אין מײַנע בריף! לשון־הקודש דאָס איז דאָך אונזער נאַציאָנאַל־שפּראַך, דאָס חומש דאָס איז דאָך אונזער איינציגער נאַציאָנאַל־פאָנד, אונזער גאַנץ פערמעגען! ווייס פאַר אַ דאַנק פאַרדיענט אַ יודישע טאָכטער דערפאַר, וואָס זי פאַרשטעהט יודיש? שעמען בעדאַרף זיך אַ יודעשע טאָכטער, אויב זי ווייסט ניט האָטש עטליכע שירים פון יהודה הלוי אויסווייניג, אַ חרפּה און אַ בושה בעדאַרף זײַן אונז אַלעמען, אַז אַ יודיש מיידעל, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ גימנאַזיע, ווייסט ניט ווער איז מאַפּו, לעווינזאָן, סמאָלענסקין, גאָרדאָן וכדומה אונזערע אייגענע קלאַסיקער!... פאַר דײַן צעטיל דאַנק איך דיר פיעל מאָל, עס טהוט מיר באַנק, וואָס איך האָב די אַלע קלאַסי־

קער, וואס דו האסט מיר אויסגערעכענט שוין לאנג דורכגעלייענט איינאיינעם מיט נאך בעריהמטע שרייבערס אונ פאעטען, ווי למשל: בייראן, סוויפט, סערוואנטעס, דיקקענס, טעקקערי, שעללי, באלזאק, דאדע, הוגא, סענקעוויטש, ארזשעשקא, און נאך און נאך אסך אנדערע. איך האב געוואלט עפיס נייעס, עפיס א פרישע זאך אויף צו לייענען און ניט קיין ראמאן, נאר איין ערענסטווארט.

פערבלייב געזונד, מיין ליבער און מיין זיסער, און שאץ מיך ניט צו הויך, ווארום וואס צו איז איבעריג, איך בין א גאנץ געוועהנליכע יודעשע טאכטער, וואס איז דיר איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען דיין געטרייע כלה...

האב איך איהר דערויף געענטפערט...

נאר טאמער וואלט געוועזען געננג שוין צו ברענגען בריף פון חתנ'ס צד, סאי פון כלה'ס צד? איך האב מורא עס וועט אויסקומען ניט קיין ראמאן, נאר א בריפענשטעלער, איך דארף דא זאגען נאר איין זאך: די דאזיגע בריף ליגען נאך עד היום ביי מיר אין טישקעסטעל באהאלטען, פאררוקט העט ווייט און א ווינקעלע. קיין בן אדם האט זי נישט אנגעקוקט, זיי זענען ביי מיר טהייער, ווי אלטע אלטע כתבים, שטילע עדות פון מיינע ערשטע פריידען און ליידען; זיי זענען אויסגעטריקענטע אבגעבליאקעוועטע בלומען אויפן קבר פון מיין ערשטער ליבע, פון מיין ערשטען ראמאן.

אכטער קאפיטעל.

(איך באד זיך אין ליגען אונ גליה ווי אויף פאקען.)

דער מענש, וואס איז פארליבט קאן מען דאס איבערלייענען ביי איהם אויפ'ן פנים, ארויסזעהען נאך דעם נאז, מע בעדארף זיך נאר רעכט צוקוקען צו איהם, ווי די אויגען בלאנזשען ביי איהם ארום, ווי ער שמייכעלט עפים מאדנע, ווי ער ענטפערט נישט צו דער זאך, ווי ער קוקט אלע מינוט אין שפיגעל, בייט אלע טאג דאס האלזטיכעל, און אז ער געהט טאנצט ער, און איז א גוטער פריינד דער גאנצער וועלט, ער זאל זיך ניט שעמען פאר לייטען וואלט ער זיך צעקושט מיט'ן קוימענקעהרער...

נאָך מיר איז אָבער ניט געווען ווער עס זאָל נאָכקוקען. אמת אַ פּאָר מאָל האָט מיך מיין תּלמיד אַ פרעג געטהון בשעת מיר האָבען געשפּיעלט אין „דאָמקעס” וואָס בין איך עפּיס אַזוי צעטראָגען, וואָס איך שלאָג מיינע אייגענע ציגלעך? האָב איך מיך געוואונדערט און געפרעגט: וואָסערע ציגלעך? אויך מיין פּרינציפּאַל האָט ביים טיש זיצענדיג מיך אַ חאַפּ געטהון, וואָס האָב איך אַזאַ שלעכט פּנים! האָט איהם די בעל הבית'טע מיט די שליסלען אַ זאָג געטהון, (כלומרשט מיט אַ רחמנות פּנים און אין הארצען איז איהר צו געקומען אַ שטיק געזונד), אַז פון אַ צייט אַז דער לעהרער עסט גאָר ניט!...

— וואָס איז די מעשה? — האָט מיך דער פּרינציפּאַל אַ פרעג געטהון און האָט אַליין געענטפערט פאַר מיר: ס'איז פון צופיעל אַרבייטען, פון צופיעל לערנען; גאַנצע טעג זיצט איהר פאַרשפּאַרט אין צווייען און לערינט; געהט זיך אַמאָל דורך!...

— ווען האָבען מיר צייט געהן, אַז מיר האָבען אַזוי פיעל אַר־ביים? — האָט זיך אַריינגעמישט מיין תּלמיד אַזוי תּמ'ע־וואַטע־נאַיוו, אַז עס האָט זיך מיר געגליסט איהם אָנשפּייען אין פּנים און אויסשרייען אויף אַ קול:

— גוואַלד, גוואַלד, יודישע קינדער, וואָס פאַר ליגנערס איהר זענט! אַ ליגנער אויף אַ ליגנער, איין ליגנער גרעסער פונ'ם אַנדערען!...

איך האָב דאָס אָבער ניט געזאָגט; אָנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל זאָגען דעם אמת האָב איך בעסער געזאָגט אַ ליגען:

— איך האָב מיך פערבענקט אַהיים...

— נישקשה ער מעג בענקען! — האָט מיר מיין פּרינציפּאַל אונ־טער געהאָלפען דעם ליגען מיט'ן גאַנצען כח פון זיין רייכער פאַנטאַזיע, ער האָט נאָך וועמען צו בענקען; זייער משפּחה איז די ערשטע, די איינציגע משפּחה, ניט נאָר ביי זיי אין שטאָדט. מע קען זאָגען, אַז אין גאַנצען קאַנט געפינט מען ניט אַזאַ משפּחה, דער קאָוונער רב איז, דאַכט זיך, אייערער איין אייגענער געווען?

— אַ פעטער — זאָג איך גאָר אונפערשעמט.

— און דער פאָרעצער מגיד איז, דאַכט זיך, אויך געווען אייערער אַ פעטער?

— איין עלטער־פעטער — זאָג איך.

— און עפּשטיין, דער גרויסער עפּשטיין — וואָס קעהר זיך מיט איך אָן?

— אַ שני שבשלישי — זאָג איך.

— און ר' משה'לי האַלפּערין איז, דאַכט זיך, אויך אײערס אַ פרײַנדיל...

— פֿון דער מאַמעס צד — זאָג איך.

— נו און די טאַלטשינער — זאָגט ער — די טאַלטשינער גבירים, האָב איך געהערט, זענען אײַך גאָר נאָהנטע קרובים, דאַכט זיך?

— שװעסטער־קינדער — זאָג איך — פֿון דער מאַמעס צד, אײגענע שװעסטער קינדער.

און איך בין העכסט צופֿריעדען, נישט אַזוי מיט מײַנע נײַגעבאָ־רענע קרובים, װי מיט דעם, װאָס איך קאָן מיר זײַן רוהיג, װאָס איך קאָן מיר בלײַבען אַלײן מיט מײַנע זיסע חלומות, מיט מײַנע הײליגע געפֿיהלען, און מיט די ליבע, זיסע, טײַערע בריװלעך פֿון מײַן תלמיד'ס כלה, װאָס זענען בײַ מיר טײַערער פֿון אַלע מײַנע אויסגעטראַכטע און אמת'ע פֿרײַנד, פֿון אַלע מײַנע װײַטע און נאָהענטע קרובים.

אָט װאָס זי שרײַבט מיר אין אײנעם פֿון איהרע װײַטערע בריעף:

מײַן אײנציגער טרײסט! מײַן מלאך פֿון הימעל!

װאָס זאָל דאָס באַדײַטען, װאָס דו ביזט אַזוי טרויעריג? זעהען אויס דײַנע לעצטע בריף אַזוי מעלאַנכאָליש? למאי רעדסט דו פֿונ'ם טוידט? װאָס באַדײַטען דײַנע רעטהעניסען, װאָס די לײגסט מיר פֿאָר? פֿאַר װאָס זאָגסט דו אויף זיך, אַז דו ביזט דער אומגליקליכסטער פֿון אַלע אומגליקליכע? למאי זאָלסט דו מיר אָנטהון אַזוי פֿיעל יסורים? פֿאַר װאָס זאָלסט דו מיר ניט אַנטפּלעקען יענעם גרויסען סוד, װאָס דו טראָגסט בעהאַלטען? װאָס פֿאַר סודות קענען בײַ דיר זײַן פֿאַר דער, װאָס האָט אַזוי ליב נאָר דיך און װײַטער קײנעם ניט אונ װאָס קוקט שוין אַרוים, צעהלט שוין די טעג פֿון אונזער גיבען גליקליכען פֿאַר־בינדען זיך אויף אײביג?!...

דערויף איז אַװעק געגאַנגען פֿון חתנ'ס צד אַזאַ מין תשובה:

מײַן הײליגע נשמה, מײַן שװאַרצאַפּעל פֿונ'ם אויג! מײַן גאָטהײַט! איך בעט דיך זײַ מיר מוחל מײַנע לעצטע בריף! פֿאַרגעס, װאָס איך האָב דיר געשריבען! די ביזט גערעכט, מײַן טײַערע, דו ביזט גערעכט איך טאָר מיך נישט באַקלאָגען, איך טאָר מיך נישט אָנרופֿען מיט דעם נאָמען „אומגליקליכער“. אומגליקליך איז דער, װאָס האָט קײן מאָל נישט

ליב געהאט, וואס איז קיין מאל נישט געווען געליעבט!.. איך זאג דיר נאך אמאל, אז פאר מיר איז גענוג דיינע בריף אליין, פאר מיר איז גענוג איך זאל דערלעבען נאר איין קוק טהון אויף דיר — און שטאר-בען... נאר ניין, איך האב זיך געגעבען דאס ווארט, איך זאל מעהר ניט רעדען פונם טוידט! די ווילסט וויסען יענעם גרויסען סוד?. אוי, ניין, דו ווערסט איהם ניט וויסען ביז עס וועט קומען די גליקליכע (אדער די אונגליקליכע) שעה פון זעהען זיך פאר דער חופה; דעמאלט וועסט דו געוואהרע ווערען פון אלסדינג... דערווייל זיי מיר געזונד, מיין טייערע, מיין הייליגע, און שרייב מיר, שרייב מיר, שרייב מיר!

דיין אומגליקליכער גליקליכער, אדער דיין גליקליכער אונגליקליכער, וואס וואלט א בעל'ן געווען די צייט זאל זיך ציהען און ציהען... אייביג און אייביג...

• • • • • • • • • • • • • • • • • •

נײנטער קאפיטעל.

(דאס גרייטען זיך צו דער חתונה און מיינע נארישע חלומות).

דער וואס איז אמאל אליין געווען פארליבט האט אַ דריט חלק-פון דעם וואס איך, דער וועט פערשטעהן מיין הארץ בשעת ס'איז געקו-מען די גליקליכע אדער די אומגליקליכע צייט פון אונזער גרייטען זיך צו דער חתונה; און דער וואס האט נעלייענט מיט קאפ די פריהעריגע קאפיטלעך, דער וועט פערשטעהן מיין הארץ בשעת מע האט אנגעמאסטען מיין תלמיד די חתונה מלבושים, וואס מע האט איהם געגייט דריי וואכען כסדר. חבוט הקבר איז גאר ניט אקעגען מיינע שמערצען; דער גהינם — איז אַ גן עדן אקעגען מיין גרויסען — גרויסען ווייטאג.

איהר רעכענט מסתמה קנאה, שנאה? חלילה! איך האב געוואוסט גאנץ גוט, אז ליב האט מען ניט מיין תלמיד, נאר מיך, דעם אמת'ען מחבר פון די בריף. איך האב געוואוסט גאנץ גוט, אז בשעת זעהען זיך וועל איך איהר בעדארפען נאר אנטפלעקען דעם סוד, יענעם הייליגען סוד, זאגען נאר איין ווארט, וועט זי מיר פערשטעהן און עס וועט אלסדינג זיין רעכט, נאר ווי אזוי טהוט מען דאס אפ? ווי אזוי מאכט מען, אז איך זאל קענען מיט איהר רעדען אונטער פיער אויגען

חאָטש עטליכע מינוט ? איך האָב מיר געבראָכען דערויף דעם קאָפּ, געבויעט זיבעצעהן טויזענד פּלאַנען איינער ערגער פונ'ם אַנדערען, און זיבעציג טויזענד פאַנטאַזיעס, איינע נאַרישער פון דער אַנדערער. איך בין זיך מודה ומתודה, אַז עס זענען מיר געקראָכען אין קאָפּ אַזעלכע מאוסע מחשבות, וואָס איך שעם זיך זיי איבערגעבען אויף פּאַפּיר, חאָטש ס'איז שוין אַוועק געגאַנגען פון דעמאָלט אָן אַ היבשע שטיק צייט. מיינט נישט חלילה, אַז איך האָב געוואָלט אומברענגען מיין קאָנקורענט. סמ'ען דעם תלמיד מיינעם! לאָז גאָט אָפּהיטען אַלע יודישע קינדער פון אַזעלכע מאוסע מחשבות! איך האָב נאָר געבעטען גאָט ער זאָל אַזוי עפּיס טהון אַ נס, אַז מיין תלמיד זאָל פון זיך אַליין ווערען קראַנק, זיך אַוועקלעגען און אָבטראָגען זיך אויף יענער וועלט, אָבריינינגען מיר דעם אָרט...

איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך האָב געטראַכט פון דעם טאָג מיט נאַכט, אַרויסגעקוקט אַז מיין תלמיד זאָל חאַפּען ערגיץ אַ פאַרקיהלונג, זיך דערשוויצען און חאַפּען אַ ווינטעל, אָנהויבען הוסטען אָדער ליגען אויף אַ היציג שלאַפקייט, אָדער אויסגליטשען זיך אויפ'ן גלייכען וועג, זיך ברעכען האַלז און אַקען, אָדער אומגערן חאַפּען פון עמיצען אַ שטיין אין קאָפּ אַריין, אָדער אַ משוגע'נער הונט זאָל איהם באַפאַלען און ער זאָל אַראָפּ פונ'ם זינען, אַדער אַ שטורמווינט זאָל אויסרייסען אַ בוים מיט'ן וואָרצעל און אומוואַלגערען גלייך אויף איהם, אָדער איין אַנדער נס זאָל געשעהן, אַבי ער זאָל מיר אָפּרייניגען דעם פּלאַץ.

און בשעת מעשה האָט מיר געקלעמט דאָס האַרץ, וועה געטהון אויף איהם. נעביך איין אומשולדיגער נפש פאַר וואָס קומט איהם ? פאַר וואָס זאָל ער געהן אַזוי יונג פון דער וועלט ? און אין האַרצען האָב איך איהם שוין באַוויינט, באמת באַוויינט, אָנגעשריבען אויף איהם אַ קלאָגבריעף צו מיין געליעבטער און צו מיין טהייערער, אויסגעלאָזט מיט זעהר אַ טרויעריג ליעד. אינ'ם ליעד באַוויין איך און באַקלאָג גאַנץ ערנסט מיין יונגען תלמיד, וואָס איז אַוועק נעביך פאַר דער צייט, די וועלט האָב איך געגליכען צו אַ בית עולם און איהם צו אַ יונגען בוים. אויפ'ן בוים

שטעהט און קלאָגט, אוי וועה,
דער בית עולם סאַלאָוויי
און די שטערען גיסען טרערען...
וואָס ווייטער שטעהט געדענק איך ניט.

און ווידער חלום'ט זיך מיר אין דער פאנטאזיע, אז ס'איז שוין אוועק געגאנגען א יאהר נאך זיין טויט, און מיר ביידע, איך און מיין געליבטע, זענען געקומען צו איהם אויף „קבר אבות" אביסל זיך אויסוויינען, איהם געבראכט א מתנה פרישע שמעקענדיגע בלומען מיט א ליעד, וואס לאזט זיך אויס אזוי:

אויף דיין קבר די בלומען זאלען בליהען,
אין גן־עדן דיין נשמה זאל רוהען!...

אז בלומען אויף א קבר זאלען בלהען — דאס איז עפעס ניט אזוי מעגליך; נאר אז מיין תלמיד האט געבליהט, געבליהט ווי א רויז — דאס איז געווים, ער איז געווארען וואס א טאג געזינטער, דאס פנים ליכטיגער, דאס קלאר ווייסע לייב פארוואכסען מיט שמאלץ, אונ איז געווען צופרידען, פרעהליך, לעבעדיג און גליקליך, גליקליך נישט פון ליעבע, נאר פון דעם, וואס ער פאהרט אריבער אין א נייע ארט, אין א גרויסער שטאדט, צווישען נייע מענשען און וועט נישט אנקוקען מעהר זיינע אייגענע, וואס האבען זיך איהם צוגעגעסען, געווען נמאס ווי דער טויט.

אזוי האט ער זיך מיר אליין מודה געווען ניט איין מאל, חאטש אין די אויגען האט ער זיי נאכגעגעבען אז ער וועט שטארק-שטארק בענקען נאך זיי, אז ער ווייסט גאר ניט ווי אזוי ער וועט דאס גאר איבערטראגען אפילו.

— אבער נאך מיר וועסטו בענקען? — האב איך א פרעג געטהון מיין תלמיד.

— געווים! געווים! — האט ער מיר געענטפערט און האט מיר ארומגענומען גאר פריינדליך — דיך וועל איך נעמען מיט זיך! מיר וועלען דארטען לעבען א גוטען טאג. מיר וועלען שפיעלען אין דאמקעס, געהן אין טעאטער, איך וועל דיך ניט אפלאזען פון זיך קיין מאל, קיין מאל ניט!

איך האב געוואוסט אז ס'איז א גרויסער ליגען.

געבארען, אויפגעוואכסען און אויפגעצויגען געווארען אויף שוא ושקר האט ער דא אויך געזאגט א ליגען.

דאס צעהנטע קאפיטעל.

(ברוך הבא — געסט).

איך װעל קײנמאָל ניט פערגעסען דאָס אױפנעמען מיט'ן כבוד װאָס מען האָט אונז אָפּגעגעבען, אַז מיר זענען געקומען אױף דער חתונה. קודם כל האָט מען אונז אַרױסגעשיקט אַ גרױסאַרטיגע קאַרעטע צום װאָגזאַל און מען האָט אונז פאַרפיהרט אין זעהר אַ שענער שטוב, אָפּגעגעבען איטליכען בעזונדער איין אַנדער חדר און מכבד געװען מיט דער גוטער קאַװע מיט פוטערגעבעקס, און נאָכדעם מיט'ן שענעם אָנבײַסען, פרישע פײַנקוכענס מיט געבראָטענע קאַטשקעס און מענשען, מענשען װי מיסט זענען געקומען אונז מקבל פנים זײַן, אָפּגעבען שלום, אַלע מאָל נײַע פאַרשױנען.

בײַ מיר האָבען דאָ אַלע מענשען אױסגעזעהן װי מוראַשקעס, געשעמעריט אין די אױגען, געזשומעט װי די פליגען. איך בין געװען פאַרנומען מיט מײַנע אײגענע מחשבות, מיט מײַנע זעהר ניט פרעהליכע געדאַנקען: „װי אַזױ מאַכט מען דאָ איך זאָל זיך קאָנען מיט איהר זעהן? מי יודע צי עס װעט מיר געראָטען? און װאָס װעט זײַן אַז זי װעט געװאָהר װערען פונ'ם הײליגען רוד? און טאָמער חלילה וחס”... איך האָב גאָר מורא זאָגען װאָס...? אַ שרעק! אַ שרעק!...

אין קעשענע איז בײַ מיר געװען נאָך פון דער הײם אַרױספאָהרענדיג צוגעגרײט... שרעקט זיך נישט. ניט קײן פיסטאָליעט חלילה, נאָר אַ בריעף צו „איהר”, אַ בריעף אױף דרײַ בױגען פאַפיר באַשריבען, מײַן ראָמאַן װי אַזױ ער האָט זיך אָנגעהױבען און מײַן ביאָגראַפיע אין קורצען, נאָר װי אַזױ גיט מען איהר איבער דעם בריעף? דורך װעמען? און װען װעט זי צײַט האָבען איהם איבערלײענען?

און די מחותנים מיט די מחותנת'טעס פון כלה'ס צד לױפען אַרום הין און צוריק װי די פאַרסמ'טע מײַז, טרײַבען די סאַרװערס זײ זאָלען זיך גרײטען צו דער חופה־װעטשערע, און טרײַבען די שמשים, זײ זאָלען ברענגען די כלי־זמר מיט'ן רב, מען זאָל שטעלען די חופה װאָס פריהער, װאָרום חתן־כלה פאַסטען.

אַז דער חתן האָט ניט געפאַסט בין איך אײן עדות; ער האָט בײַ מיר אין חדר זעהר פײַן איבערגעביסען מיט אַ האַלבער קאַטשקע, און געזאָגט האָט ער, אַז ער פאַסט, ברי'הש אָנגעצױגען אױף זיך אַ

פנים פון אַ חתן וואָס פּאַסט און וואָס דער קאָפּ איז איהם פאַרטיעפט אין זעהר ערנסטע מחשבות.

געבאָרען, אויפגעוואַכסען און אויפגעצויגען געוואָרען אויף שוא ושקר, האָט ער דעם טאָג פון דער חופּה אויך געזאָגט אַ ליגען.

און דערווייל זענען אָנגעקומען די כלי־זמר און מען האָט זיך אָנגעהויבען גרייטען צום באַדעקענס, ס'איז געוואָרען נאָך אַ גרעסערער טומעל ווי פריהער, אַלע האָבען גערעדט, אַלע האָבען זיך געחאַפּט, אַלע האָבען זיך געמאַכט גלייך ווי מען טהוט עפּעס, — גיכער, גיכער; לאָז מען געהן! קומט־קומט!

און מען האָט אונז גענומען, ווער ווייס איך ניט; און מען האָט אונז געפיהרט אונטער די הענט, וואוהין ווייס איך ניט, און מען האָט צו אונז עפּעס גערעדט, עפּעס געזאָגט, וואָס ווייס איך ניט, מיר האָט זיך געדרעהט דער קאָפּ, געשעמערירט אין די אויגען, געזשומעט אין די אויערען און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ טיק־טאַק! טיק־טאַק.

די כלי־זמר האָבען געשפּיעלט. עס האָט געוויינט אַ פידעל, עס האָט געטרעלייקעט אַ טראָמייט, עס האָט געפייפט אַ פלייט, עס האָט געבאַראַבאַנעט די קעסעל־פּויק באַם־באַם־באַם! און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ טיק־טאַק! טיק־טאַק...

דאס לעצטע קאפּיטעל

(דער „עפּילאָג” פונ'ם ראָמאַן).

צווישען אַלע פּאַרשוינען, וואָס האָבען זיך אַרומגעדרעהט און געשמעריערט פאַר מיינע אויגען, האָב איך באַמערקט איינעם, וואָס האָט זיך אַרומגעדרעהט גלייך מיט מיר ווי אַ ווילד פרעמדער. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיטברילען און מיט לאַנגע האָר, וואָס האָט געהאַט אויף זיך נאָר איין אַרבייט; זיין אַרבייט איז געווען אויף אַלסדינג קוקען און אַלסדינג זעהן, און ווי עס האָט אויסגעוויזען האָט ער די אַרבייט געטהון גאַנץ געשמאַק: ער האָט געהאַלטען אין איין קוקען.

אַז זיינע ברילען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז ער זעהט מיך דורך און דורך, אַז ער זעהט מיין האַרץ, אַז ער זעהט מיין סוד, מיין הייליגען־הייליגען סוד, און איך האָב אַראָפּגעלאָזט די

אויגען. איך האָב אָבער דערפֿיהלט אויף זיך די ברילען, איך האָב געפֿיהלט, אַז ער הערט ניט אויף מיר צו קוקען, און איך האָב ניט ווילענדיג אויפֿגעהויבען די אויגען און האָב זיך ווידער בעגעגענט מיט זײַנע ברילען, וואָס האָבען געקוקט מיר אינווענינג אין הארצען אַרײַן און געצויגען מיך צו זיך ווי אַ מאַגנעט.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס איז געוואָרען, נאָר איך און דיזער יונגערמאַן מיט די ברילען זענען געשטאַנען נאָהנט איינס נעבען דאָס אַנדערע און האָבען גערעדט. געוועהנליה פֿון דער חתונה, פֿונ'ם באַדעקענס און פֿון חתן־כלה.

דעם חתן האָבען בײדע מחותנים צוגעפֿיהרט אונטער די הענד צו דער כלה, און די כלה איז געזעסען אין מיט'ן שטוב אויף אַ בענקעל מיט צעלאָזטע האָר, דאָס פּנים פֿאַרשטעלט מיט בײדע הענד, אַ פּנים זי האָט געוויינט. די כלי־זמר האָבען געשפּילט. עס האָט געוויינט אַ פֿידעל, עס האָט געטרעלײַקעט אַ טראָמפּײט, עס האָט געפּײַפּט אַ פֿלײט, עס האָט געבאַראַבאַנעט די קעסעל־פּויק באָם־באָם־באָם! און דאָס האַרץ, טיק־טאַק! טיק־טאַק!

— אָט אָט — האָב איך מיר געטראַכט — אָט אָט נאָך אַ מינוט, נאָך אַ מינוט און אַלעס איז פֿאַרפֿאַלען!...״

— אַ טעלעצע! — רופֿט זיך אָן צו מיר פּלוצים דער יונגער מאַן מיט די ברילען גלײַך אין די אויער'ן אַרײַן.

— וואו איז אַ טעלעצע? — פֿרעג איך איהם און קוק זיך אַרום אויף אַלע זײַטען.

— אָט זיצט זי דאָך — מאַכט ער צו מיר און באַווייזט מיר מיט די ברילען אויף דער כלה.

ער האָט דערזעהן נאָך מײַן פּנים, אַז איך בין שטאַרק פֿאַרחדוש'ט, מאַכט ער צו מיר שטילערהייד אויפֿ'ן אויער:

— אַ קאַלב, אַ בהמה, אַ גלאָטע, אַ כשרה בהמה! קיין צלם פֿאַר קיין אַלף און אַ מרשעת דערצו! און נעמט אַזאַ פֿײַנעם חתן! איהר זענט דאָך זיך זײַן לעהרער?

איך ווייס ניט, צי ער האָט מיר אָוועקגערופֿען, צי איך האָב איהם אָוועקגערופֿען, צי מיר האָבען זיך בײדע אָוועקגערופֿען אויף אַ זײַט, נאָר אין צוויי מינוט אַרום זענען מיר געזעסען איינס אַקעגען דאָס אַנדערע ווי אַלטע בעקאַנטע, און דער יונגערמאַן מיט די ברילען — ער איז געווען דער כלה'ס אַ לעהרער — האָט מיר איבערגעגעבען אויף איהר אַזעלכע

זאַכען, וואָס עס וואָלט געווען גלייכער און געזונטער פאַר מיר, איך זאָל דאָס בעסער ניט וויסען...

— סטייטש, און איהרע בריעף? — האָב איך אויסגעשריגען — אום גאָטעס ווילען איהרע בריעף?!

דערהערט די דאָזיגע ווערטער האָט דער יונגערמאַן מיט די ברילען זיך געחאַפּט פאַר'ן האַרצען און האָט אָנגעהויבען צו לאַכען און צו קאַטשען זיך פאַר געלעכטער.

— איהרע בריף? חאַ־חאַ־חאַ! איהרע בריף! אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטען, איהרע בריעף!

— וועמענס דען בריעף זענען דאָס?

— איהרע? חאַ־חאַ־חאַ איהרע בריעף? מיינע! חאַ־חאַ־חאַ מיינע בריעף! מיינע! מיינע!! מיינע!!!

איך האָב געמיינט אַז דער יונגערמאַן איז נאָר אַרויס פון זינען, און ער וועט דעם שלאַג בעקומען, ער האָט מיך געחאַפּט פאַר ביידע הענט, מיך גענומען דרעהען זיך איבערן שטוב, מיך געשלאָגען אין די פּלייצעס און ניט אויפגעהערט צו לאַכען:

— איהרע חאַ־חאַ־חאַ — איהרע בריף!??..

עס האָט זיך אייך ווען געחלום'ט אַ זיסער חלום, אַ פּאַלאַץ אַ שענער, גוטע מאכלים, די בעסטע וויינען, פרישע פּרות, נאָר וואָס פון'ם בוים, אַ ריח פון בשמים, אַ גן־עדן... און איינע עפּיס אַ „זי״ אינ'ם געשטאַלט פון אַ פּרינצעסין מיט גילדענע באַזילבערטע האָר... און איהר שוועבט, ניט איהר געהט, און איהר פליהט־פליהט אַרץ העכער־העכער, גלייך אין הימעל אַריין... פּלוציים הערט איהר אַ פייפען, וואָס געהט פון אַ וואַלד אַרוים פי־יו־יט! און אַ פּאַטש פון פליגלען און אַ משונה מאָדנע געלעכטער „חאַ־חאַ״, וואָס צעטראָגט זיך איבערן גאַנצען וואַלד און לאָזט זיך אויס מיט אַ לאַנגען געניץ אַאַאי!!! פאַר אייערע אויגען איז אַ טיעפער אָבגרונד, אָט אָט פאַלט איהר אַראָפּ, איהר טהוט אַ ציטער און חאַפּט זיך אויף מיט אַ קאָפּוועהטיג און קאָנט לאַנג נישט קומען צו זיך...

דעם דאָזיגען זיסען חלום האָב איך איבערגעלעבט אין דער מינוט וואָס דער יונגערמאַן מיט די ברילען איז געשטאַנען איבער מיר און האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכען פון מיינע בריף און אויסרעכענען די מעלות פון מיין געליעבטע... ער האָט געלאַכט און מיר האָט זיך געטריפט בלוט, אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען, און געפאַלען אויף מיין פאַרוואונדעט האַרץ, אויף מיין פאַרסמ'טע נשמה.

דאָרט אין זאַל האָבן געשפּילט די כּלי־זמר. די פּידעל האָט געװײנט! די טרומײט האָט געטערלײקעט די פֿלײט האָט געפּײַפט, דער באַס האָט געבּרומט; דער קעסעלפּויק האָט געבּאַראַבּאַנעט באָם! באָם! און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ איז מיר געװען פּוסט און לעדיג, אויף דער נשמה װיסט און פֿינסטער, חשך, חשך אין אַלע װינקעלעך.

ע נ ד ע

X.

מילכיגם.

מילכיגם

(א מאָנאָלאָג פון א כתרילעווקער פרעסער).

א חכם, הערט איהר, איז געוועזען דער, וואָס האָט איינגעפיהרט א מנהג, אַז שבועות אין דער פריה זאָל מען עסען מילכיגם. וואָרום, לאָמיר זיך ניט נארען, וואָס קאָן זיין בעסער און פרישער און זיסער און געשמאַקער, און וועלוועלער פון מילכיגם? אמת, צו מילכיגם בעדאַרף מען אויך האָבען געלד, נאָר ווי קומט דאָס צו פלייש? ביי פלייש איז פאַרהאַן פלייש און פאַרהאַן ביינער; און מילכיגם האָט אין זיך מילך, און קעז, און פוטער, און סמעטענע, און פיךסמעטענע און זויערמילך און סיוואַראָטקע... היינט נעהמט די מאכלים, וואָס מען מאַכט פון פלייש, און די מאכלים, וואָס מען קאָן מאַכען פון מילכיגם. פון פלייש האָט איהר אַ יוך, אַ ראָסעל־פלייש, און עסיג פלייש, אַ געבראָטענס און שוין... פון מילך אָבער האָט איהר קאַשע מיט מילך, לאָקשען מיט מילך, רייז מיט מילך, און טייגעלעך מיט מילך, און באָלאַבעשקעס מיט מילך, אין פאַרפעל מיט מילך, און גרצט מילך; היינט די מאכלים פון קעז און פוטער האָבען דען אַ שעור? בערעכענט נאָר: קרעפּלעך און וואַרעניקעס און וואַרניטשקעס, און אַקוגעל, און אַ מאַהינע, און אַ טייגעכץ, און קנישעס, און מנישקעס, און בלינצעס, און צרות־קניידלעך, און קאַשניקעס, און ווערטליקעס, און ווערטוטען. און וויפיעל איז פאַרהאַן מאכלים, וואָס מען קאָן זיך ניט אָנגעדענקען! למשל: קאָרזש מיט קעז, מאַסליטשענעק קאַשע, און פיש געפּרעגעלטע אויף פוטער, און אַ באָרשט אַ מילכיגער, און ראַזשענקע, און מאַסלינקע — אַלץ אַזעלכע פּאַטראַוועס, וואָס קיינער זאָגט זיך פון דעם ניט אָפּ, סיידען שוין גאָר איין אָבגעריסענער נאַר, וואָס מען בעדאַרף איהם נעבען קיילען שטרוי...

וואָרום איך, מען זאָל מיך אויפוועקען אין מיטען נאַכט זאָן מיר דערלאַנגען מילכיגס, איז אַבי איך בין נאָר נִיט פלייִשיג, איז מיט'ן גרעסטען כבוד! למאי זאָל איך לייקענען? איך האַלט פון מילכיגס און ניט אַזוי איך, ווי „זי". בײַ אונז אין כתריליווקע הייסען מיר די „פּרעסערס", חאָטש עסען עסען מיר גלייך מיט אַלע יודען, דאָס הייסט קדחת אין אַ קליין טעפּעלע. אַ די קשיא פון וואַנען נעהמט זיך דער נאָמען „פּרעכערס"? לאָז מיך אַזוי וויסען בײַז! עס קאָן זײַן עס נעהמט זיך דערפון וואָס מיר האָבען ליעב רעדען פון עסען! למשל איך אַליין האָב ליעב אַרויסצוגעהן אין מאַרק און שטעהן בײַ די פיש, פיש איז בײַ מיר דאָס חיות. פאַר פיש וואָלט איך אַוועק געגעבען מי יודע וואָס! או אפשר נעהמט זיך עס פון דעם, וואָס מען עסט בײַ אונז אַ סך ברוידט למשל בײַ מיר געהט אַוועק קיין עין הרע אַסך מעהל אויף שבת, וואָרום ס'איז פאַרהאַן בײַ מיר, ניט צו פאַרזינדיגען, ווער ס'זאָל קײַען. איך האָב, זײַ זאָלען לעבען און געזונד זײַן, דרײַ פערטיל טוץ, און אַלע ברוך חשם האָבען אַפּעטיט צום עסען, טאָן דאַרף מיט זיי חלילה צום רבין ניט אָנקומען, בײַם דאָקטאָר קיין עצות ניט פרעגען, הלואי וואָלט נאָר געווען וואָס צו עסען, וואָרום איך בין לא עליכם נישט פון די גרויסע נגידים, דאָס הייסט חלילה נישט קיין אָרימאַן, נאָר קיין גביר אַוודאי ניט! איך בין אַליין אַ קרעמער בין איך, מאַלי אייך, אַ קראָם בײַ מיר אויף אַלע יודישע שונאים! ס'איז נאָר איין אויסרייד ניט קיין קראָם; איך בעדאַרף זי האַלטען צוליעב דעם קרוב, די קראָם הייסט עס. איך האָב. פאַרשטעהט איהר מיך, מײַן אייגענעם אַ קרוב אַ רײַכען, פון „איהר" צד, זײַן פאָטער און איהר מוטערס מוטער זענען געווען אייגענע געשוועסטער־קינדערלעך; אַפילו אַ ווײַטליכער קרוב, נאָר דאָך אַ קרוב. ער, איז אַ יאַמפּעלער איז ער, דאָס הייסט ער זיצט אין יאַמפּעלע און רעכענט זיך דאָרט צווישען די גבירים, דאָס הייסט אַמאָל האָט ער זיך גערעכענט גאָר צווישען די גרויסע גבירים, הײַנט איז ער אַ ביסעל דאָסיג, איך מיין פאַרדרעהט... נאָר פון דעסטוועגען געהער זיך ניט אָן איינס מיט'ן אַנדערן, זײַן שאַדען אויף מיר געזאָגט געוואָרע, וואָס ער צאָהלט איבער נאָך הײַנט אַ יאָהר פּראָצענט — וואָלט געווען גענוג פאַר אונז בײדען.

קומען מיר הײַנט עס אַ מאָל צו איהם אויף קבר־אבות, אַ מאָל איך, אַמאָל „זי". מען וויינט זיך אויס אַ ביסעל בייזערט ער זיך אַפילו, וויל ניט לײַדען, נאָר עס העלפט איהם ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי. ער מוז, ער מוז געבען, נישט געלד — איז סחורה, נישט סחורה — איז אַ

וועקסעל. ער האָט דען אַין אַנדער ברירה? וואָרום „זי", אַז זי צעוויינט זיך, איז מען גערן אַז זי הערט אויף: „נאַ דיר, הייסט דאָס, אַבי וויין ניט!"... אַז זיי דערזעהען זי פון דערווייטען ווערט זיי צעהן לעבער אין הארצען. זיי פרובען זיך מיט תירוצים: „מען איז ניטאָ אין דער־היים, אַיועק־עפאָהרען פון יאַמפּעלי, שטאַרק פאַרנומען" — בלאָטע! ווי אַ טוידטען באַנקעס! „אונזערס" מוז אָבגעגעבען ווערען גאָר אָהן אַ שום תירוץ!... נאָר וואָס זאָלט איהר קלעהרען? ס'איז אודאי נישט גוט אַז מען דאַרף אָנקומען צו־נ־אַ מענטשען, נאָר וואָס זאָל מען טהון? ווי זאָגט מען דאָס: כל זמן שהנשמה בקרבי איז רייב מאָטן! אַ מענטש כל זמן ער לעבט דאַרף ער עס.

שייך זאָגען עסען? נישט צוליעב דאָס עסען לעבט אַ מענטש. אַ מענטש איז דאָך ניט קיין בהמה, אַ בהמה איז בהמה, און אַ מענטש איז אַ מענטש, און אַ מענטש אַז ער וועט ניט עסען פון וואַנען וועט ער לעבען? אָט דערפון אַליין קאָנט איהר שוין פאַרשטעהן, אַז מען האָט אַ ווייב מיט קיין עין הרע נייַן פיקערס, בעדאַרף האָבען אַ שען פנים אַ ברויט אָדער אַ בולקע אַז מען לעגט אַוועק אויפן טיש. און אפילו אַ שיסעל קאַרטאָפעל, זי מעג זיין מיט אַ באָרג, איז גענוג אַ י י ן פערטיל שעה ס'זאָל ניט בלייבען קיין שריד ופליט גלייך ווי ס'איז גאָר קיין מאָל קיין קאַרטאָפעל ניט געוועזען אויף דער וועלט אפילו! ס'איז אַ מחיה צו קוקען, זאָג איך אייך, ווי מען עסט קיין עין הרע ביי מיר. איך האָב ליעב צו זעהן ווי זיי עסען, איך האָב דערפון פערגניגען. און ווער שמועסט פריי־טאָג, אַז מען נעמט אַרויס די פרישע שמעקענדיגע חלה פונ'ם אויווען, רוף איך צונויף מיין חברה און זאָג זיי: „קינדער, ראַטעוועט!" — זאָלט איהר זעהן ווי מען ראַטעוועט — מחיה נפשות! און אַז גאָט העלפט ס'איז פאַרהאַן צו דער פרישער חלה אַ ראָסעל פליישעל, אַ הייס מיט קנאָבעל און ג״ט „סאָוועסט", מיט יוך הייסט עס, נעווייגטליך מעהר יוך ווי פלייש. מען קאָן זאָגען כמעט סאַמע יוך, דעמאָלט קאָן מען טונקען און טונקען — און נישקשה מען איז ברוך השם גאַנץ צופריעדען וואָרום וואָס טהוט מען חלילה אַז ס'איז דאָס אויך נישטאָ? האָט מען אַ ברירה דעמאָלט עסען חלה מיט ברויט, דאָס הייסט איך האָב געוואָלט זאָגען ברויט מיט חלה, אַ ביסן ברויט אַ ביסן חלה, און גלויבט מיר — פאַר אַ הונגעריגען מאָגען איז דאָס אויך אַ מאכל; והראיה נעמט לימאָנאַד, איהר האָט וועך געגעסען ברויט מיט לימאָנאַד? קיין מאָל ניט? פאַרזוכט אַ מאָל אויף אַ ציקאָוועסט, נאָר בתנאי איהר זאָלט זיך פריהער רעכט אויסהונגערן.

אַזוי אַז סזאָל אייך חלש'ען דאָס האַרץ, ציִטערען די הענד און ציִהען די אָדערען פון די פיס, וועט איהר דעמאָלט בנאמנות פיִהלען טעם גן־עדן. אַזוי שטיִפעלט דאָס אַפילו ביים צונג, ווי געוויינטליך ליִמאָנאַד, נאָר אַז מען איז הונגעריג, און מען עסט דאָס מיִט ברויט, איז דאָס אַ מאכל מלכים!

איך זעה, איהר חדוש'ט זיך, וואָס איך בין אַזוי קלאָהר אין „הלכות אכילה“? איך האָב דאָך אייך געזאָגט אַז ביי אונז אין כתריליווקע הייס איך פון די פרעסערס, דערפאַר פערשטעהט איהר מיך, וואָס איך געה מיט דעם גאַנג, אַז אַ מענטש לעבט איין מאָל ניט קיין צוויי מאָל, און אַז מען עסט אַ גאַנצע וואָך מכות און שבת קדחת, דאַרף מען זעהן חאָטשע יום טוב זיך אָנטהון אַ ביסעל וואוילטאָג. וואָס זאָגט איהר, ניט אַזוי? דעריבער אַז עס קומט ביי מיר שבועות, מעג זיך איבערקערען די וועלט. פאַרהאַן פאַר וואָס, צי סאיז ניטאָ פאַר וואָס. — אַ מילכיגע סעודה דאָס מוז זיין גאָר אָהן אַ שום תירוץ קודם כל ציקאָריע מיט מילך דאָס איז שוין אַ חוק ולא יעבור, וואָרום „זי“ אַז עס קומט שבועות־צייט הויבט איהר שוין אָן צו ציהען, זאָגט זי, דאָס האַרץ נאָכ'ן גלעזעל ציקאָריע! דאָס גלעזעל ציקאָריע איז ביי איהר, זאָגט זי, טייערער פונ'ם גאַנצען מילכיגס! מאָלט אייך, לאָז זיך אייך דאַכטען, אַז סאיז נור גערעדט אַזוי; וואָרום נאָכ'ן גלעזעל ציקאָריע ווילט זיך נאָך עפּעס, למשל באָרשט. איך מיין דעם שענעם גרינעם מילכיגען שבועות'דיגען באָרשט וואָס מיט באָטווינע, מיט ציבעלקעלעך און מיט יונגע באָרעקלעך פאַרבראָקט און מיט סמעטענע פאַרוויַסט, אַ כפרה הערט איהר אַלע עסענס פאַר איין מילכיגען באָרשט אַ גוטען! ביי אונז אין געמיינעם גראַד, ווען עס זאָל חלילה נישט זיין קיין באָרשט, וואָלט מען געווים נישט אויסהאַלטען יודיש־קייט, ניט פסח, ניט שבועות! דער חלוק איז נור אין דעם, וואָס צו פסחדיגען באָרשט מוז מען האָבען אַ שטיקעל פלייש, אָדער אַ ביינדעל, אָדער אַ לעפעל שמאַלץ, און צום שבועות'דיגען באָרשט בעדאַרף מען נישט האָבען גאָרנישט ניט! איז פאַרהאַן אַ קאַפּ מילך אויף צו פאַרוויַסען דעם באָרשט איז גוט, אלא ניט מוז מען זיך בעגעהן דערמיט וואָס ער איז געקאָכט אין אַ מילכיגען טאָפּ, וואָרום מיין חאַליאַסטרע, קיין עין הרע, מען זאָל זיך צו זיי וועלען צולאָזען און געבען חליעפּטשען ריינע מילך, איז ניט שייך צו זאָגען אַ ציג, — דריי ציגען וואָלט געוועזן ווינציג, און מיר בסך הכל פאַרמאָגען אונזער אייגענס אַ האַלבע ציג, מיר האָבען הייסט דאָס בשותפות מיט אַ שכן אַ ציג האָבען מיר. אַ ווילדע זאַך, זי געהט

ביי אונז אַלע מאָל אין שאָדען און מיר האָבען פון איהר אָבגעשניטענע יאָהר! ניט לאַנג האָט זי זיך מישב געווען, די ציג הייסט עס, און הערט זיך גאָר אויף צו מעלקען, דאָס הייסט מעלקען מעלקט זי זיך, נאָר קיין מילך גיט זי ניט, היינט געה ציה אַרוים פון אַזאַ חיה קרעפּלעך מיט וואַרעניקעס! אוי, זאָג איך צו מיין ווייב, קרעפּלעך! איך וואָלט אַוועק געגעבען, זאָג איך, פאַר מילכיגע קרעפּלעך אָדער וואַרעניקעס איך וויים אַליין ניט וואָס! טאָמער וואָלסט דו טאַקי געזעהן, שרה זיסעל, סזאָל זיין, זאָג איך קרעפּלעך אם ירצה השם אויף שבועות! . מאַכט זי צו מיר: „פון וואָס למשל?“ זאָג איך: „דערויף ביזט דו דאָך עפּיס אַ בעל־הבית'טע ביי מיר“. „זאָגט זי: „צו קרעפּלעך בעדאַרף זיין אייער, דאָס ווייסט דו?“ זאָג איך: איך וויים, פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען? אַ קונץ, זאָג איך, צו מאַכען קרעפּליך מיט אייער; ווייז אַ בריה־שאַפּט אָהן אייער! זאָגט זי: „חכם בלילה! וואָס זשע טהוט מען מיט קעז“? זאָג איך: מיט קעז וואָלט שוין נעווען נישקשה, שלעכט איז וואָס אָהן קעז. זאָגט זי: „היינט וואָס זשע ווילסט דו?“ זאָג איך: וויל איך זאָ.סט האָטש מאַכען רעטשענע וואַרניטשקעס. זאָגט זי: „צו וואַרניטשקעס דאַרף מען פּוטער“. זאָג איך: וואו שטעהט דאָס געשריבען? אין ספרי פּראַלניק? זאָגט זי: „דו דאַרפסט בעסער וויסען וואו עס שטעהט געשריבען, דו האָסט געלערענט אין חדר“. זאָג איך: ווייסט דו וואָס, מיין ווייב, וואָס איך וועל דיר זאָגען? אַזוי ווי מיר האָבען נישט קיין אייער און ניט קיין קעז און נישט קיין פּוטער, טאָ לאָמיר האָטש אַזוי אַביסעל רעדען פון מילכיגס. וואָס וואָלסט דו כדומה למשל געמאַכט אויף שבועות צו דער סעודה, ווען דו זאָלסט אַ שטייגער יע האָבען מיט וואָס? זאָגט זי: „צייט איך לעב האָב איך ניט געזעהן אַ מענטש זאָל אַזוי זיין אַריינגעטהון אין דער אַכילה!“ זאָג איך: „וואָס וועט דיך אַרען אַז מיר וועלען אַביסעל רעדען? עס קאָסט דיך געלד? לאָז זיך דיר דאַכטען אַלעהיי דו האָסט אַלסדינג, אי קעז, אי פּוטער, אי אייער — וואָס פאַר אַ מילכיגע סעודה וואָלסט דו מיר דענסטמאָל מאַכען?..“ זאָגט זי: „וואָס וואָלסט דו וועלען איך זאָל דיר מאַכען?“ זאָג איך: אַ טייגעכץ... זאָגט זי: „אַ זולל וסובא־ניק דאָס איז! אַ טייגעכץ נעמט צו די גאַנצע פּוטער...“ זאָג איך: לאָז זיין אַ מאַהינע... זאָגט זי: „וואָס עפּעס אַ מאַהינע?“... זאָג איך: ווילסט ניט קיין מאַהינע, לאָז זיין קנישעס... זאָגט זי: „מיט וואָס? מיט קאַשע?“... זאָג איך: ס'אַ משל! מיט קאַשע איז דאָך עס שוין קאַשניקעס!... זאָגט זי: „וועדליג דיין מאַנסבילשער קאָפּ פאַרטראָגט,

קומט אוים ביי דיר קאשניקעס." זאג איך: מסתמא פארשטעהסט דו בעסער, איך וויל זיך מיט דיר ניט שפארען. איך האב פארגעסען, זאג איך, רעכענען פיש געפרעגעלטע אויף פוטער, ווי מיינסט דו?... זאגט זי: „אלסדינג ווילט זיך איהם! מיינסט אודאי קארעשלעך?"... זאג איך: עס מעג זיין קארפ, און יעס ארט מיך ניט קיין שלייען, און מיט העכט־עך, זאג איך, וועט מען זיך אויך ניט סמ'ען, און אפילו טאטער חלילה פלאטוויצעס וועל איך ווער אויך קיין גט נישט געבען, אבי כזאל זיין, זאג איך, גוט געפרעגעלט... זאגט זי: „א טרפה'נער האר"ז דאס איז! איך האב מורא דו וועסט זיך ניט אפזאגען פון געקאכטע פעפערינגע רויג מיט קארטאפעל"... זאג איך: אך! מיטן גרעסטען כבוד! אבי ס'זאל זיין, זאג איך, נאכדעם גוטע מנישקעס... זאגט זי: „א קישקע אהן א דנא! בלינצעס קערסט דו מיינען!"... זאג, איך: ניין, בפירוש מנישקעס! בלינצעס איז זיך בלינצעס און מנישקעס איז מנישקעס! מנישקעס דאס איז אזא מין מאכל, זאג איך, וואס האט א טעם פון צרות־קיידלעך. וואלסט מאכען צרות־קניידלעך, זאג איך, צי אפשר, גלאט קניידלעך מיט מילך?.. זאגט זי: „איהם איז קנאפ די וועלט! איך וואלט דיר אפשר מאכען א מילכיגען קאליש?..." זאג איך: מיינסט אודאי מיט האלעשקעס אדער מיט באלאבעשקעס?... זאגט זי: „באראבעשקעס? פע! א קבצנישער מאכל!" זאג איך: ביסט דו די גרויסע גביר'טע א פנים?... זאגט זי: „קיין גבירטע בין איך נים, האב איך חאטש א משפחה א רייכע"... זאג איך: א סך האסט דו פון דיין משפחה!... זאגט זי: „מעהרער ווי דו פון דיין משפחה אודאי!"...

בקצור מיין משפחה, דיין משפחה, א ווארט פאר א ווארט, ווי געוויינטליך מאן און ווייב אז זיי צעווערטלען זיך, מען צעקריגט זיך. און מען בעט זיך גיך איבער, ווארום עס איז דאך יום טוב, שבועות אויף דער וועלט! און שבועות איז דאך דער בעסטער ליעבסטער יום טוב פון אלע ימים טובים, ווארום וואו האט איהר נאך אזא ליעבע, זיסע, געשמאקע זאך ווי אז מען איז פריהער א גאנצע נאכט אויף, מען יאגט זיך אן ווי א פויק מיט תקון שבועות, מען געהט דורך פאוואלינקע אלע תרי"ג מצות, די גאנצע תורה הייסט דאס, און מען שטעהט אויף גאנץ פריה פונ'ם תקון שבועות און גלייך אין שוהל אריין, און דארטען איפ'ן ניבטערן הארצען הערט מען זיך דאס אן אביסעל פונ'ם שענעם אקדמות יענע טהייערסטע מאכלים, פונ'ם לויתן מיטן שור הבר, וואס הקדוש ברוך הוא האט אליין אנגעגרייט פאר זיינע

יודעריעה אין גן עדן, וואס טייבען וועלען דארטען פליסען בוימעל, און דער אלטער טהייערסטער וויין שטעהט שוין דארטען פון ווען אן פאר־קארקעווועט אין די פלעשער און ווארט, ווארט אויף אונז... סאיז דאך ניט שייך צו זאגען! וואו האט איהר נאך אזא אומה ולשון ווי יודען מיט אזוי פיעל גוטע זאכען ווי ביי יודען?... ס'איז נאר א גריזאטע — כ'לעבען, וואס מיר האבען מעהר ניט ווי איין מאל אין יאהר שבועות!.. האט איהר ניט ביי זיך א סיגארעטעל?...

ע נ ד ע.

XI.

מיין חסיד.

מיין חסיד.

איין מאל אין א שיינעם פריה מארגען, עפענט זיך ביי מיר די טיר אונ עס קומט אריין א מענש, אויפ'ן אויסזעהן זעהר א פיינער, א לייטישער און איין איידעלער, א קליינשטעדטלדיגער אינטעליגענט, טוט אויס דעם אויבערראק, הענגט איהם אויף אויפ'ן פלעקל, זוכט א ריין ארט אויפ'ן קאפעלוש אונ קאן נישט געפינען, מחמת ס'איז ביי מיר פארשטעהט איהר אנגעווארפען מיט פאפירען, ביכער און גאזעטען, און דעריבער דרעהט ער זיך אביסל ארום איבערן שטוב, ביז ער געפינט איין ארט אויף דעם קארניז פון דער הרובע. נאר מחמת דער קארניז איז א שמאלער קארניז, וויל דארט דער קאפעלוש ניט ליגען, שפרינגט ער אראפ ווי איין עזות־פנים אונ קויקעלט זיך אויף דער ערד, אונ מיין גאסט האט איין ארבייט: נאכיאגען זיך נאכ'ן עזות־פנים אונ געפינען פון זיינעטוועגען א בעסער ארט.

— פארדאן! זאגט ער צו מיר, האט קיין פאראיבל ניט, איך שטער אייך אפשר פון דער ארבייט? איך בין אליין פון ווייט. (ער רופט מיר אן די שטאדט פון וואנען ער איז. דאס פנים בשעת מעשה איז איהם רויט אונ סע שוויצט). אליין בין איך א סוחר, האנדעל מיט הארץ, מיט וואלד, א יוד פון וואלד, ווי אזוי הייסט דאס ביי אייך? א האק א בוים א פליוך אין וואסער, חי־חי־הי! (אונ ער פארשטעלט דאס פנים מיט ביידע הענט אונ עס פאלט אן אויף איהם א מורא'דיגער געלעכטער, אונ וואס מעהר ער וויל זיך איינהאלטען, אזוי מעהר לאכט ער).

— וואס זשע אייגענטליך האט איהר געוואלט זאגען און מיט וואס קאן איך אייך דינען?

—גאר ניט! גאלע גאר ניט! — זאגט ער — איך בין אריינגעגאנגען צו אייך אהן א שום געשעפט, נאר גלאט אזוי זיך מיט אייך

בעקענען, חאטש אנקוקען איך. ווארום איך בין אייערער א חסיד, זאלט איהר וויסען, א הייסער חסיד! אבער גאר א הייסער חסיד! נאך אז איך בין ארויסגעפאהרען פון דער היים האב איך מיר געזאגט: עס זאל מיך קאסטען מי יודע וויפיל מוז איך אייך זעהן! ווארום וואס הייסט, איך וועל זיין אין יעהופעץ און וועל אייך ניט זעהן? איך האב אוועק־געווארפען אלע געשעפטען און בין געגאנגען אהער, ס'איז עפיס א תירוץ? און אז איך זאל וויסען, אז דאס גאנצע געשעפט געהט צו גרונד וועל איך זיך דען אפשטעלען? ווארום ביי אונז אין דערהיים לייענען מיר אייך כסדר. מיר לאזען אייך ניט ארויס פונ'ם מויל. איהר זענט ביי אונז איטליכען טייער, מענט איהר מיר גלויבען, ממש איינ־געבאקען אין הארצען ווי עפעס אין אייגינער. אז סע מאכט זיך, עס נעהט אוועק א שטיקל צייט און איהר זענט ניטא אויפ'ן בלאט, בענקען מיר נאך אייך, געהען ארום אהן קעפ. ווארום קיינער פארשטעהט אייך ניט אזוי ווי מיר פארשטעהען אייך, און איבערהויפט איך. איהר זאלט מיך הארבען, גלויבט מיר, ווי איך לייען אייערע מעשיות, וואלט איהר אליין געזאגט, אז נאך אזא חסיד ווי איך, האט איהר ניט געהאט און וועט ניט האבען!

איך קוק בשעת מעשה אויף מיין חסיד און זעה ווי דאס פנים ביי איהם לויכט און די אויגען ברענען — און בין זיך מודה פאר אייך — עס קומט מיר צו א שטיק געזונד און איך לאז איהם רעדען ווייטער

— אליץ הייסט א חסיד; א חסיד צו א חסיד איז ניט גלייך. איהר האט חסידים געננג, וואס גאר ניט, מהכתיתי, זיי קוועל'ען אודאי אן פון אייך, נאר אזעלכע, וואס זאלען זיך מפקיר זיין, ממש מפקיר זיין ווי א חסיד פאר'ן רבי'ן — האט איהר נאר איינעם: און דער איינער דאס בין איך! (ער טוט זיך א זעץ אין הארצען). א קלייניגקייט שלום עליכ'ם! אשטייגער איהר זאלט מיר זאגען איך זאל געהן צוליעב אייך צעהן ווערסט צו פוס, איז פאר מיר ניט שווער, אבי איך זאל אייך זעהן איז גאר קיין תירוץ ניט! פון געלד שמועסט מען ניט! איך בין ברוך השם אזא יוד, וואס געלד שפיעלט ביי מיר די לעצטע ראלע. ווארום וואס איז געלד? געלד איז בלאטע, ווער קוקט אויף געלד? ובפרט דארט וואו עס געהער זיך אן צו דער ליטעראטור, איז ביי מיר... (בשעת מעשה טוט ער א מאך מיט דער האנד הין און צוריק ווי א מענש וואס ווארפט מיט טויזענטער צעהנער טויזענטער קערבלעך), ווארום איך האב קיין עין־הרע

גוטע געשעפטען אונ פארדינען קײן עין־הרע א סך געלד אונ עס געהט בײ מיר אװעק א סך געלד, אונ איך צעטײל א סך געלד, אונ די קינדער לעהרנען קאסט מיך א סך געלד, אונ קינדער דאב איך אזעלכע, װאס ס'איז ניט שײך צו זאגען, נישט מחמת ס'איז מײנע קינדער...

אונ ער רעכענט מיר אויס די מעלות פון זײנע קינדער, װי שײן אונ קלוג אונ פײן זײ זענען, װי גוט זײ לערנען, אונ פארענטפערט זיך עטליכע מאל, אז ניט װײל ס'איז זײנע קינדער לויבט ער זײ אזוי. „אלע װעלען דאס מיר זאגען", װארום זײנע קינדער האבען א שם אויף דער װעלט, אזעלכע קינדער װי בײ איהם איז נישטא בײ קײנעם, װארום ער האט ניט געזשאלעװעט אויף זײ קײן געלד, װארום װאס איז געלד? געלד איז בײ איהם, זאגט ער, בלאטע! װער קוקט אויף געלד? אונ אלע מאל, אז עס קומט צום װײרט געלד, זעהט מען, אז דאס איז א מענטש װאס װארפט מיט געלד! אונ איך װײס ניט װי אזוי דאס האט זיך געטראפען, גאר פלוצלונג פאלט מיר אײן א מחשבה אין קאפ, א גליקליכע אידעע, אײנע פון די אידעען, װאס קומען אײן מאל אין צװאנציג יאהר. דהיינו: אזוי װי איך האלט איצט בײ ארויסגעבען אלע מײנע װערק, װיל איך מיך האלטען מיט איהם אײן עצה, אונ איך דערצײהל איהם פונ'ם פלאן, געװײהנליך פריהער מיט א הקדמה, אונ מאך א חשבון װאס עס בעדארף קאסטען אונ װאס קאן מען דערפון האבען, אויב עס װעלען זיך געפינען אויף מײנע װערק עפּיס בעלנים...

די גאנצע צײט בשעת איך האב גערעדט פונ'ם פלאן מיט'ן חשבון איז מײן פארשוין געזעסען אונ געקוקט אויף מיר, װאס זאג איך געקוקט? ער האט מיך געגעסען מיט די אויגען — אט אט שפרינגט ער מיר ארײן אין מויל ארײן, אונ אז איך האב אויסגערעדט די װערטער „אויב עס װעלען זיך געפינען אויף מײנע ביכער עפּיס בעלנים" האט ער זיך אויפגעכאפּט װי איינער אפגעבריהטער אונ איז אנגעפאלען אויף מיר מיט בײדע קולאקעס:

— בעלנים? װאס רעדט איהר? װאס רעדט איהר? מען װעט זײ פארצוקערן! טויזענד, הונדערט טויזענד, װאס זאג איך הונדערט טויזענד? פאר א מיליאן בין איך אײך ערב! איך בין אײך ערב פאר צװײ מיליאן!!

— טיע — טיע — טיע! — מאך איך צו איהם אונ בעט איהם, ער זאל זיך צוריק אנידערזעצען און בארוהיגען, אונ גיב איהם צו פארשטעהן פאװאלינקע, אז ס'איז ניט אזוי די מעשה װי ער מײנט, ער

איז נישט קלאָר אינ'ם ענין פון ספרים. מהכתיתי, אַ געשעפט קאָן עס זיין, נאָר גיט פון מיליאָנען, און דרעה מיך אַזוי לאַנג ביז איך קאַטשע מיך אַרויף גלייך אויף יענעם ענין, וואָס מיר איז נוגע צום געשעפט, דאָס הייסט, אַז אויב אַרויסגעבען די ווערק בעדאַרף מען האָבען געלד, און אַזוי ווי ער איז אַזאַ ליבהאָבער פון דער ליטעראַטור, און דאָס געשעפט איז דאָך אַ גוט געשעפט, און געלד איז ביי איהם בלאָטע, טאָמער וואָלט געווען אַ כברה... איהר פאַרשטעהט?

בשעת רעדען קוק איך מיר אויף די נעגעל, און אַז איך הויב אויף די אויגען און וויל אַ קוק טהון אויף מיין פאַרשוין מיין הייסען חסיד, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָבען געמאַכט אויף איהם מיינע ווערטער, — והילד איננו, נישטאָ ער אויפ'ן בענקל! דאָס הייסט אויפ'ן בענקל זיצט עפּיס אַ פאַרשוין, נאָר נישט דער פאַרשוין וואָס פריהער, איין אַנדערער זיצט אויף זיין אָרט, מיט איין אַנדער פנים גאָר; די נאָז האָט זיך ביי איהם עפּיס ווי אויסגעצויגען, געוואָרען לענגער, און די אויגען האָבען ביי איהם מיט אַמאָל אָנגעוואָרען דעם גלאַנץ, און דאָס לשון איז ביי איהם געוואָרען גאָר איין אַנדער לשון, דאָס קול אפילו האָט זיך ביי איהם איבערגעביטען. עפּיס האָט ער געשטאַמעלט מיט די ליפּען. געפּלאָנטעט מיט דער צונג, נישט גערעדט, נאָר געבעבעט עפּיס מאָדנע ווערטער, „אָסיען־צייט... פלאָטען... דניעפר... ספלאָוו"... ראַספּלאַט... ראַבאָטשעס... וועקסלען... כראָקען"...

דאָס געזעגנען זיך איז פאַר אונז ביידען געווען אַ גיהנם; אַ גרוב זאָל זיך עפענען וואָלטען מיר דאַכט מיר ביידע אַריין געפאַלען... ווי פון אַ שטאַרק אָנגעהייצטער שוויץ־באָד איז אַרויסגעשפּרונגען מיין פאַר־שוין, מיין הייסער חסיד, און אַ גאַנצער באַרג איז פון מיר אַראָפּ, אַז איך האָב דערהערט. אַז ער לויפט פון די טרעפּ אַראָפּ פון יענער זייט טיר.

עֶנדע

12
מענטשן

די פערזאנען:

דניאל: אַנ׳אַלטער הויזדינער, אַנ׳עקאָנאָם און אַנ׳אויפזעהער אויף די „מענטשען" אין הויף. — אַ בחור שוין אין די יאָהרען, וואָס וויל אויסזעהן יונג, טראָגט אַ רויטע וועסטע מיט מעשענע קנעפּלעך, קעסטעלדיגע הויזען גרינעם שניפּס. האַלט זיך גרויס און רעדט שטרענג מיט קלענערע פון זיך; מיט גרעסערע ווערט ער קליין, רעדט ווייך.

הערץ: אַנ׳עלעגאַנטער משרת. טראָגט אַ פראַק, אַ ווייסע וועסטע, שענע וואָנסען.

ריקעל: אַ קעכין, טראָגט אַ ווייסען פאַרטוך, אַ ווייסען שלייער, אַ פרעהליכע נשמה.

פישעל: איהר מאַן, דינט אין צווייטען הויף, אַ פערזאָרגטער נפש.

ליזא: אַ שטוב־מיידעל, וואָס מ׳האָט נאָר ווָאס אָבגעשאַפט.

רעוועטשקע: אַ שטוב־מיידעל, וואָס מ׳האָט נאָר וואָס צוגענומען.

פאַניטשקע: אַ שטוב־מיידעל, וואָס מ׳האָט שוין לאַנג אָבגעזאָגט.

סענדער: אַ מלמד, אַ בעוואַכסענער ווי אַ חיה. — רעוועטשקעס פאָטער.

יוכבד: זיין ווייב — רעוועטשקעס מוטער.

מאדאם גאלד: איין אויפגעקומענע נגידית, מען זאָגט אַ מיליאָנערקע.

די האַנדלונג שפּיעלט אָב בּיי די נגידים אין אונטערשטען שטאָק. אין אונזערע צייטען.

(אַ גרויסאַרטיגע קיך. אַ ווייסע פּליטע מיט מעשענע רעהרען און גלענצענדע גאַלקעס. — אַלע זאַכען און כלים פון אַ רייכער קיך ריין, ווייס און זויבער. דער אויווען רעכטס מיט'ן פּנים צום פּובליקום. — לינקס, אין וואַנד, טרעפּ אַרויף, אויפ'ן צווייטען שטאָק. — צווישען די טרעפּ און צווישען דער ראַמפּע בילדעט זיך ווי אַ מין תדר'ל, אָבגעזונדערט פונ'ם אויווען. — דאָרטען שטעהט אַ קליין טישעל מיט אַ גרויסער ווייכער וואָלטער־שטוהל (איין אַלטמאָדישע קרעסלע). אויף דער שטוהל זיצט אַלע מאָל דניאל. אַקעגען דעם אַלקעריל, ביי דער צווייטער וואַנד רעכטס, שטעהט אַ גרויסער גרינער קאַסטען. נעבען דעם קאַסטען, נעהנטער צו דער ראַמפּע, אַ קליין רויט קעסטעל. אין מיט'ן קיך שטעהט אַ גרויסער לאַנגער טיש מיט עטליכע בענקלעך. ביים טיש אַראָבגעוואָרפען דעם פראַק איז פערקאַטשעט די אַרבעל, זיצט הערץ און שרייבט אַ בריעף. ריקעל שטעהט הינטער איהם אונג דיקטירט איהם).

ריקעל: .. און שרייב מיר ליבע שוועסטער, ווי געהט דיר אין דעם דיענכט? אונ צי ס'איז עפּעס ביי אייך אַ סך „מענטשען" און וואָסערע „מענטשען" און ווי אַזוי בעגעהט מען זיך ביי אייך מיט די „מענטשען"?...

הערץ: (שרייבט און דרעהט מיט דער צונג אהין, וואו די פּען געהט) און שרייב מיר ליבע שוועסטער... נו? ווייטער?

ריקעל: (דיקטירט.) אונז זענען מיר פיער „מענטשען", אחוץ וואָס ביים גרעט וואַשען אַ בעזונדער „מענטש", און ביי די פער. אַ „מענטש" און ביי'ם טויער אַ „מענטש" און אין גאָרטען אַ „מענטש"...

הערץ: טררררררר!... זעה נאָר, ווי זי האָט זיך עם אביסעל צעמענטשעלט! איך האַלט נאָך גאָר פון פאָרינט און זי מאָהלט ווי אַ מיהל!

ריקעל: וואו זשע האַלסט דו, שלים מזל?

הערץ: איך האַלט ביי דער ליבע שוועסטער...

ריקעל: וואָס הייסט, אָט דאָ ערשט האַלסט דו? וואָס ס'האָט זיך מיר גע'חלומט יענע נאַכט און הײַנטיגע נאַכט! ווען זשע וועלען מיר קומען צו נאָט?

הערץ: וואָס זשע האָט איהר געמיינט? אזוי ווי איהר באַרעכאַנעט, אזוי זאָל זיך שרייבען? אַ פען איז ניט קיין צונג, וואָס זאָל מאָהלען! איידער מ'שטעלט אוועק איין אות, דאַרף מען גוט צוהאָרעווען! (קוקט אויף דער פעדער צו דער ליכט) און דערצו איז נאָך די פעדער פון אונזער עקאָנאָם געראָטען אין איהר בעל־הבית: האַרט־לייביג, שווערפיסיג און פוזאטע. (בעווייזט מיט די הענד אויפ'ן בויך).

(עס קומט אַן ליזא

פון. די טרעפ אַראָב, געהט צו צום רויטען קעסטעל, ועצט זיך אַוועק דאָס פנים אין די הענד, וויינט).

ריקעל: (צו ליזאַן) גאָט איז מיט דיר, וואָס וויינסט דו? אויף חורבן בית־המקדש?

הערץ: (צו ליזאַן) ביזט משוגע צי חסר דעה? אין מיטען דאָנערשטאָג האָט זי זיך צעוויינט? זאָלסט בעסער ווערען זיין מיין כלה...

ריקעל: האָסט אַ פנים געחאַפּט אַ פעטשאַטיק פון דער מאַדאַם? אַ נאָווינע! אַז מ'איז ביי יענעם אַ „מענטש" דאַרף מען אַלסדינג איבערטראָגען!

הערץ: האָב זיי אין דער ערד, נאַרעלע, אַזוי ווי איך (ציהט זיך אויס. איך האָב קיין מורא ניט פאַר קיינעם! איבער מיר איז נישטאָ קיין עלטערס און קיין גרעסערס און קיין שטאַרקערס... וואָס מיר בעל־הבית! ווער מיר מאַדאַם! וואו מיר עקאָנאָם! דו האָב בעסער חתונה פאַר מיר, גאַריש מיידעל וואָס דו ביזט, וועט דיר זיין גוט ווי די וועלט.

ריקעל: אַליין דער חתן — אַליין דער שדכן!...

דניאל (אַראָב פון די טרעפ.

(הערץ האַפּט זיך אויף, טהוט אַן דעם פראַק, שטעלט אַוועק די טינט און פען צוריק אויפ'ן קליינעם טישעל. ווערט איין אַנדער מענש; ריקעל שטעלט זיך אַוועק צום אויוועָן).

דניאל: (צו הערצ'ן) הער נאָר דו, פיינער בחור מיינער, קום נאָר אַהער (פיהרט איהם צו צום פענסטער, קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין, ווייזט איהם מיט'ן פינגער אויף ליזאַן) נו?

הערץ : וואס נו ?

דניאל : זיך שוין אויסגעפײַנט

הערץ : ווער ?

דניאל : איך !

הערץ : איהר ?

דניאל : (טהוט איהם א שמיר איבער דער נאז) קלאָון ! פּאַיאַץ גיה שוין גיה ארויף, מ'רופט דיך ! פערברענט זאל דאס ווערען !!

הערץ : די רגע (ער געהט צו טרעפּ ארויף).

(הערץ אָב).

דניאל : (בעזועצט זיך פעסט אין דער קרעסלע, פערקאטשעט די ארבעל, שליסט אָב דאס טישקעסטעל מיט א קלונג, נעמט ארויס א ביכעל, טהוט אָן א פּאר קײַלעכדיגע ברילען. רופט צו ליזאן צום טיש, קוקט אין ביכעל ארײַן). דיר קומט פאר פיער חדשים מיט דרײַ וואָכען, 4 מאל 8 איז א פנים צוויי און דרײַסיג, און פאר די דרײַ וואָכען צו 2 רײַכל א וואָך איז דרײַ מאל 2 האבען מיר א פנים זעכס. צוויי אונ דרײַסיג און זעכס איז א פנים אַכט און דרײַסיג, צוועלף האסט דו צו א גלײַכען חשבון איז א פנים פונפציג. נא אט האסט דו געלד, (נעמט ארויס געלד, שטעלט אוועק אויף ליזאן די קײַלעכיגע ברילען) דו ווײַנסט ? דו ביזט נאך נערעכט ? הא ?... (שטרענג) מאך נישט קיין אנשטעלען אונ נעם געלד !

ליזא : (נעמט דאס געלד, הערט ניט אויף צו וויינען) וואס בין איך שולדיג ? ער האט מיר געזאגט אז איך בין א שענע, ער האט מיר געשווארען, אז ער האט מיך ליעב...

דניאל : א גדולה ! ער האט זי ליעב ! אט דער ליץ, דער פּאַיאַץ, דער משולחת ? פערברענט זאל דאס ווערען !..

ליזא : (הויבט אויף דעם קאפּ) וועמען מײַנט איהר דען ?

דניאל : און דו וועמען מײַנסט ?

ליזא : (לאזט אראב דעם קאפּ) נאטאנ'ען מײַן איך, נאטאן מאיסעיעריטש..

דניאל : (כאפּט זיך אויף) הא ? וואס האסט דו געזאגט ? נאטאן מאיסעיעוויטש ?

ליזא: (שטיל) ער ...

דניאל: (שטיל) שוטה! וואס זשע האס דו געשוויגען, נאריש ציגעל וואס דו ביזט! (מיט כעס) פארוואס האסט דו ניט געזאגט מיר? נארישקעלבעל! מיר האסט דו בעדארפט זאגען, מיר! פערברענט זאל דאס ווערען!!

ריקעל: (לויפט צו פונ'ם אויוועז) וואס איז? ווער איז מיר! (ברעכט די הענד).

דניאל: ניט אייער באבעס דאגה! צו אייער ארבייט געהט!

ריקעל: טפו! (געהט צוריק צום אויוועז).

דניאל: ווי אזוי איז דאס געווען? דערצעהל; פאר מיר האב קיין מורא ניט; מיר קאנסט דו דערצעהלען אלעס. (שטיל) הייסט דאס, האט ער דיר איינגערעדט, אז ער האט דיך ליעב? און דו האסט איהם געגלויבט אויף נאמנות? אונגליקליכע וואס דו ביזט!... און איך האב געמיינט, אז דו האסט זיך פערבונדען מיט אט דעם פוסטען בחור, מיט דעם שלים-מזל! קום נאר אהער, זיץ... (ווייזט איהר אויף א בענקעל נעבען זיין שטוהל) זאג מיר נאר דעם ריינעם אמת, געדענק! דו רעדסט מיט מיר... ס'איז ער? נאטאן מאיסעיעוויטש זאגסט דו?

ליזא: (וויינט) לאמיך שוין אזוי לעבען און געזונד זיין מיט איך אין איינעם... אט האט ער מיר געשענקט א פינגעריל... (ווייזט איהם דעם פינגער).

דניאל: (נעמט איהר האנד בעטראכט דעם פינגער מיט'ן רינג). אונגליקליכע וואס איהר זייט!... שאף! ציגען! קעלבלעך!... לאזט זיך איבעררעדען פון יעדען איינציגען!... (טהוט איהר אווארף-אב די הענד) געהאלטען דאס בסוד פון מיר?!... סודות? זיך צענויפגערעדט? געגלויבט? געמיינט, זי איז אויפ'ן זיבעטען הימעל?! פערברענט זאל דאס ווערען!!... (חאפט זיך אויף, שפאנט ארום) אט אזוי נארט מען אייך ארײן, אונגליקליכע נפשות וואס איהר זייט! (געהט-צו צו איהר, רעדט הויך) וואס האסט דו געמיינט? וואס האסט דו זיך געטראכט? האסט גערעכענט, אז ער וועט דיך נעהמען? א מאראם גאלד האסט דו זיך גערינט צו זיין, חא-חא-חא! וואס שוויינסט דו, וואס? וועצט זיך אוועק אקעגען

איהר, נעמט איהר האנד, רעדט וויינער). דערצעהל מיר, קינד

דערצעהל מיר אלעס.

ליזא: (וועצט זיך אוועק נעבען איהם אויף א בענקעל, הליפעט. ריקעל גנב'עט זיך אונטער, לעגט צו אנ'אויער). די ערשטע צייט אז איך בין אנגעקומען, איז ער מיר נאר נאכגעגאנגען און געזאגט, אז איך בין א שענע, א פארשוין... אז איך בין א צירונג אין שטוב, אז ער וואלט אויף מיר נאר געקוקט און נאר געקוקט... נאכדעם האט ער אנגעהויבען זיפצען און צו קרעכצען, זאגען, אז ער האט מיך ליעב, אז ער געהט אוים נאך מיר, אז ער קאן אהן מיר ניט לעבען... מיך געפרעגט, אויב איך וויל זיין זיינע... געבעטען איך זאל אויף איהם האבען רחמנות... צוגעזאגט, אז ער וועט איבעררעדען מיט זיי... און אז זיי וועלען ניט וועלען, וועט ער זיך סמ'ען אדער שיסען... ער וועט זיך נעהמען דאס לעבען... אבגעלעגט אזוי פון טאג אויף טאג.. ס'איז אויף איהם געוועזען א גאנץ רחמנות...

דניאל: זי האט אויף איהם געהאט רחמנות? הא-הא-הא! פערברענט זאל דאס ווערען! נו, און ער אויף דיר? פאר וואס האט ער אויף דיר קיין רחמנות ניט? הא?... וואס-זשע האט ער דיר געזאגט היינט, נעכטען, עהערנעכטען? האסט גערעדט מיט איהם? זאג!

ליזא: גערעדט, וואס דען, איך האב ניט גערעדט? איך האב איהם אלסדינג געזאגט... איך האב געוויינט... (וויינט)

דניאל: זי האט געוויינט!... נו, און ער?

ליזא: ער האט געבעטען פריהער מיט גוטען, איך זאל שווייגען, מיר צוגעזאגט מתנות, געלד... און אז איך האב מיך אבגעזאגט פון די מתנות, האט ער אנגעהויבען מיט בעזען, ער האט מיר געזאגט, אז טאמער מאך איך א סקאנדאל, וועט ערגער זיין פאר מיר, פאר מיין שוועסטער...

דניאל: פון וואנען ווייס ער פון דיין שוועסטער?

ליזא: איך האב איהם דערצעהלט אז איך האב א שוועסטער א קאסי-רערין. טאמער ווערט מען געוואהר, פערליערט זי די שטעלע...

דניאל: (האפט זיך אויף מיט כעס, טהוט א זעץ אין טיש ארײן), (הויך) וואו זענען געוועזען מיינע אויגען, פערברענט זאל דאס ווערען!...

און פאַרוואָס האָסט דו מיר פריהער ניט געזאָגט, אונגליקליכע וואָס דו ביזט! (זעצט זיך אוועק, רייבט זיך דאָס פנים, רעדט אביסעל וויינער), זאָג מיר נאָר, קום אהער, דו נאַרישׁ מעדעל וואָס דו ביזט, וועמען האָסט דו דאָ אחוץ דער שוועסטער?

ליזא: (דורך טרערען) קיינעם ניט. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב דאָ נאָר איין שוועסטער, דיענט זי אין אַ קלייט, אַ קאַסירערין איז זי, אַ יונגערע פון מיר, איז טאָמער ווערט מען געוואָהר פון מיין אונגליק, פערליערט זי די שטעלע (יאָמערט).

דניאל: (שטילט זי איין) האָב קיין מורא ניט ס'וועט דיין שוועסטער ניט שאַדען... גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. איך וועל שוין פון דיינעטוועגען זעהן. איך וועל שוין זעהן... (טראַכט אַ ווײַלע) ווייסט דו וואָס? איך וועל דיר געבען אַ קוויטעל צו מיינע אַ בעקאַנטע... דאָרט וועסט דו זיין, ביז איך וועל זעהן... איך וועל שוין זעהן... (נעמט אַרויס אַ שטיקעל פּאַפּיער. שרייבט און סאָפּעט. ליזא זיצט און וויינט. פון די טרעפּ הערט זיך אַ פרויען קול: „דניאל! דניאל!") .

דניאל: (לעגט־אַריין דאָס שטיקעל פּאַפּיער צוריק אין טישקעסטעל, טהוט אויס די ברילען, ווערט מיט אַ קאָפּ נידריגער): באַלד! באַלד! (לויפט זיך אַרויף אויף די טרעפּ)

(דניאל אָב).

ריקעל: (געהט־צו מיט'ן לעפעל צו ליזא'ן, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) מיינסט, כ'האָב נישט געהערט? כ'האָב געהערט אַלסדינג... אָט אַזוי האָט מען, אַז מען איז אַ „מענטש" ביי יענעם. קומען זאָל אויף זיי אַ חלי רע, אויף אַלע בעלי־בתים. רבונו של עולם!

ליזא: (וויינט) אוי, ריקעל־קרוין, נשמה'ניו הארצעניו! איך בין אונגליקליך! וואָס וועל איך טהון? וואָהין וועל איך געהן? וואָס וועל איך זאָגען?... (ברעכט די הענד).

ריקעל: וויין נישט, נאַרעלע! איך האָב פיינט מיך מישען אין פרעמדע געשעפטען, דו ווייסט דאָך, נאָר ווען ס'זאָל קומען אויף מיר... (בייגט זיך איין צו איהר אויפ'ן אויער) ווען עס קומט אויף מיר אַזאַ זאַך, וואָלט איך ביי זיי אָבגעצאַפּט דריי אָקעס בלוט! פּאַסען וואָלט איך פון זיי געשניטען (וויזט מיט'ן לעפעל) פּאַסען!

קינדס-קינדער וואָלטען זיי פערזאָגט, זיי זאָלען זיך ניט בעגעהן אַזוי מיט „מענטשען"! אַ חלילה-רע זיי אין פנים!

ליזא: (ברעכט די הענד) וועה איז מיר, איך האָב מורא פאַר דער שוועסטער, פאַר מיין שוועסטער, זי וועט פערליערען די שטעלע... וואָס וועל איך טהון? וואָס וועל איך טהון?...

ריקעל: אוי, גאָטס בהמה'לע וואָס דו ביזט! האָסט אַ געלעגענהייט זיך בעוואָרענען איצט מיט נדן! זיי האָבען גענוג, נישקשה, אוים קרענקען מעגען זיי! און נעמען אַ חתן, נאַרעלע. אויף מיר אַזאַ יאָהר, חתונה האָבען און אויפהערען זיין אַ „מענטש" ביי יענעם... ווערען אַ בעל-הבית'טע נאַרעלע, און אַליין האַלטען „מענטשען"... בעטראַכט זיך!.. אוי, מ'געהט... (לויפט אָב צוריק צום אויווען).

דניאל און הערץ (געהען ביידע פון די טרעפּ).

הערץ: דאָס איז יאָ, גאָט די נשמה און דעם הונד דעם לונג און לעבער! (מאַכט אַ מאָדנע גרימאַסע, נעמט זיך צו איין אַרבייט) בלבולים גאָר!!

דניאל: (שטרענג) זאָל זיין שטיל! (צו ליזא'ן) איינגעפּאַקעוועט ביי דיר די זאַכען? (עפּענט אויף דאָס טישקעסטעל) נאַ, אָט האָט דו נאָך אַ פופציגער... אויף הוצאות וועסט דו בעקומען אַחוץ... איך וועל שוין זעהן... אונגליקליכע בעשעפּענישען וואָס איהר זענט! פערבלאָנזעטע שעפּעלעך, גאָט'ס בהמה'לעך!... פערברענט זאָל דאָס ווערען! (ליזא וויינט, וויל געהן, ער האַלט זי אָב) האָב צייט. איך וועל דיר געבען אַ קוויטעל, אַ בריעף וועל איך דיר געבען (וויל שרייבען. קומט-צו ריקעל).

ריקעל: (לויפט-צו צו דניאל'ן מיט'ן לעפעל אין האַנד) איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט מיך מישען אין פרעמדע געשעפטען, נאָר זי האָט איצט אַ געלעגענהייט זיך בעוואָרענען האָטש מיט נדן... אַ כשר בהמה'לע, איהר זעהט דאָך...

דניאל: (שטרענג, קוקט דורך די ברילען). ווער פרעגט ביי אייך עצות? אייער אַרבייט איז ביים אויוועןְ! גרייט נאָר צום טיש נאָך אויף דריי פּאַרשוין, דאָ קומען באַלד אַראָב דער מאַדאַם'ס קרובים, אָרעמע קרובים, דאַרף מען זיי געבען עסען אין קיך מיט די „מענטשען".

הערץ: א גליק האטש, וואס ניט מיט די הינט...

(רב סענדער, יוכבד און רעוועטשקע

(לאזען זיך אראב אלע דרײ, טהוען זיך אוים. רב סענדער וויקעלט זיך אויף פון די שאלען, און מ׳דערזעהט א בעוואכסען פנים, ריקעל און הערץ בעטראכטען איהם ווי א ווילדע חיה).

ריקעל: וואס איז דאס? (ווײזט מיט די אויגען אויף די געסט)

הערץ: זאל מיך אזוי ווײסען א בײזע וועטשערע, קײן עין-הרע א גערעטה אויפ׳ן פנים, גוט בעוואכסען...

דניאל: (צו די געסט) זעצט זיך אוועק אט דא בײ׳ם טיש, וועט מען אייך געבען עסען... ריקעל! גיט עסען! (רב סענדער וואשט זיך. מאכט המוציא הויך אויף א קול, הערץ ענטפערט „אמן יהא שמה רבה״... ריקעל לאכט אין פויסט).

מאדאם גאלד (באלד נאך זײ)

(בשעת די מאדאם גאלד בעווײזט זיך, ווערט איין איבערקעהרעניש אין קיך: ריקעל טהוט זיך א ווארף צום אויווען. הערץ חאפט זיך צו די טעלער, קלאפט מיט די גאפלען, ווארפט מיט די לעפלען. ליזא האט זיך אויפגעהויבען פונ׳ם רויטען קעסטעל, האט זיך ארויס-געגליטשט פון קיך אין דרויסען ארוים. דניאל האט אראבגעווארפען די ברילען, אויפגעשטאנען, געווארען מיט א קאפ קלענער. רב סענדער האט אוועקגעווארפען דאס עסען).

(ליזא אב)

מאדאם גאלד: (אויף די אונטערשטע טרעפ, אביסעל העכער פונ׳ם באדען). ריקעל! וועסט זײ געבען עסען און צו גלעזלעך טײ. (צו יוכבד) איך האב גאר פערגעסען פרעגען, ווי אזוי הײסט זי אייער טאכטער?

יוכבד: ריווע.

רב סענדער: רבקה הײסט דאס.)

מאדאם גאלד: ריוועה? רבקה? ניט שען!... רעוועקע, רעבעטשקע, זאָל זי הייסען רעוועבשקע.

יוכבד: איהר ווילט רעוועטשקע, זאָל זײַן רעוועטשקע, ווער קאָן איך זאָגען אַ דעה? זי איז דאָך אײערע...

רב סענדער: מײַנע ווערטער. אַבי ס'זאָל איהר זײַן גוט און קיין זאַך ניט פעהלען. לא המדרש הוא העקר, אלא המעשה.

מאדאם גאלד: דאָס ווענדט זיך אָן איהר, ווען זי זײַן גוט ווען איהר זײַן גוט, ווען זי זײַן שלעכט ווען איהר זײַן שלעכט.

דניאל: (האַפּט־אונטער) ווען זי דינען גוט, ווען איהר זײַן גוט, ווען זי דינען שלעכט, ווען איהר זײַן שלעכט, (טהוט אַ ווינק צו הערצ'ען און צו ריקל'ען).

הערץ און ריקעל: (בײדע אין איינעם) ווען זי דינען גוט, ווען איהר זײַן גוט, ווען זי דינען שלעכט, ווען איהר זײַן שלעכט.

הערץ: (בעזונדער אויף אַ זײַט) אזא יאָהר אויף זײ!

מאדאם גאלד: מײַנע „מענטשען" האָבען זיך נאָך קיין מאָל אויף מיר נישט בעקלאָגט.

דניאל: אונזערע מענטשען האָבען זיך נאָך קיין מאָל נישט בעקלאָגט (ווינקט צו הערצ'ען און צו ריקל'ען).

הערץ און ריקעל: (בײדע אין איינעם) קיין מאָל נישט בעקלאָגט זיך נאָך. (בעזונדער אויף אַ זײַט) אַזוי פיעל מכות זײ!

מאדאם גאלד: בײַ מיר עס קומט־אונטער אַ יום־טוב, אַ אימעניגעס, נעהם איך אָן אַלע „מענטשען" מתנות.

דניאל: דאָ בעקומען אַלע „מענטשען" מתנות! (ווינקט צו הערצ'ען און צו ריקל'ען).

הערץ און ריקעל: מיר בעקומען אַלע מאָל מתנות!

הערץ: (בעזונדער אויף אַ זײַט) ניט מעהר זאָלען זײ פערמאָגען!

רעוועטשקע: צו וואָס מתנות? מתנות איז ניט נעטיג...

יוכבד: (צו דער טאָכטער מיט אַ ציה בײַ'ם אַרבעל) ריוועלע, וואָס טהוסט דו? דו דאַרפסט שווײַגען!

רב סענדער: מײַנע ווערטער! יפה שתיקה...

הערץ: (אויף אַ זײַט) דער יוד רעדט אַ פּנים תרגום־לשון...

מאדאם נאלד: און דאָס, וואָס זי קאָן שרײַבען, איז זעהר גוט, עס מאַכט זיך אַמאָל מ'דארף פערשרײַבען דאָס גרעט פון דעם בוידעם, וואָרום מ'טראָגט, מ'שלעפּט, מ'גנב'עט.

דניאל: מע גנב'עט! (ווינקט צו הערצ'ען און צו ריקל'ען).

הערץ און ריקעל: נאָך אַ מין גנב'נען!

הערץ: (בעוואונדער אויף אַ זייט) אַז אָך און וועה איז צו די גנבים!

מאדאם נאלד: (צו רעוועטשקען) עס אַב און נעהם זיך צו דער ארבייט. (צו דניאל'ן) דניאל! זאָלסט אַכטונג געבען צו די פערד, צי מען ניט זיי האָבער, צי מ'שרײַבט גלאַט אַזוי אַ גוט יאָהר. זיי האָבען זעהר ליעב שרײַבען חשבונות...

(מאדאם נאלד אָב).

(נאָך דער מאדאם'ס אָבגאַנג ווערט איין אַנדערע שטימונג: דניאל טהוט אָן די ברילען, ווערט מיט אַ קאָפּ העכער, זעצט זיך אַוועק אין זיין גרויסער שטוהל, שרײַבט. ריקעל גיט־אויף צו'ם טיש, די געסט עַרען, הערץ עסט מיט זיי. עס הערט זיך פון אויבען אַ קול: „דניאל״! „דניאל!״...)

דניאל: (וואַרפט אראָב די ברילען, ווערט מיט אַ קאָפּ קלענער, פערשפּילעט זיך, געהט אויף די טרעפּ.) באַלד! באַלד! איך געה! איך געה!

(דניאל אָב).

ריקעל: (דערלאַנגט צו'ם טיש) עסט, מיינע ליבע געסט!

יוכבד: ווער איז אָט דער בײַזער איד, אָט דער, וואָס מען רופט איהם דניאל? אָט איז ער גרויס און אָט איז ער קליין..

הערץ: דאָס איז אונזער חצי בעל הבית.

רב סענדער: (לעגט אוועק דעם לעפעל) חצי וואָס?

ריקעל: דאָס איז אונזער עקאָנאָם; ער האָט צו שאַפען אויף אַלע „מענטשען״. דורך זיין האַנד נעהמען מיר וואָס אונז קומט... זענט

אִיהר, הײסט דאָס, טאַקי נאָהנטע קרובים מיט אונזערע בעלי־בתים?

יוכבד: ניט שטאַרק נאָהנט, נאָר מיר געהערען זיך אָן שטיקלעך פרײַנדלעך.

רב סענדער: שני שבשלישית. איהר ווילט וויסען ווי אַזוי? (לעגט אוועק דעם לעפעל) אָט וועל איך אײַך אויסרעכענען.

הערץ: מהיכא תיתי, רעכענט אונז אוים, ס'איז כדאי צו וויסען (עסט.) אַ מענש דאַרף אַלסדינג וויסען, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך (עסט).

רב סענדער: מײַן פעטער דאָס הײסט אונזער בײדענס פעטער, מחמת איך מיט מײַן ווײַב זענען אויך אײגענע געשוועסטערקינדלעך, האָבען זיך אָנגעקעהרט מיט אײער מאַדאַם'ס מוהמע שוועסטער און ברודער. הײַנט פערשטעהט איהר שוין? (נעמט זיך צו'ם עסען).

יוכבד: פינקט קאַפּויר! (לעגט אָב דעם לעפעל) אונזער מוהמע מיט אײער מאַדאַם'ס פעטער זענען געווען שוועסטער און ברודער.

רב סענדער: (לעגט אָב דעם לעפעל) מײַנע ווערטער! ווי אַזוי האָב איך דען געזאָגט?

הערץ: (צו יוכבד'ן) ווי אַזוי האָבען זײ דען געזאָגט? (עסט).

יוכבד: (לעגט אָב דעם לעפעל) דו האָסט געזאָגט, אַז אונזער פעטער מיט איהר מומע...

רב סענדער: (לעגט אָב דעם לעפעל, ווערט אין כעס) איך האָב געזאָגט? ווי האָב איך געקאָנט אַזעלכעס זאָגען?

הערץ: (צו יוכבד'ן) ווי האָבען זײ געקענט אַזעלכעס זאָגען? (עסט).

יוכבד: (לעגט אָב דעם לעפעל, רעדט צו דער טאָכטער) נו? האָט ער נישט געזאָגט אַזוי? זאָג שוין דו, ריוועלע, וואָס שווײַגסט דו?

רעוועטשקע: וואָס איז דער אונטערשיעד. אַזוי געזאָגט, אָדער אַזוי געזאָגט? עסט בעסער, איהר האָט שוין אַ מעת־לעת ניט געגעסען..

הערץ: (צו רב סענדער'ן) אײער טאָכטער איז גערעכט, לאָם־איך האָבע אַזאַ יאָהר! פאַר איין עסען, זאָגט מען, געהט קײן טאַנץ נישט.. הכלל, זענט איהר, הײסט דאָס, אײגענע, וואָס זשע? זײ האָבען אײַך טאַקי געשריבען, איהר זאָלט קומען צו פאָהרען?

רב סענדער: חס ושלום! מיר זענען אַלײן געקומען צו פאָהרען, געבראַכט אַהער די טאָכטער זוכען אײן אָרט. דערווײַל האָבען מיר זיך

דערמאַהנט, אַז מיר האָבען דאָ רײַכע קרובים, זענען מיר געקומען צו געהן. תחלת האָבען זײ אונז אפי׳ו נישט דערקענט...

יוכבד: פון וואַנען זאָלען זײ אונז קענען? יענע זענען, קײן עין הרע, אַזוי רײַך! מיליאָנטשיקעס!

(עס הערט זיך אַ קלינגען פון אויבען.)

הערץ: דאָס מײנט מען מיך! זײ לאָזען דען אָבעסען? (עסט געהענדיג) אַזוי ווי אַ הונד מוז מען חאַפּען און וואַרגען זיך, דערוואַרגען זאָלען זײ ווערען! (אָב).

ריקעל: (צו יוכבד׳ן) קומט דאָך אוים, אַז איהר זענט טאַקי עפּעס גאַר...

יוכבד: וואָס דען הײַזט איהר געמײנט? אונזער משפחה זענען לויטער בעלי בתים, אונזער משפחה...

רעוועטשקע: וואָס דאַרפען זײ וויסען די משפחה? דו טהוסט מיט מיר א שדוך?

יוכבד: וואָס דען? זײ דאַרפען וויסען אַלסדינג, זאָלען זײ ניט מײנען, אַז דו ביזט גלאַט אַזוי אַ „מענטש“ גלײַך מיט אַלע „מענטשען“.

רעוועטשקע: מאַמע! ס׳איז נאַר שווער ביז מען פּועלט בײַ זיך צו זײַן בײַ יענעם, נאַר קוים האָב איך מיך געשטעלט, בין איך גלײַך מיט אַלע.... (אָבגעגעסען, נעמט זיך צו איין אַרבײַט, וואַשט און ווישט די טעלער).

רב סענדער: (בענשט מיט אַ נגון, מאַכט מיט׳ן קאָפּ) הום — אָמת אָמת, על הארץ ועל המזון!... רחם נא.. (שאָקעלט זיך).

ליזא: (פון דרויסען, ברענגט די הענד, געהט צו צו׳ם רויטען קעסטעל, וועצט זיך אוועק, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנד.)

רעוועטשקע: ווער איז אָט דאָס מײדעל?

ריקעל: דאָס איז אונזער געוועזענע פּאָקאָיאָווע... הײַנט ערשט האָט מען זי אָבגעזאָגט...

רעוועטשקע: פאַר וואָס?

יוכבד: אַ נאָווינע וואָס מען שאַפט אָב אַ „מענטשען“; זײ נעהמען צו, זײ שאַפען אָב.

רב סענדער: (האַלט אין מיטען בענשען) הום... מוה... כחומר ביד היוצר... ה׳הרחמן.

ריקעל: (צו יוכבד׳ן) וואָס זאָגט אײַער מאַן?

יוכבד: (צו ריקלען) איהר וועט ניט פערשטעהן, ס'איז פון דער גמרא.

דניאל (קומט אן פון אויבען)

דניאל: (געהט ארום הין און צוריק א מינוט אהן ווערטער. שטעלט זיך אוועק אקעגען ליזא'ן. רעדט שטיל:) אונגליקליכע וואס דו ביזט!... זאלסט מירג עווען זאגען פריהער חאטש, פערברענט זאל דאס ווערען!... קום אהער... (ליזא געהט צו. ער זעצט זיך צוריק צו'ם בריעף) אט דא האסט דו איהר אדרעס... אהין זאלסט דו צופאהרען... ווערכט לאזען גריסען פון מיר. ווערכט זאגען איך וועל דארט זיין אפשר היינט נאך, אויב איך וועל קענען, א'ניט איז מארגען... אונגליקליכע וואס איהר זענט! (ליזא געהט צו'ם רויטען קעסטעל, עפענט אויף, זוכט עפעס און פערשליסט צוריק).

רב סענדער: (האט אבגעבענטשט, שטעהט אויף פון טיש, ווישט זיך אב די הענד אין דער קאפאטע, געהט צו צו דניאל'ן) נאט אייך אב שלום עליכם, איך האב געהערט איהר זענט דא דער צווייטער בעל-הבית...

דניאל: (טהוט אן די ברילען, ווערט מיט א קאפ העכער) וואס וועט איהר זאגען?

רב סענדער: גארנישט, איך האב אייך נאר געוואלט בעטען, איהר זאלט אכטונג געבען אויף אונזער קינד, השגחה געבען.

דניאל: אכטונג געבען? השגחה געבען? (קוקט אויף איהר און אויף ליזא'ן) אכטונג געבען אויף אייער קינד? (זיפצט) יא-א-א! אכטונג געבען, אכטונג געבען.

יוכבד: זי איז ביי אונז טייער... זי איז חלילה נישט קיין בת יחידה, נאר זי איז די עלטערע ביי אונז און סאמע די געראטענע... איך בעט אייך גיט אכטונג...

רעוועטשקע: אויף מיר דארף מען ניט אכטונג געבען, איך קען ברוך השם מיין שטעדטיל אליין בעשטעהן...

יוכבד: (צו דער טאכטער) נארעלע וואס דו ביזט! (צו דניאל'ן) איהר פערשטעהט... א שען מיידעל אין דער פרעמד...

דניאל: א שען מיידעל אין דער פרעמד... (קוקט אויף איהר און אויף ליז'אן) דאס איז דוקא פון די קליינע מעלות...

רעוועטשקע: מאַמע! דאגה ניט פאַר מיר, קיינער וועט מיך ניט אויסהאַפּען. איך בין ניט אַלט קיין צעהן יאָהר...

יוכבד: (צו ריקל'ען) וואָס זאָגט איהר אויף איהר? קיין עין הרע אַ בר דעת! (צום מאַן) סענדער, טהו דיך אָן, מיר דאַרפען פאָהרען. (צו דער טאָכטער) זיי געזונד, ריוועלע, שאָנעווע דיך, וועט דיר זיין אם ירצה השם גוט, בעסער ווי אין דערהיים.

רב סענדער: כיינע ווערטער: הכל תלוי במזל... (צו דניאל'ן) זייט געזונד, רב דניאל, און גיט השגחה אויף מיין קינד. (זיפצט).

דניאל: געבען השגחה אויף אייער קינד... יאַ-אַ-אַ! געבען אַכטונג אויף אייער קינד. (רעוועטשקע בעגלייט איהרע פאָטער און מוטער ביז אויף יענער זייט טהיר, קומט צוריק און נעמט זיך ווידער צו דער אַרבייט).

(רב סענדער, יוכבד אָב).

(פון אויבען פון די טרעפ קומט אָן הערץ).

הערץ.

הערץ: די מאַדאַם האָט געהייסען שפּאַנען אַ וואָגען און אַרויסבעלייטען אונזער ליזאַ'ן מיט כבוד. (נעמט זיך צו'ם רויטען קעסטעל) און איך (צו דניאל'ן) האָט מען געלאָזט בעטען מחילה אַרויף. נאַטאַן מאָיסיעיעוויטש וויל איך זעהן וועגען די פערד.

דניאל: ווידער פערד! ער האָט מיך שוין פערמוטשעט מיט די פערד! אַ פערד איז ביי זיי טייערער פון אַ „מענטשען”! (לאָזט זיך געהן) פערברענט זאָל דאָס ווערען!

דניאל אָב.

הערץ: חאַ-חאַ-חאַ! דעם ערגסטען הונט קומט אָן דער בעסטער ביסען... (צו ליזא'ן) מיך האָסט דו ניט געוואָלט פאַר קיין חתן, ניין? שטעהט דיר ניט אָן דער יחוס! דערפאַר וויל איך בין אַ „מענטש”? אודאי איז אַ בעל-הבית בעסער פון אַ „מענטשען”, נאָר אז די „מענטשען” וועלען אָנהויבען חתונה האָבען פאַר די בעלי בתים, און די בעלי בתים פאַר די „מענטשען”, היינט וואָס פאַר אַ פנים וועט דעמאָלט האָבען די וועלט?

ריקעל : (צו הערצ'ען) טאמער וואלסט דו שוין איינגענומען אביסעל שטומעניש, דו משומד איינער? א מענטש איז נעבאך אזוי אונגליקליך, קומט ער צו געהן מיט א מענה לשון!

ליזא : (פאלט צו מיט א געוויין צו ריקל'ען) מאמע מיינע טייערע!

רעוועטשקע : (צו הערצ'ן) וואס וויינט זי?

הערץ : זי האט זיך דערמאהנט א וויינענדיגס...

רעוועטשקע : (צו ריקל'ען) וואס וויינט זי?

ריקעל : ס'איז איהר אנגעזאלעט אויפ'ן הארצען וויינט זי.

רעוועטשקע : (געהט צו צו ליזאן) וואס איז אייך? (ברעכט די הענד) זאגט מיר...

ליזא : (ברעכט די הענד) אוי זאל אייך גאט היטען... איהר זאלט נישט וויסען דאס וואס איך!.. (קוקט ארויף אויף די טרעפ א ווילע, מיט טרעהרען פולע אויגען, פאלט צו ריקל'ען אויף די הענד, וויינט ווי א קינד) זייט געזונד, מאמע מיינע געטרייע!... איהר זענט מיר געוועזען א מאמע!...

ריקעל : (גלעט ליזא'ן איבער'ן קאפ) נו, גענוג, גענוג וויינען, קינד! ס'א גאטס זאך. א גאטס זאך... פאהר געזונד. זאל דיר גאט בעגליקען ווי דו ווינשסט זיך אליין... אודאי, ווען דו זאלסט מיך פאלגען!... פאהר געזונד!... (קאן נית רעדען מעהר, בעהאלט דאס פנים אין פארטוך. עס הערט זיך א צוגעפאהרענע פוהר. הערץ טהוט א חאפ דאס רויטע קעסטעל אויף די פלייצעס. אויף זיינע אויגען שטעהען טרעהרען. ער מאכט זיך פרעהליך.)

הערץ : דאס קעסטעל איז קיין עין הרע גוט געפאקט. א פנים קיין מאל נישט געקרענקט... (טראגט דאס ארויס פון דער טהיר. ליזא געהט נאך מיט א געוויין, ברעכט די הענד, קוקט צו'ם לעצטען מאל ארויף אויף די טרעפ. ריקעל וויינט אין פארטוך. רעוועטשקע בעטראכט, הערט נית אויף צו ארבייטען.)

(ליזא אב)

ריקעל : (צו זיך אליין:) אט אזוי א בעגעהט מען זיך מיט א „מענטשען".

אַ „מענטש" און אַ הונד איז ביי זיי אַלץ איין שוואַרץ יאָהר . . .
אַ מצוה אויף איהר — אַליין שולדיג! . . . אַ „מענטש" דאַרף געדענקען, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ „מענטש"! . . . .
(צו רעוועטשקע׳ן) הערסט דו, מיידעל? אַז דו וועסט זיין דאָרטען ווייזט איהר אַרויף אויף די טרעפּ) זאָלסט דו אין זינען האָבען, אַז דו ביסט אַ „מענטש" און אַז דיין אָרט איז אָט אַ דאָ . . .

הערץ: (קומט צוריק פון דרויסען מיט רויטע אויגען) ווי . . ציגער ביי אונז מיט אַ „מענטשען" . . . (צו ריקלע׳ן) מיך פערדריסט נאָר איין זאַך: גענוג זיי זינדיגען, לעגען זיי נאָך אַרויף די באַד אויף יענעם . . .

רעוועטשקע: אָט דאָס מיידעל האָט עפּיס געזינדיגט? מען האָט זי געחאַפּט מיט אַ גנבה? (ריקעל און הערץ שיסען אויס ביידע אַ געלעכטער)

ריקעל: (צו רעוועטשקע׳ן) ביזט נאָך גאָר אַ ציגעל, ווי איך זעה אַרויס!

הערץ: אַ תמ׳עוואַטע מיידעל. אַ וואָהל מיידעל ווי איך בין אַ מענטש! איך האָב ליעב אַזעלכע מיידלעך! . . . (וויל געבען רעוועטשקע׳ן אַ גלעט אין בעקעל. ריקעל גיט איהם איבער די הענד).

ריקעל: אָהן הענד! ביזט ניט נאַטאַן מאָיסעיעוויטש . . .

הערץ: גערעכט, זיי (ווייזט אַרויף) מעגען אַלסדינג, מיר טאָרען ניט.

ריקעל: זיי זענען בעלי־בתים, מיר זענען „מענטשען" . . .

הערץ: הערט איהר, ריקעל סערדצע? איך האָב שוין אַ צייט ניט געהאַלטען די כלי, די פינגער זענען מיר שוין פאַרקליאַקנעט צו אַל־די־שוואַרצע יאָהר! מען דאַרף אַרויסנעהמען דעם אי. . טרומענט (נעמט אַרויס פון אונטערן בעט די גיטאַרע) ס׳איז פּאַסקודנע אויפ׳ן האַרצען, דאַרף מען צעטרייבען אַ ביסעל די מחשבות . . . שפּיעלען אַ פרעהליכס . . . וואָס זאָל איך שפּיעלען? (שטעלט אָן די גיטאַרע) מיך אַז מען הערט שפּיעלען, ווערט מען די כפרה! . . (קוקט אויף רעוועטשקע׳ן און ווינקט אויף איהר מיט די אויגען) איך וואָלט אַ בעלן געווען, אַז אַלע שענע מיידלעך מיט אַלע שענע ווייבלעך זאָלען מיך הערען . . . ריקעל קרוין! וואָס זאָל איך אַ ייד׳זינגען אַזעלכס, ס׳זאָל אייך געפעלען?

ריקעל: נעהמען זאָל דיך שוין ווייסט דו ווער? זינג אונז אַ יודיש לידעל און אַ סוף.

הערץ: אַ יודיש ווילט איהר? וועל איך אַייך זינגען יקום פורקן.

(שפּילט און זינגט אַ פרעהליכס, קלאַפּט מיט'ן פוס און מאַכט מיט'ן קאָפּ)

יקום פורקן
חיים, שמעיה,
חנא, וחסדא!
בעריל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
שמעריל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
אוי וועה, בעריל.
אויזשע, שמעריל
בעריל, שמעריל
חיים שמעיה,
חנא וחסדא
יאָקעל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
טאָדרעס איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
אוי וועה, בעריל,
אויזשע, שמעריל
אויזשע, יאָקעל
אויזשע, טאָדרעס,
בעריל, שמעריל,
חיים, שמעיה,
יאָקעל, טאָדרעס!...
חנא וחסדא!...
געציל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
פייוועל איז דאָ?
דאָ — דאָ — דאָ!
אוי וועה בעריל,
אויזשע שמעריל אז"וו...

(וואָס ווייטער ווערט דאָס שפּילען אלץ שטאַרקער און פרעהליכער,

(הערץ קאָכט זיך, ריקעל און רעוועטשקע קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, בעמערקען נישט, אַז פון דער דרויסען־טהיר איז אַריינגעקומען ריקעל'ס מאַן — פישעל.)

פישעל: (קומט אַן מיט שטילע טריט, שטעהט און הערט, ווי הערץ קאָכט זיך אינ'ם ליעדעל און ווי ריקעל מיט רעוועטשקען לאַכען, טהוט אַ הוסט.)

פישעל: קיין עין הרע, ביי אייך פרעהליך, גוט יום־טוב אייך.

הערץ: גוט יאָהר, ניטאָ וואָס צו טהון, שפּיעלט מען אַביסעל אויפ'ן אינסטרומענט.

פישעל: (אויפגעבראַכט) ניטאָ וואָס צו טהון, שלאָגט מען זיך קאָפּ אָן וואַנד. (צום ווייב) פרעגט גאָר ניט אויפ'ן קינד, וואָס סע מאַכט? אַבי ס'איז, דאַנקען גאָט, דאָ אַ גיטאַרע און אָט דער פּוסטע־קראַט ברעמזעט אויף איהר!

ריקעל: זעה נאָר, זעץ דיך אַוועק פריהער, רוה זיך אָפּ. (הערץ טראָגט איהם אונטער אַ בענקעל.)

פישעל: (קוקט אויף הערצ'ען ווי אַ גזלן, וויל זיך ניט זעצען אויף דעם בענקעל, וואָס הערץ האָט איהם אונטערגעטראָגען, טהוט דאָס אַ וואָרף־אָב. נעמט זיך איין אַנדער בענקעל, זעצט זיך אַוועק) זאָג מיר נאָר, דו פּיפּערנאָטער, דו שמינדער בעיעץ, דו גרינער אַגרעס, דו פוילע קיסליצע! וואָס ביזט דו מיר אַ רב שמעלקע מיט מיין ווייב, וואָס דו אונטערהאַלטסט זי מיט ליעדלעך און מיט אינסטרו־מענטען?

הערץ: ערשטענס אונטערהאַלט איך ניט נאָר אייער ווייב אַליין. צו פיעל כבוד פאַר איהר. און צווייטענס דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז מען איז ביי יענעם אַ „מענטש" איז נישטאָ קיין מאַן, נישטאָ קיין ווייב, נישטאָ קיין שוועסטער, נישטאָ קיין ברודער.

פישעל: אַזוי גאָר? הפקר ציבעלעם?

הערץ: וואָס דען? הוליע קבצן! ס'איז היינט אַ פרייע וועלט!

ריקעל: (צום מאַן) ווייס איך, וואָס ער וועט דיר דערצעהלען אָט דער חושים!

פישעל: (אויסער זיך) וואָס פאַר אַ חושים איז ער? ער איז ניט קיין חושים; ער איז איין אויסגעלאָזענער יונג, אַ הולטיי. אַ שמד'ילניק, אַ כל־בו'ניק מיט אויסגעדרעהטע וואָנצעס, וואָס

פערדרעהט דעם קאפ פרעמדע ווייבלעך מיט גארישע מיידלעך.

הערץ: זעהט נאר! איך בין שולדיג, אז אלע מיידלעך מיט אלע ווייבלעך זענען נאך מיר די כפרה!

ריקעל: די כפרה מעגסט דו שוין זיין פאר אלע יודען! שלים מזל!

הערץ: סע טהוט זיך אביסעל! למאי דארטען? (ווייזט מיט די אויגען ארויף) וואס איך זעה מיך דארטען אן — טאטעניו! ניטא קיין מאן, ניטא קיין ווייב, מיינס און דיינס — שותפות'דיגס... וואס דארפט איהר מעהר איך האב אליין געזעהן, ווי אונזער מחותן האט ארומגענומען די מאדאם אט אזוי א, זאט וועל איך אייך ווייזען... (ציהט אויס די הענד צו ריקל'ען).

ריקעל: (טהוט איהם א שלייַדער-אב פון זיך) מיט'ן קאפ אין דער ערד!

(דניאל קומט אן פון אויבען)

דניאל: (חאפט אן הערצ'ען פאר'ן קאלנער פון הינטען) אט וועל איך דיך געבען א נעם-ארום, וועט דיר ווערען פינסטער אין די אויגען! גען ארויף, מען רופט דיך, פערברענט זאל דאס ווערען!

הערץ: אניט געה איך. (צו פישל'ען) זייט געזונד, האט א גוטען יריד!

(הערץ אב).

פישעל: (צו הערצ'ען פון דער וויטען) מיט'ן קאפ אין דער ערד! ברעך דיר אויס א פוס אדער אהינצו אדער צוריק וועגס!

דניאל: (לעגט אויס אויפ'ן טיש געלד אין עטליכע קופקעלעך. רעדט צו פישל'ען). איהר דארפט ניט זיין אזוי דאסיג פון דעם משוגע'נעם לץ. זיינע ווערטער האבען א ממשות פונקט אזוי ווי דער הונד בילט. (עפענט אויף דאס טיש-קעסטעל נעהמט ארויס די ביכער)

פישעל: ניין. איהר פערשטעהט א מעשה? ביי זיי א „מענטש" האט דען א ווערטה פון א מענטשען? מען איז פערקויפט צו זיי; מען ווייסט ניט פון קיין שבת, פון קיין יום-טוב! מען קוקט נישט אן קיין ווייב, קיין קינד, און טאמער מאכט זיך, מען חאפט זיך ארויס איין מאל אין א יובל, מען קומט צו געהן — טרעפט מען איהם, אט דעם שארלאטאן, ברעמזען אויפ'ן

צימבעל און זיי שטעהען, די טעלעצעס, און קוקען אויף זיין בייז וואונדער!...

דניאל: נארישקייטען! (צעהלט געלד און ווארפט אויף בײנדלעך) נאריש-קייטען!...

ריקעל: (צו דניאל'ן) נו, זאגט שוין איהר אליין!

פישעל: (צו דניאל'ן) ביי אייך איז דאס נארישקייטען, און ביי מיר איז א וועהטיג מיט א פערדרוס! מען מעג טאקי זיין ביי יענעם א „מענטש", אבער א מענטש איז מען דאך, און א מענטש האט א גאל מיט איין אמביציע! (שלאגט זיך אין הארצ'ען).

דניאל: וואסער אמביציע? (ווארפט אויף בײנדלעך) אמביציע!... א מענטש מיט אמביציעס! ווי קומט צו א „מענטשען" אמביציעס?

ריקעל: (צו דניאל'ן) זאגט שוין איהר אליין טאקי, אמביציע גאר!

פישעל: אודאי אמביציע! מען איז טאקי ניט מעהר ווי א „מענטש" ביי יענעם, א „מענטש" האט אבער אויך א נשמה! א גאנצע וואך איז מען איינגעשפאנט ווי אנ'איזעל און נאר מאכט זיך איין מאל אין א דאנערשטאג א האלבע שעה אז מען חאפט זיך אביסעל ארויס זעהן זיך מיט'ן קינד. צי מיט'ן ווייב, טרעפט מען זיך דעו שווארץ יאהר ווייס מיט ווען!... (וויקעלט אויס פון א פאפיר א שאל, גיט ריקלען) נא, דאס האב איך דיר געקויפט א שאל. קאסט א דרייעריל, א מציאה פון א גנב!...

ריקעל: טאקי? אוי, איך וועל דאס אוועקגעבען פייגעלע'ן, זי געהט נעבאך נאקעט... איך האב זיך געזעהן מיט איהר יענע וואך אין מארק אויף א מינוט, ווייזט אויס, אז קיין האניג לעקט זי דארט ניט... אז אך און וועה צו די יאהרען, אז מען איז אליין א „מענטש" ביי יענעם און מען דארף נאך האלטען א קינד אונטער די אויגען. מען איז פערקויפט. (נעהמט זיך צוריק צו דער ארבייט).

פישעל: פערקויפט? פון דעסטוועגען וואלסט דו נאך געקאנט אויספיה-רען מאלט אייך, זיך זעהן מיט איהר א ביסעל אפטער. האסט קיין צייט ניט געהן צו איהר? דו שלאפסט אין שלייער? קאן זי קומען צו דיר. מען טאר זיך ניט דערווייטערן פון א קינד.

ריקעל: אט זאגט ער מיר מוסר. דערווייטערן זיך פון א קינד. די

מאדאם וויל ניט וויסען פון קיין קינדער. די מאראם האט פיינט א „מענטשען" וואס האט קינדער. דאס ווייסט דו, צי ניין?

פישעל: זיי האבען אלע פיינט! וואלסט בעסער געזעהן אבגעבען זי אהער, בעשטעלען פאר א „מענטשען", זאל זי זיין מיט דיר...

ריקעל: דא? פאר א „מענטשען"? מיט מיר? א, ניט דערלעבען זאל איך דאס גאר, רבונו של עולם! מיין קינד וועל איך אוועקגעבען צו אט די וועלף, ס'זאל פון איהר ווערען חלילה אזא תכלית, ווי ס'איז געווארען פון פאניטשקע'ן אדער פון ליזא'ן... (צום מאן אויפ'ן אויער, ניט אוועקלעגענדיג די ארבייט).

פישעל: (טהוט א שפרונג אב) א חלירע! א מיתה משונה! זיבעצעהן חלירע'ס! אכצעהן מיתה משונה'ס! (מיט די קולאקעס ארויף אויף די טרעפ) ס'זאל איך אנחאפען און ס'זאל איך קויקלען און אויסקויקלען איינציגוויז און ס'זאל ניט בלייבען פון איך קיין שריד ופליט! ס'זאל א רוח אין אייער... (עס הערט זיך פון די טרעפ אראב א פרויען קול: „דניאל! דניאל?"...).

דניאל: (ווערט מיט א קאפ קלענער, שרייט ארויף) איך גיה! איך געה! (אין א זייט, געהענדיג ארויף) אראב און ארויף! אראב און ארויף! פערברענט זאל דאס ווערען!

(דניאל אב)

פישעל: אומעדום דאס איינענע!... (גלייכט זיך אויס די ביינער, קלויבט זיך געהן) דארט זוכט מען מיך שוין. מען שרייט שוין: פישעל! פון אלע זייטען: פישעל! פישעל! פישלען זאל זיך זיי אין קאפ, רבונו של עולם! ס'זאל זיך זיי אזוי גלוסטען צו לעבען אויף דער וועלט ווי מיר גלוסט זיך אוועקצוגעהן פון דאנען, חאטש די גרויסע פארגעניגענס וואס מען האט, אז מען קומט אהער... (זיפצט) אך אך אך! מילא, אז מען איז „מענטשען" ביי יענעם, דארף מען טאקי אזוי זיין פערקויפט? אבגעריסען מאן פון ווייב, מאמע פון קינדער, שוועסטער פון ברידער, פע! א פאסקודנע וועלט! (צו רעוועטשקע'ן) הערסט דו, מיידעל! ביזט די א נייע פאקאיאווע מסתמא? דו ווייסט דאך אמאל חתונה האבען, גאט זאל דיך היטען זא ס זיין נאך דער חתונה א „מענטש" ביי יענעם! דעם דריטען טאג א שטיקעל ברויט — אבי אליין (צו ריקל'ען) און דו? מעגסט זיין, גישקשה,

אבּיסעלע מעהר פון דער ווײַטען מיט דעם מוזיקאנט, וואס האט אַרויפגעדרעהט די וואָנצען אַרויף ווי עפּעס רעכטס... אַ גוטען!

(פישעל אַב).

ריקעל: (קוקט איהם נאָך אַ ווײַלע, צעלאַכט זיך.) אט וועל איך מיך געהן אײַעקזעצען קלאָגען אויף חורבן בית המקדש, חא--חא--חא!

רעוועטשקע: (איבּעראַשט) וואס לאַכט איהר?

ריקעל: וואס זאל איך וויינען?

רעוועטשקע: ער איז דען ניט גערעכט, אײַער מאן?

ריקעל: ווער זאגט דען, אז ער איז אונגערעכט?

רעוועטשקע: למאי זשע טהוט איהר איהם אָן יסורים?

ריקעל: איך איהם? וואס טהו איך איהם? וואס בּין איך שולדיג, אז מיר זענען בּײדע פערקויפטע מענטשען? פריהער, מײדעלווײז, בּין איך געוועזען אַלע יאָהרען אַ „מענטש" בּײַ יענעם. געקלויבען, געקלויבען נדן, חתונה געהאַט פאַר איהם, געזעהן, ס'איז קײן תכלית ניט, ער וועט זײַן בּײַ יענעם אַ „מענטש" און איך וועל זיצען ווי אַ פּריצה מיט צעגנויפגעלעגטע הענד, האב איך מיך געשטעלט פאַר אַ „מענטשען" און אַז מײַן פײַגעלע איז אונטערגעוואַכסען האב איך זי אויך בּעשטעלט פאַר אַ „מענטשען"...

רעוועטשקע: פאַר אַ „מענטשען?

ריקעל: פאַר אַ „מענטשען". מיר זענען „מענטשען" און אונזערע קינדער זענען „מענטשען" און אונזערע קינדרס קינדער אפנים וועלען אויך זײַן „מענטשען". שוין אזוי בּעשערט פון גאט מיר זאָלען זײַן „מענטשען".

רעוועטשקע: בּאשערט פון גאט מיר זאלען זײַן „מענטשען"?

ריקעל: נו, יאָ. נעם למשל אָט דו אַליין טאקי. אט בּיזט דו איצט אַ „מענטש" בּײַ יענעם. וועסט אָנקלויבען עטליכע קערבלעך, וועסט דו מסתמא חתונה האבען אויך פאַר אַ „מענטשען"?

רעוועטשקע: פ א ר ו ו ע ם ע ן זאגט איהר?

ריקע, פאַר אַ „מעַנטשען״.

רעוועטשקע: פאַר וועמען דען האָט אַ מענטש חתונה? ניט פאַר קיין מענטשען?

ריקעל: (אַ פלעסק מיט די הענד) אוי יודען! איז דאָס מיידעל נאַריש — מען קאָן בלייבען אָהן אַ בויך לאַכענדיג! (עס קומט אָן פון די טרעפ הערץ מיט אַ פּאַק מלבושים).

הערץ.

הערץ: דער אַראָב, דער אַרויף! דער אַרויף, דער אַראָב! איך האָב עס געחאַפּט פון איהר אַ פּעטשאַטיק! דניאל הזט זיך אויך נישט גענאַרט פון איהר! פריהער פון איהם, דערנאָך פון איהר... דער אַראָב, דער אַרויף! דער אַרויף, דער אַראָב! (נעהמט זיך צו די מלבושים שפּיעט אויפ'ן בערשטעל און בערשטעלט).

אַרויף און אַראָב! אַראָב און אַרויף!

ריקעל: וואָס קאַיעט דאָס מיט זיי היינט ווי אַ קדחת!

הערץ: (בערשטעלט) ווייסט זיי דער רוח — אַרויף און אַראָב! אַראָב און אַרויף! מען ריבט זיך אויף געסט. די קראַקאָיועצקים דאַרפען באַלד זיין. די מאַמע מיט דער טאָכטער. אַרויף און אַראָב! אַראָב און אַרויף! נאַטאַן מאָיסעיעוויטש האָט זיך אויסגעפּוצט ווי אַ מויד ס'איז אַ סברה, אַז ס'ועט זיין אַ שדוך. אַרויף און אַראָב! אַראָב און אַרויף! (צו רעוועטשקע'ן) באַרישני, ביזט גע-בליבען אָהן אַרבייט? עפּעס זיצסט דו מיר ווי אַ מחותנת'טע אויף אַ פרעמדער חתונה? נשמה מיינע, העלף מיר פוצען די מלבושים, קעצעלע! (גיט איהר דאָס בערשטעל) אונזער מאַדאַם האָט פיינט, אַז מען זיצט ווי אַ פריצה. זיצען, זאָגט זי, איז פאַר אַ „מענטשען״ אומגעזונד. (ער טהוט זי אַ קניפּ אין בעקעל). בעקלעך ווי די פּאַמפּעשקעס!

ריקעל: (גיט איהם איבער די הענד) אַזאַס, דו משומד! מיינט, ס'איז איהם ליזא.

הערץ: מען דאַרף זי איינגעוועהנען ביסלעכווייז, איידער זי וועט קומען אַרויף און איידער אונזער נאַטאַן מאָיסעיעוויטש וועט זיך מיט איהר בעקענען... שאַט! אָן געהט פּאַניטשקע! אַ גאַסט!...

ריקעל, צעוואָרפט דעם אויוועז! (עס קומט אַן פאַניטשקע פון דרויסען אַן׳אויסגעפוצטע, אַן׳אָנגעפּאַרבטע, פאַלט ריקלע׳ן אויפ׳ן האַלז).

פאַניטשקע.

פאַניטשקע: באָן זשור, מאַדאַם!

ריקעל: טהו נאָר אַ קוק, אַ גאַנצע פּריצה! פאַניטשקע! פאַר וואָס זעהט מען דיך ניט? די גאַנצע צייט מורא געהאַט זיך בעוויי־זען? וואו ביזט דו אַצונד? וואָס מאַכסט דו?

הערץ: זעה נאָר, אין איין קלאַפּ, ווי די עשרת בני המן! לאָזט איהר איבערהאַפּען דעם אָטהעם. (גיט איהר די האַנד, טראָגט איהר אונ־טער אַ בענקעל).

פאַניטשקע: (צו הערצ׳ען) מערסי מאָסיע! (פערנייגט זיך צו איהם).

הערץ: דו רעדסט שוין אויף פראַנצויזיש?

פאַניטשקע: חאַ—חאַ—חאַ! קיין אַנדער שפּראַך רעד איך ניט אַצונד, אַחוץ פראַנצויזיש; באָן זשור זשע וואו פּרי קעסקעסע דאָניי מאַאַ. קעלקשאָז אַדעוו..וואַר ל׳אָרזשאַן מאָסיע, — האַ? פערשטאַנען וואָס איך האָב דאָ געזאָגט?... איהר קוקט אויף מיר און וואונדערט זיך? „בלאָטע! ס׳איז שוין ניט די פאַניטשקע וואָס אַמאָל”!... אַ טאַנדע! פאַניטשקע איז שוין מעהר נישט קיין „מענטש” ביי יענעם! איך בין מיר אַליין פאַר זיך אַ „מענטש”!... וואָאַליאַ! (טהוט אַ זעץ איבער די קעשעני) חאַ—חאַ—חאַ! (—ג־רעוועטשקע׳ן) וואָס קוקסט דו אויף מיר אַזוי מיט אָפענע אויגען? ווער ביזט דו? אַ נייע פּאָקאָיאָווע? און וואו איז ליזאַ?... (טהוט אַ פּייף און אַ מאַך מיט דער האַנד) דורכגעטריבען? חאַ—חאַ—חאַ! מיר איז בעסער פון איך אַלעמען אַט דאָ אָ, טשאָרט פּאָבערי!... איך האָב מיר מיין שטוב פיער צימער מיט אַ קיך, פּאַראַל דע אָנאָר, מיט אַ פולען קאַסטען מיט גרעט, מיט אַ פולע שאַפע מיט קליידער און צירונג קעלקשאָז דע מאַניפיק...! ערשט ניט לאַנג האָט מען ביי מיר אַוועקגעגנב׳עט אַ פּאָר ברילאַנטענע אויערינגלעך, טאַקי טיינער אַ חתן אַ טשערקעס פון

קאַווקאַז-מיט ברענעדיגע אויגען, חאַ—חאַ—האַ!... זעה נאָר ווי זי קוקט אויף מיר!... (ווייזט אויף רעוועטשקע'ן).

ריקעל: (צו הערצען) זי איז מיר עפּיס צו פריילעך!

הערץ: איך האָב מורא, אַז זי איז אונטערן גלעזיל.

פאַניטשקע: סע נעפּאַ יורו! איך טרינק נישט! איך טרינק נישט קיין בראָנפען, איך טרינק ווייַן! שאַמפּאַנסקאָיע, פאַראָל דע האָנאָר!... (חאַפּט אַרויס אַ סיגאַרעטעל, הערץ טראָגט אונטער פייַער)

הערץ: אַזוי? האָסט די שוין אַ חתן, פאַניטשקע?

פאַניטשקע: פּאַשאָל! וואָסער פאַניטשקע? אוים פאַניטשקע! פאַניאַ יעפּימאָוונאַ, טשאָרט פּאָבערי! אַלע אָפיצערען, פּאָלקאָווניקעס, גענעראַלען, ווייסען נאָר פאַניאַ יעפּימאָוונאַ אי באַסטאַ!... פאַר פאַניאַ יעפּימאָוונאַ האָבען זיך צוויי סטודענטען געשלאָגען, פאַראָל דע אָנאָר! מיך האָט מען אויך געשלאָגען, איהר זעהט? (פערקאַשעט די אַרבעל, ווייזט אַ בלויען צייכען) נאַט, קוקט, טשאָרט וואָס פּאָבערי, חאַ — חאַ — חאַ!... (לאַכט היסטעריש.)

ריקעל: (נעמט זי פאַר אַ האַנד, זעצט זי אַוועק בײַם אויווען נעבען זיך) דערציעהל נאָר, קינד, וואו ביזט דו געווען די גאַנצע צייט? פאַר וואָס זעהט מען דיך ניט?

פאַניטשקע: וואָס זאָל איך דערצעהלען? איך האָב שוין דאָ אויסדערצעהלט אַלסדינג!... נאָר וואָס דאָ טהוט זיך? (ווייזט אויפן האַרצען) דאָס איז נישט קיינעמס עסק! חאַ — חאַ — חאַ!.. און דאָרט אויבען, וואָס הערט זיך? (בעוועגט אַרויף אויף די טרעפּ) ליזאַ'ן אָבגעשאַפט און די צוגענומען?... (ווייזט אויף רעוועטשקע'ן) זיי שאַפען אָב און נעהמען צו... אַלע מאָל נײַע „מענטשען": אַלע מאָל נײַע „מענטשען"? חאַ — חאַ — חאַ! „מענטשען" חאַ — חאַ... וואָס האָט איהר אַראָבגעלאָזט די נאָז אַלע? וואָס קוקט איהר מיך אָן? וואָס איך לאַך חאַ — חאַ — חאַ! ס'איז מיר גוט, לאַך איך!... חאַ — חאַ — חאַ! ס'זאָל זײַ זײַן אַזוי גוט ווי מיר! (ווייזט אַרויף אויף די טרעפּ)

הערץ: אמן.

פאַניטשקע: חאָטש האַלב ווי מיר!

הערץ: אמן יהא שמה רבה!

פאניטשקע: דאָס האָב איך זיי, זיי צו פערדאנקען מיט דעם גוטסקייט וואָס מיר איז אצונד, חאַ — חאַ — חאַ!... ניט קיין טאָג, ניט קיין נאכט, תמיד אויסגעפוצט, תמיד אָנגעפּאַרבט, תמיד פרעהליך! און מיין ברודער? מיין ברודער איז פאר חרפה אוועק פון דאנען. אוועק, מען ווייסט ניט וואהין. ס'איז א סברה, אז ער זיצט... (רעדט שטיל) ער איז א פּ אָ ל י ט י ט ש ע ס ק י. פריהער איז ער געווען א שטילינקער, איצט איז ער געוואָרען א פּ אָ ל י ט י ט ש ע ס ק י... פאר בזיון, פאר צרות... (פייזט) אוי, האָט ער מיך אמאָל ליעב געהאַט! ליעב געהאַט! ליעב געהאַט! חאַ — חאַ — חאַ... (צעוויינט זיך היסטעריש).

רעוועטשקע: (גערט צו צו איהר, וויל זי בערוהיגען) וויינט נישט, וואָס איז אייך זאָגט וואָס איז אייך...

ריקעל: (וויינט אין פארטוך) אזא סוף אויף אלע אונזערע שונאים!

פאניטשקע: (צו רעוועטשקע'ן) אוועקט! אוועקט פון מיר! ריהר מיך ניט אָן! דו ביזט א הייליגע!... איהר קאָנט זיך נאָך אלע אָנגעהמען פון מיר חאַ — חאַ — חאַ! ווי מיין חתן זאָגט... איך האָב א חתן א פּאָעט, א דיכטער, שרייבט ער ליעדלעך, חאַ — חאַ — חאַ!

הערץ: וויפיעל חתנים זי האָט!

פאניטשקע: וויפיעל חתנים זאָגסט דו? און דו האָסט זיך ניט גע'שדכנט אמאָל צו מיר, מאַן שער אמי... עי טי ראָזשאַ מיט די אויסגעדרעהטע וואָנצעס, קום מיט מיר א וואַלס סיל וואו פּלע! (חאַפּט הערצ'ען טאנצען. אויף די טרעפּ בעווייזט זיך מאדאם גאָלד, נאָכדעם דניאל).

מאַדאַם גאָלד, דניאל.

(מאדאם גאָלד שטעהט א ווילע אויף די טרעפּ, קוקט זיך איין, דערקענט פאניטשקע'ן).

מאדאם גאָלד: (שטאַרק אויפגערעגט) וואָס איז דאָס? ביי מיר אין קיך?? מיינע „מענטשען“ זאָלען זיך ערלויבען??? מיט אזא???? דניאל היינטיגען טאָג זאָלען מיר אָבגעשאַפט ווערען אלע „מענטשען“! דו הערסט? אלע „מענטשען“!!

דניאל: (איינגעבויגען אין דרייען) אלע „מענטשען". אלע „מענטשען"!...

פאניטשקע: (אריין צו דער מאדאם) דורכטרייבען אלע „מענטשען"? אייך איז גרינג „מענטשען" צונעהמען און „מענטשען" אבשאפען! איהר ווארפט זיך מיט „מענטשען", מא שער מאדאם! אויב ס'איז איבער מיר, איז א רעוואר אוועק פלעזיר! (מאכט איהר א קניקסען) גריסט אייער עהרליכען תכשיט נאטאן יאסיעוויטש. מיר וועלען זיך נאך אמאל בעגעגנען מיט איהם]... און איהר ווארפט זיך נאר ניט אזוי מיט „מענטשען", מאדאם, ווארום „מענטשען" זענען אויך מענטשען, טשארט וואס פאבערי!...

מאדאם גאלד: (טופעט מיט די פיס) דניאל! וואס שטעהסט דו ווי א לעמענער גולם? ווארף זי ארויס! ווארף זיי אלעמען ארויס! אלעמען! אלע „מענטשען"! אין דער ערד אריין! אין דער ערד אריין די „מענטשען"! איהר מאכט מיר א תל פון מיין שטוב! איהר פערפאסקודיגט מיר מיין שטוב!!!...

דניאל: (א זעץ צום טיש, חאפט ארויס דאס געלד פון טישקעסטעל מיט די פאפירען מיט די ביכלעך, טהוט דאס א ווארף דער מאדאם צו די פיס אינאיינעם מיט די בינטעל שליסלען, פערשפילט זיך פון אויבען ביז אראב). גענוג! גענוג האב איך געשוויגען, פערברענט זאל דאס ווערען! (צו די דיענסטען הויך) איהר מאכט זיי א תל פון זייער שטוב! איהר פערפאסקודיגט זיי די שטוב! מיר מענטשען, פערפאסקודיגען זיי זייער שטוב!... טהוט זיך אן. קומט! קומט אוועק פון דאנען! מיר טארען דא ניט זיין! ווער זענען מיר? וואס זענען מיר? מיר זענען ערגער פון ערגער: מיר זענען גארניט: מיר זענען דער רוח ווייסט וואס! מיר זענען „מענטשען"! „מענטשען" זענען מיר! (אויסער זיך די אויגען אנגעגאסען שרייט הויך) מענטשען! מענטשען...

(פארהאנג).